STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11239

YUDISHE ZAMELBIKHER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11239-9

9780657112394T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

יודישע זאמעלביכער

רעדאגירט דורך

י. מ. ווייסענבערג

ווייסענבערג - פערלאג

ווארשא 1920

ערציילונגען.

י. מ. ווייסענבערג

א הייסער שבת-טאג

עס איז געוועזען שבת אין דער פריה, איך בין נאך געלעגען איז בעט, די מאמע האט זיך ארומגעדרעהט איבער דער שטוב אין א וויים קלאר קאפקעלע אויפ'ן קאפ — דאס צווייטע בעט ענטקעגען איבער מיר, וואו די מאמע פלעגט שלאפען, איז שוין געשטאנען הויך און וויים צוגע-בעט מיט א קלאר לייליך. אויפ'ן טישעל זענען געשטאנען די מעשענע לייכטער און שטיל איז געוועזען אין שטוב, דער טאטע איז שוין געהאט אוועקגעגאנגען צום דאוונען. עס האט שוין געמוזט זיין גענוג שפעט, די זון איז שוין געשטאנען מיט איהר גאלדען געשטאלט ארויסגערוקט א שטיק אויפ'ן הימעל איבער'ן ענטקעגענאיבערדיגען שכנ'ס דאך און אריינגעקוקט צו אונז אין פענסטער פערשיינענדיג די גאנצע שטוב, און אנ'אויפגערוימטע שטילע ליכטיגקייט האט זיך אין די ווינקעלעך געפיהלט. איך בין אראבגעשפרונגען פון בעט גלייך אין די מייטקעס ארייין און פון דארט בין איך צו צום פענסטער, נישט דאס ערשטע וואו די זון האט אריינגעשיינט און דאס טישעל מיט די לייכטער זענען געשטאנען דער-נעבען צוגעשטעלט, נאר צום צווייטען, וואו דער גריניליכער שאטען פון די ווייטע און ברייטע פעלדער האט אריינגעקוקט און דער שטוב צוגעגעבען א שבועות'דיגע גריניליכע טונקעלהייט. דארט האב איך מיך אנידערגעשטעלט און ארויסגעקוקט דורך דעם פענסטער. איך האב געזעהן, ווי דער גוי אונזער „בעל גוף" שטעהט שוין אונטער דער וואנד פון דעם שייער מיט'ן שטרויענעם דאך און שפאנט שוין איין דאס פערד אין וואגען מיט די שטעקען-לייטערס צו פאהרען אין פעלד ארייין, און נאך איידער ער נעמט די לייטשעס אין דער האנד אריין שטעהט שוין דאס שווארצע פלינקע הינדטעל מיט דער גלאנציגער פעל ענטקעגען דעם פערד און זוארט שוין מיט דער גרעסטער אונגעדולד, בלישטשענדיג מיט די אויגען און צודרעהענדיג מיט'ן עק'ל, אז דאס פערד זאל שוין אנהויבען צו געהן. דאס האט ער געשיינט „פיניק" פאר גרוים פרייד, וואס באלד וועט ער שוין לויפען אין פעלד אריין, דארט וויט אונטער די ווייטע האריזאנטען, וואו די הימלען לאזען זיך אראב צו די פעלדער און אלץ ווערט מיט אזא שטילער שטילקייט און אייביגער סודות'דיגקייט פערדעקט. און מיך האט אויך אנגענומען עפים אזא מין שטילע שטילקייט און איך האב אנגעהויבען ארויסצוגעהן צום הונד. איך גיב איהם אלע אין דער פריה אייעק א העלפט פון מיין אנביי-

סען און איך האב שוין וועגען איהם נישט איינמאל געטראכט צו חבר'ן זיך מיט איהם אלע מאל און אייביג... נאר ארויסקומענדיג אין דרויסען האב איך מיט גרויס שמערץ דערזעהן ווי דאס פערד מיט'ן וואגען מיט דעם בעל הבית, שטעהענדיג אויף דעם וואגען מיט די לייטשעס אין די הענד, ענטלויפט שוין אין פעלד אריין און דער הונד פאראויס, שפרינגט און טאנצט ענטקעגען. וועלענדיג זיך אנחאפען אן פערד'ס מויל און אלע מאל צוריק אוועק פאלענדיג מיט א שפרונג אין דער לופטען און ווייטער דאס אייגענע, ביז זיי פערשווינדען איבער'ן וועג, און איך בין געבליבען אליין.

מיך האט אזש אנגענומען א שטילער אומעט און איך בין צוגעגאנגען אונטער דער וואנד פון דעם שייער און אנגעהויבען צו קלויבען „משוגענע קריגעלעך", וואס זענען דארט געוואקסען.

עס איז דעמאלט געוועזען אין דער צייט, ווען די מאמע פלעגט מיך פיהרען מיט א צוויי חדשים צוריק אלע בעגינען צום סטעקיל, וואס האט דארט געריזעלט אויפ'ן פעלד און וואשען מיר דאס מויל מיט דעם לויפענדיגען וואסער, איידער די זון געהט אויף. מען האט דעמאלט געזאגט אויף מיר, אז איך האב די „זשענגע", אז די צייהן מיט די זשאנסלעס וועלען מיר אין גיכען קאליע ווערען. און נאך דעם אלעם, דאס פיהרען מיך אלע בעגינען אויף די ווייסע פערטהויטע פעלדער,—וואו נאר איך אליין און די מאמע האבען שטיל איבער די גראזען געשלייכט, ווייטער איז אלץ געוועזען שטיל און געשלאפען נאך איינגעהילט אין דער טונקעלהייט פון דער נאכט — האט מיך געברענגט צו זעהר שלעכטע געדאנקען. איך האב געטראכט, אז מען זוכט פאר מיינעטוועגען אויס כשוף-זאכען, אז מען מאכט מיט מיר אליין כשוף — אפילו די הימלען, האט זיך מיר געדוכטען, שווייגען, פערשטוטט קוקענדיג אראב אויף אונז ביידע, ווי מיר געהען אלע בעגינען אליין אין פעלד אריין. און דאס האט אויף מיר איבערגעלאזט א טרויעריגען איינדרוק, פון וועלכען איך בין נאך נישט פריי געוועזען אפילו אצונד, שטעהענדיג אונטער דער וואנד, וואו איך האב געקוקט אויף די „משוגענע קריגעלעך".

אויך איז מיר, מיט א צייט, נישט לאנג צוריק, געשטארבען א יונג שוועסטער'ל, וועלכערס געשטאלט איז מיר שטענדיג געשטאנען פאר די אויגען, אזוי שטיל און אזוי טיעף פעראומגליקליכט, וועגען דעם וואס מען האט זי אזוי פריה אראבגעריסען פון דער וועלט, פון טאטע מאמע און פון שוועסטער און ברידער, וואו זי איז געוועזען צווישען אלע אזוי-

היימיש און אַנ'איינענע און היינט קעהר זי זיך מיט אונז אַלע גאָר נישט אָן — גאָט האָט זי געהייסען געהן אויף אַ פרעמדער הויכער וועלט, אין הימעל אַריין, און איהר פּנים וואָס ליעגט אין קבר האַלט נאָר אין איין שטיל טראַכטען און בענגען צוריק צו אונז לעבעדיגע.

אויך דאָס האָט מיך געמאַכט שטאַרק פערצווייפעלט, און עס פלעגט מיך אָפט ציהען אונטער דער וואַנד פון דעם שייער אין דער שטילער איינזאַמקייט, וואו איך האָב מיך טיעפער געקענט אָנזאַפּען מיט דעם גאַנצען שוועסטער'ס טרויער, וואָס איז איהר געלעגען אויסגעגאָסען אויפ'ן פּנים בשעת איהר געשטאַלט פלעגט פאַר מיר ערשיינען.

מיין שוועסטער'ל פלעגט מיר שטענדיג זינגען אַזוינע שעהנע ליעדעלעך — פון: „שטיינדעלעך צו קלויבען, אַ שוהל'כעל צו בויען". און איך האָב געטראַכט פאַר איהר גוט און שטיל נשמה'לע וועגען „שטיינדעלעך אָנצוקלויבען און אַ שוהלכעל צו בויען"... און שטעהענדיג דאָ אונטער דער וואַנד פלעג איך מיך פערגעסען אויף גאַנצע שעה'ן לאַנג; גלאַט אַזוי אָבשטעהן און קוקען אין דער וועלט אַריין.

אויך דאָס מאָל בין איך אָבגעשטאַנען דאָרט אַ לאַנגע צייט. איך האָב מיך שוין געהאַט אָנגעזאַפּט מיט דער גאַנצער בלישטשענדיגער ליכטיגקייט פון טאָג און מיט דעם רוישען און אַרומזשומען פון פליגעלעך אין דער שטילער לופט — און ווען איך בין צוריק אַרויס פון דעם פעלד פאַר אונזער שטוב איז שוין די זון געשטאַנען הויך איבער'ן גאָנעק... איך האָב פערשטאַנען אויף ווי לאַנג איך האָב מיך פערגעסען. דער גאַנצער פלאַץ פאַר אונזער שטוב איז שוין געווען אָבגעגאָלדעט מיט ליכטיגקייט. עס האָבען געפינקעלט און געבליצט טויזענדער שטראַהלענדיגע שפּיזלעך פון די שטיקלעך גלאָז און די קליינע שטיינדעלעך אין דעם העלען גליהענדיגען זאַמד. אין עק גאַס, וואו דאָס קליינע בלענדאָווער שטיבעל איז געווען, האָבען זיך שוין יודען אין די שבת'דיגע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס מיט טליתים אין בוזעם צוריק אַרויסגעשיט פון שטיבעל — דורך דעם אָפענעם פענסטער פון דערווייטענס האָב איך געזעהן, אַז עס איז שוין דאָרט לעער, אויסער וואָס איין יוד האָט זיך דאָרט אַרומגעדרעהט מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ, און איך האָב געטראַכט אַז עס איז שוין גוט שפּעט.

רעכטס איז געווען אַ גויעשע גאַס מיט בלומען-טעפּ אין די פענסטער. און עס איז געלעגען אויסגעצויגען, כמעט פאַר יעדער טהיר — אַ ווייסער, אָדער אַ שוואַרצער קודלאַטער הונד מיט די פאָדערשטע פיסלעך אונטער דער גאָמבע און מיט פערמאַכטע אויגען קעגען דער זון — און געדרעמלט

האָבּען זיי. עס איז שוין נאָך אָנבּײַסען. דער „בּעדנאַר" מיט די הויכע שטיבּעלעך קלעפּקעס בּיז איבּערן דאַך, האָט שוין אַ פלאַכטע מיט שפּענער אַרויסגעטראָגען פאַר דער טהיר צום טריקענען — און דאָס אַלץ האָט מיר געוויזען, אַז איך האָבּ מיך שוין אויף צו לאַנג פערגעסען, און איך וועל שוין דאַרפען אָבּגעבּען אַ דין וחשבון אין שטוב וועגען דעם, וואו איך בּין געוועזען... דער טאַטע, האָבּ איך געטראַכט מוז שוין פון לאַנג זיין!...

און ער איז טאַקי שוין געוועזען. נאָר אַ גליק, זעליג, דעם טאַטענס אַ גוטער פרײַנד, איז אויך דאָ. און דער טאַטע איז איצטער גוט. די מאַמע איז אויך געוועזען פערטהון; גאַנץ גלײַך — האָבּ איך מיך געפיהלט אַ בּיסעל גליקליך.

און מען האָט מיך מעהר נישט ווי געפרעגט, וואו איך בּין ערגיץ אַרומגעלאָפען... איך געדענק נישט צי האָבּ איך זיי געקענט ענטפערן, צי האָבּ איך אינגאַנצען פערשוויגען, נאָר אויף זעליגען האָבּ איך מיך, געדענק איך, שטאַרק פערטראַכט. איך האָבּ איהם זעהר שטיל און בּע־האַלטען ליעבּ געהאַט. ער איז געוועזען אַ שעהנער און אַ בּלאַסליכער מיט זעהר שטאַרקע און בּרייטע פלייצעס, מיט אַ קליין שוואַרץ בּערד'ל און קלוגען שטילען קוק... דערצו טראָגט ער נאָך אַ שעהנעם קורצליכען פאַלטאָ און אויסגעגלאַנצטע שטיוועל אין וועלכע איך האָבּ מיך ליעבּ געהאַט צו שפּיגלען אונג אָנצוטאַפען בּיי אַנ'אויער.

איך האָבּ פערשטאַנען אַז היינט געהען מיר שפּאַצירען נאָך דעם עסען און אַזוי איז טאַקי געוועזען. —

בּאַלד נאָכ'ן עסען — זעליג האָט געגעסען מיט אונז צוזאַמען — בּין איך שוין געשטאַנען גרייט מיט אַ צאַפּעלדיג הערצעל פאַר פרייד, אָנגעטהון אין די נייע צייגענע הויזלעך, אין מיין גרינעם קאָרטענעם פאַלטאָנד'ל און קאָרטענעם היטעלע מיט אַ גאָלדען שטערענדיל פון פאָרענט... איך האָבּ מיך אָנגענומען אָן בּיידענס הענט, צווישען טאַטען און זעליגען, און מען איז געגאַנגען אויף דעם וועג אַרויס.

דאָס העלע זאַמד האָט געשאָסען מיט טויזענדער שטראַהלענדיגע פּײַלען, די זומער־פויגעלעך האָבּען אַרום געציטערט צווישען די צווייגלעך פון די בּוימער, געזעצט זיך און געדרעהט זיך צווישען די גרינע בּלישטשענדיגע בּלעטלעך. פוך פון די בּלעזלעך־געוויקסען, וואָס וואַקסען אויף דער לאָנקע, האָט זיך אַרומגעטראָגען אין דער לופט. און אַרום איז געווען אַזוי ליכטיג, אַזוי גרוים, און געבּלישטשעט פון אַלע זייטען וואו

צאָר אַ גרעזעלע, וואו נאָר אַ בוימעלע, אַז עס האָט די אויגען פערבלייש־
טשעט. און איך האָב ביי מיר אויסגעזעהן, ווי גאָר אַ קליין יונגעל, וואָס
איז שווער פערגאָסען געוואָרען מיט דער אַרומיגער בלישטשענדיגקייט און
איך קען קיין אויג נישט אויפמאַכען איבער די פייערדיגע שפּיזלען, וואָס
זענען איבער מיין קאָפּ געשטאַנען.

נאָר באַלד האָבען מיר זיך אַרונטערגעדרעהט אין אַ שמאָל ווינקעל־
געסעלע הינטער'ן בעדנאַרס הויז. —

און גליקליך בין איך געווען ווען מיר האָבען אָנגעהויבען אַרויפצו־
קומען אויף דעם הויכען באַרג: ווייסע און גלאַטיגע שטיינדעלעך האָבען
זיך אונטער מיינע פיסלעך געדרעהט און געקייקעלט און אונטער'ן טאַטענס
און זעליגס פיס האָבען זיי געסקריפּעט... און דער שפּיץ באַרג האָט גע־
בלישטשעט מיט אַ העלקייט, וואָס איז געווען אויסגעגאָסען איבער'ן גאַנצען
רוקען זיינעם. פון די גרוביגע ערטער האָט עס מיט געל זאַמד אַרויס־
געלויכטען. עס קנאַקט אונטער די טריט, און מיר געהען אַלץ העכער
און העכער, ביז גאָר אין דער הויך, וואו איך האָב דערזעהן פאַר מיר
די גרינע פעלדער, וואָס זענען געלעגען אויסגעבעט אונטער'ן באַרג. —

אין דאָ איז אַזוי שטיל, אַזוי געדרוים געווען...

די ווייטע פעלדער און וועלדער האָט דער בלויער הימעל אַרומגע־
רינגעלט — שטיל... שאַ... אַ שטילקייט האָט זיך איבער יעדערן אָבר
צוגאָסען.

שטיל איז געווען, נאָר ווייט, גאַנץ ווייט האָט זיך גענאָסען גע־
פישטשערייען פון טויזענדער פערבאָרגענע פויגעלעך. וואָס האָט זיך דאָ
גאָר אַנדערש צוגאָסען אונטער'ן הימעל. די זון איז געווען גרויס און פייער־
דיג און האָט געשטאָכען מיט דינע בליצענדיגע שפּיזען, זעליג ווישט זיך
שוין דעם שווייס פון שטערן מיט זיין ווייס טיכעל. און דער שפּיץ פון
באַרג איז שטיל און פערזונקען אין ליכטיגקייט, וואָס גליהט און ברענט
אויס די אויגען.

און ווייט האָט זיך געצויגען אַ ליכטיג שמאָל וועגעל, וואָס ליעגט
פערגעסענהייט, ווי פערבלאָנדזעט אין גרינעם פעלד איבער טהאָלען
און בערגלעך... אַ קופּקעלע הייזלעך קוקט דאָרט ערגיץ אַרויס פון אַ
טהאָל, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט בעהאַלטען פאַר גרויס היץ, און די
ווינד־מיהל, וואָס שטעהט דאָרט, שטעהט זי מיט איין פליגעל גלייך
אויסגעשטרעקט איבער'ן שפּיץ דעכעל און צוויי פליגעל האַלט זי אויס־
געשפּרייט אין דער ברייט, ווי צוויי אויסגעשפּרייטע הענד, אין דער ווייטער

זועלט אריין און אזוי שטיל, אזוי פערזונקען ווי די וועלט וואלט איהר מיט א שטילען סוד פערכשופט, זי זאל שטעהן און שווייגען... און ארום און ארום וויעגען זיך די ליכטיגע פעלדער-זאנגען, גיבען זיך אלע ווייליע א שאקעל און ווי א ליכטיגער שטראם גיט זיך א וויעג איבער זיי, און אלע קעפלעך ענטלויפען בויגענדיג זיך אונטער איהם, ווי א פאליע וואלט איבער זיי דורך געלאפען. ערטער־ווייז זענען די פעלדער אויסגעשפרייט ווי גרינע קאלדרעס, און פאסען־ווייז איינגעטהיילט, העלערע פאסען, גרינערע, און נאך גרינערע... און גאנץ בעזונדער, אין דער לינקער זייט בארג, שטעהט דער „אלטער שלאס" ווייט און פערוואָרפען צווישען א קופע בוימער, וואס שטייגען זיך אריבער איינס דאס צווייטע מיט זייערע הויכע און גלייכע שפיצען, דער ווייסער בלעכענער דאך בלאנקט און א פענסטער מיט א שטיקעל העלע וואנד גנבה'נען זיך אריבער מיט א פערגאפטען בליק. און גאט ווייס וואס אין דעם „אלטען שלאס" טהוט זיך... א פער'כשופ'טער פון ששת ימי בראשית אן, און אפשר זיצט נאך אמאל א געפאנגענע בת מלכה אויך?... א בת מלכה מיט א בלאס מלובה'דיג פנים—האט זיך מיר גערדאכט — מיט איהרע גאלדענע לאקען צוגעשלאסען צו א וואנד... און א גרויס רחמנות נעמט מיך אן אויף איהר, וואס זי איז געפאנגען געווארען אין דעם גארטען און האט זיך איינגעשפיגעלט אין דעם פערכשופטען זילבערנעם טייכעל, וואו דער גרויז-גרויער מאן מיט דעם צויבער־שטעק אין דער האנד געהט שפאצירען אלע פריה־מארגען... און מי יודע וויפיעל גרויסע שררות און געגערע׳ער און קרוינפרינצען האבען שוין די קעפ פערלארען... און איהר פאטער דער אלטער מלך, נעביך, מיט דער מלכה טרויערן נאך איהר ביז אין זייער טויט אריין... און וואס טהוט מען, וואס טהוט מען מיט דער בת מלכה מיט די גאלדענע לאקען זי פון דער געפאנגענשאפט ארויסצו־ציהען און צו ענטלויפען מיט איהר איבער א וואלד, וואס וואלט זיך געצויגען אויף דריי טעג און דריי נעכט גאנג. און וואלט זי געשלאפען וואלט איך געוואכט און וואלט איך געשלאפען וואלט זי געוואכט... און וואס טהוט מען אצונד... וואס הויבט מען אן צו טהון?... און וואלט איך האטש געהאט אזא לאנגע שווערד אויף דער זייט, ווי יענער בן מלך און א פערד מיט א גאלדען צוימעל אנצובינדען הינטערן שלאס... האב איך עס אבער נישט... און דערצו בין איך נאך פערווארפען אויף אזא ווייט און וויסט אינזעל... און די זון פלאמט איבער'ן קאפ מיט א העליש פייער און פערברענט מיר שיער די אויגען אוים... און

זעליג מיט זיין ווייס טיכעל פאכעט זיך שוין פאר גרויס היץ איבער'ן דערהיצטען פנים, און דער טאטע געהט צולאזט די קאפאטע און געהט אויך שיער אוים פון היץ. און ער בויגט זיך צו מיר איין און פרעגט מיך, צי מיר איז אויך אזוי היים... דערצעהל איך איהם אז מיך דורשט בעסער און מיר קומען צו צו אזא ארט וואו דער בארג האט זיך אראב־געלאזט גלייך ווי א וואנד איבער א ברייטען זאמדיגען וועג, וואס האט זיך אין דער מיט בארג דורך־געשניטען. מיר לאזען זיך אראב הינטען דורך א זייטיג וועגעל, לינקס. און דא זענען מיר שוין צווישען צוויי בערג, ווי צוויי גלייכע ווענד... און זיי האבען פערשטעלט די זון און א שאטען געווארפען איבערן זאמדיגען וועג וואו מיר זענען געגאנגען, און דא איז שוין קיהל געווען... עס היט שוין נישט געברענט אזוי שטארק איבערן קאפ, און מען האט מעהר נישט געזעהן ווי א פאס בלויען הימעל אין דער הויך. זענען מיר געגאנגען און געגאנגען אזוי לאנג, ביז מען האט דערהערט א וואסערל־גערויש...

האט עס זיך געצויגען דאס וואסערל און געגאסען מיט מיליאנען בלישטשענדיגע אויגעלעך אין דעם גרינעם טהאל און עס איז ארונטער גע־פאלען אונטער א פלויטעל און אריינגעגאסען זיך מיט א זילבער־קלינגענדיג מורמלען אין א הילצערנער קארעטע וואס איז געווען בעוואקסען מיט מאך און איינגעגראבען אונטערן פלויטעל.

איך און דער טאטע און זעליג זענען שוין זעהר פערשמאכט געווארען פון דער היץ. מיר האבען זיך אנידערגעשטעלט אויף די קניע מיט אויסגעצויגענע מיילער איבערן קיהלען וואסערל זיך אנצוטרינקען.

איז אבער זעהר שווער געווען אזוי צו טרינקען, די הענד האבען איינגעזונקען אין פייכטען גראז, איז דער טאטע געפאלען אויף אן עצה, האט אראפגענומען דאס היטעל פון קאפ, אנגעשעפט דערמיט וואסער און האט געטרונקען... איז זעליג אויך געפאלען אויף דער אייגענער עצה און איך אויך — האב איך אויך אראבגענומען דאס היטעלע פון קאפ, איינגעטונקט עס אין וואסער ביז אין שטערנדעל און האב אויך געטרונקען. אזוי ווי מען טרינקט אונטערוועגענס אין א וויסט פערווארפען ארט, וואו קיין מענשען געהען נישט...

... אזוי, האט דער טאטע מיינער דערצעהלט האט ער איינמאל געהאט געטרונקען, ווען מען איז געגאנגען אויף מאנעווערס איבער די קאווקאזער בערג... און א היץ איז דעמאלט געווען אויף פופציג גראד, די זון האט די אויגען אויסגעברענט און געשטאבען אין קארק אריין,

אַז די הויט איז אָבגעקראָכען... און זעלינער זענען געפאַלען ווי די פליגען פאַר היץ און פאַר דורשט. איז מען צוגעקומען צו אַ גרינג שטעהענדיג וואַסער, וואָס ווייסע ווערם זענען אַרום געשוואומען פון אויבען, איז געגאַנגען דער „ראָטנער קאָמאַנדיר" אַ הויכער, אַ רויטער, און מיט אַ פּאַר וואָנסען ווי אַ ריצאַר... האָט ער דער ערשטער אַראָב־גענומען דאָס היטעל, אָנגעשעפּט און געטרונקען...

און אָט אַזוי טאַקי, אַזוי ווי מען טהוט אויף די קאַווקאַזער בערג, האָב איך דאָך מיט דעם טאַטען און זעליגען אויך געטהון... און דערנאָך האָבען מיר געזוכט אַ קיהלען שאָטען, וואו זיך אָב צו קיהלען ערגיץ... און די זון האָט געבּרענט און געבּרענט. און מען האָט זיך נישט געקענט קיין אָרט געפינען... דאָס גראָז אין פעלד און די בּוימער חלש'ן נאָך אַ קיהל ווינדטעל, עס זאָל חאָטש אַ בּלאָז טהון. פערחלש'ט איז יעדעס גרעזעלע און בלעטעלע, עס פאַלט איבער די הענד פאַר מאַטקייט און דאָרשט. אפילו די בלעטלעך וואָס האָבען מיט זייערע דינע שטענגלעך אויף די „טיטשקעס" זיך אַרום געוויקעלט, העגגען אויך נאָך מאַט און אָבגעלאָזט... און אַ גויה אין אַ רויט קאַפּטענדעל און מיט אַ ווייס טיכעל אויפ'ן קאָפּ, זיצט צווישען די בּייטען איינגעטיפּט; דאַכט זיך, אַז זי וועט שוין דאָ בלייבען זיצען אויף אייביג... זי גריבּעלט זיך עפּיס אונטער די בלעטלעך, ציהט אויס אַ הויפּעלע גרינס און וואַרפט עס איבערן בּייט אין אַ פלאַכטע אַריין, און זיצט וויטער און גריבּעלט וויטער, שטיל, בּסוד, ווי זי וואָלט אַליין אַ סוד געווען, אָדער פערסוד'ט געוואָרען אין דער דאָזיגער שטילקייט... און די זון קוקט שטיל אַראָפּ און הערט זיך איין מיט אַ פערטראַכטקייט איבער דעם שטילען פערזונקענעם קעפּעל, וואָס איז איינגעטיפּט אין בּייט צווישען גרינע בלעטער... אפילו די בהמות, וואָס ליגען אויף דער לאָנקע ריהרען זיך אויך נישט פון אָרט... עטליכע שטיק ליגען זיי מיט די פּיס אונטער זיך. אַלץ אַרום איז ווי פערשטאַרט און דורכגעבּרענט פון היץ. די בּייכער הויבען זיך אַרויף און אַראָפּ און די קעפּ זענען אַראָפּגעלאָזט, מיט אַרויסגעלאָזטע צונגען איבער די פערשמאַכטע ליפּען, און די בּרעמען האַלטען זיי פערמאַכט.. און שטיל איז אַרום, עס הערט זיך נאָר דאָס ציִשען פון אַ היישעריק אינ'ם גראָז.

זעליג האָט זיך צוקנעפּעלט בּיזן העמד און עס העלפט נישט. דער טאַטע האָט שוין אויסגעטהון די קאַפּאָטע און אויפגעהאָנגען זי אויף די אַקסלען איבער'ן העמד. און וואו געהט מען, וואו שטעהט מען?...

מען קען זיך קיין אָרט נישט געפינען וואו צו בעהאַלטען זיך... און מען מוז זיך שוין ווייטער לאָזען געהן נאָך דעם וואַסערל נאָך. וואָס רוישט אַזוי קיהל, אַזוי מחיה'דיג ביז אונטער אַ בריקעל וואו עס פאַלט ווייטער אַרונטער אונטער אַ פלויטעל און ווערט פערפאַלען אין אַ סאָד אַריין צווישען די בוימער, וואו עס איז אַזוי טונקעל און אַזוי קיהל אונטערן געדיכטען שאָטען... און מיר געהען ווייטער און ווייטער ביז איבערן בריקעל, און מען דרעהט זיך אַריין מיט אַ שמאָל וועגעל צווישען שייערס. דאָ ברענט נאָך מעהר, און די שטרויענע דעכער גלאַנצען ווי מיט גלאַנצענדיגע אָנגעגליהטע נאָדלען. און די וואַנד פרעגלען זיך און פרעגלען און בעגיסען זיך מיט טראָפען „זשיוויצע”. און באַלד נאָך די שייערס שטעהען צוויי הייזער אַזוינע לאַנגע, און מיט אַזוינע ברייטע דעכער, אַז גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ הייזער דאָס זענען... די ברייטע פענסטער מיט אַ סך קליינע שויבלעך, וואָס זענען אַזוי פערגרינט, בלינצלען זיך קעגען דער זון עפּיס מיט זעהר שטילע בלישטשלעך... און שטיל איז אין די הייזער, מען הערט קיין שאָרך נישט... אויף אַ פלויטעל הענגט אַ רויט קלייד און אַן איבערגעקעהרטע דייזשקע. און פאַר די טהירען פון ביידע הייזער ליגען קופעס שטעכענדיגס און אונטערן שאָטען ליגט אַ שוואַרצער הונד מיט פערמאַכטע ברעמען און די צונג אַרויסגעהאָנגען, ווי געפּגר'ט... און גאָר ביי דעם סאַמע וועג זענען געזעסען אַ פאָר שקצים'לעך און שיקסעלעך אין בלויזע העמדלעך. און אַזוי שטיל זענען זיי געזעסען, ווי שטיל עס איז געוועזען אין די הייזער... עס האָט זיך געדאַכט, אַז די הייזער האָבען זיי דאָ אַהער אַרויסגעזעצט פאַר שטילקייט וועגען, כדי זיי זאָלען דעם גאַנצען דרויסען מאַכען שטיל. מיט זייערע שטילע פּנים'לעך האָבען זיי מיך אַזוי שטיל אָנגעקוקט און איך זיי אויך... ביז מיר זענען אַריבער געגאַנגען ווייטער און אַרויסגעקומען ערשט אויף אַ ליכטיגערן גרויסען פלאַץ, וואו מען האָט אַרויסגעזעהן די הייזלעך פון עק שטאָדט. איז דער פלאַץ אַזוי ליכטיג געוועזען און דאָס זאַמד האָט אַזוי געגליהט, אַז מען האָט נישט געקענט קיין אויג אָפען האַלטען. און דאָ האָט מען אַ הויז געמויערט, און אַזוי שטיל, אַזוי שטיל איז עס צוגעגאַנגען פונקט ווי מען וואָלט דאָ עפּיס אַ סוד אָפּגעטהון איבער דער צייט, וואָס דאָס שטעדטעל שלאָפט... די ברייטע גאַס אין מיט'ן שטאָדט ליגט פערזונקען אין אַ שטילקייט. די גאַס שלאָפט מיט צוגעמאַכטע לאָדענס, און בלישטשעט זי פון די אָנגעהיצטע שטיינער. און דאָ אויף דעם פלאַץ איז שוין אויסגעמויערט

האַלבע ווענד. אַ „גאָזשעלנע", האָט דער טאַטע געזאָגט, מויערט מען... שטעהען עטליכע גוים אין דער הויך און פּאַטשטאָוועןציגעל און עטליכע שטעהען איבערגעבויגען איבער דער וואַנד און מויערן, און אַזוי שטיל געהט עס צו, אַזוי שטיל... די היץ ברענט איבער די קעפּ, און זיי מיט שטילע פּנים'ער און פערטיפט טהוען זיך זייערס. נאָר אַזוי מיעד, אַזוי שלעפּעריג שטיל, אַז באַלד דאַכט זיך וועלען זיי אויך אַיינדרעמלען אַזוי ווי דאָס שטעדטעל, און דרעמלענדיג וועלען זיי זיך ווייטער טהון זייערס.. עס דערהויבט זיך אַ האַנד מיט אַ ציגעל, אַ קעלנע טהוט זיך אַ וואָרף אין אַ האַנד — און ווידער שטיל, אַשטילע פערזונקענהייט... די גוים שטעהען אין דער הויך אויסגעשטעלט מיט די קעפּ פאַר'ן הימעל, און גיבען זיך איבער די ציגעל פון האַנד צו האַנד און די פּנים'ער זענען אַזוי שטיל און מיט כּוונה, ווי זיי וואָלטען דאָ די וועלט'ס סודות געפיהרט אָדער ווי די וועלט וואָלט זיי זעלבסט פאַר אַ סוד געמאַכט און אַרויסגעשטעלט זיי דאָ אַהער, כּדי דערמיט דעם גאַנצען פּלאַץ צו פער'כשופ'ען אין אַ פערזונקענער שטילקייט, ווי פערזונקען. עס ליעגט אויסגעשפּרייט דער בלויער הימעל אַרום דעם גאַנצען פּלאַץ.

דאָס שטעדטעל שלאָפט, דער הימעל שווייגט, די זון שווייגט און קוקט זיך איין, און די גוים שווייגען נאָך טיעפער, נאָך שטילער...

און שווייגענדיג געהען מיר פערביי דעם פּלאַץ און מען שניידט זיך אַריין ווידער אין אַ שמאָל וועגעל צווישען צוויי פּלויטען פון סעדער.

דאָ איז שטיל, דאָ איז קיהל, אַ מחיה. די בוימער שטאַרען אַרויס מיט די צווייגען איבער ביידע זייטען פּלויטען, און אַלץ ליעגט אין טיעפען שאָטען איינגעהילט, נאָר וואָס אויף טהייל ערטער פאַלט אַ ליכטיגער פלעק אויף דעם פּלויט, פון דעם שיין, וואו די זון פערגנבה'ט זיך מיט אַ בליק צווישען די צווייגלעך. — און זיי, די צווייגלעך ליעגען אַזוי נידעריג אַריבערגעבויגען איבערן פּלויט, אַז דער טאַטע מיט זעליגען ריהרען זיך אַזש אָן מיט די קעפּ אין די גרינע בלעטלעך, וואָס הענגען אַזוי אַראָב. איך האָב אויסגעשטרעקט די הענדטלעך צום טאַטען ער זאָל מיך נעהמען אויף דער האַנד, און איך האָב זיי אויך אָנגעריהרט...

און אין ווינקעל פון עק פּלויט וואו דאָס וועגעל לאָזט זיך אויס, שטעהט אַ שעהן הויז מיט אַ שעהנעם גאָניק און מיט בלויע געפאַרבטע לאָדענס ביי די פענסטער. און אויף דעם גאָנעק איז געזעסען אַ שגץ מיט אַ שיקסעל, ביידע מיט די שטילע בלאַסליכע פּנים'ער פערזונקען אין

שאָטען. ער האָט געהאַלטען אַ האַרמאָניקע אויפ'ן שוים, און זי — אַ בליהמעל... און אַזוי שטיל, אַזוי קיהל זענען זיי זיך געזעסען... זי האָט געהאַלטען דאָס פּנים אַראָבגעהאָנגען אויף דער ברוסט, און ער האָט געקוקט מיט שטילע אויגען אויף איהר קעפּעל, און ביידע האָבען זיך קיין ריהר נישט געגעבען... און די „האַרמאָניק" אויף זיין שוים איז נעבּיך געלעגען אַזוי אָבגעלאָזט, אַזוי אויסגעצויגען ווי אָפּגעשטאַנען פון גרויס היץ און זיין האַנד איבער דער האַרמאָניק ליעגט אויך אַזוי אָבגעלאָזט און מיעד. און דאָס בליהמעל ווייטער אויף איהר שוים ליעגט אויך אַזוי. די האַנד ריהרט זיך קוים מיט דעם בליהמעל אָן. און אַזוי שטיל איז... אַזוי שטיל... און די פּנים'ער אַזוי בלאַסלעך, אַז מיך נעמט אָן אַ גרויס רחמנות אַ טאָמער, חלילה, ווערען זיי אַזוי ענטשלאָפען, און די קעפּלעך וועלען זיך אָנלעהנען איינער אויפ'ן אַנדערנס אַקסעל, וועלען זיך דאָך די האַרמאָניקע מיט דעם בליהמעל אַרויסלאָזען פון זייערע הענד און וועלען זיך צו די פיס אַראָבקוילערן, און זיי וועלען אַזוי ענטשלאָפען ווערען ביז אייביג... אַ רחמנות, אַ גרויס רחמנות, — האָב איך געטראַכט — און דאָ די היץ איז ווייטער אַזוי גרויס, און דער וועג איז אַזוי אַ זאַמדיגער מיט הייס אָנגעגליהט זאַמד, וואָס גלאַנצט ווידער, און גליהט ווידער קעגען דער פייערדיגער זון... און אַ שטיינענער פּלאַנקען איז דאָ מיט אַ טויער פון שטאַבעטלעך, איז דער פּלאַנקען נאָך מעהר אָנגעגליהט און ער בליצט מיט פייערדיגע שפּיזלעך.

איניוועניג שטעהען בוימער מיט ווייסע קאָרע און אַראָבגעלאָזטע דינע, דינע צווייגלעך, וואָס הענגען נאָך ווי די לאַנגע בייטשען מיט מאַטע אַראָבגעלאָזטע בלעטלעך, און צווישען די בוימער שטעהען צלמ'ען און צלמ'לעך אין קיהלען שאָטען... און אַ גרויסער טייך איז דאָ, וואָס איז אַזוי גלאַטיג און וויים ווי אַ שפּיגעל און אויף דעם ברעג ליעגט עמיצער... צוויי מענשען איז עס, צוויי משוגענע, זאָגט דער טאַטע... ליעגען זיי איינער קעגען איבער דעם אַנדערן, ווי צוויי אַיינגעטוליעטע קופּקעלעך מיט שטילע פּנים'ער און פערמאַכטע אויגען. די זון קוקט אַראָפּ, און זיי ליעגען און ליעגען... שטיל איז אַרום, שטיל איז איבערן טייך, שטיל איז דאָס וועלדעל אויף יענער זייט טייך, און שטיל פערזונקען שטעהט עס אין דער האַלב-טאָגעדיגער היץ. שטיל איז פאַר דער מיהל, שטיל ווי אין אַ אויער, און אַ באַנק רופט זיך אַלע מאָל אָן מיט אַ פערדומפּען קול פון וואַסער אַרוים, וואָס מאַכט די שטילקייט נאָך שטילער, נאָך טיעפער... און זיי ליעגען אַזוי און אייביג אייביג וועלען זיי דאָ אַזוי ליעגען... זיי

דאַרפען דאָ אַזוי ליגען כּדי אַלץ זאָל שווייגען... זיי זענען דעם טייַכ'ס שטילקייט, און די שטילקייט פון אַרום און אַרום, אַפּילו די זון קוקט אויך און שווייגט... נאָר איינער פון זיי האָט זיך אַ רודער געטהון, און לאַנגזאַם זיך אויפגעשטעלט, און אָנגעהויבען זיך צו קרימען מיט דעם געלען פנים און אויסצוציהען זיך און צו קראַטשען זיך מיט איין האַנד אונטער'ן קאָפּ און מיט דער אַנדערער הינטערן רוקען... דערנאָך האָט ער אונז אָבגעגלאָצט מיט אַ שטילקייט אין די אויגען, און האָט זיך לאַנגזאַם צוריק אַראָפּגעלאָזט קעגען־איבער דעם צווייטען און ווידער זיך איינגעטולעט אין אַ קופּקעלע אַזוי שטיל ווי פריהער.

און שטיל איז געוואָרען, די צלמים און צלם'לעך אויף דער זייט טייַך איבער'ן וועג אַריבער, דרעמלען אין שאָטען אונטער די בוימער, און מיר געהען שווייגענדיג פערביי אויף דער צווייטער זייט פון שטיינערנעם פּלאַנקען, און מען זעצט זיך אַנידער אונטער אַ בוים, וואו קעגען איבער איז אַ גערטעל אָפּגעצוימט בעזונדער און צוגעצויגען מיט הילצערנע נידעריגע שטאַחעטלעך צום שטיינערנעם פּלאַנקען. דאָ ליגען רוסישע, האָט דער טאַטע אָנגעוויזען מיט דער האַנד, — גע'הרג'טע זעלנער נאָך דער ערשטער פּאָוסטאַניע... און דאָ זענען אויך געשטאַנען צלם'לעך, קליינע איינגעזונקענע און מיט טאָפּעלע הענדטלעך, גאַנץ אַלט, בעוואַקסען מיט מאָך. און אַ קיהלקייט איז דאָ געווען אונטער דעם גריגעם בוים מיט די נאָדלען, וואו מיר האָבען זיך געזעצט. קיהל און שלעפּערדיג... דער טאַטע מיט זעליגען האָבען שוין די קאַפּאָטעס און היטלען פון זיך אַראָבגעוואָרפען און אויסגעצויגען זיך אויף דעם גראָז אין שאָטען און זענען איינגעשלאָפען.

אַצונד בין איך אַליין געבליבען זיצען.

אין טהאָל איז געשטאַנען אַ הייזעל, איינס אַליין. און אַזוי מיעד, אַזוי שלעפּעריג זענען די בוימער געשטאַנען אַרום דעם הייזעל, און דאָס הייזעל אונטער זיי, ווי עס וואָלט אויך שלאָפען געוואָלט, און מען זאָל עס גאָר אין גאַנצען פאַרגעסען, אַז עס איז דאָ אַ הייזעל אויף דער וועלט, וואָס שלאָפט דאָ ערגיץ אין אַ טהאָל צווישען בוימער.

און בּיסלעכווייז, בּיסלעכווייז בין איך אויך ענטשלאָפען געוואָרען.

און אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט איז שוין די זון געשטאַנען אויף יענער זייט פעלד, וואָס איז אונטער אונזערע פּלייצעס געוועזען, און אַפער גע־קוקט האָט זי שוין מיט איהר ליכטיג רויט געשטאַלט און גרויס ווי אַ פייערדיג ראָד, פון אונטער אַ שוואַרצער לאַנגער שורה בוימער, ווי אַ

שווארצער בלוילעכער וואלקען־פאס. און עס האבען זיך שוין געראָטעלט די שטראהלען פון איהר, געקיהלט און אויסגעלאָשען, ציהענדיג זיך ווי דינע לאנגע שפיזלעך איבער דעם געראָטעלטען פעלד, וואס האט זיך שוין ערטערווייז געהילט אין שטילע פאר־נאכטיגע שאָטען. אויסגעזעהן האט דער הימעל ווי אבגעמאטערט פון א גאנצען טאג שווערער ארבייט. דאס הייזעל איז זיך ווייטער געשטאנען פערזונקען אין טהאל, און מיט א פלאמענדיג אויגעל האט עס געקוקט פון צווישען די בוימער צו דער זוהן, וואס האט שוין געהאלטען ביי'ן אונטערגעהן... א שטילע בענגשאפט האט זיך איבער דעם גערט'ל צוגאָסען, די שטאחעטלעך רויטלען זיך און רויטלען אזוי שטיל, אזוי פערטראכט. און דער הימעל קוקט אראב אויף זיי, ווי ער וואלט זייערע שטילע סודות אין זיך אריינגעזאפט — און איך בין צוגעגאנגען אנשפארען זיך מיט דער גאמבע איבער'ן פלויטעל א קוק אריין צו טהון... שטילע בערגלעך, רויטע בעלויכטענע, און שטילע פערזונקענע צלם'לעך.

א שטילע פורכט האט מיך ארומגענומען און איך בין צוריק אוועקגעגאנגען צום טאטען און אראפגעלאזט זיך נעבען איהם.

דער טייך פון ווייטען איז געלעגען ווי א גלאטער שפיגעל, נאר וואס דינע רעדלעך האבען זיך צוצויגען איבער איהם, און דאס וואס עס האט זיך געראָטעלט האט אבגעבלישטשעט. רויטע הימעל־פלאמען האבען זיך אין איהם אפגעשפיגעלט, און ער איז געלעגען שטיל און פערטראכט, שטיל און פערטראכט איז אויך דאס וועלדעל געשטאנען, און די שפיצען בוימער האבען זיך אנגעצונדען מיט א פורפורנע רויטקייט. שטעהענדיג פערגאפט קענען דער אראבגעזונקענער זון אויף יענער זייט וואלד איבערן ווייטען פעלד, פון וואנען זי האט נאך שטיל און אומעדיג אפער געבליקט... און דארט איז שוין אויך געווען פאר נאכט...

אין דער לופטען היבען נאך געהאנגען די אויסגעקיהלטע שטראהלען, דער הימעל און די שפיצען בוימער און די קליינע צלם'לעך האבען זיך נאך געראָטעלט, נאר א מאטע אויסגעלאָשענקייט איז שוין אויף אלעם געלעגען, און אונטער די בערגלעך אויפ'ן פעלד האט זיך שוין דער שאטען געטולי'עט און עס האט געבלאזען איבער דער וועלט א פאר־נאכטיג שטיל ווינטעל, וואס האט די גראזענס קעפלעך צום שלאפען גענויגט.

און איך האב מיך ווייטער אומגעקוקט צו די שטומע בערגלעך, טראכטענדיג ביי זיך וועגען דעם, וואס קענען אצונד טראכטען יענע גע'הרג'טע זעלנער וואס דער טאטע האט געזאגט, אז זיי ליעגען דא בעגראבען...

און מיר האָט זיך געדאַכט אַז אונטער די בערגלעך ליעגען זיי מיט שטילע פער'סוד'טע פנים'ער, און קוקען שטאַר אין הימעל אַריין מיט אַזאַ אַנגעווייהטיגטקייט, וועגען דעם, וואָס מען האָט זיי דאָ געלאָזט ליעגען און זיי ליעגען אַזוי אייביג, אייביג...

און אַ שטומע בענגשאַפט האָט מיך אַנגענומען גלייך מיט די לעצטע רויטע שטראַהלען וואָס האָבען זיך שוין געהאַט אויסגעלאָשען איבער זיי, און עס איז מיר פינסטער געוואָרען פאַר מיינע אויגען ווענדענדיג זיך מיט די בליקען צו דעם אָרט וואו די זון איז שוין געהאַט אונטערגעגאַנגען — און איך האָב געטראַכט, אַז אַצונד געהט אויף די גע'הרג'טע אַ לאַנגע און אַ שווערע פיינינגענדיגע נאַכט, נאָך וועלכער זיי וועלען שוין גאָר קיינמאָל נישט אויפשטעהן... און אומזיסט איז זייער בענגשאַפט, וואָס צוגיסט זיך, צווישען דעם שאָרבען פון די בלעטלעך, וואָס חאַפען זיך אַלע ווייַלע אויף ווי מיט אַ געוויין פון די טויטע און ווערען צוריק איינגעזונקען, צוריק איינגעשוויגען אויף אייביג.

איך בין צוגעגאַנגען צום טאַטען און האָב איהם אָנגערירט בייַ דער האַנד, אַז ער זאָל זיך אויפחאַפען און געהן מיט מיר אַהיים. און דעמאָלט האָט דער טאַטע אויך פון מיר געהערט אַ זעלטען וואָרט: „טאַטע, מיר איז אומעדיג”... אונ ער האָט מיך גענומען צו זיך אויף דער האַנד.

יהודה דן

די איבערקערונג.

(ערצעהלונג).

אונטערזינגענדיג עפעס אַ ליעדעל, איז שפרה שנעל אַרויפגעלאָפען אויף די טרעפ פון אַרבייט-צימער, וואו ראָזענבלאַט האָט געמאָלט. געעפענט די טיהר, און שטעלענדיג אַ פוס אויף דער שוועל, שטיל געבליבען שטעהן, קוקענדיג איבער דעם מאָלברעט, וואו דער יונגער מאָלער איז געשטאַנען אַריינגעטהון. איהר קערפער האָט זיך גראַציעז אויסגעגלייכט, איהרע געדיכטע שוואַרצע האָר זענען געווען רונד אַרום קאָפּ און האָבען, ווי אַ שוואַרצער מראַמאָר אַרומגענומען איהר עטוואָס בלאַסליכעס געזיכט און שטערען, פון אונטער וועלכען עס האָבען אַרויסגעקוקט צוויי פעך-שוואַרצע, ברענענדע אויגען. אויף איהרע קליינע קערשען-ליפּלעך האָט געשפּילט אַ שמייכעל, וועלכער האָט געדופטעט מיט ליבע און ראָזען פרישקייט.

אַ ווייַלע האָט זי זיך געוואַקעלט צווישען יאָ — ניין, נאָר באַלד האָט זיך אַ שעלמישער בליטץ אויפגעכאַפּט אין איהרע אויגען און, ווי אין דער לופט שוועבענדיג, איז זי מיט לייכטע טריט צו, הינטער זיינע פּלייצעס און, איינהאַלטענדיג דעם אָטעם, שטיל געקוקט איבער זיין אַקסעל צום מאָלברעט, וואו ער פיהרט לאַנגזאַם דעם פּענזעל.

ראָזענבלאַט האָט דערפיהלט איהר אָטעם און, אַרויסשעפּטשענדיג: „שפרה׳לע!" האָט ער זיך צו איהר אומגעקוקט.

דאָס איז שוין גענוג געווען, אַז זי זאָל מיט איין האַנד אַרומוויקלען זיין האַלז און מיט דער צווייטער האַנד, פון וועלכער עס איז אַראָבגעפאַלען דער קורצער, ברייטער אַרבעל פון דער ווייסער באַטיסטינער בלוזע, איהם אָנצעווייזען מיט אַ שטיפעריש פינגעריל אויף איהרע ליפּלעך: „אַ קוש"...

— מיין ליבער — האָט זי געזאָגט, גלעטענדיג מילד זיינע האָר, וועלכע זענען געווען צעוואָרפען איבער׳ן שטערען — גענוג אויף הייַנט. דו האָסט שוין הייַנט אַ סך געאַרבייט. זעה, ווי שען עס איז אין דרויסען. וועלמיר אַביסעל קלעטערן אין די בערג, און נאָכדעם וועלען מיר געהן אויף דעם אָווענד. און נישטוואַרטענדיג אויף זיין צושטימונג, האָט זי איהם אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד און כמעט אַרויסגעשלעפּט איהם פון צימער.

אין אָווענד פון זעלבען טאָג, ווען דער גרויסער זאַל פון דער ביבליאָטעק, די איינציגע אַנשטאַלט פון דעם קליינעם שטעדטעל, איז געווען

בעלויכטען, האָט זיך שפרה מיט ראָזענבלאַט׳ן געקליבען אַהינצוגעהן. דאָרט זענען די שטולען שוין געווען אויסגעשטעלט אין רייהען, און די ביהנע ענטקעגענאיבער — אין אָרדנונג געבּרענגט. דער פֿאָרזיצענדער איז אַרומגעלאָפֿען פֿון איין שטוב אין דער צווייטער און האָט די לעצטע פֿעראָרדנונגען געמאַכט. זײַנע אויגען האָבען געפֿינקעלט פֿון אונטער׳ן שטערען, פֿון וועלכען עס האָבען זיך, ווי אַרבעס, גרויסע טראָפּענס שווייס געגאָסען.

דאָ—דאָרט איז געזעסען אַ קופּקעלע מענשען צוזאַמען און האָבען צווישען זיך עפּעס גערעדט. אויף זייערע פּנים׳ער האָט געבלאָנדזעט אַ שמייכעל פֿון צופֿרידענהייט און רוהיגקייט. פֿון דער צווייטער שטוב האָט זיך געהערט אַ דיסקוסירען פֿון עטליכע מענשען. אַ רויך פֿון פּאַפּיראָסען האָט דאָרט זיך אויסגעלייגט אין דער לופֿט, געהויבען זיך און אַרומגעשפּאַצירט, צוגעבענדיג דער שטוב מיט איהר העלער ליכטיגקייט אַ בעזונדערע יום-טוב׳דיגע שטימונג.

ביסלעכווייז איז דער זאַל פֿול געוואָרען. אַ שטילע ערוואַרטונג האָט אָנגעפּילט דעם חלל. דאָ—דאָרט האָט מען זיך שוין געסוד׳עט, ווי לאַנג עס וועט נאָך דויערען...

אייניגע מעהר-נעענטערע געהן-צו צום פֿאָרזיצענדען, פֿרעגען איהם שוין איבער, נאָר דער פֿאָרזיצענדער האַלט זיך איצט שוין רוהיג און הייסט זיי געהן צוריק אויף זייערע ערטער.

און אָט הערט זיך פֿון הינטער די קוליסען אַ גלעקעל-געקלאַנג, אַ צווייטעס און אַ דריטעס, עס לעשען זיך די לאָמפּען אין זאַל, דאָס פּובליקום ווערט שטיל און שטרענגט אָן זײַן בליק צו דער ביהנע, אויף וועלכער עס בעוויַיזט זיך באַלד דער רעפֿערענט. זײַן הויכער קערפּער איז אויסגעגלײַכט, זײַנע לאַנגע, שוואַרצע האָר—אין קרויזען אויף די פּלייצעס צעוואָרפֿען, אויף די דינע ליפּען — אַ ווייכער, גוטמוטיגער שמייכעל.

ער הייבט נאָכאַמאָל שאַרפֿער אויף זײַן בליק איבער׳ן זאַל און שטיל רײַסט זיך אָב זײַן ערשט וואָרט און צוגעהט זיך אין חלל פֿון זאַל. זײַן שטימע ווערט וואָס אַמאָל קלערער און העכער. אָט רופֿט זי, דאַכט זיך, עפּעס צו מענשען, ביי וועלכע זי פֿאָדערט, אַז זיי זאָלען די אויערען און די הערצער אויפֿמאַכען און פֿערנעמען איהרע רייד, אָט דראָהט זי, דאַכט זיך, און אָט לאָזט זי זיך באַלד נידעריגער אַראָב, מיט אַ שטילער אײַנגעבויגנהייט, דאַכט זיך, שטיל, הכנעה׳דיג לאָזט זיך דער רעפֿערענט אַליין אויך אַראָב און זײַן קול צעגיסט זיך דעמאָלט אַזוי ווייך, צאַרט און האַרציג זיס, פּונקט ווי עס וואָלט אַלע מענשען געבעטען צו זיך און זיי געוואָלט מיט זײַן צערטליכקייט אַרומנעמען. עס צעגליהט זיך אין זײַנע אויגען אַ שטיל, בענקשאַפֿטליך פֿייערעל זיי בלאָנדזען דעמאָלט אַרום אין זאַל און נעמען אַרום די גאַנצע ברייט. עס דאַכט זיך, אַז ער האָט עפּעס אַלע ווי פֿערכשופֿט, און פּלוצלונג איז אַ שטיל גערודער געוואָרען ביים זאַל-אַרײַנ-

באַנג. ראָזענבלאַט מיט זיין פרוי זענען געקומען, דער פּרעזעס איז צו זיי צוגעלאָפען און, דערקלערענדיג זיי עפּעס, ווייזענדיג מיט די הענד, האָט ער, פיהרענדיג זיי, קוים זיך דורכגעשפּאָלטען מיט זיי צווישען די רייהען פון פובליקום צו דעם אויבענאָן, אָבגעבענדיג זיי זייערע ערטער.

שפרה אַוועקזעצענדיג זיך אויף דער שטול, האָט עטוואָס אויסגע-דרעהט דעם קאָפּ און נייגעריג בעטראַכט דאָס פּובליקום נעבען איהר, איבער-הויפּט די פרויען, דאָ אין קליינעם שטעדטעל, ווי זיי געהען אָנגעטהון.

עס האָט אַ ציטער געגעבען די שטימע פון רעפערענט אין איהרע אויערן און זי איז איהר געווען אַזוי בעקאַנט און היימיש! זי האָט זיך אַ קעהר-געגעבען צו דער בימה, וואו-הין איהרע אויגען האָבען זיך באַלד שאַרף אויפגעריסען, דערזעהנדיג פאַר זיך מישאַ'ן. איהר געזיכט איז בלאַס געוואָרען. אַ שטילער ציטער איז איהר דורכגעגאַנגען דורך'ן גאַנצען קערפּער. זי האָט זיך נאָכאַמאָל שטאַרק איינגעגעסען מיט איהרע בליקען, ווי זיך איבערצוציינגען, צו זי האָט קיין טעות נישט, און אָבוואַרפענדיג דעם קערפּער אויף דעם אָנלעהן פון דער שטול, געבליבען אונבעוועגליך. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבען קלאַפּען מיט אַ אונגעוויינליכער קראַפט, און אַזוי ווי עמיץ וואָלט דאָרטען אַ שפּרונג געגעבען, אַזוי איז דאָרט אַלץ צערודערט געוואָרען. אין קאָפּ האָבען זיך, ווי הייסע לאַווע פון אַ וואולקאַן, אַריסגעגעבען די גע-דאַנקען און אין אַמיש-מאַש זיך צעגאָסען. אַ אַלטע שוין פאַרגעסענע וואונד האָט זיך אויפגעעפענט צוזאַמען מיט אַנ'אָבגרונד פון געפילען. ליעבע און האָס האָבען ביי איהר אין האַרץ, ווי אין אַ ווילדען טאַנץ, אָנגע-הויבען צו טאַנצען. אין איין מאָמענט האָט זי אַלץ פון איהר פערגאַנגענהייט איבערגעלעבט. און אַ קאַלטער שווייס האָט בעדעקט איהר פּנים, וועלכעס האָט איהר פלוצלונג אָנגעהויבען שרעקליך צו פייערען. אַ ווילדער בעגער פאַלט אויף איהר אָן צו שרייען... זי פערבייסט די אונטערשטע ליפּ און לאָזט עקשנות'דיג אַראָב דעם קאָפּ צו דער ערד. נאָר זיין שטימע, וועלכע שוועבט אין זאַל, ליגט זיך, ווי אַ שווערער שטיין, אויף איהר. עס הויבט איהר אָן צו שטיקען אין האַלז און עס פערפעלט איהר אָטעם. איהר קערפּער הויבט אָן צו ציטערן, און איהר האַרץ אַלץ שטאַרקער און שטאַר-קער צו שפּרינגען.

ראָזענבלאַט בעמערקט איהר אויפרעגונג, נעמט ער איהר שטיל ביי דער האַנד, וועלכע איז אונמעכטיג אַראָבגעהאַנגען, און פרעגט ווייך, צער-טליך: מיין ליעבע, וואָס איז דיר?

זי גיט האַסטיג אַ דרעה-אום דעם קאָפּ און קוקט איהם אַ ווײַלע אָן מיט צעמישטע אויגען, נאָר באַלד מאַכט זי אַ געוואַלדיגע אָנשטרענגונג, בע-הערשט זיך און, איבערפרעגענדיג איהם זיין פראַגע, ענטפערט זי איהם, אַז גאָרנישט גאָרנישט... און נישט ווילענדיג שטרענגט זי ווידער אָן איהר בליק צו דער בימה. זי וואָלט געוואָלט נישט קוקען אויף איהם, נאָר עפּיס

א געהיימע קראַפט ציהט איהר בליק אַהין צו איהם. און וואָס אַמאָל אַלץ מעהר און דרייסטער ווערט איהר בליק, וועלכער האָט זיינעם געזוכט. און אָט גיט אַ צאַנק און אַ ציטער זיין, איבער'ן ציטער שוועבענדער, בליק און טרעפט זיך מיט איהרע אויגען, וועלכע האָבען זיך מינוטענווייז אָנגעצונדען און פערלאָשען, אָנגעצונדען און פערלאָשען פון צערודערונג.

זיין האַנד-בעוועגונג איז ווי אין דער לופט פערגליווערט געוואָרען. זיינע אויגען האָבען זיך ברייט פונאַנדערגעעפענט, ער האָט פאַרגעסען אָן אַלעם און אָן אַלץ. זיינע הענד האָבען זיך אויטאָמאַטיש אַ ציה-געגעבען צו איהר און נאָך זיי דער גאַנצער קערפער.

אַ ווייַלע האָט געהערשט אַ טויט-שטילקייט אין זאַל. עמיצער האָט זיך בעסער געזעצט אויף זיין שטול און די שטול גיט שאַרף אַ סקריפּע. פון ערגעץ אַ ווינקעל האָט זיך אַ פוילער דערשטיקטער הוסט איבער'ן זאַל צוטראָגען און איז אין ווינקלען פערשוואונדען. די נאָהענט-זיצענדיגע ביי דער ביהנע האָבען געזעהען, ווי ער איז בלייך געוואָרען און האָבען מיט שרעק געהיט יעדע בעוועגונג.

נאָר באַלד האַפּט ער ווידער דעם פאָדעם פון זיין רעדע און, נישט אָבוועדענדיג זיינע אויגען פון איהר, פליסט ווידער זיין שטימע גלאַט און ווייך.

שפרה האָט אַראָבגעלאָזט איהרע אויגען, האָט עטוואָס אָבגעקערט איהר קאָפּ אָן אַ זייט און אָנגעהויבען נויטען זיך נישט טראַכטען. נאָר וואָס מעהר זי האָט זיך געוואָלט בעהערשען אַלץ מעהר און מעהר האָט זי געטראַכט פון איהם. איהר האַרץ גיט ווידער אַ שפּרונג, אַ שרעקליכע וועהטאָג און אַ טיפע בעליידיגונג דערפיהלט זי און אַ שטילער קרעכץ רייסט זיך פון איהר האַלז אַרויס:

וואָס וועט זיין? נאָכ'ן רעפעראַט וועט זי מוזען צו געהן צו איהם און געבען איהם די האַנד. איהם, מיט וועלכען זי וואָלט קיינמאָל אין איהר לעבען שוין נישט געוואָלט בעגעגנען זיך. איהם געבען די האַנד!...

זי האָט געהאַט אַ געפיהל, ווי זי וואָלט אין עפּיס אַ פערפלאָנטערטע נעץ אַריינגעפאַלען, און וואָס מעהר זי האָט זיך געוואָלט פונאַנדערפּלאָנטערן אַלץ מעהר און מעהר איז די נעץ אַרום איהר געדיכטער און שטאַרקער געוואָרען. איהר קאָפּ האָט געברענט, און אין גאַנצען קערפער האָט איהר געשטאָכען, ווי מיט שפּילקעס. זי האָט געפילט אַ שרעקליכע איבעלקייט און האָט געוואַרט מיט אונגעדולד די ענדע פון רעפעראַט, ווען זי וועט קאָנען אַרויס אויף דער גאַס און דאָרט, נישט זייענדיג אונטער'ן דרוק פון זיין שטימע, אויף דער פרייער לופט, וועט זי אַלץ קאָנען בעטראַכטען.

קיינמאָל, ווייזט אויס, וועט זיך זיין רעפעראַט נישט ענדיגען. גאָט מיינער! ווען וועט שוין נעמען אַ סוף, אין אַזעלכע געדאַנקען איז זי געווען פערזונקען און האָט נישט בעמערקט, ווי די פאָרהאַנג האָט זיך לאַנגזאַם אָנגעהויבען אַראָבלאָזען. זי האָט נאָר דערהערט דאָס פּאַטשערייַ מיט די

הענד און די געשרייען: „בראַוואָ!“. זי איז שנעל אויפגעשפּרונגען פון אָרט און איז אַרויסגעלאָפן אויפ'ן באַלקאָן, און דאָרטען האָט זי טיף אָבגעצויגען דעם אָטעם. אַ פריש, לייכט ווינדטעל האָט אָנגעהויבען גלעטען איהר ברענענדען שטערן און הייסעם געזיכט.

פלוצלונג, נישט טראַכטענדיג, איז איהר איינגעפאַלען אַ טאַקטיק, ווי צו פערהאַלטען זיך געגען מישא'ן, און מיט פעסטע טריט איז זי אַריין צריק אין זאַל און איז צוגעגאַנגען צו ראָזענבלאַט'ן, וועלכער האָט איהר געזוכט.

— וואו ביזטו געווען, מיין ליבע — האָט ראָזענבלאַט געפרעגט שפרה'ן, אָננעמענדיג איהר אונטערן אָרעם.

— איך בין אַרויס אויפ'ן באַלקאָן אַ ביסעל אָב קיהלען זיך. דו ווייסט דאָך, אַז איך קאָן נישט לאַנג זיצען אין אַ גרויסער געזעלשאַפט.

„צום צווייטען מאָל היינטיגען אָווענד אַז איך נאַר איהם“ — האָט זיך שנעל דורך איהרע געדאַנקען דורכגעטראָגען ווי אַ בליץ, און זי האָט עטוואָס אָב געקערט דאָס געזיכט, וועלכעס האָט זיך מיט פורפור־פאַרב בעדעקט. זי איז מיט לייכטע טריט אַוועק אין צווייטען צימער. זי איז פריי צוגעגאַנגען צו מישאַ'ן און האָט איהם דערלאַנגט די האַנד, וועלכע האָט עטוואָס אַ ציטער געגעבען, און געפרעגט מיט אַ עטוואָס־ציטערדיג קול, נאָר מיט אַ לייכט שמייכלען:

— פון וואָס פאַר אַ וועלטען, פון וואָס פאַר אַ רוים האָט איהר אַ הער פערבלאָנדזשעט?..

נאָכדעם האָט זיך אַ שטילשווייגען צווישען ביידע אָנגעהויבען.

— פון אַ סך נעהנטער, ווי אַ שטערן... — האָט ער נאָך אַ ווייַלע שווייגען געענטפערט, און דערביי האָט זיך איהם צעלייגט אַ טיפער קנייטש אויפ'ן שטערן.

ראָזענבלאַט איז אַריינגעקומען. זי האָט זיי פאָרגעשטעלט און געפונען פאַר נויטיג זיך פעסט אָנצושפאַרען אָן ראָזענבלאַט'ס אָרעם.

נאָך אַ ווייַלע זיצען אין ביבליאָטעק, האָט ראָזענבלאַט זיך אויפגעהויבען און פערבעטען דעם פאָרזיצענדען און מישאַ'ן, וועלכער איז געזעסען בלייך און אָנגעמאַטערט, צו זיך אַ היים.

שפרה'ס קערפער האָט זיך אַ טרייסעל געגעבען, און אין געדאַנק איז איהר דורכגעלאָפען: וועל איך לאַנג קאָנען שפּילען די ראָליע? ווער ווייסט?!

אין שטוב האָט זי געלאַכט, גערעדט שען און שאַרפזיניג, אָפט געשטעלט זיך הינטער ראָזענבלאַט'ס פלייצעס און געגלעט זיינע האָר, אָדער אַרויפגעלעגט איהר האַנד אויף זיין אַקסעל און, איבערבויגענדיג זיך איבער זיין קאָפּ, ליבליך עפּעס געפרעגט. און ביסלעכווייז האָט זי זיך אַזוי איינגעלעבט אין איהר ראָליע, אַז זי האָט אין דער ווירקליכקייט זיך געפיהלט גרינג און גוט. יעדע זאָרג, דער קלענסטער שאָטען פון אומעט איז פון איהר פערשוואונדען. ביים טיש האָט מען לאַנג און אַ סך גערעדט. ראָזענבלאַט האָט דיסקוסירט און זיך עפּעס געהיצט, נאָר שפרה'ן האָט דאָס נישט

אינטערעסירט, און כדי נישט צו זיצען ליידיג, האט זי פערבונדען א שמועס מיט'ן פארזיצענדען.

שפעט ביינאכט זענען זיי זיך צעגאנגען.

נאר נישט אויף לאנג איז איהר פרעהליכקייט געווען. קוים איז זי אליין מיט ראזענבלאט'ן געבליבען, איז אויף איהר אנגעפאלען א שרעקליכער אומעט. א אונגעוויינליכע מידקייט האט איהרע גלידער געשמידט, אין קאפ א שרעקליכער כאאס. זי איז שנעל אריין אין שלאפצימער און האט זיך געווארפען אין בעט. א אונגעהויערע איינזאמקייט האט איהר אדורכגענומען, גלייך ווי שטראמען וואסער, וואס פערגיסען מיט א מאל א טיפע שיכטע. דאס געפיהל איז איהר נישט פרעמד געווען, און זי האט זיך דערפאר געשראקען. נאר אט ווערען ביי איהר קלאר די געדאנקען און א בילד נאך א בילד פון איהר פערגאנגענעם לעבען הויבט אן שוועבען פאר איהרע אויגען:

זי איז דאן אין 6-טען קלאס גימנאזיע געווען, קוים 16 יאהר אלט. אין הארצען האבען אנגעהויבען קלאפען אונבעשטימטע פערלאנגען און פאדערונגען. דער מח האט אנגעהויבען וועבען פאנטאזיעס פון ליעבע. און דער קערפער האט זיך געצויגען, געצייגען... יעדער בעריהר פון א יונגען מענשען האט איהר אין היץ געווארפען. און אט בעגעגענט זי איהם. זי ווייס נישט ווען ס'איז געווען דער אנהויב, וואו איז דער טערמין, וואס זי קאן זאגען, אז פון דעם טאג האט זי איהם אנגעהויבען ליעבען... עס האט זיך איהר געדאכט, אז נאך אין איהר וויגעל האט זי צו איהם געשמייכעלט. נאר דאס גליק איז אזוי קורץ, און באלד קומט איהר אוים פיל איבערצולעבען. ער איז מיט איהר געווען א קליינע צייט צוזאמען און דאן האט ער אנגעהויבען פערפאלען ווערען אויף גאנצע טעג. אין די טעג איז זי געלעגען אויף דער סאפקע, א צובראכענע, א מידע, אהן ווילען, אהן פערלאנג.— זי האט קיין זאך דאן נישט געקאנט טהון און ווענען קיין זאך דענקען. און איינמאל,—זי געדענקט, ס'איז דאן געווען א טאג פון גרויסע וועלט-געשעהעניששען,—איז ער געקומען, און ערקלערענדיג, אז ער מוז אוועקפאהרען, האט ער איהר מיטגערופען. זי האט זיך אבגעזאגט פון דעם און נאך א ווייליגע טראכטען, האט ער איהר געגעבען די האנד און האט געזאגט: מארגען פאהר איך אוועק און קיין קייטען וויל איך אויף זיך און אויף קיינעם נישט ארויפלעגען. ער האט איהר פלוצלינג צוגעצויגען צו זיך, א קוש געגעבען איהר אין די ליפען און איז אוועק.

דא רייסט זיך איבער איהר ערינערונג, דאס הארץ הויבט אן נאגען און אין קאפ צו רוישען:

„קיין קייטען וויל ער אויף קיינעם נישט ארויפלייגען... האט ער דען פון מיר די קייטען אראבגענומען? האט ער מיך דען נישט געשמידט אויף אייביג?"—דאס הארץ הייבט זיך אן צו וואפען און ווילדער צארן נעמט

איהר אַרום. — „געשפּילט האָט ער זיך מיט מיין הארץ, און ווען זיין קרבן איז שוין געווען פאַרטיג, האָט ער מיך געלאָזט. אָהו!" גיט זי אַ קרעכץ אַרויס און בלייבט ליגען מיט ווילד־פערוירטע בליקען צום סופיט.

זי געדענקט, ווי אויף צומאָרגענס נאָך אַ שרעקליכער שלאָפלאָזער נאַכט, נאָך זיין שיידען זיך, האָט זי זיך איינגעהילט אין אַ געדיכטע שוואַרצע וואַל און איז אַוועק צום ברעג, האָט אויפגעזוכט מישאַ'ן מיט די אויגען און האָט זיך געשטעלט פון וויטען בעהאַלטענדיג זיך צווישען דעם המון.

זי האָט געזעהן, ווי אַ סך פון זיינע בעקאַנטע האָבען איהם בעגלייט, געזעגענט זיך און געקושט זיך. מעהר האָט זי פאַר זיך גאָר נישט געזעהן און מעהר געדענקט זי גאָרנישט. ערוואַכט האָט זי נאָכדעם אין אַ שפּיטאָל, וואו זי איז דריי וואָכען געלעגען אָהן בעוואוסטזיין. אַרויס איז זי פון דאָרט מיט אַנ'אונטערגעבראָכענער פאַנטאַזיע און מיט אַ שרעקליכער גלייכגילטיגקייט צו אַלעם אין דער וועלט, אַחוץ צו איהם איינעם. איהרע נערווען זענען געווען אָנגעשטריינגט ביז דער העכסטער שטופע. אַלאַנגע צייט האָט זי געלעבט אין ערוואַרטונג, און יעדער ריר מיט די טיהר האָט געמאַכט ציטערן איהר לייב. זי האָט געלעבט, ווי אַ דערברענענדע לאָמפּ. און ווער ווייס, וואָס פון איהר וואָלט געוואָרען — טראַכט זי — ווען זי וואָלט נישט געווען דעמאָלט נאָך אַזוי יונג?

זי געדענקט, ווי אין איהר האָט זיך ערוועקט אַ אונגעוויינליכער ווילען צום לעבען, זי האָט זיך אָנגעהויבען אָנטהון לויט דער לעצטער מאָדע, און אָנגעהויבען געהן אויף בעלער און אָווענדען. איהר קערפער האָט ווידער אָנגעהויבען ברענען און דורשטען נאָך הייסע מענערליכע אומאַרמונגען און דאָך האָט איהר אָבגעשטויסען יעדער בעריר פון אַ פרעמדען מענשען. עס האָט אין איהר אַ ווילדען כעס אַרויסגערופען יעדער געדאַנק וועגען איהם און דאָך... דאָך האָט זי איהם פערלאַנגט, דאָך האָט זי וועגען איהם געטראַכט. יעדער געדאַנק וועגען איהם האָט איהר שרעקליך געוויי טיגט און דאָך, געדענקט זי, האָט זי געהאַט אַ מאָדנע פערגעניגען צו טראַכטען וועגען איהם. אין אַזאַ צושטאַנד איז זי געווען חדשים.

און איינמאָל, אויף אַ באַל, האָט זי זיך בעקאָנט מיט איהם, מיט ראָזענבלאַט'ן. נאָך אַ קורצער צייט פון קענען זיך האָט ער איהר האַנד געבעטען און זי האָט איינגעשטימט.

„נאָר ווי אַזוי האָב איך איינגעשטימט? — גיט זי פּלוצלונג אַ טראַכט, און נאָך אַ ווײַלע שעפּשעט זי שטיל אַרויס: — „נו יאָ, אויב נישט „ער" טאָ וואָס פאַר אַ נפקא־מינה ווער?"

„עס הייסט, אַז איך האָב מיך איהם אָבגעגעבען, אויס נייגע־ריגקייט צו זעהן, צי וועט ער נישט קענען יענעם פערטרייבען פון מיין הארץ אַרויס. און ער? צו דען איז ער פאַר מיר נישט געווען מעהר ווי * זעלכער?"

עֶס גִיט אִיהר ווִידעֶר אַ שטאַרקעֶר שטוים אִין האַרץ. זִי דעֶרפִיהלט אַ שרעֶקלִיכעֶן ווייטאָג אִין קאָפּ. אִין דִי אויעֶרעֶן רוישט אִיהר, פאַר דִי אויגעֶן דרעֶהעֶן זִיך פעֶרשִידעֶנפאַרבִיגעֶ רעֶדלעֶך אִין אַ שרעֶקלִיכעֶן מִיש-מאַש, ווען עֶס דאַכט זִיך אִיהר, אַז אַלץ דרעֶהט זִיך און טאַנצט אַ ווִילדעֶן קאַראַהאָד.

„ניין, ניין,—שעֶפּשעֶט זִי מִיט אִיבעֶרגעֶטרִיקעֶנטעֶ לִיפּעֶן,—אִיך האָב אִיהם לִיעֶב, לִיעֶב".

איינגעֶשלאָפעֶן אִיז זִי, ווען דִי זון האָט דִי עֶרשטעֶ שטראַלעֶן געֶשִיקט און האָט פעֶרטרִיבעֶן דִי אִיבעֶרגעֶבלִיבעֶנעֶ נאַכט-שאָטעֶנס פון דעֶר עֶרד.

II

אויף מאָרגעֶן אִיז שפרה שפּעֶט אויפגעֶשטאַנעֶן. אִיהר קאָפּ, אִין וועֶלכעֶן עֶס האָט געֶהעֶרשט אַ שרעֶקלִיכעֶר מִיש-מאַש, אִיז אִיהר שווער געֶוועֶן. אִין דִי שלייפעֶן האָט אִיהר וועה געֶטהון און געֶשטאָכעֶן. דאָס האַרץ—אַזוי ווִי עֶמִיצעֶר וואָלט אַריינגעֶשטעֶקט דִי האַנד אַהִין און פון דאָרטעֶן אַלץ אַרויס-געֶנומעֶן. אַ געֶפִיהל האָט זִי געֶהאַט, ווִי זִי וואָלט אַצִינד נאָך אַ שווערעֶר קרענק עֶרוואַכט.

דעֶר עֶרשטעֶר קלאָרעֶר געֶדאַנק אִיהרעֶר אִיז געֶוועֶן מִישאַ. און גרִינג לייכט אִיז אִיהר אויפ'ן האַרץ געֶוואָרעֶן. אִין דעֶם מאָמעֶנט האָט זִי אַלעֶס פעֶרגעֶסעֶן, אִיהרעֶ ליידעֶן זעֶנעֶן פעֶרשוואונדעֶן עֶרגעֶץ וויִיט, וויִיט פון אִיהר. און אִיהר גאַנצעֶר וועֶזעֶן אִיז געֶוועֶן אָנגעֶפוּלט מִיט אַיין ווִילעֶן: זעֶהן אִיהם. נאָר דאָס מאָל און מעֶהר נִישט, האָט זִי געֶוואָלט איינשטעֶלעֶן אִיהר געֶווִיסעֶן, וועֶלכעֶס האָט אָנגעֶהויבעֶן אִיהר פעֶרפאָלגעֶן.

זִי האָט זִיך אַראָבגעֶחאַפּט פון בעֶט און זִיך אָנגעֶהויבעֶן אָנטהון. אויף דִי פראַגעֶן פון דעֶר דִינסט וועֶגעֶן מִיטאָג האָט זִי נִישט דייטלִיך געֶ-עֶנטפעֶרט. עֶס האָט אִיהר געֶוואונדעֶרט און געֶרייצט: מ'פרעֶגט אִיהר וועֶגעֶן אַזעֶלכעֶ זאַכעֶן...

זִיצעֶנדִיג בייִם שפִּיגעֶל און פלעֶכטעֶנדִיג אִיהרעֶ לאַנגעֶ האָר, האָט זִי, אַליין נִישט פִיהלעֶנדִיג, אָנגעֶהויבעֶן זִינגעֶן דאָס רוסִישעֶ לִידעֶל: „Наш уголок" און אִימה'דִיג האָט זִיך געֶרִיסעֶן דאָס לִידעֶל פון אִיהר האַלז און מִיט אַ מרה-שחורה האָט עֶס אָבגעֶקלונגעֶן אִין צִימעֶר. פון אִיהרעֶ אויגעֶן האָבעֶן זִיך אַראָבגעֶקייקעֶלט צוויי גרויסעֶ, שווערעֶ טרעֶהרעֶן אויף אִיהר אויסגעֶבלייכט געֶזִיכט און אַ ווייַלעֶ העֶנגעֶן געֶבלִיבעֶן, ווִי פעֶרגלִיווערט. אִיהרעֶ העֶנד האָבעֶן לאַנגזאַם און לאַנגזאַמעֶר אָנגעֶהויבעֶן צו פלעֶכטעֶן, און אִיהר קאָפּ, אַזוי ווִי עֶר וואָלט געֶוועֶן אָנגעֶפוּלט מִיט שווערעֶן בליי, אִיז אַלץ נִידעֶרִיגעֶר אַראָבגעֶזונקעֶן. זִי הייבט זִיך אויף, און געֶהט צו מִיט לאַנגזאַמעֶ טרִיט צום פעֶנ-סטעֶר, פעֶרברעֶנט דִי העֶנד אִיבעֶר'ן קאָפּ, וועֶלכעֶן זִי האָט אָנגעֶשפּאַרט אָן דעֶר ראַם, און בלייבט שטעֶהן אַנ'אונבעֶוועֶגלִיכעֶ.

— שׂרה! — האָט זי פּלוצלונג אַ שטיל פּליסטערן הינטער איהרע פּלייצעס דערהערט.

זי גיט זיך שנעל אַ דרעה־אוים און דערזעהט מישאַ'ן.

אַ ווײַלע זענען זיי בּיידע געשטאַנען ווי פערגלייווערטע און איינער דעם אַנדער'ן אָנגעקוקט, אַזוי ווי יעדער איינער פון זיי וואָלט געוואָלט פערשטעהן און וויסען די בּעהעלטענישען פון צווייטענס געדאַנקען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי איהם אויסגעשטרעקט איהר האַנד, וועלכע מישאַ האָט אָנגענומען און זיך איינגעזויגען אין איהר. זי איז געבּליבּען שטעהן, ווי אַ סטאַטוע, און האָט געקוקט איבּער זיינע פּלייצעס ווייט, ווייט... און טרערען האָבּען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען פאַר רחמנות צו זיך אַליין, צו איהרע אַמאָליגע לײַדען, וועלכע דאָבּען מישאַ'ס האַרץ נישט געלאָזט רוהען און איהם צריקגעפיהרט אויף דעם ערשטען וועג אויף וועלכען זי שוועבּט איצט אין איהר פאַנטאַזיע געלייטערט דורך יאָהרען־לאַנגע טרערען...

אָך! רײַסט זיך בּיי איהר אַרויס אַנ'אָטעם טיעף און שטאַרק און אַנ'אומגעהוירע שטילקייט האָט איינגעטרעטען.

— מישאַ. — האָט זי בּלישצענדיג מיט טרערען שטיל אַרויסגעשעפּשעט און האָט אויפגעהויבּען איהר צווייטע האַנד אַרויפצולייגען זי אויף זיין אַקסעל. נאָר די האַנד האָט זיך שווער צוריק אַראָבּגעלאָזט, און מיט אַ שטילען, נאָר טיפען וועהטאָג האָט זי לאַנגזאַם בּעפרייט זיך פון איהם, און, נישט קוקענדיג אויף איהם, האָט זי שטיל אַרויסגערעדט:

— זעצט זיך.

זי איז געגאַנגען אַרום דעם טיש און האָט זיך געזעצט ענטקעגען.

עפּעס שמערצליכעס און וועהעס האָט זיך געדרעהט אין איהר האַרץ. און אין קאָפּ האָט זיך ווי אַ מין פּלאָנטער־קנויל אַלץ פערוויקעלט און האָט קיין קלאָרעס נישט צוגעלאָזט אַהין. ויגונגס־לאָז האָט זיך איהר האַנד אויפ'ן טישטוך אַרויפגעלייגט און געגלעט עס און געגלעט...

מישא איז געזעסען און האָט געזוכט ווערטער, וועלכע זאָלען אויסדרוקען דאָס, וואָס ער האָט געפיהלט. ער איז געוועזען אַזוי געדאַנקען־און געפיהל־פול, נאָר יעדעס וואָרט האָט זיך איהם געדאַכט פאַר שוועך, אומבּעהויער שוועך.

און די שטילקייט האָט אַזוי שמערצליך געדריקט אויפ'ן האַרץ, האָט אַזוי געוויייטאָגט און געעגבּערט זיין קאָפּ און האַרץ, אַז ער האָט געשפּירט, ער ווערט צעדריקט, פאַלענדיג אונטער איהר לאַסט.

און פּלוצלונג, נישט ערוואַרט, איז געקומען זיין הילף. ער האָט דערהערט זיין נאָמען רופען. אַ שטראַהל פון פרייד האָט בּעגאָסען זיין געזיכט און ער האָט זיך בּעסער געזעצט אויף זיין שטוהל.

— ווען פאהרט איהר אוועק?

איהם האט זיך געדאכט צום ערשטען, ווי דאס קול וואלט צו איהם געקומען פון איבער'ן קאפ, דערנאך, אז איהר שטימע האט א ציטער געטהון און ער האט זיך אויפגעכאפט ווי פון א פיבער:

— איך האב דא געדונגען א זומער־וואהנונג. — האט ער שטיל און אבגעהאקט געענטפערט.

זי האט האלב פערוואונדערט און האלב פרעגענד ארויסגעמורמעלט עפעס און נאך א ווײַלע טראכטען האט זי, אראבלאזענדיג איהר קאפ צום טישטוך, אזוי ווי זי וואלט עס בעטראכט, אומגעריכט פאר זיך און ווי געריײצט זיך מיט זיך אליין, ארויסגעכאפט זיך:

— איך וואלט אייך נישט געראטען...

א טיפער, שווארצער שאטען האט זיך באלד פערשפרייט איבער איהר געזיכט נאך די דאזיגע רייד, און אויך ער איז געזעסען מיט פערטריקענטע ליפען און שווערער זארג אויף דעם עטוואס געגרינצעלטען שטערען, נישט געפינענדיג איהר קיין ווארט צום רעדען.

א שווערע און געדריקטע שטילקייט האט געהערשט, בשעת ראזענבלאט האט די טיהר געעפענט און איז אין זאל אריינגעקומען. ווי א טיפע בעליידיגונג פאר דער דאזיגער הייליגער שטילקייט האט זיך אין זאל געפיהלט זיין אנוועזענהייט און דורך דער צייט פון זיין בעגריסען זיך מיט מישא'ן האט ביי איהר אין קאפ געשוועבערט איין פראגע:

— האט ער געהערט הינטער דער טיהר וואס זיי האבען גערעדט, אדער נישט? — פלוצלונג איז איהר דורכגעלאפען א געדאנק: וועט ער זיך זעצען אויף דער ערשטער שטול נעבען מיר, האט ער נישט געהערט. — און אין דעם מאמענט האט ער אברוקענדיג די זעלבע שטול זיך אוועקגעזעצט און, ווייך ווענדענדיג זיך צו איהר מיט א טאן פון א קינד, געזאגט:

שפרה'לע, מיך הונגערט.

דאס האט זי עפעס ווי אויפגעהייטערט און זי איז אוועק אין קיך פעראָרדנען וועגען עסען.

צום מיטאג איז מישא אויך געבליבען. ראזענבלאט האט איהם נישט געלאזט אוועקגעהן. דאך, ביים טיש זיצענדיג, ביי'ם עסען, האט ער, ראזענבלאט, פון צייט צו צייט געווארפען א דורכדרינגענדען בליק אויף שפרה'ן און האט געטראכט:

— וואס איז מיט זיין שפרה'ן געווארען? זעקס יאהר האבען זיי געלעבט און ער האט איהר געקענט מעהר ווי זיך, און יעצט איז זי עפעס שטיל, צו שטיל... צוליעב וואס האט זיך איהר געלוינט היינט אנצוטהון אין צופיל פאראד?.. ער האט א ווײַלע בעטראכט איהר געזיכט און פון זיינע קינסטלער־אויגען איז נישט פערשוואונדען א נייער שטריך, א נייער קנייטש, וועלכער איז איהר צוגעקומען אויף איהר שטערען, א קוים־קוים בעטערקבא-

רער. שטענדיג איז זי געווען אזוי פרעהליך ביי'ם טיש און היינט? און עסט שלעכט.

ער האט זיך נישט געקאנט איינהאלטען און האט איהר צערטליך געפרעגט:

— וואס עסטו היינט אזוי וועניג, שפרה'לה?

— „איך ווייס נישט וואס מיר איז, דער קאפ טהוט מיר וועה און איך פיהל מיך שלעכט". האט זי זיך געקלאגט און, ענטשוויגען ווערענדיג, האט ווי עמיצער ביי איהר אין געוויסען געשריגען: „איך נאר איהם ווידער. פאר וואס קאן איך איהם נישט זאגען דעם אמת?.."

איהר געזיכט און דאס רעכטע אויער איז געווארען בעגאסען מיט צונטערפארב, און אום צו בעהאלטען פון זיינע אויגען איהר צעשטרייאונג האט זי זיך שנעל אויפגעהויבען און איז ארויס אין קיך.

ביים געזעגענען זיך, האט מישא געבעטען אנ'ערלויבעניש אריינצוקומען צו זיי אמאל, און ראזענבלאט, ענטפערענדיג, אז זיין טיהר איז אפען פאר איהם, האט דערפיהלט עפעס א מין צער. ער האט געהאט א געפיהל, ווי א פרעמדער וויל זיך אריינרייסען אין זיין אינטימים לעבען, וועלכעס ער האט אזוי געליבט.

— וואס איז מיט דיר היינט?—האט ראזענבלאט געפרעגט שפרה'ן, נאכדעם ווי מישא איז אוועק. און אנגעמענדיג איהר האנד האט ער איהר צוגעצויגען צו זיך, אוועקגעזעצט זי אויף זיין שויס און גענומען זי גלעטען.

— דו ווייסט דאך, מיין ליעבער אז איך האב נישט ליעב קיין געסט און דערצו נאך ביי מיטאג ביי אונזער טיש.—האט זי געענטפערט און דערביי האט זי געטראכט און זיך געוואונדערט פארוואס זי פיהלט היינט נישט די צארטקייט, וואס זי האט אלע מאל געפיהלט, ווען זי איז אויף זיין קניה געזעסען און איהר קערפער איז פון איהם נעגלעט געווארען. „פארוואס זאג איך איהם נישט דעם אמת? פארוואס דערצעהל איך איהם נישט אלץ?" איהר געזיכט האט זיך ווידער אנגעצונדען, און זי האט עס בעהאלטען ביי זיך אויפ'ן הארץ.

„זעקס יאהר האב איך געלעבט אזוי ריין, אהן שום פאלשקייט, אזוי רוהיג, און יעצט הויב איך איהם אן נארען, ווער פאלש און הויב אן לעבען א שמוציג לעבען". עס האט איהר א מאדנע רחמנות ארומגעכאפט אויף זיך אליין. עס האט איהר אנגעהויבען שטיקען אין האלז און ברענען די שלייפען.

זי האט האסטיג אויפגעהויבען דעם קאפ, האט א פאר מאל קאנוואולסיוו געפרובט אטעמען מיט א פערשלאסענעם האלז און האט זיך היסטעריש צעוויינט.

ער האט זיך דערשראקען און איהר אנגעהויבען בערוהיגען. נאר ביי

איהר האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געריסען דאָס ווילדע געוויין.

זיין שרעק איז אין אַ ווילדקייט אריבער. ער האָט זיך צעשריגען אויף דער דינסט, אַז זי זאָל שנעל לויפען נאָכ'ן דאָקטאָר. און ווען די דינסט האָט זיך גענומען אָנטהון האָט ער איהר אָנגעהאַפּט ביים קאַרק און אַרויס-געשטויסען פון שטוב.

דער דאָקטאָר, נאָך אַ קורצען בעטראַכטען זי, האָט ערקלערט, אַז זי ווערט מוטער. זי איז נאָר אַביסעל אויפגערעגט. האָט פערשריבען בראָם און איז אַוועק.

III

נאָכ'ן דאָקטאָרס אַוועקגעהן, האָט זי לאַנגזאַם צוגעמאַכט די אויגען און האָט זיך געמאַכט שלאָפענדיג. צוליב וואָס זי האָט דאָס געטהון האָט זי זיך אַליין קיין רעכנונג נישט געקאָנט אָבגעבען. איהר האָט זיך אַזוי געוואָלט. זי האָט געפיהלט, אַז ער זיצט און בעטראַכט יעדען שטריך פון איהר געזיכט. און איהר האָט זיך געוואָלט וויסען, ווי אַזוי קוקט ער אויף איהר: מיט נייגעריגקייט, אָדער מיט ליעבע? און דאָך האָט זי איהרע אויגען נישט געעפענט.

אַ טיעפער, נאָר איינגעהאַלטענער, דערשטיקטער און לאַנגער זיפץ רייסט זיך פון זיין האַרץ אַרויס.

„אַ פנים פון איינגעהאַלטענעם אָטעם", — גיט זי אַ טראַכט און ווערט פלוצלונג בייז אויף איהם, וואָס ער זיצט אויף איהר בעט און שטערט איהר צו שלאָפען. זי גיט זיך האַסטיג אַ דרעה-איבער אַזוי, אַז דער מאַטראַץ גיט אַ סקריפּע, און אַרויסלאָזענדיג אַ לאַנגען אָטהעם, ענליך צו אַ מורמעל, הויבט זי אָן רעגוליער צו אָטעמען.

ראָזענבלאַט הייבט זיך שטיל אויף פון בעט, טהוט אויס די שיך און שטעקט אָן ווייכע וואָילינקענע שטעק-שיך און געהט אַרום אין עס-צימער.

ער נעמט אַ בוך און הייבט אָן לעזען. נאָר אין אַ ווייַלע אַרום לייגט ער עס אַוועק און, אָנשפּאַרענדיג דעם קאָפּ אויף ביידע הענד, פערטראַכט ער זיך:

„פאַרוואָס קאָן איך געגען מיין ווילען נישט בעפרייען זיך פון דעם געפיהל פון צער, וואָס איך האָב געהאַט, ערלויבענדיג מישא'ן אונז אָפּט צו בעזוכען? פאַרוואָס פיהל איך צו איהם אַ אונסימפּאַטיע? איך קאָן דעם מענש אינגאַנצען צוויי טעג און דאָך וואָלט איך איהם נישט געוואָלט זעהען מעהר ביי מיר אין הויז, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז אַזוי סימפּאַטיש, רעדט אַזוי לאָגיש און טיף און מאַכט אַ הערליכען איינדרוק?"

און אָט דערמאָנט ער זיך דעם בליץ-שנעלען געדאַנק, וועלכער איז איהם דורכגעלאָפען מיט אַ פראַגע ביי'ם מיטאָג: „פאַרוואָס האָט זיך שפרה

אנגעטהון אזוי אין פאראד, אין זייד, און איז עפּיס אזוי צעשטרייט, צעזייהט געוועזען און איז נאך איצט פערנומען מיט אזעלכע געדאנקען, וועלכע זענען פאר איהם א געהיימניס?

און, עפּיס אליין נישט פיהלענדיג, האט זיך איהם געוואלט מאכען א צוזאמענהאנג פון די ביידע געפיהלען, נאר ער האט זיך פערשעמט פאר זיך אליין און א צארן האט איהם ארומגעחאפּט:

„פון וואס פאר א נארישקייטען טראכט איך? מיט וואס פאר א רעכט וויל איך צוזאמענבינדען איהר אונשולד מיט איהם? וואס פאר א שייכות האט זי צו איהם?“

ער הויבט זיך אויף און געהט זיך דורך אפּאר מאל די שטוב, בלייבט שטעהן ביים פענסטער און קוקט זיך איין אין דער נאכט.

און שטיל איז געוועזען די נאכט. א לייכט, לייכט ווינדטעלע האט בעוועגט דעם אלטען זיידען־וואלד, וועלכער איז געוועזען אין טהאל און איז עטוואס ארויפגעקראכען אויף דעם בארג, ביי וועלכען ס'איז געשטאנען ראזענבלאט'ס ווילע ביים צופוסענס. א לייכטער אפּקלאנג פון א שטיל בלעטער־גערויש האט זיך דערטראגען צו זיינע אויערען. דער הימעל איז געוועזען טיף בלוי און אויסגעזעצט מיט שטערען אזוי ווי מיט העל פינקלענדע בריליאנטען. צווישען זיי האט געשוועבט א פערחלומטע, ווי א בת־מלכה, די לבנה און האט גאנצע בונדען זילבער־ליכט געווארפען אויף דער ערד און אויף דעם וואלד.

פון ערגעץ־וואו האט זיך דערהערט א ווייטער ווייטער „אאו!“ וועלכער האט זיך וויט, וויט צעטראגען און איז פערשוואונדען אין וויטען בריטען רוים...

„קאן עס זיין, אז זי פיהלט א לייכטע ליבע צו איהם?“ האט א געדאנק, ווי מיט א שארפער שווערד, זיין מח דורכגעשניטען, דורכלויפענדיג. ער האט פערביסען די ליפען און איז אויפגערייצט אפּגעגאנגען פון פענסטער.

„פארוואס טראכט איך אזוי? וואס האב איך אזעלכעס געזעהן פון איהר, אז איך זאל קאנען אזוי טראכטען? און ווען? ווען אין נאך זיבען חדשים ווערט זי מוטער? אבער וואס איז געוועזען דאס וויינען, פאר וואס, פון וואס האט זי געוויינט היסטעריש? זעקס יאהר לעבען מיר צוזאמען און איך האב נאך אזעלכעס נישט געהערט פון איהר“.

נאר באלד איז ער ווידער אויפגערייצט געווארען אויף זיך: „וואס איז מיט מיר? פאר וואס בעשולדיג איך זי אין אונטרייהייט, נישט האבענדיג קיין פעסטעס, קיין אורזאכע? זי האט געוויינט, ווייל ביי א פרוי אין אזא לאגע זענען די נערווען אויפגערעגט, פוי!“ — האט ער א שפּיי געטהון — „ווי א איפּערזיכטיג אינגעל בין איך שוין באלד“.

ער איז ווידער צוגעגאנגען צום פענסטער און האט אנגעהויבען טראכטען א אידיליע, וועלכע ס'איז איהם איינגעפאלען. נאר עפּיס בלייך.

זוי פֿון אונטער אַ נעבעל, איז זי בײַ איהם אַרױסגעקומען. ער האָט געפּרובט אָנשטרענגען זײַן קינסטלער־פֿאַנטאַזיע און דאָך האָט ער נישט געקאָנט זעהן דאָס בילד קלאָר און דײַטליך.

„אַ גאַנצען טאָג ביז מיטאָג האָב איך זי הײַנט נישט געזעהען. און אַלע מאָל לױפֿט זי אַרױף אױבען פֿרעהליך װי אַ קינד צעהן מאָל אין טאָג“. — האָט ער, נישטװילענדיג, אַ טראַכט געטהון.

„גאָט מײַנער, װאָס איז דאָס?“ האָט ער אַזש קריצענדיג מיט די צײן געמורמעלט צו זיך, — „װאָס װילען פֿון מיר די געדאַנקען האָבען?“

און װאָס מעהר ער האָט געטריבען פֿון זיך זײַנע געדאַנקען, אַלץ מעהר זענען זײ צו איהם געקראָכען, אַלץ קלאָרער און שטאַרקער האָבען די געפֿיהלען געבונדען אַ צוזאַמענהאַנג צװישען מישאַ׳ן מיט שפרה׳ן.

און פּלוצלונג האָט איהם אַ שױדער געגעבען. איהם האָט זיך געדאַכט אַז עפּיס האָט זיך איבערגעריסען אין זײַן לעבען, און דאָס לעבען זײַנס װעט שױן נישט פֿליסען אַזױ רוהיג און שטיל. עס װעט שױן נישט זײַן דאָס װאָס איז געװען. פֿאַר װאָס װעט נישט זײַן? און װי װעט עס זײַן? — דאָס האָט ער אַלײן נישט געװאוסט. און אַ ביטערקײט האָט זיך אַרײַנגעגאָסען אין אַלע זײַנע בײנער.

אַ פֿױלע מידקײט נעמט איהם אַרום, און ער לאָזט זיך אַראָב אױף אַ שטול, פֿערװאַרפֿט דעם קאָפּ אױף הינטען, פֿערבראָכט איבער איהם די הענד און בלײַבט אַ װײַלע װי פֿערגליװערט. נאָכדעם הױבט ער זיך אױף, גיט פֿערצװײפֿעלט אַ מאַך מיט דער האַנד פֿון אױבען אַראָב און געהט אַרײַן אין שלאָפֿצימער. אַרײַנגעהענדיג, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז בײַ׳ם שײַן פֿון דער לבנה האָט ער געזעהן, װי שפרה איז געלעגען מיט אָפֿענע אױגען. דערזעהענדיג איהם, האָט זי זײ שנעל צוגעמאַכט. ער איז גיך צוגעגאַנגען צום בעט און האָט זיך אַ װײַלע שאַרף אײַנגעקוקט און איהר.

„נאַרישקײטען, זי שלאָפֿט אַזױ רוהיג“.

אין דער זעלבער צײַט איז שפרה געלעגען און אונטער אַ לײַכט דרעמעל־הײַטעל האָט זי זיך אײַנגעהערט צו איהרע געדאַנקען, װעלכע זענען לאַנגזאַם, שלעפֿעריג־פֿױל אַרומגעקראָכען צװישען די מח־פֿעדים. און ביסלעכװײַז, אַזױ װי רײַצענדיג זיך מיט איהר, זענען דורכגעשװאומען פֿאַר איהר אַלע איהרע אײַנדריקען פֿון פֿערגאַנגענעם טאָג. זי דערמאַנט זיך איהרע געפֿיהלען, װען מישאַ׳ס הײסע ליפּען האָבען זיך צוגעקלעפּט צו איהר האַנד. זי פֿערשיט זיך מיט פֿראַגען:

„פֿאַר װאָס איז אַן אָנגענעהמע װאַרימקײט דורכגעגאַנגען דורך מײַן קערפּער, װען ער האָט מײַן האַנד געקושט? פֿאַר װאָס האָב איך מיך װי געטראָגען אין װײַטען רױם? פֿאַר װאָס איז מײַן װילען אומעכטיג געגען איהם?“

אַ פֿינסטערע שרעק חאַפּט איהר אַרום: „הײַנט האָט ער מײַן האַנד

געקושט, מאָרגען וועט ער מיינע ליפען קושען, און נאָך דעם וועט ער מיין קערפער וועלען. און איך וועל אַזוי געהן און פאַלען, וואָס אמאל נידע-ריגער און נידעריגער און אַ לעבען פיל מיט פאַלשקייט און שמוץ וועט זיך פאַר מיר אָנהויבען. איך וועל לעבען מיט מישאַ'ן, און גלעטען, און בלומערשט היים צורוקען זיך צום מאַן, אום ער זאָל נישט פיהלען די פאַלשקייט. קינדער וועל איך האָבען און איך וועל נישט קאָנען וויסען ווער זייער פאָטער איז?!"

עס האָט איהר אָנגעהויבען קלאַפען און וויהטאָגען דאָס האַרץ, און ווערגען, ווערגען אין האַלז. זי האָט געפיהלט אַז נאָך אַ ווייַלע און זי וועט זיך ווידער צעשרייַען היסטעריש, און האָט אַ טרייסעל געטהאָן איהר גאַנצען קערפער, געמאַכט אַ געוואַלדיגע אָנשטרענגונג און האָט פערשטיקט דאָס געשריי, וועלכעס האָט זיך פון איהר האַלז געוואָלט אַרויס רייסען, אין זיך.

זי האָט געוואָלט בעפרייַען זיך פון איהרע געדאַנקען, פון וועלכע זי האָט געליטען און עפּים, ווי מיט אַ שלאַנגען-פערביטערונג האָט זי וואָס-אמאָל אַלץ מעהר צובלאָזען דאָס פייער פון איהרע ליידען.

זי האָט געעפענט איהרע אויגען און האָט זיך אַרומגעקוקט. זי האָט געזעהן, אַז איהר מאַנ'ס בעט איז ליידיג און האָט זיך פערוואונדערט: „פאַר-וואָס שלאָפט ער נאָך נישט, וואו איז ער? וועגען וואָס טראַכט ער? צי דען האָט ער געהערט, וואָס זי האָט גערעדט מיט מישאַ'ן?"

זי האָט געוואָלט אַראָבשפּרינגען איהם אויפזוכען און איהם אַלץ דערצעהלען, און דאָך האָט זי זיך נישט גערירט פון אָרט, אַזוי ווי איהר זיילען וואָלט פּאַראַליזירט געוועזען. נאָר אָט האָט זי דערזעהן, ווי ראָזענבלאַט געהט אַריין. זי האָט שנעל איהרע אויגען צוגעמאַכט און האָט זיך אַליין געוואונדערט:

„צוליב וואָס טהו איך עס, פאַרוואָס מאַך איך מיך שלאָפען? ער ליידט דאָך אַזוי שטאַרק... ער איז דאָך אַזוי נשמה-ברייט אין זיינע צערט-ליכקייטען, איך וואָלט פיליַיכט אַלע מיינע ליידען פערגעסען. פאַרוואָס שטויס איך דאָס אָב?"

און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל האָט זי זיך איבערגעטראַכט איהר לאַגע: „זעקס יאָהר האָב איך געלעבט אַזוי רוהיג אין אַזאַ ליב און שטיל פאַ-מיליען לעבען, און איצט וויל איך מיט מיינע אייגענע הענד עס צו-שטערען! פאַרוואָס?" זי האָט געזוכט אַנ'אָנשפאַר, אַנ'אויסוועג פון איהרע ליידען און האָט נישט געפונען. צו איהרע אויערען האָט זיך דערטראָגען איהר מאַנ'ס אָטעם און זי האָט געטראַכט: „ער איז דאָך אַזוי מילד און גוט, אין אַים פון ליבע האָט ער דאָך מיך געבאָדען, פאַרוואָס זאָל איך זיין לעבען צושטערען?"

אין אַזעלכע זינ-זאַג-געדאַנקען, וועלכע האָבען זי מיט אַנגסטען בעגאָ-סען איז זי אַ גאַנצע נאַכט געלעגען. פאַרטאָג שוין, ווען דער יואלד האָט

ערוואכט און האט אנגעהויבען פון זיך די נאכט אויסצוטהון, איז איהר דורכגעלאפען א געדאנק מעהר נישט צו זעהן מישא'ן, און וואס אמאל איז איהר דער געדאנק פעסטער געווארען און איז איבערגעגאנגען אין א בעשלוס.

אויפ'ן הארץ איז איהר אזוי גרינג געווארען און דער שלאף האט אויף איהר אנגעהויבען ארויפצופאלען. נאר א דערשטיקט, הוילד קול פון דאזענבלאט'ן האט פון איהר דעם שלאף פערטריבען. זי איז שנעל אראבגעשפרונגען פון בעט, האט איהם אויפגעוועקט און, לייכט א קוש געבענדיג איהם אין די ליפען האט זי איהם געפרעגט:

— מיין ליבער, וואס האט דיך גע'חלום'ט?

— אך! — האט ער שווער אבגעעטעמט — אזא נארישער, נאר שרעקליך-שווערער חלום: עפיס א פערזעהעניש, איך ווייס אליין נישט וואס דאס איז געוועזען, האט פון מיר געריסען נישט דאס לייב, נאר דאס לעבען די יאהרען, און אין איין מינוט בין איך גראה און אלט געווארען. ס'איז מיר אזוי שווער געוועזען. טויטע אנגסטען האבען מיך בעגאסען.

זי פיהרט דורך איהר האנד אויף זיין שטערען, וועלכער איז מיט שווייס בעדעקט. בערוהיגט איהם אז ער האט אודאי געהאלטען זיין האנד אויפ'ן הארץ, און איינבויגענדיג זיך צו זיינע ליפען, גיט זי איהם ווידער לייכט א קוש און וויל פון איהם אבגעהן, נאר ער חאפט איהר ארום און מיט זיין גאנצע קראפט דריקט ער זי צו זיך.

זי דערפיהלט אבער עפעס ווי א ווידערווילען, קוקענדיג איהם אין די אויגען אריין, און ווייך ווייך, גיט זי איהם א שעפטשע:

— מיין טייערער, איך בין שטארק נישט געזונד און דארף האבען רוה.

ער לאזט איהר אב און אין א ווייליע ארום שלאפען שוין ביידע רוהיג, שטיל.

IV

אויף מארגען האט שפרה, נאך ליגענדיג אין בעט אנגעזאגט דער קעכין, אז אויב עס וועט קומען דער יונגערמאן, וואס איז געוועזען ביי זיי נעכטען צו מיטאג, זאל זי איהם זאגען, אז קיינער איז נישטא.

די דינסט האט שמייכלענדיג אנגענומען פאר גוט דעם אנזאג און צושאקלענדיג מיט'ן קאפ איז זי מיט שווערע טריט ארויס פון שלאפצימער.

און שפרה איז שנעל אראבגעשפרונגען פון בעט, האט זיך ארומגעוואשען מיט קאלט וואסער, און ארויפווארפענדיג אויף זיך א שלאפראק איז אוועק צום ארבייט-צימער, און האט געטראכט:

„ווי גרינג מיר איז אויפ'ן הארצען, ווי גוט", אויף איהרע ליפען האט זיך צושפילט א שמייכעלע, א פרישס, א פריהמארגענדיגס און די אויגען, פון וועלכע עס האבען ארויסגעבליקט נשמה-רוהיגקייט, האבען געקיקט אויף אלץ פריי און מיט ליבע.

איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז אויף ס'ניי געבוירען געוואָרען, און עס האָט זיך איהר געוואָלט טאַנצען, שפּרינגען, דרעהען זיך ביז קאָפּשווינדעל.

זי איז צו געלאָפען צו זיאַמען (אַזוי פלעגט זי איהם רופען אין מאָמענטען) ראָזענבלאַט'ן, וועלכער איז געלעגען אויף דער סאָפקע, איבערטראַכטענדיג זיינע נעכטיגע, אונרוהיגע געדאַנקען. זי האָט איהם מיט די פינגער אַרומגעחאַפּט ביים האַלז און אָנשפּאַרענדיג זיך מיט איין קניה אָן געזעס, האָט זי איהם אָנגעהויבען ווערגען.

נאָר נישט ערוואַרט פאַר זיך אַליין, האָט איהר עפּעס געגעבען אַ קלאַפּ אין האַרץ און, ווי אַ געהיימע האַנד האָט איהרע פינגער אויף זיין האַלז שוואַך געמאַכט. זי איז אויף אַ ווייַלע בלייך געוואָרען, נאָר באַלד האָט זי זיך געשטאַרקט, האָט ווי שולדיג אַ שמייכעל געגעבען און האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער סאָפקע נעבען איהם, האָט איינגעפלאָכטען איהרע פינגער אין אַ גרויסען בונד פון זיינע האָר און עטוואָס איינבויגענדיג זיך צו איהם, האָט זי געפרעגט:

— זיאַמע, ליבער, טייערער, וואָס וועט דאָס זיין, אַ יונגעל, צי אַ מיידעל?

— עס וועט זיין דאָס וואָס די ווילסט?.. האָט ער געענטפערט און געטראַכט:

„וואָס איז מיט מיר? פריהר בין איך געלעגען און געטראַכט: זי וועט היינט אַרויפגעהן צי נישט? וועט זי אַרויף איז דאָס נאָר געווען אַ נאַרישע איינפערזיכט און עס בלייבט מיר נאָר צו ענטשולדיגען זיך פאַר איהר און איצט טראַכט איך, אַז זי איז אַרויפגעקומען, אום צו פערבלענדען די אויגען מיינע. צו פערגלעטען איהרע זינד"...

שפרה האָט נישט בעמערקט זיין טראַכטען און מיט אַ טאָן פון אַ קינד האָט זי איבערגעחזרט איהר פראַגע.

— ניין, זאָג טאַקי, וואָס וועט זיין, אַ יונגעלע צי אַ מיידעלע?

— נו, וואָס ווילסטו זאָל זיין? — האָט ער געפרעגט.

— איך, האָט זי געזאָגט נאָכ-טראַכטענדיג — איך וויל אַ יונגעלע, און ער זאָל זיין עהנליך צו דיר.

עפּיס האָט איהם וואַרים אָנגעהויבען קלאַפּען דאָס האַרץ. אַ לייכטער שאָטען פון געוויסענביסע האָט זיך פערשפּרייט אויף זיין געזיכט, און אויף זיין שטערן האָבען זיך טיפע קנייטשען איינגעשניטען. אין דעם מאָמענט האָט זיך איהם געוואָלט דערצעהלען איהר אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט.

שפרה האָט בעמערקט זיין פערטראַכטונג און האָט געפרעגט:

— מיין ליעבער, פון וואָס טראַכסטו?

— אַ אידיליע איז מיר איינגעפאַלען. און אַט זעה איך איהר קלאָר און אַט פערשווינדט זי פון מיר. — האָט ער גיענטפערט און איז ביז געוואָרען נאָך מעהר פאַר איהר אַרויפקומען דאָ אַהער מיט אַ פאַלשע אָבזיכט.

בּדי איהם די אויגען צו פערשטעלען... צו מיינט זי טאַקי און קען זי נאָר מיינען, אַז ער פיהלט נישט, ווי די געדאַנקען זענען איהר אַוועקגעריסען?...

„אייביג אידיליעס”, האָט זי ווי בּעליידיגט אַרויסגעמורמעלט און האָט זיך אויפגעהויבּען, איז אַראָבּ הונטען, גענומען אַ בּוך און איז אַרויס אויף דער וועראַנדע, וועלכע איז געווען אין גאָרטען. אַריין דאָרט האָט זי זיך געלייגט האַלבּ זיצענדיג אין דער וויג־שטוהל און גענומען לעזען. נאָר עס האָט זיך איהר שלעכט געלעזען. דאָס בּוך האָט איהר נישט אינטערעסירט, און אַוועקלייגענדיג עס אויף איהרע קניען האָט זי אָנגעהויבּען קוקען אין גאָרטען. זי האָט געזעהען ווי די פויגעלעך, פרייע, גליקליכע לויפען אַרום, שפּרינגען אַרום און זינגען און צוויטשערן און האָט געטראַכט: פאַר וואָס קאָן דאָס דער מענש נישט זיין פריי? פאַר וואָס קאָן דער מענש נישט נעמען פון לעבען דאָס וואָס ער פערלאַנגט? פאַר דאָס קלענסטע מוז ער קעמפען מיט אַלע זיינע קרעפטען?

די פילאָזאָפיע־געדאַנקען האָבּען איהר פעראינטערעסירט און זי איז ווי פערשטאָרבּען אין זיי.

פלוצלינג האָט זי דערהערט קלינגען בּיי זיי אין הויז. איהר געזיכט איז בּלייך געוואָרען. און דאָס האַרץ, אַמאָל איז עס ווי אָבּגעשטאָרבּען, און אַמאָל צוגאַלאָפּירט זיך שטאַרק, שטאַרק, ווי אַן׳אָבּגעלאָזטע פשענזשינע. ווייטער — האָט זי אַ טראַכט געגעבּען „צו ליעב וואָס טהו איך דאָס?” נאָר בּאַלד האָט זי זיך געענטפערט: „אַזוי מוז עס זיין”.

צוויי טאָג איז דורכגעגאַנגען רוהיגע און שטילע. זי האָט געמיינט, אַז איהר לעבּען וועט שוין ווידער פליסען גלאַט און גליקליך. זי האָט זיך ווידער גענומען צו דער קליינער ווירטשאַפט. אָט שוועבּט זי אַרום, אַ ליכטיגע, אַ שיינענדע איבּער די צימערן און שאַרט אַראָבּ דעם שטויבּ און אָט שוועבּט זי אַרום אין אַרבּייטס־צימער און מאַכט דאָרט אַנ׳אָרדנונג. נאָר נישט לאַנג האָט געדויערט איהר רוהיגקייט.

אויפן דריטען טאָג איז אויף איהר אָנגעפאַלען אַ שרעקליכע נערוועזישקייט. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז קיין זאַך שטעהט נישט אויפ׳ן אָרט, אין אַלץ איז איהר מיאוס געוואָרען. עס האָט זיך איהר געוואָלט רייסען, בּרעכען און צו שמעטער׳ן אַלץ. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז אַלץ איז געגען איהר. אַ שרעקליכער צאָרען האָט איהר אַרומגענומען און האָט איהר געשטיקט: פאַר וואָס, פאַר וואָס זענען דאָס אַלע אַזוי שלעכט געוואָרען צו איהר, פאַר וואָס האָבּען זיך דאָס אַלע געטוישט? אפילו די ווענד זעבּען אַנדערע עפּעס, שאַרע, דונקעל־פינסטערע זענען זיי ווי אין אַ טורמע. פאַר וואָס?

זי האָט נישט געוואוסט אַז אַלץ איז ווי געווען. נאָר זי איז אַנדערש געוואָרען.

איהר האַרץ האָט איהר אָנגעהויבען נאָגען און בענקען: מישאַ?

און מיט פערטריקענטע ליפען פון ליידען האָט זי זיך געפרעגט: „וואָס אַזעלכעס האָט געטראָפען, וואָס פאַר אַן׳אונגעוויינליכער שטראָם האָט זיך אַריינגעריסען אין מיין לעבען? און מאַכט מיך אונרוהיג און ווילד? איך האָב ביי זיאַמען גאָר נישט צו גענומען, מישאַ׳ן האָב איך גאָר נישט געגעבען און דאָך ציטערט מיין האַרץ. מישאַ איז פריהער אויך געוועזען אויף דער וועלט, ער האָט דאָך געלעבט, און דאָך האָט ער מיך נישט אינטערעסירט. און יעצט פיל איך אַ נויטיגקייט, ווי לופט צו אָטעמען, נאָהנט צו זיין פון איהם. מיר איז אַזוי שווער, און דאָך אַזוי גרינג. מיר איז אַזוי שלעכט און דאָך זענען מיר ליעב די ליידען.

אַ ריזיגער ווילען איז אין איהר אויסגעוואַקסען צו ענטלויפען פון דעם דאָזיגען הויז, צו איהם, צו מישאַ׳ן. נאָר זי האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען איהר לעבען אָהן איהם, אָהן דעם שטילען, האַרציגען זיאַמען. איך האָב דאָך איהם נישט אויפגעהערט צו ליבען. איך ווייס, אַז ער איז דאָס ווערט. איך ווייס ווי גוט, מילד און ליב ער איז. איך קניה פאַר איהם. אָך דאָך דאָס גרויסע, שטאַרקע, ווי אַ ווילדע סטיכיע, וועלכע צעוואַקסט זיך אין מיר, ציהט מיך אַלץ מעהר און מעהר צו מישאַ׳ן.

ראָזענבלאַט האָט געזעהען איהר אויפרעגונג, האָט איהר נישט געפרעגט, וואָס ס׳איז מיט איהר. און האָט זי אויך נישט געפּרוּווט בערוהיגען. ביי איהם איז געוועזען קלאָר, אַזוי ווי עמיצער וואָלט אויף זיכער איהם געזאָגט, אַז איהר אויפרעגונג איז מישא.

אַ ווײַלע האָט ער אַ טראַכט געגעבען צו רעדען מיט איהר אָפען. שטעלען אַ ווידערשטאַנד, נאָר ער האָט באַלד חרטה געקראָגען: „צוליעב וואָס צובלאָזען דאָס פייער? ווער ווייסט — האָט זיך אין איהם אַריינגעגנב׳עט אַ האָפנונג — אפשר וועט זי איבערליידען איהר מאָמענטאַלע ליבע? אמת, — האָט ער געטראַכט — אונזער לעבען וועט שוין נישט זיין אַזוי ווי געוועזען. ס׳וועט שוין נישט זיין אָנגעפולט מיט אַזאַ טיעפע רוהיגקייט צוטרוי און שטילע ליידענשאַפט. אָבער דאָך?“... וואָס דאָך אויף קלאָר האָט ער זיך אַליין נישט געקאָנט ערקלערען.

ביי מיטאָג זענען זיי געזעסען איינער נעגען אַנדערען שטיל־שטומע און האָבען אויסגעמידען צו קוקען איינער אויפ׳ן אַנדער׳ן. פון פלייש האָט ער זיך ענטזאַגט און איז אַרויף צו זיך אין אַרבייטס־צימער.

ער האָט געהאַט אַ געפיהל, ווי אַ בר־מינן וואָלט ביי איהם אין שטוב געוועזען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער שפירט דעם גערוך פון טויטען קערפער, און זיינע אויערען הערען דעם בלעכענעם קלאַנג און די גראָשענס אין פושקע: „צדקה תציל ממות“. אַ שוידער איז אַריבער איבער זיין קערפער און אַ מידער, אַ צובראָכענער האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דער סאָפקע.

אין דער צײַט איז געקומען מישא. די דינסט האָט איהם אַרויסגעפֿיהרט צו דער „בעסיעדקא״ וועלכע איז געווען אין גאָרטען, אין וועלכע ס'איז געגען ווי מיט אַ געדיכטע נעץ אַרומגעפֿלאָכטען פֿון ווילדען ווײַן.

שׂפֿרה איז געזעסען אויף דער באַנק. די הענד איבער'ן קאָפּ פֿערבראָכען און אויפ'ן געזיכט אַ שרעקליכע פֿערצווייפֿלונג. געגען איהר אויפ'ן טיש איז געלעגען אַנ'אָפֿען בוך. און דאָס לײַכטע ווינדטעל, וועלכעס האָט זיך אַהין אַרײַנגעגנבֿ'ט דורך די אָפֿענער טהיר האָט זיך שטיל, שטיל געשפּילט און געשושקעט מיט די בלעטלעך פֿון בוך.

מישא איז שטיל אַרײַן. און זעצענדיג זיך נעבען איהר האָט ער איהר אָנגענומען בײַ דער האַנד און שווער אַ פּאָר מאָל אָבגעטעמט. זײַן קניה האָט איהרע אָנגערירט און אַ וואַרימער שטראָם איז דורך איהר קערפּער. איהר פּוס האָט אָנגעהויבען עטוואָס ציטער'ן. דער צווייפֿעל איז פֿערשוואונדען. אַ לײַכטקײַט און אַ שטילע פֿרייד האָט איהר האַרץ בעוואויגען זי האָט זיך געוואָלט נאָך און נאָך, צוריקען צו איהם.

— שׂפֿרה, פֿאַר וואָס אַנטלויפֿסטו פֿון מיר? איך ווייס, אַז מאָנטאג, ווען די קעכען האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז קיינער נישטאָ, ביזטו אין דער היים געווען. פֿאַר וואָס שטויסטו מיך אָב פֿון דיר? האָט מישא איבערגעפֿרעגט.

איהר פֿרעהליך און גרינג געפֿיהל, וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען צו וואַכען אין איהר איז פֿון איהר פֿערשווינדען. אין לײַכט אַרויסנעמענדיג איהר האַנד פֿון זיינע, רוקט זי זיך עטוואָס אָב פֿון איהם. און נאָך אַ ווײַלע קלערען ענטפֿערט זי שטיל:

— אַזוי מוז עס זײַן!..

— פֿאַר וואָס שׂפֿרה, פֿאַר וואָס מוז אַזוי זיין?

— פֿאַר וואָס פֿרעגסטו? וואו ביזטו געווען דאַן, ווען איך האָב פֿונדער און ווייטוג די קישענס געביסען? וואו ביזטו געווען, ווען איך האָב גאַנצע חדשים געלעבט אין ערוואַרטונג. ווען מײַנע געדאַנקען, געפֿיהלען און מײַן גאַנצער וועזען איז געווען, ווי געשמידט, און איך האָב דיך גערופֿען, נאָר דו האָסט נישט געהערט?..

איהר שטימע הייבט אָן ציטערען און זי שרייט־אויס היסטעריש:

— פֿאַר וואָס, פֿאַר וואָס ביזטו אַוועק פֿון מיר, האָסטו דען געפֿונען אַ בעסערע אַ שענערע פֿון מיר? פֿאַר וואָס? זאָג!

איהם האָט זיך געדאַכט, ווי טויזענדער אינטערערדישע שטימען, וואָס ברעכען אויס מיט אַ פּלוצלינגקײַט, פּונקט ווי פֿון אַ וואולקאַן, האָבען איהם אַרומגעכאַפּט און ער האָט אָנגעהויבען צו שוידערען.

דערנאָך, ווען ער האָט זיך בערוהיגט, האָט ער זי געוואָלט טרײַסטען און אָנעמען זי בײַ דער האַנד, נאָר זי האָט זיין האַנד צוריקגעשליידערט בײַם צאָרען.

— מיין ליעבע — האָט ער אָבּעטעמענדיג געזאָגט — פאַר וואָס רעדסטו אַזוי? דו ווייסט דאָך אַליין, אַז עס איז נישט אַזוי.

— טאָ פאַר וואָס בּיסטו אַוועק פון מיר, פאַר וואָס האָסטו מיך געלאָזט עלענד, זאָג, פאַר וואָס?

— איך האָב דאָן נישט געקאָנט מיך איינשליסען אין די ראַמען פון בּלויז איינען גליק. איך האָב נישט געקאָנט שאַפען זיך אַ פּאַלאַץ, אַפער־כשופ'טען פּאַלאַץ פון פרויען־ליעבע, קרעכצען פון טויזענדער אונגליקליכע האָבּען מיר און די אויערין געקלונגען טאָג ווי נאַכט, נאַכט ווי טאָג, און די קרעכצען האָבּען געריסען די קייטען, וועלכע איך האָב געוואָלט אויף מיר אַרויפלייגען. געדענקסט, פאַר דיר אויף די קניען בּין איך געשטאַנען, געבּעטען בּיי דיר: קום לאָמיר געהן בּיידע צו יענע עלענדע איינזאַמע אונגליקליכע; בּיידע וועלען מיר העלפען די פערלאָזטע און אַריינגיסען מוט אין די אָבּגעשטאַנענע. נאָר די האָסט נישט געוואָלט געהן, די האָסט געזאָגט: אַז דו קאָנסט דיין לעבּען מיט דער וועלט נישט טהיילען. די ווילסט דאָס קורצע לעבּען פאַר זיך אַליין האָבּען.

אַ שאָטען פון טיעפען אומעט לופט דורך זיין געזיכט. דער קאָפּ זינקט נידעריג, נידעריג. ער פערטראַכט זיך אַ ווייל'ע, און ווערט, ווי פערזונקען, און זיינע געדאַנקען.

— נו, יאָ. די האָסט געהאַט אידעאַלען — האָט זי געזאָגט — מיט וועלכע די האָסט געלעבּט און האָסט זיך בּעניגענד. אָבּער איך, איך האָב געוואָלט ליבּען און זיין געליבּט. איך האָב געוואָלט ליבּע און דו האָסט מיר אידעאַלען געגעבּען.

ער האָט נישט געהערט, וואָס שפרה האָט גערעדט. דאָס האַרץ האָט איהם געוויייטוגט, און אַ געלקייט האָט בּעגאָסען זיין געזיכט. ער אָטעמט־אָבּ זוישט אָבּ דעם שוויים, וועלכער איז אין גרויסע טראָפּען אויף זיין שטערען אַרויסגעטרעטען און רעדט ווייטער:

— די ליעבּע, וואָס גאָט אליין האָט אין אונזער האַרץ אָנגעצונדען האָט מיר אַלס אַ פאַקעל אין מיין לאַנגען וועג געדינט, האָט ערנערט מיין מוט. לענגער פאַר אַלע האָב איך אַלדעס שלעכטס אויסגעהאַלטען. אומעטום. און שטענדיג האָב איך דיינע גוטע אויגען געזעהן און דיין שטימע געהערט. פון טורמע צו פעסטונג בּין איך געשליידערט געוואָרען פון פעסטונג צום ווייטען צפון נאָר קיין זאַך האָט מיך נישט אָבּגעשראָקען. אומעטום בּיזטו געווען מיין מלאך, צו דיר האָב איך גערופען. שפּעטער ווען דער קאַמף האָט אויפגעהערט צובּרענען און מיינע בּיינער, האָב איך געוואָלט אומקערין צו אונזער פערכשופ'טען פּאַלאַץ. ווייל נישט דיך, מיין ליעבּע, האָב איך פערלאָזט, נאָר אונזער פּאַלאַץ דעם פערכשופ'טען. אָבּער געזעהן האָב איך, אַז איך בּין אָרעם. מיין האַרץ האָט דער צווייפעל אויפגעפרעסען, און דעם קערפּער האָבּען די ליידען צובּראָכען, האָב איך מיר געזאָגט

איך וועל אומקערען צו מיין ליבער אין געצעלט דאָן, ווען איך וועל ריַיך און בערוהמט ווערען אום איהם, דעם רוהם צו איהרע פיס לייגען אַלס מתנה.

— אַך — ריַיסט זיך אַרויס פון זיַין האַרץ אַקרעכץ עהנליך צו אַ וויַיה־געשריַי — שפרה, שפרה!

און שפרה איז געזעסען און האָט גאָרנישט געהערט, אויסער אַקלאַנג אין די אויערין וועלכער האָט געקלונגען אַמאָל ווי אַ פערצווייַפעלטער לעבענס־געשריַי און אַמאָל, ווי אַ וויַיטע מוזיק.

ער ריקט זיך צו נעהענטער צו איהר, נעמט איהר ארום אַזוי, אַז זיין האַנד־פלעכע דערגרייכט איהר ברוסט, און זויגט זיך איין אין איהרע ליפען.

זי וויל אָבשטויסען איהם, אויפהויבען זיך און נישט זאָגען איהם קיין וואָרט, אַוועק געהן. זי מאַכט אַבעוועגונג מיט איהרע פיס, נאָר זיי זענען, ווי געשמידט און פאָלגען נישט. אַ ליבע וואַרימקייט בעגיסט איהר קערפער און אַלייַדענשאַפטליכער שטראָם בעהערשט איהרע גלידער: מאַכטלאָז בלייבט זי ליגען אין זיינע אָרעמס, און אַליין נישט פיהלענדיג, וואָס זי טהוט, ענטפערט זי אויף זיין קוש.

אַ לייכטער שאָרך הינטער דער אַלעטאַנקע וועקט זיי אויף פון זייער לייַדענשאַפט און זיי רייסען זיך אָב. איינער פון דעם צווייטען. שפרה אום צו בעהאַלטען איהר געזיכט, וועלכעס איז באַגאָסען געוואָרען מיט פורפור־פאַרב, בייגט זיך איין צו פעריכטען איהר קלייד, וועלכעס האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען העכער פון די קאַמאַשען, און עס האָבען זיך אַרויס־געזעהען די דורכזיכטיגע, קאָלירטע זאָקען.

ביי איהר אין האַרצען האָט אָנגעהויבען רעדען דאָס געוויסענביסע. נאָר עפיס אַנדערשס, רייזיגעס נישט עהנליך אויף געוויסענביסע, פריַיליכ'ס און ליבעס, ווי אין אַשעהנעם מאַי־פריה־מאָרגען, האָט זיך אויפגעחאַפט באַלר און זיך בעוועגט אין איהר האַלז, האַרץ און אין גאַנצען קערפער.

אין איהרע אויגען האָט זיך אָנגעצינדען אַפייַער'ל פון אַש־קאָליר. צום האַלז האָט איהר עפיס אָנגעהויבען צוצישלאָגען פון האַרץ און עס האָט איהר אָנגעהויבען שטיקען.

זי האָט פלוצלונג אָנגעהויבען זעגענען זיך מיט מישאַ'ן, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט זיך ביי איהר געבעטען נאָך אַווילע זיין מיט איהם. „מאָרגען מאָרגען אין וואַלד. וועלען מיר זיך ווידער זעהען”—האָט זי איהם בערוהיגט. און ווען ער האָט איהר אַרומגענומען און צו זיך צוגעדרוקט, האָט זי, אָבשאַרענדיג דעם בונד האָהר פון זיין שטערין, לייַכט אַ קוש געגעבען איהם.

ער האָט דערפיהלט איהר אונרוהיגען אָטעם און האָט איהר געוואָלט צוהאַלטען נעבען זיך, נאָר זי האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהם, און

שארלענדיג מיט איהרע קליידער. איז זי מיט שמאלע טריט אוועק צו דער וועראנדע פון שטוב.

ביי נאכט איז זי רוהיג געשלאפען און אנגענעמע חלומות האבען איהר, ווי אין אגעדיכטער נעץ ארומגעוועבט.

אויף מארגען פריה, איז זי אפערחלומ'טע מיט אריינצענד שמייכעלע, ארויפגעקומען אויף די טרעפ, געעפענט די טיהר, צוגעגאנגען צו זיאמען, וועלכער איז געשטאנען און געארבייט אפייזאש, און ארויפלייגענדיג איהר האנד אויף זיין פלייצע געפרעגט: — קום געהסט אין וואלד?" אבער נישט ווארטענדיג אויף זיין ענטפער, האט זי שנעל ארויס גערעדט: „די ארבייטסט, נו ארבייט, ארבייט, איך וועל אליין געהן". זי האט שנעל זיך אבגעקעהרט און מיט שנעלע טריט פערלאזט זיין ארבייטס-צימער.

ער האט געווארפען דעם פענזעל און איז מיט לאנגזאמע טריט צוגעגאנגען צו דער טיהר, גיעפענט און איז אוועק נאך איהרע טריט, האלטענדיג זיך פון איהר פון דער וויטענס.

— זי געהט זעהען זיך מיט מישען — האט ווי עמיצער געשריגען און זיינע אויערין און האט איהם ווילד געמאכט.

א ווילע האט אין איהם אנגעהויבען רעדען דאס געוויסען. ער האט זיך דערשפירט עפעס זעהר נישט ארענטליך, די פיס האבען איהם אנגעהויבען ווי אין דער העלפט ביי די קניען צו ברעכען און שלעכט צו פאלגען. „שפיאן, שפיאן!" האט איהם געקלינגען אין די אויערין — „ווי ערלויבסטו זיך דאס?"

„מען דארף זיך אומקערין" — האט ער געטראכט, און דאך איז ער איהר נאכגעגאנגען.

און שפרה איז, ווי א פערחלומטע געגאנגען איבער'ן וועג, וועלכער האט זיך געשלענגעלט הארט ביים וואלד. נאכדעם האט זי אבגעקעהרט אויף א שמאל שטעגעל, וועלכעס האט זיך אין וואלד-אריין געצויגען.

— זי געהט צו איהר באנק — האט ער שטיל א זאג געטהון — און געטראכט זיך ווייטער — דאס ארט איז ווי פון דער נאטור אליין בעשאפען געווארען, פאר ליבע-פארלעך...

— „חא, חא, חא"... האט ער שטיל אין זיך א לאך געטהון.

און די באנק, דאס איז געוועזן צוויי נידעריגע שטאמען פון אונטערגעהאקטע ביימער, וואס זענען געוועזן צוזאמענגעוואקסען אין א סגל מיט נאך איינעם א דריטען, וועלכער האט ארויפגעשטארט מיט זיינע צווייגען הויך אין הימעל, און אויף איינעם פון די צוויי שטאמען האט זיך שפרה אראבגעלאזט. זי האט אנגעשפארט די פלייצעס אן בוים און, בלאנדזשענדיג מיט די אויגען געקוקט אין דער וואלד-טונקעלהייט ארום זיך.

זיאמע האט זיך בעהאלטען פון ווייטען הינטער א בוים, און האט מיט

זוילדע אויגען געקוקט אויף זיין קרבן, געקוקט צו איהר. און א ווייל ארום איז געקומען מישא.

זיאמען, האט דאס בלוט אנגעהויבען אריינשלאגען אין קאפ, און ווי א ווילדער טיגער האט ער זיך געוואלטווארפען אויף ביידע, ער האט ארום געחאפט דעם בוים און זיך צוגעדרוקט מיט דער ברוסט צו איהם, שטארק פערקריצענדיג מיט די ציינער.

מישא איז געזעסען נעבען איהר און, שפילענדיג זיך מיט איהרע פינגער האט ער איהר שטיל דערציילט אלץ, וואס מיט איהם האט פאסירט פון טאג, וואס ער איז פון איהר אוועקגעגאנגען. אויפ'ן הארץ איז איהם געווען שווער, און אנ'איינגעהאלטענע זויפצונג האט זיך דארטען געצאפעלט.

— געמיינט האב איך — האט ער א געפיינינגטער נאכדענקענד א ווייל ארויסגערעדט נאכדעם, ווי ער האט זיין ערציילונג געענדיגט — אז דיין הארץ און הייסע נשמה קלאפט פאר מיר. איך האב געמיינט אז מיין פערצווייפלונג וועט געפונען א ווארעמע נעסט אין דיין הארץ, וואס וועט מיך מיט ליבע פערהילען. אבער... — האט ער שווער אבגעזיפצט און האט אראבגעלאזט דעם קאפ אויף דער ברוסט.

זי האט א ווייל גאר נישט געענטפערט. א שווערער, הארץ־רייסענדער זיפץ האט נאך זיינעם נאכגעפאלגט פון איהר טיפער ברוסט ארויס און שטיל האט זי געזאגט, כמעט מיט פערצווייפלונג, ווען טרערען האבען זיך בעשטעלט אין איהרע אויגען:

— צו שפעט, מיין ליעבער...

— שפרה'לע... — האט ער זיינע אויגען אויפגעהויבען, בליקענדיג פארשענד אויף איהר.

— איך שוואנגער... — האט זי שנעל ארויסגערעדט, אליין נישט מערקענדיג, ווי פון א שרעק ארומגענומען — און איך וויל מיין קינד אפא־טער געבען... — דא האט איהר שטימע געציטערט און ווי אימגעריבט זיך צובראכען, און אבגעהאקט געווארען, אליין בעגיסענדיג זיך מיט טרערען.

ער האט זיך אראבגעלאזט אויף די קניה, ארום געחאפט איהרע פיס. זיי אנגעהויבען קושען. און בעהאלטענדיג זיין געזיכט באלד אין די הענד געבליבען זיצען א פערשטיינערטער.

שפרה האט אויטאמאטיש ארויפגעלייגט איהרע הענד אויף זיין קאפ, האט איהם געגלעט און צוגעצויגען צו זיך. אין איהרע שטארע אויגען האט זיך א גרויסע פינסטערניש, ווי די פינסטערקייט פון א תהום, דעמאלט אבגעשפיגעלט.

זיאמע האט געוואלט חאפען אשטיין און ווארפען אין זיי ביידען. איהם האט אנגעהויבען שווינדלען אין קאפ און אשרעקליכען איבעל האט ער באלד צו זיך אליין דערפיהלט.

— חא, חא, חא! — האט ער זיך ווילד צולאכט, און איז ווי א שכור'ער, וואקלענדיג זיך, אוועק טיעפער אין וואלד.

חא, חא, חא! האט זיך דאס געלעכטער ווילד פון זיין הארץ געריסען, און געקייקעלט זיך ערגעץ אין דער ווייטקייט פארוים... וואו עס איז פערשווינדען געווארען...

V

און שטיל איז געווארען ביי זיי אין שטוב, ווי א בר־מינן וואלט דארטען געלעגען. אין איהרע שווארצע האהר האבען זיך אנגעהויבען דורכווארפען זילבער־גראהע פעדים, אויף איהר שטערין און ביי די אויגען האט וואס, ווי א קרענקליכע ווייטוג זיך אנגעהויבען צו קנייטשען און צו מארשצען.

ביז מישא איז אוועקגעפאהרען און איז ערגיץ פערלוירען געווארען. זיאמע האט אין דער שטיל גענומען דעם פענזעל אין דער האנד און געפרובט נאכאמאל פארב ארויפצווארפען אויף דעם מאהל־ברעט, אבער גאנץ אפט פלעגט ער אויף דער סאפקע זיך לייגען, און נישט קלערען מעהר וועגען קיין זאך אין דער וועלט, נאר צו בלייבען אזוי ליגען. אויף אייביג, אויף אייביג...

ב. ל. װשיטניצקי.

ה. ל. ושיטניצקי.

דער נִצָחון.

(פון קריעג)

ראָמאַן.

דער נצחון איז געווען אַ דורך-און-דורך אַ פולער . די רוסען, נישט קו־קענדיג אויף די גרעסטע מיה און מסירות נפש, זענען צום סוף געווען געצוואונ־גען אָבצולאָזען מיט די שטאַרקסטע היזקות זייערע פּאָזיציעס. זיי האָבען זיך גע־שלאָגען העלדיש, איינגעשפּאַרט פערטיידיגט זייערע ערטער—נאָר אומזיסט. דאָס פייער פון די דייטשע האַרמאַטען האָט אַלע זייערע בעמיהונגען צונישט געמאַכט און דאָרטען, וואו עס איז געקומען צו געשלעג האַנד אויף האַנד, האָבען די דייטשען אויך אַרויסגעוויזען בריה'שקייט, גבורה און פּאַטריאָטיזם, וואָס מאַכט פון יעדען איינפאַכען סאָלדאַט אַ העלד. די דייטשע שווערד האָט געהאַט אַ גרויסען איבערוואָג.

גאָר בעזונדערס האָבען זיך אויסגעצייכענט די רייטער. זיי האָבען אונאויפ־הערליך פערפאָלגט די רוסישע אָבטיילונגען, וועלכע זיי האָבען דאָ-דאָרט צעיאָגט אין אונאָרדנונג און אָנגעמאַכט גרויסע פערוויסטונגען אין זייערע רייהען. פער־שיכור'ט פון נצחון, האָבען די רייטערס בעוויזען העלדישקייטען. עס האָט פּאַסירט, אַז אַ קליינע צאָהל פון זיי האָבען אַרומגערינגעלט אַ גרויסע מענגע רוסען און זיי געצוואונגען צו לעגען דאָס געוועהר. זיי האָבען זיך געטראָגען איבער'ן שלאַכט־פעלד ווי די אָדלערס אויף זייערע מיט שוים בעדעקטע, צעבושעוועטע פערד, מיט די צעשויבערטע גזשיוועס. זיי האָבען אָנגעוואָרפען אויפ'ן פיינד אַ שרעק מיט זייער פלאַמענדיגען האַסט און אימפּעטדיגען ברען.

וואַלדעמאַר האַרוויג האָט געגעבען דעם פערד די שפּאָרען און זיך אַ לאָז־געטהון אַ גאַלאָפּ. צוזאַמען מיט איהם האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַ גאַנצע אָבטיילונג רייטערס. פון דערווייטענס האָט מען געזעהן אַ מחנה אַנטלויפענדע רוסען. מען דאַרף זיי פאַנגען, אויב ס'וועט זיך לאָזען אויב נישט—אַוועקלעגען אַלע אויפ'ן פעלד. ס'איז פאָרגעקומען אַ שיסעריי. די רוסען האָבען זיך אין אָנהויב נישט גע־לאָזט, זיי האָבען געגעבען אַ זאַלפּ. די דייטשען האָבען געענטפערט מיט פייער. ענדליך האָט זיך די פיינדליכע מחנה אונטערגעגעבען. פון די דייטשען איז סך־

הכל געפאלען איין קרבן, און דאס איז געוועזן וואלדעמאר הארוויג׳ס א יונגערער ברודער, עדמונד.

מען האט אפגעפיהרט די געפאנגענע אין זאמעלפונקט, נאר וואלדעמאר איז געבליבען בײ׳ם געפאלענעם. ער איז צוגעפאלען צו איהם, אונטערגעהויבען האסטיג זיין קאפ און איהם שארף בעטראכט. טאקי עדמונד, זיין ברודער. ער האט איהם פעסט א טרייסעל געטהון, א רייב-געטהון די שלעפען, געפרובט איהם אויפצורייסען די פערקלאפטע צייהן. עדמונד איז געווען טויט, ווי אלע טויטע. וואלדעמאר איז מיט א שטומען צער צוגעפאלען צו דער ברוסט פון געפאלענעם.

—עדמונד!—האט ער שטיל גערופען.—עדמונד!... ברודער!...

ער האט נאך פריהער געוואוסט, אז איינער א רייטער איז געפאלען, און ער האט טאקי געאהנט, אז דאס איז זיין ברודער. ער האט געזעהן, ווי ער איז אראבגעפאלען פון פערד מיט׳ן קאפ אראב, ווי אנ׳אונטערגעשאסענער פויגעל. נאר אין דער בעגייסטערונג פון געשלעג האט ער וועגען דעם עפעס איינגאנצען פערגעסען. איבער זיין קאפ זענען אויך געפלויגען קוילען! איין קויל האט איהם א הוושע-געטהון פאר׳ן סאמע אויער, ווי זי וואלט איהם וועלען זאגען א בשורה וועגען טויט. יעצט איז פאר וואלדעמאר׳ן אלעס קלאר געווארען. די בעגייסטערונג איז פארביי, און אט ליגט פאר איהם אויף דער שווארצער ערד, וואס איז בלאטיג געווארען פון דעם פייכטען,ווארעמען אפריל-וועטער, זיין טויטער ברודער. נישט ווייט פון איהם שטעהט זיין פערד, ווי א יתום. עס לאזט אראב דעם קאפ ביז צו דער ערד און שטעהט אונבעוועגליך. עס ריהרט נישט מיט קיין אויער; דורך זיין גרויסען, פעסטען, ברוינעם קערפער לויפט נישט אדורך קיין איינציגער צוק.

—עדמונד!—האט וואלדעמאר שטיל גערופען.—עדמונד!... ברודער...

דערנאך האט ער זיך גענומען זוכען די וואונד. אויף דער רעכטער פאה האט ער ענטדעקט א טראפען פערשטארט בלוט, און אז ער האט אוועקגעמאכט די האר, האט ער דערזעהן א קליין, רונדיג לעכעל. דא־ארום איז אריין די קויל און שטעקען געבליבען אין מח. דער טויט, מוז זיין, איז געקומען מאמענטאל, נאך איידער דער געפאלענער האט צייט געהאט צו דערפיהלען די געפאר. עדמונד האט ווארשיינליך נישט קיין ציטער געטהון, ער האט, מוז זיין, נישט געפיהלט קיין שמערץ, די ליפען האבען זיך איהם נישט פערקרימט. דער טויט איז געקומען אהן בלוט-פערגיסונג, מיט א גלעט, ווי ער וואלט געשוינט עדמונד׳ס שענעם, יונגען קערפער.

וואלדעמאר איז געשטאנען אויף די קניען און האט שטום בעטראכט זיין געפאלענעם ברודער. עדמונד איז געווען א הויכער יונג, מיט א שטארקער ברוסט, מיט ברייטע פלייצעס, א שלאנקער און א געשיקטער. ער איז געווען א שענער קאוואלעריסט; אן פאסעק האט געהאנגען ביי איהם א קליין שווערדעל מיט א גרינער פראנז. ער איז נאך געווען גאנץ יונג, קוים אכצעהן יאהר אלט, מיט גאנצע

פֿינף יאָהר יונגער פֿון וואַלדעמאַר׳ן. אויף דער אויבערשטער ליפּ האָבען זיך קוים וואָס אָנגעצייכענט טונקעלע וואָנסעלעך, און אַרום די באַקען און דער גאָמבע האָט געשפּראָצט דער ערשטער איידעלער, דיניקער מענער-פּוך. ער איז געווען אַ בלאָנדער, אַ שענער; ער האָט געהאַט אַ קלוגען שטערען, אַ גלייכע נאָז, בלאַס-ראָזע באַקען און פיינע, עטוואָס פֿערשפּיצטע געזיכטס-צוגען. ליגענדיג אויסגעצויגען אויף דער ערד אין זיין גאַנצער גרויס, אַ פֿערגאָסענער מיט זונען-שיין, האָט ער אויסגעזעהן, ווי אַ לעבעדיגער. וואַלדעמאַר׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיגע האַלב-פֿערמאַכטע אויגען וועלען זיך באַלד עפֿענען, אָבשטעלען זיך אויף איהם און איהם ענדליך דערקענען. אַך, דאָס איז דאָך וואַלדעמאַר, וועלכער שטעהט נעבען קערפּער פֿון זיין געפאַלענעם ברודער. אויף עדמונד׳ס באַקען איז נאָך געלעגען אַ רויטעל. ניין, ער איז גישט געשטאָרבען, נישט געשטאָרבען.

וואַלדעמאַר איז ווידער צוגעפאַלען צו זיין ברודער, אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ, צוגעטוליעט זיך צו זיין פּנים, איינגעגראָבען דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט. ער האָט זיך אַזוי פֿעסט צוגעפּרעסט צו איהם, ווי ער וואָלט וועלען איבערגיסען כאָטש אַ טייל פֿון זיין לעבען אין דעם ברודער׳ס טויטען קערפּער אַריין.

— עדמונד! — האָט ער שטיל גערופֿען. — עדמונד

אַן־אָבטיילונג אונבעוואָפֿענטע סאָלדאַטען איז פאַרביי־געגאַנגען אין דער נאָהענט. זיי האָבען אַרומגעוואַנדערט אויפ׳ן שלאַכטפֿעלד און בעגראָבען די טויטע. דאַן האָט זיך וואַלדעמאַר האַסטיג אויפגעכאַפּט. ער האָט לאַנגזאַם צוגעבונדען זיין פֿערד צום פֿערד פֿון זיין ברודער, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעווישט מיט׳ן אַרבעל פֿון זיין גרויען שינעל די טרער, די איינציגע טרער, וואָס איז געשטאַנען ביי איהם אין אויג. זיין ברודער איז דאָך געווען אַ סאָלדאַט און איז געשטאָרבען אַ העלדען-טויט אויפ׳ן פֿעלד פֿון עהרע. עס איז נישט קיין צייט אויף צו טרויערן, עס רופֿט איהם אַ גרויסע, ערהויבענע, הייליגע פֿליכט. דריי מאָל האָט זיך וואַלדעמאַר אַרויפגעכאַפּט אויף זיין פֿערד, ביז עס איז איהם קוים געלונגען צו בעזעצען זיך אין זאָטעל. ער איז לאַנגזאַם אַוועקגעריטען, אַ פֿערטראַכטער.

צומאָרגענס אין דער פֿריה האָט שוין די זיגרייכע אַרמעע אַריינמאַרשירט מיט נצחון אין די איינגענומענע שטאָט.

עס איז געווען אַ שענער, אַ ליכטיגער אַפּריל-מאָרגען. דער הימעל איז געווען בלאָה, די לופֿט פֿריש און קלאָר, די זון האָט געשיינט מיט אַ ווייכער, מילדער וואַרימקייט און זיך אָבגעשלאָגען ווי זילבער אין די אויבערשטע פֿענסטער פֿון די הויכע הייזער אין דער הויפּט-גאַס. די שטאָט איז געווען בעלעבט. די בעפֿעלקערונג האָט זיך אַרויסגעשיט אין דרויסען, אָנגעפֿולט די טראָטואַרען, פֿערנומען אַלע דורכגענג און זיך אַוועקגעשטעלט, ווי צוויי ווענד, פֿון ביידע זייטען גאַס, וואו דאָס מיליטער האָט פֿאַרביימאַרשירט. אַלע באַלקאָנען זענען גע-

ווען פול, פֿון אַלע פֿענסטער האָבען ־רויסגעקוקט קעפּ פֿון נייגיריגע. וואָרען עס איז געווען וואָס צו זעהן; דאָס ערשטע מאָל האָט זיך בעוויזען אין שטאָט דייטשיש מיליטער.

די אינפֿאַנטעריע און אַרטילעריע איז אַדורך שוין פֿאַרטאָגס, אין דער טונקעלהייט, נאָך איידער די זון איז אויפֿגעגאַנגען. אַלע הייזער זענען נאָך דאַן געווען פֿערמאַכט, נאָר די בעפֿעלקערונג איז שוין ניט געשלאָפֿען. די נייגיריגקייט איהרע איז געוואַקסען פֿון מינוט צו מינוט, אַזוי ווי די נייגיריגקייט פֿון פּובליקום אין אַ טעאַטער, אויב דער פֿאָרהאַנג הייבט זיך ניט אויף צו דער רעכטער צייט. דרויסען, אין גאַס, אויף יענער זייט פֿון די פֿערמאַכטע לעדען, איז פֿאָרגעקומען עטוואָס ווילטיגעס... ס'האָט זיך געהערט אַ רייטען, אַ פֿאָהרען, אַ לעבעדיגע בעוועגונג. שווערע וואָגענס האָבען מיט אַ קלאַפּעריי געוועלגערט איבער די שטיינער פֿון גאַס; האַרמאַטען האָבען זיך געשלעפּט לאַנגזאַם, קלימפּערנדיג מיט קייטען, קרעכצענדיג און טראַסקענדיג. עס איז געווען אַן'אינטערעסאַנטע נאַכט.

דערפֿאַר, ביי די ערשטע שטראַלען פֿון דער זון, האָט זיך די בעפֿעלקערונג, ווי אַ וואַסערפֿאַל, אַ לאָז־געטהון אין גאַס אַריין. יעצט האָבען אַדורכמאַרשירט דורך די הויפּט־גאַס די רייטער, אין זייער גאַנצען גלאַנץ און פּראַכט. עס זענען געווען די פֿערשידענאַרטיגסטע פֿאָלקען: פּרייסישע, באַיערישע, זאַקסישע, אין זייערע פֿערשידענאַרטיגע אוניפֿאָרמען. נאָר אַלע האָבען גלייך געגלאַנצט. פֿעהנער האָבען געוועהט אין דער לופֿט, די לאַנגע פּיקעס פֿון די דראַגונען האָבען געפֿינקעלט קעגען דער זון. דער צוג האָט זיך געצויגען אָהן ענדע, פֿון איין עק שטאָט ביז צום אַנדערן, לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, ווי צום טאַקט פֿון עפּעס אַ מוזיק, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט הערען. עס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ לאַנגער טייך פֿון רייטערס, וואָס כוואַליעט זיך און שלענגעלט זיך פֿון עק וועלט ביז עק וועלט, אָהן סוף און אָהן גרענעץ. און אין דעם אַלעם האָט זיך געפֿיהלט אַ הויכער, מעכטיגער שטאָלץ, אַ זיגערישער שטאָלץ. אין דעם טאַקטמעסיגען טופּען פֿון די פֿאָרדקאָוועס, אין דער רוהיגער, שטייפֿער האַלטונג פֿון די רייטער, אין די צעקעמטע און געפּוצטע גריוועס פֿון די פֿערד האָט זיך געפֿיהלט יום־טוב'דיגקייט.

וויט, אין עק שטאָט, האָט אויפֿגעשאַלט אַ טראָמפּייט:

—טראַ־טאַאַ! טראַ־טאַ־טאַ־אַ־אַ!

דער שאַל האָט זיך פֿייערליך אַדורכגעטראָגען איבער דער שטאָט, איבער דעם לאַנגען מיליטער־צוג, איבער די קעפּ פֿון דער בעפֿעלקערונג, און האָט לאַנגזאַם איינגעשטילט אין דער וואַרעמער לופֿט. דאַן האָט זיך אָבגערופֿען די טראָמפּייט פֿון אַ צווייטען פֿאָלק: טראַ־טאַ! טראַ־טאַ־טאַ! און איידער דער דאָזיגער שאַל איז פֿערשוואונדען, האָט שוין אַ דריטע טראָמפּייט שטאָלץ און טעכטיג אָבגעענטפֿערט:

—טראַ-טאַ-אַ-אַ! טראַ-טאַ-טאַ!

וואָס האָבען די מאַרשירענדע פאָלקען דורכגעשמועסט צווישען זיך פון ווייטענס איינער מיט'ן אַנדערן מיט אַ שטאָלצען זיגערישען טראָמפּייטען-שאַל.

וואַלדעמאַר הערוויג האָט זיך אויך געפונען צווישען דער דורכמאַרשירענדער קאַוואַלעריע. ער איז געזעסען אויף זיין פערד מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ. פון נעכטען אָן, אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצען פריהמאָרגען, האָט איהם נישט אָבגעלאָזט דער איינציגער טריבער געדאַנק. דאָרטען, אויפ'ן בלאָטיגען, חרוב'ען פעלד, געפינט זיך אַנ'איינזאַמער קבר, און אין איהם איז בעגראָבען זיין איינציגער, יונגערער ברודער, עדמונד. צי איז כאָטש דאָרטען פאַרהאַן עפּעס אַ סימן עפּעס אַ צייכען, אַז דאָרט איז בעגראָבען עדמונד? די זון אין הימעל שיינט גאַנץ גלייכגילטיג און בעשטראַלט אַ ליידיג, טונקעל בערגעל ערד. צי ווייסט זי, די זון אין הימעל, אַז דאָרט איז בעגראָבען עדמונד, טאַקי עדמונד, און אַז ער איז אַלט געוועזען אַכצעהן יאָהר, און אַז ער איז געוועזען אַ שענער, געשיקטער קאַוואַלעריסט? אַך, קיין שום צייכען, קיין שום זכר, בלויז אַ בריט, לעער פעלד, וואָס ציהט זיך וויט אַוועק ביז צום בלאָהען האָריזאָנט, און אין מיטען דער דאָזיגער וויסטע—אַ קליין בערגעל ערד. אַ באַציאַן שניידט אַדורך די קלאָרע לופט און בליהט דאָרטען אַריבער איבער דעם איינזאַמען קבר. דערנאָך איז ווידער לעער, אַלץ אַרום און אַרום, שטיל און שווייגענדיג. גאָרנישט, גאָרנישט דערצעהלט וועגען עדמונד'ן, וועגען זיין ברודער. ער איז געוועזען אַ הויכער יונג, אַ שלאַנקער, מיט אַ שווערדעל אָן דער זייט, מיט ברייטע פלייצעס, מיט אַ שטאַרקער ברוסט, מיט אַ פרישׁ, דעליקאַט פנים, אַ פנים פון אַ יונגעל...

און וואַלדעמאַר האָט געזעהן פאַר זיך זיין ברודער, ווי אַ לעבעדיגען, און האָט זיך דערמאָהנט אַלץ, אַלץ. ווי עדמונד איז אַריינגעטרעטען אין די אַרמעע, ווי ער איז אַוועק פון דערהיים, ווי זיי האָבען זיך דערנאָך צוזאַמענגעטראָפען אויפ'ן שלאַכט-פעלד, און ענדליך, ווי עדמונד איז אַראָבגעפאַלען פון זיין פערד, געטראָפען פון דער פיינדליכער קויל, אין מיטען דער היציגער בעגייסטערונג פונ'ם קאַמף. אַלץ אַרום און אַרום איז פערשוואונדען פאַר וואַלדעמאַר'ן. ער האָט נישט געזעהן די גאַס, דורך וועלכע ער איז פאַרבייגעריטען, די הויכע הייזער מיט די פינקעלדיגע פענסטער, די גרויסע מענשען-מאַסען, וואָס האָבען זיך אַוועקגעשטעלט פון ביידע זייטען גאַס; ער האָט נישט געהערט דאָס טופּען פון די טויזענדער פאָרקאָחעס, וואָס האָט געקלונגען, ווי דאָס ריזלען פון אַ באַרג-טייך, וואָס פליסט איבער אַ נישט-גלייך שטיינערדיג געלעגער. דער גאַנצער צוג, דער דאָזיגער גרויסאַרטיגער נצחון-מאַרש, וואָס האָט געאָטעמט מיט שטאָלץ און דערצעהלט וועגען דעם גרויסען נצחון, איז פערשוואונדען פאַר וואַלדעמאַר'ן. ער האָט נישט געפיהלט, אַז ער איז אויך דאָ, אַז ער פייערט-מיט דעם נצחון, אַז ער ווערט אויך מיטגעשלעפּט דורך דעם ריזיגען שטראָם רייטערס, אַנדערשוואו, אַנדערשוואו זענען געווען אַלע זיינע געדאַנקען און אַלע זיינע געפיהלען. צי ווייסט מען שוין אין דער

היים, צי ווייסען שוין די עלטערן און די שוועסטער הערוויג, אַז עדמונד איז געשטאָרבען אַ העלדען-טויט אויפ'ן פעלד פון עהרע? זיי וועלען זיך אפשר פרעהען... עדמונד, זייער ליבער יונגער עדמונד, איז געפאַלען אַ קרבן אויף דעם גרויסען מזבח, אויף וועלכען דאָס פאָלק איז מקריב זיינע בעסטע קינדער, כדי צו רעטען דאָס גליק און דעם כבוד פון פאָטערלאַנד. עדמונד איז ערשט אַלט געווען אַכטצעהן יאָהר... דעמזעלבען זומער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה, האָט ער געענדיגט דאָס גימנאַזיום. דאַן זענען אויפגעשטעלט געוואָרען פערשידענע פּלענער. דער פאָטער האָט זיך געוואונשען, אַז זיין יונגערער זוהן, עדמונד הערוויג, זאָל ווערען אַמאָל אַ ריכטער, פון אַלעמען געשעצט און געאַכט. די צוקונפט איז געלעגען אין דערוויטענס, ווי אַ זילבער-נעפעל, דורך וועלכען עס האָבען אַרויסגעשימערט שענע, גליקליכע אויסזיכטען. עדמונד איז געווען אַ פרעהליכער, אַ ליבער, אַ פרישער און אַ זאַפטיגער. ער איז געווען דער ליבלינג פון דער מוטער און פון דער שוועסטער הערוויג; ער, עדמונד,—און נישט וואַלדעמאַר, וועלכער האָט שוין וועניגער געגלויבט, מעהר געטראַכט און האָט געהאַט אַ שטילען, אומעטיגען כאַראַקטער פון אַ גריבלער.

דאַן איז אויסגעבראָכען דער קריג. אַ בערוישונג האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. עס האָט אויסגעשלאָגען די גרויסע, פייערליכע שעה! דאָס פאָלק האָט פערגעסען אויף אַ ווײַלע אַן זיין אַלטעגליך לעבען, זיינע היזער, זיינע הייבער און טעכטער, און האָט נאָר געדענקט וועגען דעם פאָטערלאַנד! די פלאַקאַטען אין אַלע גאַסען-עקען, די צייטונגען, די פּאַסטאָרען אין די קירכען, די לעהרער אין די שולען, די פאָלקס-רעדנער,—אַלץ האָט גערופען צום גרויסען קאַמף פאַר'ן פאָטערלאַנד. אַ פלאַם האָט אַרומגעכאַפּט די הערצער פון פאָלק. עס זענען בעדראָהט דייטשלאַנד'ס שטאָלצע שטעט, דייטשלאַנד'ס פעסטונגען, דייטשלאַנד'ס רוהם און עהרע, די פעלדער און לאָנקעס, די גערטנער, די שענע טייכען, די בערג און טאָלען פונ'ם הייליגען געבורטס-לאַנד. פון מזרח רוקט זיך אָן דער קאַלטער רוס און הייבט-אויף זיין שווערע, פראָסטיגע לאַפע איבער'ן פאָטערלאַנד; פון מערב פינקעלט בלאַנק די שווערד פונ'ם פראַנצויז; און פון יענער זייט ים פון דער אינזעל-מדינה, בעדראָהט דער כמורנער ענגלענדער דייטשלאַנד'ס מאַרינע, דייטשלאַנד'ס האַנדעל, דייטשלאַנד'ס גרויסע שיפען, און די וויטע נחלאות אין אַזיע און אַפריקאַ.

אין יענער צייט, אין איינער פון יענע נעכט, איז עדמונד אַהיימגעקומען פון נאַכט און האָט מיט אַ פייערליכען טאָן ערקלערט די עלטערן און דער שוועסטער הערוויג, אַז ער האָט בעשלאָסען מיטצוגעהן אין קריג און אַז ער האָט זיך שוין פערשריבען אַלס פרייוויליגער. דאָס האָט אַרויסגערופען אין דער היים אַ גאַנצע מהומה. ווי, וואַלדעמאַר אין קריעג, און ער, עדמונד, אויך? בײדע זיהן מיט אַמאָל אין פייער אַריין? דער פאָטער האָט פערקנײטשט דעם שטערען און

אויף א שען פערד, אינ׳ם גלאנץ פון נייעם געווער, פון וועלכען ס׳האט אראבגעשטראלט קאמפס-לוסט און דורשט צו זיג. דארטען, פאר׳ן הויז, זענען דריי מענשען געשטאנען און מיט פערוויינטע אויגען נאכגעקוקט, ווי עדמונד איז געשווינד אוועקגעריטען פון זיי. ער איז שוין פערשוואונדען אין דער ווייטקייט און דריי מענשען שטעהען נאך דארטען, פאר׳ן הויז, און קוקען, קוקען מיט א שטומען ווייטאג. זיי זעהען נאך, דאכט זיך, עפעס א טונקעלען פלעק, גאנץ ווייט. דערנאך פערשווינדט אלץ. נאר זיי שטעהען נאך דארטען, דער פאטער, די מוטער און די שוועסטער העדוויג, ווי צוגענאגעלט צום ארט, ווי ארומגענומען פון עפעס א פיינליכען חלום. די ווייטקייט, די פרעמדע, אונבעקאנטע, פיינדליכע ווייטקייט, האט איינגעשלונגען זייער עדמונד׳ן. צי וועט זי איהם נאך אמאל צוריקגעבען? דא האט זיך וואלדעמאר צווישען די רייטערס ווי א שאקעל געגעבען אויף דעם פערד: ניין, ניין, קיינמאל נישט! ער וויסט שוין דאס אויף געוויס... דארטען, אויף דעם וויסטען פעלד, ליגט ער אונטער א בערגעל ערד. די זון שיינט אראב גאנץ גלייכגילטיג פון דעם העלען בלאהען פריהלינגס-הימעל; א באציאן פליהט דארטען אריבער איבער דעם איינזאמען קבר...

און אזא טיפער, טעמפער שמערץ האט ארומגעהאפט וואלדעמאר׳ן און איהם פערקלעמט ביים הארץ, אז ער האט קראמפהאפט און מיט זיין גאנצער קראפט א רייב געטהון דאס פערד מיט די שפארען. דאס פערד האט א ציטער געטהון, העפטיג א ווארף געטהון מיט׳ן קאפ, זיך ווילד א שטעל געטהון אויף די הינטערשטע פיס און שיער נישט אראבגעווארפען וואלדעמאר׳ן אויף דער ערד אראב. דאן איז וואלדעמאר אויפגעקומען פון זיינע טראכטונגען. רעכטס פון איהם איז געגאנגען דאס פערד פון זיין געפאלענעם ברודער, מיט א לעדיג זאטעל. לינקס אין דערזעלבער רייהע, זענען געריטען נאך פיער רייטערס, און פון פארענט און פון הינטען—אן׳אונענדליכער שטראם רייטערס, צו זעקס אין א רייהע. די געשפאנען פון די פערד, די שפיצען פון די ביקסען, די לאנגע פיקעס, די היטלען פון די סאלדאטען—אלץ האט געפינקעלט אין דער זון, אלץ האט זיך געבאדען אין א ים פון שטראלען. די לופט איז געווען אדורכגעזאפט מיט א וואונדערבארער מארגען-פרישקייט, דער הימעל איז געווען וואונדערליך ריין און קלאר. וואלדעמאר האט זיך גלייכגעזעצט אין זאטעל און זיך פעסטער אנגעהאלטען אן דער צוים פון זיין פערד. דער בייזער קאשמאר, אין וועלכען ער האט זיך פערפלאנטערט פון נעכטען אן, האט איהם אבגעלאזט אויף א ווילע. ער האט טיף געאטעמט. ער האט זיך איינגעהארכט מיט פערגניגען אין דעם איינטעניגען קלאפען פון די טויזענדער פערקאפעס אין די צריקגעהאלטענע שושקעריי פון די גרויסע מענשענמאסען אויף די טראטואַרען. ער האט געפיהלט אויף זיין פנים דעם ווייכען, ווארעמען שטראל פון דער פריהלינגס-זון, און דאס האט איהם געלעט, געמאכט איהם פערגעסען אלע ווייטאגען, איהם ווי פער׳שכור׳ט.

דער סאלדאט, וואס איז געריטען לינקס נעבען וואלדעמאר׳ן, האט זיך

ייגען, צוצודריקען צום הארצען איהר זוהן, מיטגעבען איהם די ווארעמע מוטערליכע ברכה אויף זיין געפערליכען וועג, — האט זיך שוין עדמונד צוריק ארויסגעריסען פון איהרע ארעמס און איז צוגעפאלען צום פאטער. דער אלטער האט זיך שוין געהאט צוגעוואוינט אביסעל צום געדאנק, אז ביידע זיינע זיהן געהען אין קריג. טיף אין הארצען האט איהם נאך גענאגט עפעס א ביטערער, טעמפער שמערץ, און ארום די ליפען און די גראהע וואנסעס איז נאך געלעגען א פערדרוס; — נאר דער וואלקען איז איהם אראב פונ'ם שטערן, און פון די עטוואס פערכמורעטע אויגען האט ארויסגעקוקט א שטאלץ. וואס פאר א שענער יונג איז עדמונד, וואס פאר א גוטער סאלדאט וועט ער זיין! דאס פאטערלאנד איז דאך אייגענטליך דאס ערשטע, דאס העכסטע, און דער ליבע צום פאטערלאנד דארפען שמעלצען אלע אנדערע געפיהלען. און דער אלטער האט פעסט צוגעדריקט דעם זוהן צו זיין ברוסט, צוגעפרעסט א פאטערליכען קוש אויף זיין שטערן און איהם באלד צוריק ארויסגעלאזט פון די ארעמס. דאס געזעגענען זיך מיט דער שוועסטער איז געווען אביסעל שווערער. הערווינג איז געווען, ווי משוגע פאר איבערראשונג און פאר ענטציקונג. זי איז צוגעשפרונגען פון עדמונד'ן צום פערד און פון פערד צוריק צו עדמונד'ן, בעוואונדערט דאס זאטעל, די צוים, די געלע רינגען, דאס גאנצע געשפאן און דאס גאנצע פערד מיט זיין שטאלצען קאפ, קלוגע אויגען, שענער גזשיזע און דעם טונקעל־ברוינעם, גלאנציגען קערפער. אך, אויף דעם פערד וועט עדמונד רייטען, ווען ער וועט זיך שלאגען מיט די רוסען! דאס וועט זיין שען! און ווי שען עס איז, צו טראגען אן דער זייט אזא קליין שווערדעל מיט א גרינער פראנז! ווער האט איהם אנגעמאכט די פראנז? און צי וועט זיך עדמונד שלאגען אויך מיט די פראנצויזען? אך, די פראנצויזען, די שלעכטע! יא, זי ווייסט, דער לעהרער האט דערצעהלט, די פראנצויזען ווילען צונעמען דעם שענעם, ליבען רהיין מיט זיינע וויינגערטנער און מיט דעם בארג, אויף וועלכען עס וואוינט די וואונדערבארע לארעליי! און מיט די סערבען וועט זיך עדמונד אויך שלאגען? אך, דאס איז אזוי ווייט! די סערבען וואוינען אויף יענער זייט דונאי, זיי האבען קליינע שטעטלעך און אסך סטאדעס אויף די לאנקעס. יא, זי ווייסט אלץ, זי האט שוין געלערנט געאגראפיע! און אז עדמונד האט זי שוין צום סוף געהאלטען אין זיינע ארעמס, געקושט איהר די אויגען, געגלעט די לאנגע, בלאנדע לאקען, האט נאך אלץ די קליינע נישט אויפגעהערט צו פלוידערן. צי איז דער קריג ווייט, און ווי לאנג וועט זיך עדמונד זוימען? און צי וועט ער געהן צוזאמען מיט וואלדעמאר'ן? און צי וועט ער דארטען אויך האבען אלע טאג קאווע מיט שמאנט? אך, זאל ער זי האטש מיטנעהמען אביסעל אויף זיין פערד, זי וועט נישט קיין מורא האבען, זי וועט זיך אנהאלטען אן זאטעל! און די קליינע האט זיך ענדליך הארציג צעשלוכצט און איז מיט א טיפען טרויער צוגעפאלען צו דער מוטער.

נאך דעם איז שוין עדמונד געזעסען אין זאטעל, א שענער קאוואלעריסט

איז געבליבען זיצען, א שווייגענדיגער, אין זיין פאטעל. א וואלקען האט זיך אויהם געלעגט אויפ'ן פנים און דער בליק זיינער האט זיך פערפינסטערט. די מוטער האט זיך צעוויינט, פערבראכען די הענד; זי וויל נישט, זי וויל נישט, גענוג איז וואלדעמאר, ער איז דאך א סאלדאט, ער וועט קעמפען פארביידען, פאר צעהן, פאר הונדערט, ער איז א טאפפערער, ער וועט זיין אין קריג, און עדמונד מוז בלייבען ביי איהר! נאר עדמונד איז געבליבען פעסט ביי זיין בעשלוס. וואס? ער וועט בלייבען דא אינדערהיים מיט די ווייבער און די זויג-קינדער? דאס וועט זיין שען, זעהר שען, פאר אזא יונגען, שטארקען מאן, ווי ער איז! ער וועט זיך דא ווארעמען מיט די אלטע און פלוידערן מיט די מוהמעס, אין דער צייט וואס דארטען, אויף די וויטע פעלדער, וועט זיך אבשפילען דער גורל פונ'ם פאטער-לאנד? חא-חא-חא! עדמונד האט זיך אויסגעלאכט פון דעם שטומען פראטעסט פון זיין פאטער און פונ'ם שלוכצען פון דער מוטער. ער איז נישט ערגער פון וואלדעמאר'ן; די פאר יאהר, מיט וועלכע ער איז יונגער פון איהם, דאס איז א קלייניגקייט, א נארישקייט, ער שפייט דערויף! און די שוועסטער העדוויג, א צוועלפיעהריג מיידעל, וועלכע האט דאס אלץ נישט גענוי פערשטאנען, האט גע-פאטשט אין די הענד אריין און גערופען מיט פרייד:

—אך, עדמונד א סאלדאט! א סאלדאט!

דערנאך, אז עדמונד האט דערצעהלט, אז מען האט איהם פערערכענט צווישען די קאוואלעריסטען און אז ער וועט בעקומען א פערד, אויף וועלכען ער וועט פליהען, ווי א פייל פון א בויגען, איז העדוויג'ס ענטציקונג נאך גרעסער גע-ווארען. זי האט געלאכט, געווארפען זיך איהם אויפ'ן האלז און גערופען:

—הערגאט! עדמונד א קאוואלעריסט, א קאוואלעריסט!

און ווענדענדיג זיך צו דער מוטער, האט זי צוגעגעבען:

—וואס וויינסטו דען, מוטער? ווערסט זעהן, וואס פאר א שענער קאווא-לעריסט עדמונד וועט זיין, ווען ער וועט אוועקרייטען אין קריג! ס'איז וואהר, עדמונד, דו וועסט געהן אין קריג?

די מוטער האט זיך נאך שטארקער צעשלוכצט און דעם פאטער האבען זיך די ברעמען נאך פינסטערער און שווערער אראבגעלאזט איבער די אויגען. וואלדעמאר, וועלכער איז יענץ מאל אהיימגעקומען, כדי זיך צו געזעגענען פאר'ן אוועקגעהן אין קריג, האט בייגעוואוינט די גאנצע סצענע און זיך נישט אנגערו-פען קיין ווארט.

אין צוויי טעג ארום איז שוין עדמונד אויך אין דער פולער אוניפארם צו-געריטען צום הויז פון זיינע עלטערן. ער איז געשיקט אראבגעשפרונגען פון פערד און אנגעקלאפט אין פענסטער. אריינגעהן אין שטוב האט ער שוין נישט געוואלט, און דאס געזעגנען איז פארגעקומען אין גאס, פאר'ן טויער פון הויז, אונטער'ן פרייען הימעל, אהן איבעריגע צערעמאניעס. צוערשט איז עדמונד צוגעפאלען צו דער מוטער, און איידער נאך די ארעמע פרוי האט צייט געהאט זיך צו בע-

פלוצלונג אָנגערופען:

— אַ שענע שטאָט, שענע הייזער... איך וואָלט דאָס קיינמאָל נישט געגלויבט.

און אַז וואַלדעמאַר האָט איהם גאָרנישט געענטפערט, האָט ער זיך געווענדעט צו זיין שכן פון יענער זייט:

— מיר וועלען דאָך דאָ ערגעץ קריגען פּאַפּיראָסען אין אַ געוועלב, וואָס?

— אָבער נישט אין מיטען מאַרש! — האָט יענער קורץ געענטפערט.

פלוצלונג האָט אויפגעשאַלט די טראָמפּייט: טראַ-טאַ! טראַ-טאַ-טאַ-אַ-אַ!

אַך, דאָס איז געווען דער נצחון-קלאַנג! די דאָזיגע קלאַנגען, אַדורכגעבלאָזען דורך די גרויסע געלבע רעהר, אויס אַ שטאַרקער ברוסט פון אַ מוטיגען גבור, האָבען אַזוי הויך און אַזוי שטאָלץ דערצעהלט וועגען דעם גרויסען נצחון! וואַלדעמאַר האָט ווידער אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און די צוים אין זיינע הענד אַביסעל שלאַפער געהאַלטען. אַך, דער גרויסער נצחון, וועלכען עס האָבען פערשאַפט דעם פאָטערלאַנד זיינע העלדישע קינדער, מיט'ן פּרייז פון זייער בלוט, מיט'ן פּרייז פון זייער לעבען! קיינמאָל, קיינמאָל וועט זיי דאָס פאָטערלאַנד נישט פערגעסען. דאָס פאָלק וועט אויסוועבען אַנ'אונענדליך גרויסע נעץ פון ליבע, פירכט פון עהרע, פון בעוואונדערונג אַרום יענע איינזאַמע קברים, דאָרטען אויף די וויסטע, לערע פעלדער. אין די ווייטע ווייטע דורות, וועלכע פערלירען זיך אינ'ם נעבעל פון דער צוקונפט, וועלען נאָך לייכטען ווי שטערען די נעמען פון די העלדען. דאָס רוהיגע, בליהענדע, גליקליכע פאָטערלאַנד וועט זיין פאַר זיי אַנ'אייביגע מצבה. וואָרן אויף זייערע קברים האָט אויפגעבליהט דאָס גליק פונ'ם פאָטערלאַנד, און זייער בלוט איז געווען דער באַלזאַם וועלכער האָט געזאַלבט דאָס פאָטערלאַנד צו כבוד און צו רוהם! די געשיכטע וועט דערצעהלען די גרויסע וואונדער פון די געפאַלענע העלדען. דער שונא האָט געפאָלט זיין שווערד קעגען דעם פאָטערלאַנד, נאָר די שווערד איז צעבראָכען געוואָרען אָן דער ברוסט פון די יונגע גבורים. דאָס פאָלק וועט זיי איינפאַסען אין זיינע לעגענדען, ווי מען פאַסט-איין פּערלען און בריליאַנטען אין אַ קרוין. די מאַמעס וועלען איינשלעפען זייערע קינדער, אַראָבבויגען זיך איבער די וויגען און זינגען זיי אַ ליד פון יענע יונגע, שלאַנקע, שענע, שטאָלצע און מוטיגע. געוועזען אַמאָל, מיט יאָרען, יאָרען צוריק, איינער אַ סאָלדאַט, מיט'ן נאָמען עדמונד... ער איז געווען אַ יונגער, אַ גאַנץ יונגער. דאָס פּנים איז געווען פיין און פריש, ווי אַ מאָרגען-בלום. נאָר אין זיינע רוהיגע אויגען האָט געברענט דאָס הייליגע פייער פון פאָטערלאַנדס-ליבע, און אין זיינע אָדערן האָט געפלאָסען דאָס העלדען-בלוט פון די אַמאָליגע ריטער. ער איז געווען אַ פרעכטיגער קאַוואַלעריסט; ער האָט זיך געטראָגען, ווי בעפליגעלט, איבער די שלאַכט פעלדער. דאַן איז ער געפאַלען. אַ קליינע קויל האָט איהם אַדורכגעלעכערט דעם מוח. זיין קבר געפינט זיך אינ'ם פינדליכען לאַנד, אויף אַ גרויס, לעער פעלד. אַנ'אייביגע, פייערליכע

שטילקייט הערשט דארטען, ארום און ארום. די הימעל קוקט אראב, שטילשוויגענדיג, מיט זיין טיפער, אונענדליכער בלאהקייט. א באציאן פליהט דארטען פארביי, ווי א שווארצע פייל...

וואלדעמאר האט אויפגעהויבען דעם קאפ. און די זון אין הימעל, וועלכע האט זיך געשפיגעלט אין די פענסטער פון די הויכע הייזער און זיך אבגעשלאגען מיט טויזענדער שטראלען ארום און ארום, אין די שפיצען פון די ביקסען, אין די פיקעס, אין די געשפאנען פון די פערד, האט איהם מיט אמאל אויפגעוועקט פון זיין פערטראכטקייט און געמאכט צו-נישט אלע זיינע פרעכטיגע פאנטאזיעס. וואלדעמאר האט פלוצלונג דערפיהלט, אז דאס אלץ, פון וואס ער האט יעצט געטראכט, איז נאר שטויב און גארנישט, די געשיכטע, די צוקונפט, דער רוהם — ווי בלאס איז דאס אלץ אקעגען אט דער גרויסער זון, וואס לייכט אזוי הערליך, וואס גלעט אזוי ליבליך און שיקט אזיינע ליבע פריהלינגס-גרוסען. זי קוקט אראב פונ'ם אונענדליכען הימעל און לאכט פון דעם קליינעם מענשען, וואס וויל גענארען זיך אליין מיט ווערטער, מיט שאטענס, מיט שטויב-בילדער. אט איז די קלארע לופט, וואס דו אטעמסט איין, דאס געפיהל, וואס רעגט זיך ביי דיר אין הארצען, און דאס בלוט, וואס לויפט אין דיינע אדערן, צעשפילענדיג זיך וועגען דער ארוימיגער שענקייט. נארישער מענש! וואס רעדסטו דיר איין א לופט-שלאס, אין וועלכען דו בעהאלטס דיך אליין... אין דער אייביגקייט... אין דער אונפערגעסענהייט... און א גרויסער, טיפבעגגליכער וויטאג האט גענומען זייגען זיין הארץ.

און וואלדעמאר איז אריינגעפאלען אין א טיפען טרויער. ער האט פלוצלונג דערפיהלט, אז זיין גאנצע פריהערדיגע בעגייסטערונג, זיין גאנץ פייער פון אמאל ווערט אויסגעלאשען ביז צום לעצטען פונק. עס בלייבט גארנישט — אחוץ אש און שטויב. עס בלייבט נאר אנ'איינזאמער קבר, אט דער איינציג-ווירקליכער פאקט מיט זיין אונענדליכען טרויער. אלדאס איבריגע האט קיין ווערטה נישט: א מיאוס'ער קינדישער טעות. און וואלדעמאר האט געפיהלט א פערדרוס טיף, טיף אין דער נשמה. ער האט שוין נישט געפונען קיין טרייסט, ער איז געווען אין פערצווייפלונג. אט דער גאנצער טריאומף-מארש, דער גרויסער נצחון, דער דאזיגער גאנצער גלאנץ, די טראמפייט מיט איהר פייערליכען זיג-שאל איז דאך נאר איינענטליך גארנישט. אך, ניין, ניין! נישטא די טראמפייט, וואס זאל איבערשרייען יענץ שטילע קבר. און קיין שום גלאנץ קען נישט אזוי דערפרעהען, קען נישט אזוי רעדען צום הארץ, ווי די זון דארטען אויבען רעדט אראב מיט אזא הייטערע, מילדע שפראך. און וואלדעמאר פיהלט עס, ווי זי רעדט אזוי איינפאך און אזוי קלאר צו דעם מענשען'ס ארעמען פערשטאנד.

ער האט זיך פריינגעגעבען זיינע טריבע געדאנקען, ווי א טרענקענדער, וואס ראנגעלט זיך שוין א צייט לאנג מיט די כוואליעס, גיט זיך אהן כח איבער, א מידער און א פערצווייפעלטער, דעם פרייען לויף פון שטראם. ער האט וואס ווייטער אלץ פעסימיסטישער געטראכט; נאך וואס טויג אט דער גאנצער נצחון?

הערשאַפט איבער לענדער, איבער פעלקער? צי וואָלט עס אַלץ חאָטש געקענט
מאַכען דערפרעהען אויף איין מינוט די קליינע, אָרעמע העדוויג. אַך, העדוויג,
העדוויג!..

דער פאָטער דאָרטען, אינדערהיים, וועט אָנטהון די ברילל, אַוועקזעצען
זיך אין זיין פאָטעל און נעמען לייענען די צייטונג. ווידער אַ נצחון פון דער דיי-
טשער שווערד: די רוסען צעשלאָגען! דאָס איז פראַכטפול! נאָר צופעליג וועט זיין
בליק פאַלען אויף דעם לאַנגען צעטעל פון די געפאַלענע, דאַן וועט אַזאַ שרעק-
ליכער שמערץ איהם אַ שטאָך-טהון ביים האַרצען, און די צייטונג וועט איהם
אַרויספאַלען פון האַנד. ער וועט אַרומלויפען איבער דער שטוב, ווי אַ פערטויב-
טער, ער וועט זיך ווידער האַפּען פאַר דער צייטונג. איז עס וואָהר, טאַקי עדמונד
האַרוויג? און ווי געשווינד וועט ער דאַן פערגעסען אָן דעם גרויסען נצחון! דאָס
איינציג-ווירקליכע איז דאָך נאָר אייגענטליך אָט דער קליינער פאַקט: עדמונד
האַרוויג איז געפאַלען, געטראָפען פון אַ קויל אין קאָפּ; אַלדאָס איבריגע איז נישט
מעהר, ווי זייטיגס. וואָס געהט אָן דער גרויסער טריאומף-מאַרש דעם אונגליק-
ליכען פאָטער? וואָס געהט איהם אָן די דאָזיגע איינגענומענע שטאָט, די פרעמדע
מיט איהר פרעמדער בעפעלקערונג, מיט איהרע הויכע, פרעמדע מויערן? און
די מוטער... אַך, ערגעץ ווייט פון איהר, אויף אַ פּוסטען פעלד, האָט זיך אויסגע-
שטרעקט אַ האַנד אומצוברענגען איהר זוהן, און זי האָט נישט געקענט אָבשטע-
לען די דאָזיגע בלוטיגע האַנד. און זי האָט נישט געקענט פערשטעלען איהר
זוהן מיט איהר מוטערליכער ברוסט. און די שוועסטער העדוויג, די קליינע, די
אָרימע, ווי זי האָט זיך געפרעהט, אַז עדמונד וועט זיין אַ שענער קאַוואַלעריסט!
זי האָט געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ שפּילעכעל, שלאָגען זיך מיט די רוסען
און מיט די שלעכטע פראַנצויזען. עדמונד וועט אַרומרייטען אויף זיין שטאָלצען
פערד און וועט פאָכען מיט'ן שווערדעל מיט דער גרינער פראַנז... אַך זי וועט
הערען... און וועט זיך רייסען די האָר, זי וועט לויפען, ווי אַ משוגע'נע, זי וועט
לאַכען און וויינען. זי וועט דאָס נישט בעגרייפען... זי וועט זיך וואַרפען אויפ'ן
פאָטער און בעטען ביי איהם אַן ערקלערונג. צי איז שוין עדמונד דאָרטען געבלי-
בען אויף שטענדיג? און קיינמאָל, קיינמאָל וועט ער שון נישט קומען אַהיים?
און נאָך דעם קריג וועט ער אויך שוין נישט קומען אַהיים? און אַז ער וועט זיך
שוין האָבען געשלאָגען מיט די רוסען און מיט די סערבען, וועט ער אויך שוין
נישט קומען אַהיים? ווי אַזוי דען? ניין, דאָס איז נישט מעגליך! זי האָט אַליין
געלעזען, און דער לעהרער האָט דערצעהלט אין דער שולע, אַז די דייטשע
זיגען, אַז די דייטשע סאָלדאַטען זענען העלדען! וואָס וועט די דאָזיגע קליינע
פערשטעהן פון דעם גרויסען נצחון! וואָס איז אָט דער גאַנצער טריאומף-מאַרש,
און דער זיגערישער טראָמפּייטען-שאַל?

דאַן האָט וואַלדעמאַר שוין אָנגעהויבען אינגאַנצען צו צווייפלען. צום ער-
שטען האָט ער געקלערט וועגען דעם זיג און וועגען דעם ברודערס פאַלען, ווע-

געגן דעם ווערטה פון זיי בידע, און דערגאָן — וואָס וועט זיין, אז דער זיג וועט נאָך נישט קענען זיין איינגעהאַלטען אויך? ווער ווייס, צי אין יעצטיגען מאָמענט, ווען דאָ ווערט געפייערט דער נצחון, צי ווערען נישט אָנגעזאַמעלט ערגעץ אין שונא'ס לאַגער גרויסע קופּעס אייזען און פּולווער? אייזען און פּולווער טהוען זיך זייערס. זיי ווייסען נישט פון שונאים און ווייסען נישט פון פריינד, נאָר וועו עס גרייט זיי אָן — דעם געהאָרכען זיי. דאָס אומזיסט פערגאָסענע בלוט וועט אַפילו נישט דעם ציל דערגרייכען, און ווער ווייסט צי קענען זיי נישט נאָך איננאַנצען צעשלאָגען ווערען. ביי דעם דאָזיגען געדאַנק איז אַ קעלט אַדורכגעלאָפען איבער וואַלדעמאַר'ס רוקען, און די האָר זענען איהם האַרט געוואָרען אויפ'ן קאָפּ. דער אייגענער האַרמאַט, וואָס האָט צעשלאָגען דעם שונא, וואָלט אויך געקאָנט צע־שלאָגען זיי אַליין, זייענדיג אין דער האַנד פון'ם שונא. אַך, וואָס איז דאָס פאַר אַ כישוף־ראָד, וואָס איז דאָס פאַר אַ שדים־טאַנץ, וואָס איז דאָס פאַר אַ נאַריש, לע־כערליך שפּיל? דער נצחון איז אַזוי גאָרנישט מיט גאָרנישט, דער נצחון איז נאָר ביי דעם וואָס האָט אייזען און קיינער קאָן דאָך נישט שליכען קיין בונד מיט'ן אייזען, אַז אויב עס האָט איהם היינט געדיענט, זאָל עס נישט מאָרגען דיענען אַ צווייטען.

דאָס איז געוועזן אַזוי איינפאַך און אַזוי זעלבסטפערשטענדליך, אַז וואַלדע־מאַר האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי ער האָט דאָס ביז היינט נישט בעגריפען. ער איז פריהער געוועזן פערבלענדעט, אַנדערש קען נישט זיין. און די אַלע טויזענדער רייטערס, וואָס האַלטען זיך אַזוי פייערליך און וואָס זענען אַזוי בערוישט פון'ם גרויסען נצחון, זיי פערשטעהען דאָס גאָר נישט, אָדער אפשר ווילען זיי דאָס נישט פערשטעהן? וואָס אַהנען זיי וועגען דעם, וואָס דער נצחון איז? אויב עס איז בכלל מעגליך אַ נצחון פון איין מענש איבער'ן אַנדערען, פון איין פאָלק איבער'ן צווייטען, דאַן פערליערט שוין דעריבער דער נצחון זיין גאַנצען ווערטה. דען נישט די מענשען האָבען זיך געגרייסט, ניין, ניין! נישט אין זייער בריה'־שקייט ליגט עס. וואָרן דער היינטיגער בעזיגטער קען מאָרגען ווערען זיגער, און אויב נישט מאָרגען, קען ער ווען עס איז, אין דער צוקונפט, בעקומען די מיט־לען צום זיג. דער גרויסער נצחון איז נישט מעהר, ווי עפּעס דערוויילינגעס, דאָס אויפפלאַקערן פון אַ פלאַם, וועלכע מוז סוף־כל־סוף פערלאָשען ווערען. דאָס בעדראָהטע פאָטערלאַנד! דייטשלאַנד'ס גערטנער, דייטשלאַנד'ס פעלדער און לאָנקעס, דייטשלאַנד'ס שטאָלצע שטעדט, — ווער וועט אייך דעמאָלט רעטען, ווען דער צווייטער וועט פערמאָגען מעהר אייזען? גרויסער גאָט! און אָט אי־בער דעם שלאָגט מען זיך טאַקי, כדי נישט צו דערלאָזען דעם צווייטען די מעג־ליכקייט פון בעקומען ווען עס איז מעהר אייזען? וואָס פאַר אַ כישוף־רעדעל איז דאָס? און ווי קליינליך, ווי נישטיג, ווי קאָנקורענץ־פחדנות'דיג האָט איהם ערשט די גאַנצע וועלט אויסגעזעהן. אָט דאָרט וואו זיין ברודער ליגט, אין יענער שטילקייט ליגט מעהר זינען בעהאַלטען, מעהר ערנסטעס און וועלט־ממשות'דיגס

אײדער דאָ אין דעם שיכּור׳ן רויש און גראַנץ, אַ קינדער-שפּיל, אַ קאָפּ-פערדרעהעניש, אַ קאָפּ-שווינדעל און אויגען-פערבלענדונג פון איינעם מיט דעם צווייטען און מעהר גאָרנישט. אָ, רוס, ענגלענדער, פראַנצויז, צי האָט דען אונזער אָרימע קליינע העדוויג אייך עפּעס שלעכטס געטהון? אָדער האָט זי דען געוואָלט אייך עפּעס שלעכטס טהון פון איהר איינענער איניציאַטיווע? פאַרוואָס זאָל זי זיך איצטער וואַרפען צום פאָטער נאָך ערקלערונגען, צי וועט איהר עדמונד שוין קיינמאָל, קיינמאָל זיך נישט אומקעהרען אַהיים, שוין נאָך דער מלחמה און ווען ער וועט זיך שוין האָבען געשלאָגען מיט די סערבען אויך?

און וואַלדעמאַר האָט געפיהלט, אַז אַ ניי-ליכט געהט-אויף פאַר איהם, ערגעץ אויף אַנ׳אונענדליך ברייטען, העלען האָריזאָנט. ער האָט דערפיהלט דעם שטאַרקען, שטאַרקען גלאַנץ פון עפּעס אַנ׳אמת, וואָס האָט פּלוצלינג אויפגעלויכטען אין זיין מוח. אוים דעם ווירוואַר פון זיינע פערפּלאָנטערטע געדאַנקען, אוים זיין טיפען שמערץ און ביטערען פיין פון דער נשמה איז ענדליך אויסגעוואַקסען, פּונקט ווי נאָך אַ גרויסער פערנעבעלטקייט, אַ קליין ליכטעלע, דער אמת, אין זיין גאַנצער הערליכער פאָרם.

וואַלדעמאַר האָט שוין נישט געקענט טראַכטען וועגען קיין שום אַנדער זאַך. ער האָט זיך מיט עקשנות איבערגעגעבען דעם איינציגען געדאַנק וועגען דער נישטיגקייט פונ׳ם נצחון און האָט אַרויסגעזוכט דערצו טויזענדער בעווייזען. ער האָט אַדורכגענישטערט די היסטאָריע ביז אין די אוראַלטע צייטען, אַלץ וואָס ער האָט אַמאָל וועגען דעם געלעזען, וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט אין דער שולע און וואָס ער האָט שוין באַלד געהאַט פערגעסען. די באַבילאָניער האָבען געשלאָגען די אַסיריער, דערנאָך האָבען די פּערסען געשלאָגען די באַבילאָניער, דערנאָך האָבען די גריכען געשלאָגען די פּערסען, דערנאָך האָבען די רוימער געשלאָגען די גריכען, און די רוימער זענען געפאַלען פון די באַרבאַרען, און אַזוי געהט עס כּסדר... אַלע וועלט-זיגער האָבען געהאַט דעם אייגענעם סוף. אָט זעהט ער אַלעקסאַנדער מוקדון, זיין שווערד גלאַנצט ביז צום ווייטען אינדיען, ביז צום צוויבערפולען מאָרגען-לאַנד. ער טראָגט זיך אַדורך ווי אַ שטורם איבער פעלקער און לענדער און פערוויסט אַלץ. קרעכצען און געשרייען פון איין זייט, לויב-לידער און געזאַנגען פון דער צווייטער. אָבער וואָס איז געוואָרען דער סוף, דער סוף? אך! דאָס גליק האָט אַזוי קיין ממשות נישט, מעהר ווי די עוולות בלייבען נישט, פריהער יענעם — דערנאָך זיך. וואו זענען די אַלע צעטרעטענע לעבענס פון יונגע קינדער, מיט וועלכע דערשראָקענע מוטערס זענען אַנטלאָפען פאַר די שווערד פון דעם ראָזיגען העלד: וואו זענען אויך אַלע פריה-אויסגעגאַנגענע, סיי די וואָס האָבען יאָ גערייצט די שווערד פון דעם ראָזיגען העלד און סיי די וואָס האָבען די שווערד זיינע נישט גערופען? אָבער וואָס איז געוואָרען דער סוף פון דעם אַלעם — דער סוף פון די נצחונות? נאָר אַלעקסאַנדער וועט פון זיין קבר נישט אויפשטעהן און האָט אַפילו נישט דערלעבט צו זעהן דעם טרויריגען אָנהויב פון

סוף, די קריגערייען איבער די ירושה באַלד נאָך זיין טויט. אָבער אויך רוים האָט קיין בעסערען סוף נישט געהאַט. אָט שטעהט סציפיאָ, דער גרעסטער רוימישער קריגס-העלד, אויף די חורבות פון קאַרטאַגאָ און עס פאַלט איהם אַ טרער פון אויג: „ס'וועט קומען אַ טאָג, און פאַלען וועלען די הויכע מויערן פון רוים, אַזוי ווי ס'איז געפאַלען קאַרטאַגאָ!“ אָט דאָס מוז זיין דער סוף פון די אַלע, וואָס זיגען.— — —

וואָלדעמאַר האָט דערשפירט, אַז ער וואַקעלט זיך אין זאָטעל, און ער האָט זיך ווידער פעסטער אָנגעכאַפּט אָן דער צוים. ער האָט אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט צו טראַכטען. אַלץ איז שוין געווען קלאָר, עס האָט זיך שוין נישט געלוינט צו קלערען וועגען דעם. וואָלדעמאַר האָט דערפיהלט אַ דערלייכטערונג. ער איז שוין געווען מיד פון זיינע טריבע געדאַנקען, ער האָט זיך אָבגערוהט. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט. און אַלץ, וואָס ער האָט געזעהן, איז איהם פאָרגעקומען ווי ניי. די טראָטואַרען פון ביידע זייטען גאַס זענען געווען פערפלייצט מיט אונגעהויערע מענשען-כוואַליעס, וואָס האָבען זיך געשטויסען, זיך בעוועגט, געפלאָסען ווי אַ טייך, ווי אַ ים. די דאָזיגע מענשען האָבען געקוקט און געקוקט און האָבען זיך נישט געקענט זאַט קוקען. פאַר זייערע אויגען האָבען פאַרבייגעצויגען אַזוי פיל יונגע, שטאַרקע מענער פון אַלע עקען דייטשלאַנד. אַלץ שענע, געקליבענע יונגען, פעסט-געבויטע, הויך געוואַקסענע, ווי שענע שלאַנקע אייכען-בוימער. אַזויפיל אונבעקאַנטע געזיכטער, אַזויפיל פערשידענפאַרביגע אויגען, פערשידענאַרטיגע מינעס—ווי אינטערעסאַנט איז דאָס געווען! און די פערד האָט זיך אויך געלוינט צו בעקוקען. זיי האָבען געהערט צו די פערשידענאַרטיגסטע ראַסען. עס זענען געווען עכט-שוואַרצע, גלאַנציגע, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי אויס פליוש; דאַן—ווייסע ווי אויסגעהאַקטע אויס מאַרמאָר; דאַן ברוינע, געלבע, רויטליכע, און פון אַלערליי קאָליר-געפלעקטע. אַלע זענען געווען שען, מיט שטאָלץ-געהויבענע קעפּ, שען-געבויגענע העלזער, מיט פרעכטיגע גושיוועס, צוגעשוירענע עקען, שטאַרקע „פיערשעס“, רונדיגע שלאַנקע בייכער און געשיקטע, איידעלע פיס. פון די דאָזיגע פערד האָט זיך געטראָגען עפּעס אַ שטאָלץ, אַ זעלבסט-בעוואוסטזיין. זיי האָבען ווי פערשטאַנען, אַז זיי געהען נישט אַ געוועהנליכען גאַנג, אַז זיי געהען אַ טריאומף-מאַרש און אַז זיי האָבען אָנטיילגענומען אין דעם גרויסען נצחון. עס איז אונמעגליך, אַז די פערד נאָך עטליכע טעג געיעג אויף די פעלדער הינטער דער שטאָט צווישען געפייפעריי פון קוילען אָהן אַנ'אָטעם, אַז זיי זאָלען איצטער נישט פערשטעהן דעם יום-טוב, וואָס האָט זיך איבער זיי אויסגעשפרייט.

פּלוצלונג האָט וואָלדעמאַר געהערט אַ געשפרעך אויפ'ן טראָטואַר, נישט ווייט פונ'ם אָרט, וואו ער איז פאַרביי געריטען.

גיב נאָר אַ קוק, אָ, אָ, אַ ליידיג זאָטעל! ס'מוז זיין פון אַ געפאַלענעם סאָלדאַט.

און דער רעדענדיגער האָט אַ וויז-געטהון אויפ'ן פערד רעכטס נעבען

זואלדעמאר'ן.

דער צווייטער האָט גרינגשעציג אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און גלייכגילטיג געענטפערט:

— כ'האָב שון געזעהן אַסך! אַלץ פון געפאַלענע סאָלדאַטען.

וואַלדעמאַר'ן האָט פערקלעמט ביים האַרץ. ווי גלייכגילטיג די דאָזיגע מענשען קוקען אויף די ליידיגע זאָטלען! זיי האָבען שוין געזעהן אַסך... וואָס ווייסען זיי פון די גרויסע, בלוטיגע קאַמפען, פון די מוטיגע העלדען, וואָס זענען געפאַלען אויף די שלאַכט-פעלדער? זיי קוקען מיט זייערע נאַרישע, נייגיריגע אויגען אויף דעם פערד מיט'ן ליידיגען זאָטעל און טייטען דערויף מיט די פינגער. זיי האָבען גאָר קיין אַהנונג נישט וועגען דעם יונגען רייטער, וועגען עדמונד'ן, וואָס האָט דאָס דאָזיגע פערד אין דער צוים געהאַלטען און געפיהרט צום קאַמף.

און וואַלדעמאַר האָט געפיהלט, אַז אַ ביטערער צאָרן האַפּט איהם אָן, רעגט איהם אויף, איבערפילט זיין האַרץ און מאַכט איהם שווינדלען דעם קאָפּ. אַך, וואָס איז דאָס, צו אַלדי רוחות! ציי מיינען די דאָזיגע לייט, אַז נאָר צוליב זייער פערגניגען האַלט די זיגרייכע אַרמעע איהר גרויסאַרטיגען זיג-מאַרש? נאָר צוליב זיי, כדי צו בעפרידיגען זייער נייגיריגקייט, זייער אייביגען חשק נאָך עפּעס נייעס, נאָך עפּעס פינקעלדיגס און גלאַנצעדיגס, וואָס זאָל זיין אַנ'אינטערעסאַנטע שפּייז פאַר זייערע אויסגעגלאָצטע אויגען? צו ווייסען זיי, וואָס פאַר אַ גרויסע אָנשטרענגונגען דער דאָזיגער זיג האָט געקאָסט, וויפיל יונגע מענשען האָבען מיט זייער לעבען בעצאָהלט, כדי דעם דאָזיגען טריאומף-מאַרש צו דערגרייכען? צו ווייסען זיי עפּעס וועגען זיין ברודער עדמונד, וואָס פאַר אַ יונגער ער איז געוועזען, וואָס פאַר אַ שלאַנקער, געשיקטער, שענער קאַוואַלעריסט? אַך, דאָרטען, אויפ'ן פעלד, אין דער בלאָטיגער ערד, ליגט ער בעגראָבען, און דאָ קוקען פרעמדע, גלייכגילטיגע אויגען אויף זיין פער'יתומ'ט פערד מיט'ן ליידיגען זאָטעל.

וואַלדעמאַר האָט געוואָרפען אַ לאַנגען בליק איבער די אונגעהויערע מאַסע קעפּ, און אַ ביטערער שמייכעל האָט איהם פערקרימט די ליפּען. דאָך האָט ער זיך באַלד בערענקט, אַז די דאָזיגע מענשען האָבען לעצטענס איבערגעלעבט שלעכטע טעג. אין משך פון גאַנצע צוויי וואָכען האָט זיך פון אַלע עקען שטאָט געהערט אַ דונערן פון האַרמאַטען. טיילמאָל אויף-דער-נאַכט האָט מען אויך געקענט זעהן אויפבליצען אַ געלען פלאַם, ווייט ערגעץ אויפ'ן טונקעלען האָריזאָנט. מען האָט געלעבט אין שרעק. עפּעס נישט-גוטעס איז געהאַנגען איבער דער שטאָט. אָבקלאַנגען פון די בלוטיגע קאַמפען, וואָס האָבען זיך אָבגעשפּילט אויף די אַרומיגע פעלדער, האָבען אַריינגעדרונגען אין שטאָט אַריין און געשטערט די בעפעלקערונג אין איהרע געשעפטען. דערנאָך זענען שוין אַריינגעפאַלען אין שטאָט גראַנאַטען, ס'האָט זיך אויפגעהויבען אַנ'אונגעהויערע פאַניק, מענשען האָבען פערלאָזט זייערע וואוינונגען און זיך בעהאַלטען אין די קעלערס. דאָ האָבען זיי געגעסען מיט שרעק דאָס ברויט און די קאַרטאָפעל, וואָס זיי האָבען נאָך צייט גע-

האָט מיטצושלעפּען מיט זיך, און געבעטען צו גאָט, ער זאָל זיי שוין אַמאָל בעפֿרייען פֿון דעם אומגעבעטענעם אומגליק. וואָס האָבען זיי געזינדיגט, וואָס גראַבען פֿליהען איבער די דעכער פֿון זייער הייזער? זיי זענען דאָך נישט קיין פּאָליטיקער, איין גאָט ווייסט, אַז זיי איז אַלץ איינס, רוסען צי דייטשען, אַבי שוין אַמאָל אַרויסקומען פֿון די קעלערס, פֿרייער אָבעטעמען און זיך צוריק נעמען צו זייערע געשעפֿטען.

אין דעם מאָמענט האָט וואַלדעמאַר ווידער דערהערט אַ געשפּרעך, אויפֿ'ן טראָטואַר, נישט ווייט פֿונ'ם אָרט, וואו ער איז פֿאַרבייגעריטען.

—ווייסט וואָס? איך וואָלט וועלען, אַז די שטאָט זאָלען איינעמען פֿראַנצויזען.

דער צווייטער, צו וועלכען די דאָזיגע ווערטער זענען געווענדט געווען, האָט אָנגעקוקט דעם ערשטען מיט שטוינונג.

—פֿאַרוואָס עפּעס?—האָט ער געפֿרעגט.

— גלאַט אַזוי! וואָלטען מיר כאָטש געזעהן פֿראַנצעזיש מיליטער.

וואַלדעמאַר האָט זיך עפּעס ווי אומבעוואוסטזיניג אַ כאַפּ-געטהון פֿאַר דער שווערד. ער האָט דערפֿיהלט, ווי אַ ווילדער כעס כאַפּט איהם ביי דער קעהל אָן און דערשטיקט איהם; ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז עפּעס אַ מיאוס'ע שרעקליכע האַנד גיט איהם אַ פּאַטש אין פּנים אַריין. אָט ווי ווייט ער איז געווען בעגייסטערט, געהענדיג אין דער מלחמה, און אָט ווי ווייט ביי מענשען איז עס אַ שפּיל. דער דאָזיגער נצחון, דער טריאומף-מאַרש, דער טויט פֿון אַזויפֿיל העלדען, איז פֿאַר די דאָזיגע מענשען גאָרנישט מיט גאָרנישט? ווי אַ שפּיל, אַ קאָמעדיע, אַ טעאַטער-פֿאָרשטעלונג? אָ, די נאַרישע וועלט, האָט ער אַ ברום געטהון. און וואַלדעמאַר האָט זיך געגעבען אַזאַ פֿעסטען זעץ-אויף אין זאָטעל און האָט אַזוי פּיבערהאַפֿט אַ רייב-געטהון דאָס פֿערד מיט די שפּאָרען הינטער'ן בויך, אַז דאָס פֿערד האָט ווי משוגע אַ טרייסעל-געטהון מיט'ן האַלז און זיך ווילד אַ שטעל-געטהון אויף די הינטערשטע פֿיס. דאַן האָט שוין וואַלדעמאַר, אַ דערשלאָגענער, אַ פֿערצווייפֿעלטער, נישט געפֿונען מעהר קיין גלייכגעוויכט און איז, ווי אַ דער'הרג'עטער, אַראָבגעפֿאַלען אויף די ערד אַראָב, צווישען די פֿערד.

דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט. דער סאָלדאַט„ וואַלדעמאַר'ס שכן פֿון דער לינקער זייט, איז צוגעריטען מיט אַ מעלדונג צום אָפֿיציר. דער לעצטער האָט מיט אַ שטרענגער מינע אויסגעהערט די מעלדונג און אַ שאָטען פֿון אונצופֿרידענהייט איז אַדורכגעלאָפֿען איבער זיין שאַרף קריגעריש געזיכט.

— ער קען זיך נישט אויפֿשטעלען?—האָט ער געפֿרעגט.

— ניין. עס שיינט, אַז ער האָט צעבראָכען אַ פֿוס.

דער אויסדרוק פֿון אונצופֿרידענהייט אויפֿ'ן געזיכט פֿונ'ם אָפֿיציר האָט זיך פֿערשטאַרקט, און ער האָט בעפֿוילען אַרויסצונעהמען דעם סאָלדאַט אָן אַ זייט און וואַרטען מיט איהם, ביז עס וועט פֿאַרבייפֿאָהרען די שפּיטאָל-אָבטיילונג.

אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין דער דאָזיגער בעפֿעהל געווען ערפֿילט. דער צוג האָט זיך גענומען לאַנגזאַם מאַרשירען ווייטער. דאָס טופּען פֿון די טויזענדער פֿאָרקאָוועס האָט ווידער אָנגעפֿילט די לופֿט מיט אַ שטילען, איינטעניגען קלאַנג. די זון האָט זיך שוין געהאַט דערהויבען העכער און האָט הערליך געלויכטען אין מיטען בלאָהען, פֿרישען, לויטערען הימעל, און צעשיט אונגעהויערע מענגעס שטראַלען איבער די ווייט שעמערירענדע זעלנערישע קעפּ פֿון דעם אונאויפֿהערליכען צוג.

י. פ. גרינבערג.

י. פ. גרינבערג.

צווישען שוועסטער.

(ערצעהלונג).

אַ געדיכטע פינסטערניש האָט די בוימער אויף ביידע זייטען גאַס אין איין מאַסע צוזאַמענגעגאָסען און צונויפגעהאָפטען זיי מיט דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט. דער הימעל איז שוואַרץ און טיעף. שטערען בלישטשען און ווינקען-זיך-איבער איינער מיט'ן צווייטען; אָט לויפט-איבער אַ שטערן און לאָזט נאָך זיך אַ בעלויכטענעם שליאַך. פלוצלונג האָט זיך די גאַנצע שוואַרצע מאַסע בוימער ווי אַ וויג געטהון. אַ געראויש איז דורך איהר אַדורך, בלעטער האָבען זיך אויפגעכאַפט מיט אַ געפילדער, פלאַטערנדיג אין נאַכט-ווינטעל, אַזוי אַז עס האָט זיך געדאַכט, ווי אַ שטורם וואָלט דאָ דורכגעגאַנגען און פערטראָגען זיך ווייט אין דער נאַכט אַריין.

אין איין הויז, וואו דאָס פענסטער פון איין צימער איז נאָך בעלויכטען, שטעהט פאַניאַ כאַסמאַן, אַ הויך, שלאַנק מיידעל, אָבער שוין מיט צוויי רונצלען אויפ'ן שטערן און אויסגעלאָשענע אויגען, קוקענדיג אין גאַס אַריין, אַנ'אַרויסגעבויגענע מיט דעם אויבערשטען טייל קערפער צווישען די צוויי אָפענע קוואַרטירען, צו געהן שלאָפען. דאַכט זיך איהר, איז נאָך פריה. און דאָ שטעהענדיג איז אַזוי גוט, דאָס קיהלע ווינטעל וועהעט אוןווישט-אָב דעם שווייס נאָך דעם דומפיגען און הייסען טאָג.

ס'איז שטיל. אויף אַלע פענסטער, אין דער גאַס אַראָב, זענען די לאָדענס שוין לאַנג פערמאַכט אונטער שווערע, אַייזערנע פרענטען. קיין שאָרך און קיין ריהר גרייכט נישט צו איהר אויער—געשטאָרבען זעהט אַלץ אויס און אונבעוועגליך. ס'כאַפט זיך ווידער אויף אַ געראויש פון די בוימער, און זי בעהמט, ווי אונבעדאַכט פאַר זיך אַליין, אַריין דעם קאָפ, ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּיס געשראָקען. זי וואַרפט אַ בליק צו איהר שאָטען אויף דער וואַנד, צום ליכט, וואָס זיין פלאַם בויגט זיך אויף אַלע זייטען, און זעהט, ווי איהר שאָטען בעוועגט זיך אויף דער וואַנד און ציטערט-צו.

אַרום אין שטוב איז שטיל, נאָר פון נאָהנטסטען צימער הערט זיך אַ לייכט אָטעמען פון שלאָף אַרויס פון איהר יונגערער שוועסטער מינאַ. מיט שטילע, באָרפיסע טריט געהט זי אַריין אַהין, און פון פאַס ליכט, וואָס פאַלט פון איהר צימער אַהער אַריין דורך דער אָפענער טהיר, זעהט זי איהר יונגערע שוועסטער פערטהון אין אַ טיעף-רוהיגען שלאָף.—אויף איהרע פולע און רויטע ליפען שוועבט אַזאַ זיסער, לייכטער שמייכעל; און איהר קלאָר, ווייך געזיכט איז פערזונקען אין אַ ים שוואַרצע צעוואָרפענע האָר איבער'ן שניי-ווייסען קישען. אַנ'ענטבלויזטע האַנד פאַלט איבער'ן בעט אַראָב און איהרע צוויי יונג-קיילעכדיגע ברוסטען בעוועגען זיך שטיל, רוהיג און טאַקט-מעסיג, אויף און אָב.

אַ ווינטעל האָט זיך אין ערשטען צימער דורכ'ן אָפענעם פענסטער אריינגעריסען. די ליכטיגקייט האָט אָנגעהויבען דאָרט צו ציטערן און צו [illegible]ען זיך. פאַניאַ איז שנעל אַריינגעלאָפען און פערקלאַפּט דאָס פענסטער.

ווידער ווייזט זיך איהר אויס, אַז עס איז נאָך פריה צו געהן שלאָפען, און אַ ווײַלע בלייבט זי ביי דעם טישעל, וואָס איז פערהוּאָרפען מיט אַ שערעלע, קעמעלעך, האָרנאָדלען און אַ שפּיגעלע מיט נאָך אַנדערע מיידעלשע זאַכען. איהר בליק פאַלט אויפ'ן אַלבאָם, וואָס ליעגט אָן אַ זייט וואַנד אויף דעם ביכער-שענקעל. זי זעהט זיך פּלוצלונג מיט דעם אַלבאָם אין דער האַנד, ווי גאָר נישט געדענקענדיג, אַז זי האָט איהם גענומען, באַלד אָבער ווערט איהר קלאָר, צו וואָס,—זי עפענט איהם און קוקט-אַריין.

אַ סך זעהט זי דאָרט יונגעלייט, וועלכע האָבען געפלעגט מיט איהר, אַלס אַכטצעהניעהריג מיידעל, שפּאַצירען ביז שפּעט אין דער נאַכט, וועגען אידעאַלען און ליטעראַטור גערעדט, און צולעצט איהר איבערגעלאָזט אַ פאָטאָגראַפיע מיט אַנ'אויפשריפט פון דער צווייטער זייט: „צום אייביגען אָנדענקען...”

„צום אייביגען אָנדענקען...”—בעוועגען זיך ביטערליך איהרע ליפען, ווען איהרע אויגען שטעלען-זיך-אָב אויף איין יונגעמאַן מיט אַ געקרויזטען קאָפּ האָר, אומעטיגע אויגען, מיט אַ ביסעל אַ לענגליך פּנים און אויף זיינע ליפען שוועבט אַ דינער שמייכעל.

זי געדענקט איצט, אַז אין מאָמענטען, ווען די בעקאַנטשאַפט איהרע מיט איהם איז גרעסער געוואָרען, האָבען אין איהר אָנוועזענהייט יענע אומעטיגע אויגען אָנגעהויבען אויפצולייכטען. ווען ער האָט פאַר איהר דערצעהלט מיט אַזאַ ווייכען טאָן שטיקער פון זיין לעבען, און דערביי מיט אַ צונויפגעפּאָסענהייט זי געהאַלטען ביי דער האַנד, דעמאָלט האָט זי אַ גרויסע פרייד אין האַרץ דערפיהלט. אַז דער מענש, וועלכער האָט שוין אַזויפיעל געליטען, וועט זיין איהרער... יאָ... זי האָט שוין געהאַט בעשלאָסען, אַז מיט איהם וועט זי אייביג בלייבען... און דאַן, אין יענער נאַכט, איז זי מיט אַ פול האַרץ אַהיימגעקומען... ענג איז איהר געוואָרען דאָס שטיבעל, די וואַנד פון איהר אייגענעם צימער, און ווי אַ וואַהנזיניגע האָט זי זיך געוואָרפען אויף דער דעמאָלט נאָך קליינער מיטעלע, אויף איהר שוועסטערל, קושען...

דאָס ליכט האָט אָנגעהויבען צאַנקען. דער פלאַם טהוט זיך אַ ציה-אויס און אַ ציה-אַיין, אַז דאָס גאַנצע צימער ווערט פּלוצלונג ווי אונטער אַ פינסטערע היל איינגעהילט, און ווידער גיט עס אַ שיין-אויף, פערוואַרפענדיג די שאָטענס פון זיך, ווי אָבשאָקלענדיג זיך פון זיי.

—פאַרוואָס—פרעגט זי זיך אַליין—איז ער עס דעמאָלט אַוועקגעפאָהרען און שרייבט צו מיר קיין בריעף נישט, וואו ער איז און ווי ער לעבט?

ער וואַרט...—לויפט איהר פאַרביי אַ געדאַנק.—ער וואַרט איך זאָל איהם שרייבען... כאַ-כאַ-כאַ!—צעלאַכט זי זיך מיט-אַמאָל.

—ניין,—בעשליסט זי פעסט און זיכער,—ער וועט נאָך אַמאָל קומען...

אין אַ שענעס מיטען טאָג, מען ווערט זיך גאָר נישט ריכטען...

— ער וועט ווידער, ווי דעמאָלט, ביי איהר אין צימער לאַנג זיצען; ער וועט, ווי אַמאָל, קוקען און שווייגען... אָבער זיינע אויגען וועלען זעהר אַ סך רעדען... און—אוי, וועט זי שוין דעמאָלט קלוג זיין... וויסען, ווי אַזוי זיך מיט איהם צו בעגעהן!..

אַ בערוישטע איז זי פון אָרט אויפגעשפרונגען, צו מינאַ׳ן אין צימער אריין, אויף איהר בעט זיך געוואָרפען און געקושט מינאַ׳ס באַקען, ליפּען און צוגעמאַכטע אויגען.

מינאַ האָט דערשראָקען פון שלאָף זיך אויפגעריסען און אומגעקוקט זיך:

—פאַניאַ, דו ביסט עס?

—מינאַ, מינאָטשקאַ!..—האָט זי זי געגלעט און ווידער מיט׳ן גאַנצען אָטעם זי געקושט.—ביסט דאָך אַזאַ שען שוועסטערל...

מינאַ האָט זיך געלאָזט צערטלען, ביז אַ לייכטער שלאָף האָט ווידער איהרע אויגען פערשלאָסען, און פאַניאַ איז געבליבען זיצען אויף איהר בעט, מיט איין האַנד אַרום דער שוועסטערס האַלז אַרומגעוויקעלט, און מיט דער צווייטער—דעם קאָפּ ווייכע און צעלאָזטע האָר זיך צו דער שויס צוגעצויגען און צוגעדריקט פעסט, טראַכטענדיג: וואָס וועט זיין, אַז וואָלשטיין וועט צוריקקומען?... צי וועט מען נאָך צו איהר, צו פאַניע׳ן, אויך קאָנען דעמאָלט שפּירען אַזאַ חשק, און צי וועט מען איהר קאָפּ אויך קאָנען אַזוי צוציהען און צוטוליען צו אַ שויס, צו אַ מאַנספערשוינישער שויס?.. און אַליין נישט וויסענדיג ווי אַזוי, האָט זיך פאַניאַ אַריינגעלעגט צו דער שוועסטער אונטער דער דעקע און אַזוי איז זי איינגעשלאָפען.

עס בלויט אין דרויסען. דאָס צימער בלייכט שוין, און שטיקער בלויס האָבען זיך אָנגעהויבען אָבצוטיילען אין דער פינסטערניש. די פייגעל, דערזעהענדיג דעם יונגען מאָרגען, האָבען אָנגעהויבען צו צווישערן און זענען איבערגעלאָפען פון איין בוים אויפ׳ן צווייטען, געוועקט און גערופען אַנדערע. אין צימער האָט זיך דאָס מאָרגענליכט אַריינגעריסען. די זון איז אויפגעגאַנגען, געשיקט איהרע ערשטע שטראַהלען אויף מינאַ׳ס פערשלאָפען געזיכט און אויף איהרע צוגעמאַכטע אויגען, ביז עס האָט זי אָנגעהויבען צו בלענדען און זי האָט זיי געעפענט.

פערוואונדערט האָט זי זיך, אַז זי האָט געזעהן פאַניאַ׳ן שלאָפען נעבען זיך, און באַלד זיך דערמאָהנט, ווי ביינאַכט, ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי זי געטראָפען הייס קושען זי...

איהר איז הייס געוואָרען. אין פוס, וואָס פאַניאַ ליעגט אויף איהם, פיהלט זי אַ וועהטאָג. און דאָ דאַכט זיך איהר אויך, ווי דורכ׳ן פענסטער די צוויי גאָלד-פּאַסען ליכטיגקייט, וועלכע ציהען זיך ביז צו איהר קאָפּ, רופען זי, זי זאָל אַראָבגעהן אַ קוק געבען דורכ׳ן פענסטער אויף דער גאַס, וואָס עס הערט זיך פון איבער נאַכט...

אין נאַכט-העמד, ביז נאָך דער ברוסט ענטבלויזט, איז זי מיט איין שפרונג פון בעט אַראָב און רוישיג צום פענסטער צו.

אַ קיהל מאָרגענווינטעל האָט איהר פעררויטעלט געזיכט געגלעט, און אַרויסשטעקענדיג דעם קאָפּ, אָנגעשפּאַרט אָן פענסטער די עלענבויגענס, האָט זי איהר קערפּער אין שטוב אַריין אויסגעטראַקעוועט, אַזוי ווי מען ציהט-זיך-אויס, אַז איהר העמד איז אויסגעקומען איבער דער אַיינגעקאַרבטער טאַליע אַיינגעפאַלען און די נאַקעטע פיס פון הינטער'ן העמד אַפער האָבען מיט אויפגעהויבענע סטאָפּעס, שטעהענדיג אויף די שפּיץ-פינגער, געגרייכט אַזש אין דער מיט שטוב אַריין. און אַזוי איז זי געבליבען הענגען אַ לענגערע ווײלע, אָנגעשפּאַרט מיט איהר פולער ברוסט אָן דעם פענסטער-ברעטעל, וועלכעס האָט, דאַכט-זיך, ווי אויך אָנגעהויבען צו אָטעמען אונטער איהר.

פון ערגעץ אויף דער גאַס האָבען זיך שטימען דערטראָגען אַהער, און אַ פערשעמטע איז זי אָבגעשפּרונגען פון פענסטער אין דער מיט שטוב אַריין. דערנאָך געגעבען אַ פּאַטש מיט די הענד און זיך צוריק געוואָרפען אויפ'ן בעטעל און מיט דער קאָלדרע זיך גוט איבער'ן קאָפּ איבערגעדעקט.

די היץ האָט איהר אָבער באַלד אָנגעהויבען צו שטיקען. מיט אַ מאַך פון דער האַנד האָט זי די דעקע פון זיך אַראָבגעוואָרפען און, צום וואַשטישעל צושפּרינגענדיג, זיך גענומען וואַשען מיט קאַלט וואַסער דעם קאָפּ און האַלז. איהר קלאָר שניי-ווייס לייב האָט בעקומען אַ ראָזע קאָליר פון קאַלטען וואַסער, וועלכעס האָט זיך אָבגעשטעלט דערויף טראָפּענווייז, ווי טראָפּענס טוי; די באַקען נאָך מעהר פעררויטעלט; די פייכטע לאַנגע האָר זענען איהר ווי די בייטשען אַראָבגעהאַנגען איבער דער נאַקעטער קלאָרער פּלייצע, און אַני-אָבגעפּרישטע, אַ פולפריידיגע האָט זי גענומען אַרומשפּרינגען איבער'ן צימער, זוכענדיג דאָס האַנדטוך.

פאַניאַ איז נאָך געלעגען אין אַ מידען שלאָף פערזונקען, און מינאַ, לויפענדיג פאַרביי איהר, האָט איהר טראָפּענס קאַלט וואַסער אויפ'ן אָבגעדעקטען האַלז אָנגעשפּריצט און דערביי האָט זי פרעהליך אויסגעשריען:

„האָס שלאָפסטו אַזוי לאַנג?"

פאַניאַ האָט דערשראָקען די אויגען געעפענט און מיד זיך אַרומגעקוקט, ווי איינע, וואָס ווייס נישט וואָס אַרום איהר קומט-פאָר.

—כאַ-כאַ! דו דערקענסט מיך נישט?!..—האָט זיך מינאַ צעלאַכט.

פאַניאַ האָט גוטמוטיג געשמייכעלט און איז אַוועק צו זיך אין צימער.

מינאַ האָט זיך אָנגעטהון, און וואָס פאַר אַ ליעדעל זי האָט נאָר געקענט, האָט זי אין דער מיט אויסגעזונגען. דערנאָך איז זי אַריין אין עס-צימער. פאַניאַ, אָנגעטהון אין איהר שטוב-קלייד, איז געזעסען ביים אָפענעם פענסטער און, טיעף פערזונקען, געלייענט אַ בוך.

ביי מינאַ'ס אַריינקומען האָט זי דאָס בוך אַוועקגעלעגט און שטום געקוקט אויף איהר קלאָר אָבגעוואַשען געזיכט און לאַנגע שוואַרצע צעפּ. וואָס גרייכען איהר ביז אונטער דער טאַליע. אַ שטראָם פון פרישקייט און לעבען האָט זיך צוגלייך מיט איהר אין שטוב אַריין בעוויזען, און אַ געפיהל פון געפּאַ-

לענקייט געגען איהר שוועסטער האָט פאַניאַ׳ס האַרץ אַרומגענומען.

—זעה,—האָבען איהר די געדאַנקען געוויזען,—דאָס הייסט יונג און פריש... אַזוינס וואַרפט מען נישט אַוועק, אַז מען זאָל דערצו קיין בריעף נישט שרייבען... וואַרט... און אפשר יאָ?—האָבען זיך ביי איהר די געדאַנקען ווי איבערגעקעהרט מיט אַ מין פערדרוס.—צי זי, פאַניאַ, איז דען נישט אַזוי שען געוועזען?..

און זי קלערט זיך באַלד איבער, אַז עס קאָן זיין אַ פּאָר אָבנאַרעדישע אויגען, אַזעלכע פּונקט ווי עס האָבען זי, פאַניאַ׳ן, גענאַרט, מיט אַזאַ דין שמייכעלע, לאָקערן שוין אויף איהר אויך...

און גאַנץ גלייך אַזוי... זאָל זי אויך וויסען דעם טעם פון גלויבען, פריהער גלויבען... און דערנאָך הערען דעם טאַטעס זיפץ, בשעת ער וועט זיך פערטראַכטען איבער איהר, און דער מאַמעס קרעכץ...

ביי דעם געדאַנק ווערט זי שיער ווי משוגע, אַ טיעפע גרימאַסע שניידט זיך איהר אויס אַרום מויל, און איבער׳ן שטערן, ווי אַ כוואַליע וואָלט אַדורכגעגאַנגען.

און דאָ בעשליסט זי: ניין, זי טאָר עס נישט דערלאָזען. נאָך-וואָס זאָל מען די שוועסטער אויך נאַרען. און אַלס עלטערע, ליעגט אויף איהר די פליכט, נישט צו דערלאָזען צו דער יונגערער קיין יונגענמאַן...

ווען זי כאַפּט-זיך אויף פון די געדאַנקען, שטעהט שוין מינאַ מיט דעם הוט אין דער האַנד, אָנגעטהון אין קורצען גראַנאַטענעם קליידעל און אין די שיכלעך מיט די הויכע כאָלעווקעס, נור אַוועקצוגעהן, און איהר קול קלינגט פרעהליך, עפּיס גאָר מאָדנע פרעהליך, ביי אַ ליעדעל זינגען, ווי נאָך גאָר קיינמאָל נישט... ווי נאָך אין קיין שום מאָרגען נישט...

זי זעהט איהר בויגזאַמען קערפּער, איהר טיעף אַיינגעשניטענע טאַליע, איהר אויסגעפּילטען, רונדיגען ביוסט, און עפּיס פּונקט ווי אַ נייעס וואָלט זי היינטיגען מאָרגען אין איהר ענטדעקט, אַז: ניין... עס איז גאָר נישט מעגליך... זי דערזעהט ערשט, ווי די שוועסטער איז שוין אַ רייפע מויד... ווי אַזוי איז דאָס געוואָרען? צי ערשט אָ, מאָמענטאַל... אָדער האָט זי זיך ביז-אַהער נישט אַרומגעקוקט און געמיינט, אַז זי איז נאָך אַלץ אַ קינד?

און אַ שטילער געדאַנק האָט זי דורכגענומען, צו געהן מיט דער שוועסטער ערשט אויפ׳ן שפּאַציר.

—וואוהין געהסטו עס—האָט זי מינאַ׳ן געפרעגט—שוין אַזוי פריה?

—אַזוי פריה? וויפיעל זייטען האָסטו, פאַניטשקאַ, שוין היינט אַדורכגעלייענט?..—האָט מינאַ געענטפערט, און רויט ווערענדיג, האָט זי, שוואַנקענדיג ווי האַלב געווינט זיך, אַז עס זאָל אויסקומען אין גוטען געמיט, זיך צעלאַכט...

—דו וועסט וואַרטען, מינאָטשקאַ?—האָט איהר די שוועסטער געזאָגט—כ׳וועל אויך געהן...

—מיט מיר?.. איידער דו וועסט זיך אויספּאָרען...

און אין דעם האָט פאַניאַ שוין געזעהן דעם רעכטען סימן, ווי זי וויל פון איהר אַוועק, כדי צו זיין איינע אַליין...

—ניין, ניין. וואַרט. איך בין שוין צוגעטהון!—האָט זי איהר געזאָגט צואַיילענדיג זיך.

איין זייט גאַס איז געווען בעגאָסען מיט זונענליכט, און מינאַ איז פרעהליך און רוישיג אַריבער דאָרט אַהין, עפענענדיג דעם זומערשירם, איבער וועלכען ס׳האָט באַלד אַ גאַנצער בונד זונענשטראַהלען אַ גלאַנץ געטהון, און פאַניאַ איז נאָך איהר אַריבער אויף יענער זייט.

זיי זענען אַ פאָר מאָל די גאַס אַדורכגעגאַנגען, גערעדט איבער וואָס עס האָט זיך נור געלאָזט און וואָס עס האָט זיך נור אין די אויגען אַריין געוואָרפען. ס׳איז פאַרביי אַ שילער פון העכערען קלאַס, מיט אַ גלאַטיג געראַזירט פנים, הויך-פערריסענעם קאָפּ, און דערזעהענדיג מינאַ׳ן, מאַכט ער אַ העפליכען קניקס, ציהענדיג דעם הוט מיט אַ לייכט, פריינדליך שמייכעלע...

—ווער איז דער?—פרעגט פאַניאַ.

—אָט דער?.. מיט דעם בין איך בעקאַנט געוואָרען, ווען איך האָב נאָך אין דער שול געלערנט, אויף אַ פערוויילונגס-אָווענד.

זיי געהען ווייטער און שווייגען. מינאַ׳ן ווערט אָבער שווער מיט איהר שוועסטער צו געהן. אָט זעהט זי איהרע פריינדינס פון דער שול געהן אַרומגערינגעלט מיט גאַנצע חברות גימנאַזיסטען, קאָנסערוואַטאָריסטען און אַזוי קאַוואַלערען. זיי טראָגען די מאַנטלען נאָך און האַלטען זיך נור אין איין פלייסען—און די חבר׳טעס זענען פרעהליך, לוסטיג...

ביי אַ ווינקעל גאַס איז צו פאַניאַ׳ן צוגעקומען אַ לעהרערין, אַנ׳אייגענטימערין פון אַ שול, אַ מיטעל-געוויקסיגע, מיט גלייך-פערשאָרענע, שוואַרצגעקרייזעלטע האָר אַרום אַ לענגליך, בלאַס געזיכט. זי האָט פאַניאַ׳ן אַוועקגערופען אָן-אַ-זייט און עפּיס שטיל אויפ׳ן אויער פערטרויט. מינאַ האָט געזעהן, ווי פאַניאַ שטאַרקט זיך, אַז דער איינדרוק, וואָס עס מאַכט אויף איהר יענעס דערצעהלען, זאָל יענער נישט זיין קענטיג.

באַלד איז יענע אַוועק. זי האָט קיין צייט נישט—האָט זי זיך ענטשולדיגט.

—אַ נאַר דאָס איז...—האָט פאַניאַ, נאָכקוקענדיג יענעס טריט, ווי צו זיך אַליין געזאָגט מיט אַ געמאַכטער מינע, ווי איינע, וואָס ווייס פון גאָרנישט.—עפּיס איינער אַ וואַלשטיין דאַרף קומען די-טעג אַהער, בעט זי מיך כ׳זאָל זעהן ער זאָל צונעהמען די שטעלע ביי איהר אין שול, און נישט ביי טייבלום׳ען...

זי איז ווייטערגעגאַנגען מיט מינאַ׳ן און האָט אויף גאָרנישט קיין אַכט נישט געלעגט. עפּיס מאָדנע האָבען זיך איהר די אויגען ווי מיט אַ הייטעל בעצויגען... נישט געקוקט, ווי זי האָט מענשען אויף די פיס אָנגעטרעטען, צונגעשלאָגען זיך אָן זיי, און געמורמעלט: „ענטשולדיגט, ענטשולדיגט!..“

—ווי אַזוי בעהסטו?..—האָט מינאַ געפרעגט,—עפּיס פּלאָנטערסטו דאָך נור בלויז מיט די פיס... דו געהסט דאָך גאָר נישט...

פאַניאַ אָבער האָט איצט געשפּירט אַלץ שוין פאַר איבריג, דעם גאַנ איהרען, דאָס נאָכגעהן דער שוועסטער... און דעם גאַנצען שפּאַציר.

—קום. דו געהסט אַהיים?—האָט זי מינאַ׳ן געפרעגט.

—כ׳געה.—האָט איהר מינאַ געזאָגט.

אַהיימקומענדיג, האָט פאַניאַ פון זיך שנעל אַראָבגעוואָרפען דעם הו און אין מאַנטעל האָט זי האַסטיג גענומען איבער׳ן צימער שפּאַצירען.

—ער וועט קומען...—האָט זי ווי צו זיך אַליין געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, איבער׳חזר׳נדיג די ווערטער שטיל.—איך האָב מיך נישט גענאַרט!..

זי האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם מאַנטעל, גענומען אַ בוך און געזעצט זיך אויפ׳ן סאָפקעלע, שטאַרק אָנשטרענגענדיג זיך אַלץ צו פערשטעהן. אָבער די ווערטער זענען פאַר איהרע אויגען ווי געשוואומען, גלייך ווי זיי וואָלטען נישט קיין פעסטען בעזיץ געהאַט אויף דעם בלעטעל... אַלע שורות האָבען זיך דאָרט ווי צוזאַמענגעגאָסען, און נור איינציגע ווערטער, דאַכט-זיך איהר, שפּרינגען, טאַנצען, פּונקט ווי די זשאַבעלעך, אָדער אין אַ רעגען די וואַסער-בלעזלעך אויף דער פלאַך פון טייך... און טיילמאָל גיט-אַ שווים-אַרויס איין גרויס וואָרט: „וואַלשטיין"...

זי האָט אויפגעבלעטערט דעם אַלבאָם, וואו עס געפינט זיך זיין פאָ-טאָגראַפיע, און האַלט זי אַ צייט לאַנג פאַר די אויגען. נאָכאַמאָל און נאָכאַ-מאָל קוקט זי זיך גוט אַיין אין זיינע אויגען און געפינט וואָס אַמאָל מעהר עפּיס פערטראַכטעס און פער׳חלומ׳טעס אין זיי.

—דו בענקסט?..—רעדט זי צו איהם.—דעמאָלט האָסטו געשוויגען, דו האָסט קיין וואָרט נישט גערעדט, נור אויף מיר מיט צייגעגעסענע אויגען געקוקט...

די מוטער האָט זי צו מיטאָג אַריינגערופען. און ביים עסען, ביי יעדען זופּ, האָט זי נישט אויפגעהערט צו קלערען און טראַכטען, און נישט איינמאָל נישט-ווילענדיג געבליבען שטעהן מיט׳ן לעפעל אין דער מיט שטח, צווישען טעלער און מויל, האַלטענדיג איהם אין אַנ׳אונבעוועגליכער פּאָזע, בשעת די אויגען האָבען געקוקט ערגעץ ווייט, ווי פאַר זיך אַליין, פערטראַכט אין דער וועלט אַריין.

באַלד נאָך דעם מיטאָג איז זי צוריק אַריין צו זיך אין צימער. די פאָטאָגראַפיע האָט זי ווידער אַרויסגענומען פון אַלבאָם, נאָהנט פאַר׳ן געזיכט צוגעטראָגען און ווייטער געשעפּטשעט: „ווי שעמעוודיג ער האַלט די אויגען"...

און פּלוצלונג האָט זי זיך צעלאַכט איהם אין די אויגען אַריין מיט אַ היסטעריש געלעכטער:

—כאַ, כאַ, כאַ! דו שעמסט זיך?.. אָבער כ׳וויס, שענער בחור!.. דו האָסט געוואָלט שאַרפער קוקען... כ׳קען דיך... דריקען פעסטער, שטאַרקער!.. דו, דו!..—טהוט זי אַ פיהר מיט אַ פינגער איבער זיינע אויגען, און מיט-אַמאָל כאַפּט זי די פאָטאָגראַפיע צו די ליפּען און בעדעקט זי מיט אַ ווילד און ליידענשאַפטליך קושען, אַז די האָר פון קאָפּ צעלאָזען זיך איהר, און אינגאַנצען אַמפערט זי זיך, גלייך ווי מיט אַ לעבעדיגען.

הינטער דער טהיר פון איהר צימער האָט זיך פאַרבייגעטראָגען אַ לייכט גערויש. אָט עפענט זיך די טהיר. די מוטער קומט-אַריין, און אַ פאַר-שעמטע לאָזט פאַניאַ אַראָב די האַנד מיט דער קאַרטע צו דער ערד.

* * *

און אויף צומאָרגענס אין אָוועגד איז וואַלשטיין געקומען.

אויף די גאַסען איז שוין טונקעל. די לאַטערנעס האָט מען דאָ און דאָרט שוין אָנגעהויבען אָנצינדען, און זעהר שוואַך איז געווען זייער אָבשיין אין דער האַלב-טאָגיגער, האַלב-נאַכטיגער טונקעלקייט, ווען די לופט, דער דָלָל איז אויסגעמישט מיט ליכט און שאָטען.

מיט לאַנגזאַמע טריט האָט וואַלשטיין געשפּרייזט איבער דער גאַס, וואו פאַניאַ האָט געוואוינט. וויעדער איז ער אויף דעמזעלבען אָרט, וואו מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק. וויעדער בעקאַנטע ווינקלען, פון וועלכע טיעף אין זיין האַרץ איז מיט זיי פערצייכענט אַ געשעהעניש פון דער פערגאַנגענהייט.

ביי דעם געדאַנק, אַז ער געהט צו פאַניאַ'ן, האָט ער זיך דערמאָהנט, ווי אין שטילע פאַרנאַכטען פלעגען זיי זיצען צוזאַמען, ווי אין דער שטילקייט האָט דאָס וויגען פון וואַנד-זייגער, דער איינזאַמער טיק-טאַק זייערע געדאַנקען מיט אַ כשופ'דיגער דורכדרינגליכקייט פערוויגט.

און לאַנג האָט ער וועגען איהר געקלערט דעמאָלט, אַז זי, פאַניאַ, וועט זיין זיין לעבענס-בעגלייטערין, און אַז מיט איהר וועט ער זיין צוקונפט טיילען. אָבער... אָבער, ווען ער האָט שוין געהאַט, נאָך אַ לאַנג וואַקלען-זיך, בעשלאָסען פאַניאַ'ן זיך אין ליעבע צו ערקלערען, איז אַפערגעשוואומען פאַר זיינע אויגען דעמאָלט אַן'אַנדער בילד: ווי ער וועט מיט פאַניאַ'ן חתונה-האָבען, זי וועט ווערען שוואַנגער און ברוגז... דאָס שווערע צוגעבונדענע פאַמיליען-לעבען. און דאַדורך, איידער עס איז נאָך געקומען צו עפּיס—האָט ער זיך אויפגעהויבען און אַוועקגעפאָהרען אין אַ צווייטער, פרעמדער שטאָדט.

און איצט, געהענדיג צו איהר, האָט ער פּלוצלונג ייי פאַר זיך אַליין אַ פרעג געגעבען:

—וואוהין געה איך?..

די לאַטערנעס האָבען אָנגעהויבען אַ גרעסערען שיין אַרויסצוגעבען. פאָרלעך האָבען פאַרבייגעשפּאַצירט. דער מענשען-שטראָם, די ווייסע שטרויס-פעדערן, די היט מיט די פיעלפאַרביגע בלומען האָבען זיך וואָס אַמאָל פערגרעסערט און געצויגען זיך, ווי צוויי לאַנגע שנורען איבער ביידע זייטען גאַס.

אָט אין דעמדאָזיגען מענשענשטראָם האָט זיך וואַלשטיין נישט גע-קאָנט אָבהאַלטען און ער האָט איהם מיטגעצויגען מיט-זיך, ביז צו פאַניאַ'ס שטוב. דאָך געהענדיג האָט ער געטראַכט, אַז אָבהאַלטען זיך פון אַריינגעהן דאַרף ער סיי-ווי-סיי נישט, ווייל אפשר האָט זי שוין חתונה-געהאַט. זי וועט

זיבען מיט אַ מאַן, ער אַ גלאַט געראַזירטער, נעבען איהר זייט וועט זיצען אַ קינד, און ביידע, זי מיט׳ן מאַן, וועלען איהם עמפּפאַנגען, מיטבעטען איהם צו נאַכטמאָל אויס העפליכקייט, זי — אַלס אַלטע גוטע פריינדין...

מיט דעם געדאַנק איז ער אַריין אין פאַניאַ׳ס שטוב.

אין עסצימער איז נאָך געווען פינסטער. עס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ שטוב, וואָס בלייבט צווישען טאָג-און-נאַכט אַליין; נור מאַדאַם כאַסמאַן איז איינע אין איהר געזעסען ביים פענסטער, פערקלערט אין פערשידענע געדאַנקען, אפשר וועגען דער יונגערער טאָכטער, וועלכע טרייבט-זיך-אַרום איבער די טראָטואַרען, און אפשר וועגען דער עלטערער, וועלכע איז שוין אָבגעשטאַנען דערפון און צווישען די טאָג-און-נאַכטען בלייבט זי איינע אַליין זיצען פערשלאָסען אין איהר צימער בעזונדער...

— ווער איז עס? — האָט געפרעגט מאַדאַם כאַסמאַן, אויסשטעלענדיג די אויגען אין דער טונקעלקייט צו דער טהיר, וואו עס איז נאָך טונקעלער געווען.

— גוטען אָווענד! — האָט יענער געענטפערט. — איהר דערקענט מיך נישט? וואַלשטיין...

— אָ, וואַלשטיין!... נו, וואָס-זשע מאַכט איהר, הערר וואַלשטיין? — זי איז די פרוי געשווינד אויפגעשטאַנען פון אָרט, נישט וויסענדיג, וואָס צו טהון אין דער רגע. — ס׳איז נאָך פינסטער... וואָס-זשע מאַכט איהר?

— דאַנק, דאַנק!

— איהר זענט דאָך געוויס געקומען געוואַר ווערען צו אונז, וואָס מיר מאַכען? נו, זיצט-זשע, זיצט.

באַלד האָט זיך אויפגעעפענט די טהיר פון פאַניאַ׳ס צימער און פאַניא האָט זיך שטעהענדיג אין איהר בעוויזען.

— ווער איז? הערר וואַלשטיין?..

— יאָ...

— וואָס מאַכט איהר? — האָט זי געפרעגט, אָבגעהענדיג עטליכע טריט פון דער שוועל. — ערלויבט אַריין צו מיר אין צימער. — האָט זי געבעטען, זיך אומקעהרענדיג באַלד צוריק, און ער איז איהר, ווי אַ בעשולדיגטער, נאָכגעגאַנגען הינטער די פּלייצעס. זיי זענען ביידע באַלד אַריין צו איהר אין צימער און זי האָט צוגעמאַכט די טהיר נאָך זיך.

אַ רגע זענען זיי געשטאַנען, און זי האָט איהם אויף אַ שטוהל אָנגעוויזען: „זיצט".

ער האָט זיך געזעצט.

דאָ אין צימער איז אויך פינסטער געווען, נור דאָס שניי-ווייסע קישען מיט דעם איבערצוג פון פאַניאַ׳ס בעטעל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנד, האָט אַרויסגעפּעכעלט פון דער טונקעלקייט. דער אָלעאַנדער, אַ הויכגעוויקסיגער, איז געשטאַנען פאַר דער קלאָרער גאַרדין פון פענסטער, ווי עפּיס אַ שרעקליכע געשטאַלט. ווידער דאָסזעלבע צימער, ווי מיט אַ צייט צוריק, נאָר ער פיהלט, ווי אַ פיינליכע, געדריקטע שטילקייט איז דאָ איבער דער צייט אָנגעוואַקסען אין דער לופט.

„פאַניאַ האָט נאָך נישט חתונה-געהאַט...“ איז איהם עפּיס ווי מיט-אַמאָל קלאָר געוואָרען אין קאָפּ און ער האָט איהם אָנגעשפּאַרט אויף דער דלאָניע פון האַנד, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט מיט׳ן עלענבויגען אויף דער שויס.

—וואָס-זשע מאַכט איהר עפּיס?—האָט זי געפרעגט.

—וואָס זאָל מען מאַכען?

אַ שטילקייט האָט אַריינגעטראָטען אויף אַ לענגערער צייט, און פאַר ביידען איז דאָס געווען פיינליך און אונערטרעגליך שווער.

זי האָט, צוליעב צעשטרייאונג, די טהיר, וואָס געהט-אַריין אין עסצימער, צוריק געעפענט. דאָרט האָט שוין געברענט אַ לאָמפּ אויפ׳ן טיש מיט אַ בלויען אַבאַזשור, אַריינגיסענדיג אַהער אַ פּאַס בלייכליך-בלויען שיין, וואָס האָט זייערע ביידענס פיגורען געמאַכט נאָכמעהר פער׳סוד׳עט, גלייך צווי געשפּענסטער.

באַלד האָט זיך דערהערט פון עסצימער אַנ׳עפענען די דרויסען-טהיר און מינאַ׳ס אַ געלעכטערל. אַ רוישענדיג אַרומלויפען האָט באַלד די גאַנצע שטוב אָנגעפילט.

מינאַ איז צו מיט׳ן הוט אין דער האַנד צו דער שוועל:

—פאַניאַ, פאַניאַ, כ׳האָב דיר עפּיס צו דערצעהלען!..—האָט זי פרעהליך אויסגערופען, נאָר דערזעהענדיג אַ פרעמדען מענש דאָ אין צימער, האָט זי אין דער מיט ווי איבערגעהאַקט און געבליבען שטעהן אין פערלעגענהייט, מיט אַ רעטעניש אויף די ליפּען.

—מינאָטשקאַ,—האָט זי פאַניאַ אַרויסגעראַטעוועט, אָדער גיכער אפשר גאָר זיך, פון דעם לאַנגען שטילשווייגען.—דו קענסט דעם הערר וואַלשטיין?

—האַ, וואַלשטיין?!..—האָט זי פערוואונדערט אויסגעשטרעקט די האַנד, צו וועלכער ער האָט זיך באַלד אויפגעשטעלט און העפליך זי אָנגענומען.—איך האָב עפּיס געהערט וועגען אייך...

—מינאָטשקאַ!..—האָט ער אויך זיין פערוואונדערונג אויסגעדריקט.—דאָס זענט איהר, די קליינע?.. און געדענקט איהר גאָר נישט, אַז איך האָב אייך געהאָלפען די לעקציעס מאַכען?.. „מי פאַ-כאַ-לי... מי סיע-אַ-לי“...

—יאָ, יאָ!..—האָט זיך מינאָטשקאַ צעלאַכט אויף אַ קלינגענדיג קול, פערוואַרפענדיג דאָס קעפּעל אַהינטער. און וואַלשטיין האָט פון צופרידענקייט געשמייכעלט און מיטגעלאַכט.

—איך געדענק נאָך, אַז איהר האָט מיר געקויפט אַ בוך...—האָט מינאַ ווייטער מיט דעמזעלבען געלעכטער געזאָגט. דאָס האָט וואַלשטיינ׳ען יאַוודאי צופרידענגעשטעלט, און ער האָט שוין מיט אַנ׳אויסדריקליכער צופרידענקייט אויפ׳ן געזיכט מיטגעלאַכט.

די מוטער, שטעלענדיג זיך אין דער טהיר, הינטער מינאַ׳ס פּלייצעס, האָט זיי צו טהיי אַריינגעבעטען.

ווען זיי זענען שוין געזעסען ביים טיש, איז באַלד אָנגעקומען יענע בלאַסליכע לעהרערין אויך.

דער וואַנד-זייגער האָט מיט אַ ברייטליכען און בעל-בת׳ישען קלאַנג

בעשלאָגען צעהן. אין צימער איז שטיל געוועזן. יעדער האָט ערנסט און שווייגענדיג זיין טהיי געטרונקען.

—הערך וואַלשטיין,—האָט די לעהרערין די שטילקייט איבערגעריסען.— איהר זענט אַודאי מיד פון דער רייזע און וועט געהן די נאַכט פריה זיך אויסרוהען, כדי איהר זאָלט קאָנען מאָרגען אינדערפריה זיין ביי מיר אין שולע?

—ניין.—האָט ער געענטפערט.—די נאַכט איז נאָך גענוג גרויס, מען בעדאַרף געהן אַ ביסעל שפּאַצירען.

אַלע האָבען דערויף איינגעשטימט. מינאַ האָט געשווינד פערוואָרפען דעם מאַנטעל אויף די אַקסלען, און האַלטענדיג מיט איין האַנד זיך ביים קליידעל, ווי פערנעהמענדיג עס צום טאַנץ, איז זי די ערשטע שוין געשטאַנען ביי דער טהיר.

דער הימעל איז געווען שוואַרץ אַזש פאַר בלויקייט און טיעפקייט. מיליאַרדען שטערען האָבען פון דער הויך אַראָבגעוואונקען און צוזאַמען מיט דער שכור-מאַכענדיגער ריינער לופט פון דער זומערנאַכט האָט עס הייסע געפיהלען ביי מענשען אַרויסגערופען מיט ענטציקונג: „וואָס פאַר אַ שענע נאַכט!”

מינאַ האָט זיך ווי אָבגעשטעלט, אָבגעהענדיג אַ צעהן טריט פון טויער. דאָס מאַנטעל איז שווער געווען צו טראָגען און זי האָט עס געוואָלט געהמען אויף דער האַנד. וואַלשטיין האָט בעמערקט און עס צוגענומען ביי איהר, לאָזענדיג די לעהרערין מיט פאַניאַ׳ן געהן פאָרויס. ער איז נעבען איהר געגאַנגען אַקסעל ביי אַקסעל, פון צייט צו צייט נור אויפהויבענדיג זיין בליק אויף איהר, פיהלענדיג איהר גאַנצען שלאַנקען און בויגזאַמען וואַרימען קערפער נעבען זיך.

איהר האַרץ, זי ווייס אַליין נישט ווי אַזוי, צי דורך דער שכור-מאַכענדיגער לופט ביינאַכט, צי דערפון, וואָס נעבען איהר זייט געהט אַ שענער מאַנספערשוין, האָט מיט-אַמאָל אַ גרויסע פרייד דערפיהלט און מיט אַ קרעפטיג קלאַפּען געקלאַפּט. אָט אַזוי וועט זי געהן איבער די גאַסען, און וואַלשטיין וועט איהר שטענדיג נאָכטראָגען דאָס מאַנטעל, ווי די קאַוואַלערען איהרע חבר׳טעס נעכטען אינדערפריה... ער וועט איהר רעדען, פיעל דערצעהלען, און זי וועט ערנסט שווייגען; אַמאָל, וואו מען וועט בעדאַרפען, אַ לאַך טהון. איהר געזיכט האָט זיך ביי דעם געדאַנק עפּיס ווי פאַר זיך אַליין פערשעמט, און ווען וואַלשטיין האָט זיין בליק אויפגעהויבען אויף איהר, האָט זי איהרע שוואַרצע ברעמען אַראָבגעלאָזט צו דער ערד מיט אַ שטיל און טיעף שווייגען, פון וועלכען וואַלשטיין האָט ווי אַ וואַרימען אָטעם און אַ קלאַפּענדיג האַרץ דערפיהלט. ער האָט אויך אָבגעאָטעמט און אַראָבגעלאָזט די אויגען.

—האָט איהר עס דורך דער צייט פיעל געלערנט?—האָט ער אָנגעהויבען אַ געשפּרעך, כדי די שטילקייט צו פערטרייבען.

—אַזוי געלערנט, וויפיעל מען האָט מיר פערגעבען, און געלעזען וויפיעל-עס-איז אויך.—האָט זי געענטפערט.

און געשפּאַצירט וויפיעל מען האָט נור געקאָנט אַריינכאַפּען...—האָט מיט אַ דין געלעכטערל זונטערגעכאַפּט פאַניאַ, ווענמען עס איז שוין אויפמערקזאַם געוואָרען זייער צוזאַמען האַלטען-זיך אויף דעם שפּאַציר.

—פערשטעהט-זיך,—האָט צו מינאַ׳ן ווייטער געזאָגט וואַלשטיין, וועלכער האָט פאַניאַ׳ס געלעכטערל ווי גאָר נישט געהערט,—וויפיעל מען קאָן. מען דאַרף זיך נישט אָנשטרענגען איבער די כוחות.

—און איהר,—פרעגט מינאַ,—ערלויבט צו פרעגען, וואָס האָט איהר דורך דער צייט פון אַייער אָברייזען פון הי געטהון?

קיין קלאָרען ענטפער האָט וואַלשטיין נישט געקאָנט געבען. און אין זיין קלערען אַ מינוט, האָט דורך דער צייט פאַניאַ, וועלכע האָט דאָס געשפּרעך געהערט און חושד געווען איהם, אַז ער האָט דאָרט אַ סך מיידלעך געהאַט, צוגערוקט זיך, כדי צו הערען זיין ענטפער.

ער האָט אָבער קיין ענטפער דערויף נישט געגעבען, ווייל וואָס וועט ער איהר דערצעהלען? פאַר זיינע אויגען זענען אויפגעשוואומען די אַלע ערטער, שטעדט און מענשען, וואָס ער האָט דורך דער צייט געביטען, און ער האָט אָבגעווענדט דאָס געשפּרעך אויף אַ צווייטע טעמאַ:

—איהר שטעהט מיר נאָך ערשט פאַר די אויגען אין אַייער ברוינעם שול-קליידעל מיט דעם לאַנגען שוואַרצען פאַרטוכעל...

—בין איך דעמאָלט שענער געווען?—פרעגט זי מיט אַ לאַכעלן.

—ניין. פערשטעהט-זיך, אַז איצט—ענטפערט ער—פון קליינעם מיידעלע איז אַ שען-ענטוויקעלטע פריילין אויסגעוואַקסען.

פאַניאַ׳ן האָט זיין ענטפער אַ האַמער געטהון. זי האָט געפיהלט, אַז דאָס געזיכט פלאַמט איהר ווי צונטער. מינאַ׳ס ווייס בלוזקעלע מיט דער שמעקענדיגער קיילעכדיגער ברוסט האָט איהר אין די אויגען געשטאָכען.

נישט אומזיסט האָט זי נעכטען אינדערפריה געפיהלט, ווי דידאָזיגע מאַליע האָט שוין נישט איין יונגערמאַן אַרומגענומען...

און באַלד דערויף האָט זי אַ פרעג געטהון:

—קומט, איהר געהט אַהיים?..

אַלע האָבען איהר אַהן ווערטער נאָכגעגעבען,

און שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען פאַניאַ איז געלעגען אויף איהר בעטעל, וויפיעל מיה זי האָט זיך געגעבען איינצושלאָפען—האָט זי אַלץ נישט געקאָנט. די שלייפען האָבען איהר געהאַמערט.

איז עס ריכטיג, האָט זי זיך אויף קיין איין האָר נישט גענאַרט, אַז זי, מינאַ, קען שוין יונגעלייטס הערצער פאַנגען?

זי האָט זיך ווידער פאָרגעשטעלט, ווי זי, מינאַ, איז נאָך אַ קליין אונשולדיג קינד... נאָר באַלד שטייגט פאַר איהר ווידער אויף דאָס נעכ-

טיגע בילד, וואָס זי האָט נעכטען ערשט צום ערשטען מאָל דערזעהן: ווי מינאַ שטעהט מיט איהר אויסגעטראַקעוועטער פיגור און פולען ביוסט. אַ ציטער איז פּאַניאַ'ן דורכגעגאַנגען דורך דעם גאַנצען קערפּער.

„און ער, ערשט אַ בעניטער, נאָך אַזויפיעל עקספּערימענטען... ווייטער און ווייטער ליעבען?.. און דאָס, וואָס זי האָט אַזויפיעל געוואַרט אויף איהם אין דער שטיל, זאָל זיין פערלאָרען, און זי זאָל זיך האָבען אַזוי מיאוס אָבגענאַרט?"— — —

אַ שווייס האָט זי בעדעקט. זי האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך די דעקע, אויפ'ן בעט זיך אויפגעזעצט, און וויפיעל מיה זי האָט זיך געגעבען איהרע געדאַנקען פון זיך צו פערטרייבען, האָט זי נישט געקאָנט. פון דער פינסטערניש שטייגט פאַר איהרע אויגען אויף אַנ'אַנדער בילד: ווי אין זאַל איז ליכטיג, די שטוהלען זענען שניי-ווייס איבערגעצויגען, אַ סערווירטער טיש מיט אַלערליי פרוכטען, ניס... אויבען-אָן זיצען וואַלשטיין מיט מינאַ'ן און ביידע קוקען-זיך-אָן מיט אַ גליקליכען בליק...

מיט איין שפּרונג איז זי אין נאַכט-העמד פון בעט אַראָב און, ענערגיש אַ מאַך טהוענדיג מיט די ענטבלויזטע הענד אין דער לופט אַריין, אויסגעשריען: „ניין, דאָס וועט נישט זיין!.."

זי האָט ווילד טאַפּענדיג אויפ'ן טישעל באַלד אָנגעטראָפען מיט די פינגער אויף אַ פודעלע, פון וועלכען די שוועבעלעך האָבען אַ רוישיגען אָבקלאַנג געטהון אין איהר מוח, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך צעשריען עקסטרע און געוואָלט זי פערראַטען. זי האָט איינס אָנגעצונדען. אין געאַיילעניש, זייענדיג פערטהון מיט עפּיס אין געדאַנק, זוכענדיג וואָס, איז איהר אויפ'ן אויג געקומען וואַלשטיינ'ס וויזיט-קאַרטע, וואָס ער האָט ביינאַכט געלאָזט, האָט זי איהר אַ בלאַנק-געטהון מיט אַנ'אויפשריפט פון פערלאָבונגס-קאַרטע זיינע מיט מינאַ'ס, זי האָט זיך אָבער באַלד ווילד צעלאַכט:

— ניין, דערביי האַלט עס נאָך נישט!..—און מיט איין שאַר אין טישקעסטעל, באַלד דערטאַפּענדיג דאָרט, וואָס זי האָט בעדאַרפט, האָט זי דעם לאָמפּ אויסגעלאָשען און שטיל, ווי אַ קאַץ, זיך אָנגעהויבען שלייכען צו דער טהיר פון מינאַ'ס צימער. זי האָט זי שטיל און פאָרזיכטיג געעפענט, איז געבליבען שטעהן אַ רגע אין איהר אין דעם לאַנגען בלויזען העמד, דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט און זי האָט זיך ווי פערטייעט און דעם אָטעם אָבגעכאַפּט.

נאָך אַ ריהר. עס האָט קיין סקריפּ נישט געגעבען, און די טהיר איז שוין געשטאַנען ערשט פאַר איהר אַנ'אָפענע, אַ פרייע.

איהרע אויגען האָבען מיט אַ פאָספאָר-גלאַנץ ווילד זיך אַ טראָג-געטהון איבער מינאַ'ס בעטעל, ווי פון אַ נאַכט-געשפּענסט. און דאָ האָט מען שוין געזעהן, ווי אַ בלאַנק שערעל האָט זיך אין דער לופטען אַ הויב-געטהון. שטיל, אויף די שפּיצען נעגעל, איז זי ביי איהר צוקאָפּענס געשטאַנען. זי האָט אָבער צו-שווער געאָטעמט—האָט זי זיך אָבגעווענדט מיט אַ צוויי איילען צוריק אויף הינטערווייליכטס. דורך דעם שיין, וואָס האָט אַריינגעשלאָגען

פון פענסטער דורך דער גאַרדין, האָט זי געקאָנט בעמערקען, ווי מינאַ'ס האָר ליעגען, אין וועלכער ריכטונג, אַז זי זאָל זיי נישט דאַרפען זוכען און נישט צוהאַלטען מיט איין האַנד, בשעת מיט דער צווייטער וועט זי שערען, נור לופטיג, אַז די האָר זאָלען זיך קאָנען בעוועגען, וואוהין זיי וועלען דאַרפען, און זאָלען איהר דעם קאָפּ נישט ציהען.

דעמאָלט איז זי צו נאָכאַמאָל אויף די שפּיץ-נעגעל, שטאַרק נאָהענט און מיט אַ פעסטער אַיינגעהאַלטענקייט, אַז זי זאָל קיין איין איבריגע ווענדונג נישט מאַכען. זי האָט זיך אַיינגעהערט אין מינאַ'ס שלאָפענדיגען אָטעם. און האָט דעם אייגענעם אָטעם אויך געלאָזט געהן אין דעמזעלבען טאַקט, כדי עס זאָל נישט צוקומען קיין צומישונג פון פרעמדען, בעזונדערען געריש, און אויך כדי ער זאָל זיך דאָפּעלט פערשטאַרקערן און קאָנען דעקען דעם שאָרך פון דעם שערעלס שניידען אין די האָר. דעמאָלט האָט זי זיך טיעפער אַיינגעבויגען און גלייך, מיט דעמזעלבען אָטעם-טאַקט, האָט זי אויך מיט דעם שערעל געשניטען.

זי האָט זיך צוריק אויסגעגלייכט, און מיט אַ שטאַרקער אַיינגעהאַלטענקייט, אינגאַנצען נישט אָטעמענדיג, האָט זי זיך צוריק דערווייטערט פון דאַנען און אַרויס דורך דער טהיר, וועלכע זי האָט נישט פערגעסען צוריק צוצולעהנען, אַרייסגעהענדיג. זי האָט געשפּירט די לייכטקייט פון דער האַנד ביים צומאַכען זי, און מיט דערזעלבער לייכטקייט אין די פיס און אין גאַנצען קערפּער האָט זי זיך צוריק געלעגט אין איהר בעט אַריין.

„אַ גוטע נאַכט"—האָט אַ געדאַנק ביי איהר אַ שמייכעל געטהון אין קאָפּ, און נאָכמעהר האָט זי זיך אין זיך צעשמייכעלט, ווען פאַר איהר האָט זיך אויסגעמאָלט וואַלשטיינ'ס דערשראָקען פנים ביים ערשטען בליק אויף מינאַ'ס נאַקעטען קאָפּ.

„וואָס פאַר אַ מין לעכערליך בילד וועט דאס זיין!.."

י. פ. גרינבערג.

י. פ. גרינבערג.

קינדער־ליבע.

(ערצעהלונג).

פֿון די קינדער־יאָהרען

אין אָפטע בין השמשות׳ן. אויפ׳ן מערב־האָריזאָנט גוסס׳ט נאָך דער לעצטער זונען־שטראַל, די ווענד פֿון מיין צימער זעגען שוין אונטער די פֿליגלען פֿון דער שוואַרצער נאַכט פֿערבאָרגען און אַלץ אַרום מיר איז פֿערזונקען אין טיפֿען שווייגען; אין פֿאַרנאַכטיגען הלל, דאָרט אין ווייטען רוים וועבען זיך אַזעלכע הייליגע סודות,—דאַן אין יענער מינוט גרייכט צו מיינע אויערן פֿון אַ ווייט פֿערגאַנגען לאַנד, אַ טאָן, ווי פֿון אַ וואונדערבאַרער שענער מוזיק אַרויס.

און הו׳טשע—איז עס דער טאָן, וואָס פֿערכישופֿ׳ט אַזוי מיין האַרץ!

פֿון ווייטער דונקעלהייט קומט איהר געשטאַלט פֿאַר מיינע אויגען, און זי שטעהט פֿאַר מיר נאָך ווי דעמאָלט אָנגעטהון אין איהר שוואַרץ פֿאַרטוכעל, און מיט׳ן בלויען שלייפֿעל פֿערבונדען אין די לאַנגע צוויי בלאָנדע צעפּ.

אָבער פֿאַרוואָס פֿערשווינדט באַלד איהר געשטאַלט אין דער ווייטער טונקעלהייט. פֿון דער פֿאַרנאַכטיגער חלל־שטילקייט גרייכט צו מיינע אויערן עפּעס ווי אַ שטיל אַיינגעהאַלטענער געלעכטער, וואָס מיינט מיך צו שרעקען. כ׳דערפֿיהל מיך פּלוצים איינזאַם, ס׳בעפֿאַלט מיך אַ גרויסער אומעט, עס ווערט טונקעל. נאַכט־וואָלקענס, געזיימט מיט דעם זילבערנעם לבנה־שיין ציהען זיך אַוועק ווייט אין דער נאַכט. אין מיין פֿינסטערן צימער שלייכט זיך אַריין אַ ווערזען, זי נעהמט מיך ביי דער האַנד און פֿיהרט מיך צוריק איבער די גרענעצען פֿון יענע לענדער און צייטען, וואָס זיינען מיר אַזוי גוט בעקאַנט, ביז מיר גרייכען צו יענער כישופֿ׳דיגער פֿערגאַנגענהייט.

וויפֿיל האָב איך געגאַרט, בעקאַנט צו ווערען מיט דעם בלאַסען מיידעלע, וואָס איז שטענדיג געזעסען ביים פֿענסטער טיף אין זיך פֿערקלערט, און האָט ווייט איבער די מויערן און דעכער געקוקט. וויפֿיל האָט צוגעצויגען מיין יונגעלש האַרץ דאָס זיסע שמייכעלע, וואָס איז איהר געלעגען אין די באַקען־גריבעלעך אויףביידע זייטען מויל

אין חדר ביי׳ם חומש. דער רֶבּי איז געזעסען אין רויט וואַטענעם לייבעל אַ פערשוויצטער און האָט געשלאָגען אויף רעכטס און אויף לינקס. די יונגלעך מיט רויט פערפלאַמטע באַקען האָבען איינער דעם צווייטען איבערגעשריגען און מ׳האָט קיינעם נישט געהערט. דאַן בין איך גאָר ווייט אין מיינע געדאַנקען געווען פערטראָגען; פאַר מיר איז געשטאַנען חו׳טשע מיט איהרע בלאָהע און פערקלערטע אויגען. אין מיין קאָפּ האָבען זיך פערשידענע געדאַנקען און פלענער פאַרבייגעטראָגען, ווי אַזוי מיט איהר בעקאַנט צו ווערען און איהר צו מיינע שפּיל־צייג צו־ציהען.

און איינמאָל אַ זומער־פאַרנאַכט, אַז איך בין פון חדר אַהיים געקומען האָב איך זי געטראָפען זיצען אויפ׳ן גרויסען שטיין, וואָס איז אין ווינקעל הויף געשטאַנען, און זי האָט אַ פערקלערטע גריבעלעך אין זאַמד געמאַכט. איך האָב דעם שלאָס פון אונזער שטאַל געעפענט, אַרויסגענומען פון דאָרט אויפ׳ן הויף די ציגעל און ליים, וואָס איז דאָרט געווען, און ווען איך האָב מיר שוין אַנידערגעשטעלט מויערן, האָט זי אויפגעהויבען דעם קאָפּ מיט איהרע וואונדער־שענע בלאָהע אויגען און מיך אָנגעקוקט אַ פּאָר מינוט מיט אַ שטיל רעטעניש אין זיי. איך בין פעררויטיגט געוואָרען און אַ ציגעל איז מיר פון האַנד אַרויסגעפאַלען.

—וואָס מאַכסטו?—האָט זי שטיל געפרעגט.

—איך מויער אַ פּאַלאַץ!—האָב איך פערשעמט, נישט אויפצוהויבען דעם קאָפּ, אין דער געשווינד די פּאָר ווערטער איהר צוגעוואָרפען.

—אַ פּאַלאַץ?—האָט זי פערוואונדערט איהרע זעלטענע שענע אויגען נאָך גרעסער געעפענט, און איין מינוט אַרום האָב איך זי שוין נעהנטער צו מיין אַקסעל געהאַט און אהיר וואַרעמען הויך מיט׳ן גאָלד־לויטערן בליק אויף מיין באַק געפיהלט.

איך בין געשטאַנען און געמויערט און אַ גרויס גליק מיט אַ אַהנונג פון אַ ווייט צויבערדיג לאַנד האָט מיינע געדאַנקען איינגעהילט. אָט זעה איך אַ שלאָס, ווייט אָבגעזונדערט פון דער וועלט. אין יענער גרויסער אייביגער שטילקייט לעבען נישט מעהר ווי צוויי מענשען; אַרום און אַרום רינגלען פון אַלע זייטען הויכע ביימער, אַ גרויסער פּאַרקאַן, עס שפּאַצירען די צוויי מענשען מיט זעלטענער שטילקייט צווישען די ביימער, פון דערווייטענס ווינקס דער שלאָס, ווען עס ווערט נאַכט געהט זיך די פּאָר פערבאָרגען אין שלאָס אַריין, און שטיל, אַנ׳אייביגע שטילקייט, הערשט דאָרט און פערבאָרגט די צוויי מענשען, און די צוויי מענשען דאָס—בין איך מיט חו׳טשען.

עס האָט מיך אַזוי ווייט פערצויגען אין דעם גאָלדענעם צויבער, אַז איך האָב נישט געזעהן, וואָס אַרום טהוט זיך, נישט געזעהן ווי די זון איז געוואָרען אַוועקגעריסען, ווי אַ שווערער חמורנער וואָלקען האָט זיך אויפ׳ן הימעל אָנגעצויגען, ווי אַ ווינד האָט אָנגעהויבען צו בלאָזען, אויפצוכאַפּען די שטיק

לעך פּאַפּיר און איינציגע שטריען, וואָס זענען דאָרט געלעגען אָנגעוואָרפען אין „פּאָדוויר״, און אָנגעהויבען צו דרעהען זיי ווי אַ זייל, הויך אין דער לופט, צעשמייסענדיג זיי באַלד צריק אויף אַלע זייטען פון פלויט. ווען איך האָב די אויגען אויפגעהויבען איבער׳ן דאַך, זענען שוין די ערשטע טראָפּענס רעגען געקומען אַלס בשורה־אָנזאָגער פון אַ שטורם. מיט אַמאָל האָט אַ גוואַלדיגער בליץ זיך אויסגעשניטען, איך האָב נאָר נאָכאַמאָל אַ קוק געגעבען אויף מיין אָפּגעטהוענער אַרבייט, דערנאָך ווידער אין דער ווילד־געוואָרענער מיט שטויב־פערוואָרפענער לופט איבער׳ן דאַך און נאָך איידער כ׳האָב צייט געהאַט צו בעשליסען וואָס צו טהון, איז אַ שלאַגס־רעגען מיט אַ שדים-געפּאַטשעריי און געקראַכעריי פון דונערן שוין געלעגען איבער אונזערע קעפּ.

ווען מיך האָט נישט געגלוסט צו אַנטלויפען פון דעם דונער, אין דער־זעלבער רגע האָט הו׳טשע געפונען, אַז מיט די „אָפּאַלעס״ און ברעטער, וואָס ליגען אין ווינקעל הויף, וואָלטען מיר געקאָנט פערשטעלען אונזער אָנגעהויבענע אַרבייט און מיר זאָלען זיך דערווייל לויפען בעהאַלטען, ביז דער רעגען וועט איבערגעהן.

אין איין מינוט האָבען מיר שוין געשלעפּט די ברעטער. איהרע באַקען צוזאַמען מיט די האָר, וואָס האָבען זיך אויף זיי געקלעבט זענען אין זוי־גענבליק געוואָרען, ווי זי וואָלט אין אַ טייך געלעגען. איך האָב זי געוואָלט אָנכאַפּען און אין שטוב אַריינלויפען, ווי אין דערזעלבער רגע האָט דורך דעם גערויש און געפּאַטשעריי פון רעגען זיך געלאָזט הערען איהר מוטערס שטים: הו׳טשע, און באַלד דערנאָך מיין מוטערס:

— מאָטעלע! —מיט אַ שרעקליך דראָהענדיג קול.

מיר האָבען אַוועקגעוואָרפען דעם „פּאָדוויר״ און יעדער איז אַריין צו זיך אין שטוב, בעזונדער.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נישט געקאָנט איינשלאָפען. אַ גרויסע פרייד האָט מיין האַרץ געוויגט נאָך דעם ערשטען צוזאַמענקניפּען פריינדשאַפט מיט חו׳טשען. מיר דאַכט, אַז איך קום פון וויטע לענדער, וואו איך האָב געזאַמעלט אַ גרויס פערמעגען. איך קום מיט אַ גאַנצער מחנה מויל־אייזלען, קנעכט און דינסטען. אַלע זענען מיר אין גאָלד בעדעקט, די גאַנצע שטאָט שטעהט פאַר אונז, און ווען חו׳טשע פרעגט זיך פון פענסטער אַרויס פערוואונ־דערט: ווער איז דער דאָזיגער מאַן... דעמאָלט רייט איך צו צו איהר פענ־סטער, בייג מיך אַראָב פון מויל־אייזעל און רוים איהר איין אין אויער, אַז דאָס געהערט צו אונז ביידען. איך העלף איהר פון פענסטער אַראָבשטייגען, זי זעצט זיך אויף אַ מויל־אייזעל און, געזעגנענדיג זיך מיט דער שטאָט, פאָה־רען מיר אַוועק דאָרט, וואו עס וואַרט שוין אויף אונז אַ גרויסער פּאַלאַץ— —

מיט׳ן גרויען פון מאָג בין איך אויפגעשטאַנען. שטיל האָב איך מיך פון שטוב אַרויסגעשלייכט. דער הימעל איז געווען ריין. דאָרט אין מזרח,

וואַהין מיר שטעהען שמונה־עשרה, האָב איך געזעהן, זענען געווען איך הימעל־ראַנד מיט רויטע, מיט גילדענע און מיט נאָך פיעל קאָלירטע זוימען געפּרעגזועלט די פּאַסען וואָלקען און איך האָב דערקענט, אַז היינט וועט זיין אַ שענער זונען־טאָג. די שטיינער פון ברוק זענען נאָך געווען פייכט: אַ לייכט מאָרגען־ווינטעל האָט געוועהט, און אַלץ אַרום איז געשטאַנען, ווי זאַט און צופרידען פון ביינאַכטיגען רעגען.

דעם פּאַלאַץ, וואָס מיר האָבען אָנגעהויבען צו מויערן, האָב איך געפונען איינגאַנצען צעשטערט. אין ראָוויקעל איז נאָך, ווי אַ זילבערן שנירעלע, וואַסער געשטאַנען און ווייס־קלאָרע שטיינדעלעך מיט אויסגעשאַרוועט זאַמד איז אויפ׳ן ברעג געלעגען. דאָס ליים אָבער, וואָס איז געלעגען ווייטער עטוואָס, איז געווען צעקנעטען און צעשוואומען און די ערשטע אָנגעהויבענע וואַנד, וואָס מיר האָבען נעכטען אויפגעשטעלט, איז אויף אַ בערגעל געווען איינגעפאַלען. איך האָב מיך גענומען צו דער אַרבייט, צריק אויפצושטעלען. ביי־טאָג ווען איך וועל אין חדר זיין—האָב איך געטראַכט—וועט חו׳טשע אויך דערביי עפּעס טהון, און פּאַרנאַכט וועלען מיר ווייטער צוזאַמען מויערן.

אַ גאַנצען טאָג האָב איך געוואַרט אויף דער נאַכט. דעמאָלט ווען איך חדר וועט זיך אויף אַלע פּנימ׳ער אַ רויט ליכט צעלעגען, די קעגענאיבעריגע פענסטער וועלען זיין רויט ווי צונטער, אין מערב וועט ווערען דער הימעל רויטער און רויטער, ביז עס וועלען זיך, ווי אַלע פּאַרנאַכט, פון דער קאָמאָדע ביז צום רבי׳ס טיש צוויי שאָטענס איינער צום צווייטען לאַנגזאַם צושלייכען און זיך ברודערליך אַרומנעהמען, אויף די ווענד וועלען אָנהייבען שאָטענס אַרויסצושפּרינגען.

ווען עס איז שוין נאַכט געוואָרען, אין די ווינקלען פון חדר איז שוין געווען גוט טונקעל. דער הויכער קופּערט מיט דער שוואַרץ־צעראַטענער סאָפע האָט דאָס פּאַרנאַכטיגע טונקעלהייט ווי איינגעשלונגען. די הוהן איז פון הויף ווי אַן אבלות׳טע אַריינגעקומען און האָט זיך אונטער׳ן קימען אַוועקגעזעצט דרימלען, דאַן האָט דער רבי בעפוילען:

—דאַווענט׳ס מנחה!—

איך האָב מיך, ווי אַ מעכטיגע האַנד וואָלט מיך אויפגעשטעלט, באַלד גענומען מנחה דאַוונען, און פון מנחה צו אונז אויפ׳ן הויף געלאָזט זיך לויפען. די אַרבייט האָב איך געפונען אַזוי, ווי איך האָב זי אין דער פריה געלאָזט; ס׳איז דערביי גאָרנישט געטהון געוואָרען, און עס האָט מיך שטאַרק געוואונדערט. אַ האַלבע שעה האָב איך אַליין געאַרבייט און יעדע ווילע אויף אַלע זייטען זיך אומגעקוקט, צי קומט זי נישט אָן—אָבער אומזיסט, זי האָט זיך נישט בעוויזען.

אפשר—האָט מיר געצומען שמייכלען אַ געדאַנק—וויל זי קומען ערשט

דעמאָלט, ווען דער פּאַלאַץ וועט זײַן שוין אינגאַנצען פערטיג?

דאָס רויטקייט אין מערב האָט זיך גענומען לעשען. אַזוי מיר האָט אָנגעהויבען ווערען אַלץ טונקעלער און טונקעלער, און אין מײַנע פענסטער האָט זיך שוין פייער געוויזען. איך האָב אויפגעהערט אַרבייטען. עס איז מיר אַזוי אומעטיג געוואָרען, אין האַרץ, האָב איך דערפיהלט, נאָגט מיר און ס'לייגט זיך אַזאַ שווערע לאַסט. עס קאָן זיין—האָט מיר אַ געדאַנק אַ בויער געטהון—אַז איהר חבר'טאָרינס ברודערל האָט איהר איבערגערעדט, זי זאָל זיין מיט איהם שפּילען אין קאַראַהאָד. ער איז אַ קליינער, אַ פרעהליכער, איך בין אַ הויכער, נאָר אַ דאַרער מיט אומעטיגע אויגען—האָט מיך געפּייניגט אַ געפיהל, עהנליך צו אַנגסט און פערצווייפלונג. דאָס בלוט, האָב איך געפיהלט, שטעכט אין מיין האַרץ, מיינע אַלע גלידער בעפאַלט חלשות און איך האָב מיך אָנגעשטרענגט צו קומען צום גרויסען פּלאַץ, וואו מען שפּילט אין קאַראַהאָד. דאָרט האָב איך געטראָפען איהר חבר'טאָרינס ברודערל מיט אַ גרויס ראָד מיידלעך, וואָס האָבען זיך געדרעהט האַנד ביי האַנד, פעסט צוגעהאַלטען, און דאָס פאַר'נאַכטיגע ווינטעל האָט זיך מיט זייערע פאַרטוכער און בענדער געשפּילט. אין דער טונקעלער נאָר ריינער לופט האָבען אָבגעקלונגען זייערע שענע קול'כלעך און עס האָבען געשפּילט מיט גלאַנץ און מונטערקייט זייערע פריידיגע בליקען.

צווישען די אַלע מיידלעך האָב איך אָבער נאָר איינע נישט געזעהן: חו'טשע האָט געפעהלט. דאָס געזאַנג פון טאַנצענדיגען ראָד האָט מיר גענומען אין די אויערן איבערדריסיג ווערען און איך בין מיט לאַנגזאַמע טריט צוריק צו אונזער הויף געגאַנגען. נישט וויסענדיג אַליין, וואָס איך טהו—האָב איך די אָנגעהויבענע אַרבייט גענומען צוואַרפען. אַ פערביטערטער האָב איך דערנאָך געזעהן ליגען די ציגעל אין אַנ'אונאָרדנונג.—ס'קאָן זיין—האָט מיר אַ געדאַנק ווידער אונטערגעזאָגט,—אַז זי מויערט אַ פּאַלאַץ מיט ועמען אַ צווייטען.

אַרום איז שוין געוואָרען גוט פינסטער. די בעהאַלטענע לבנה הינטער וואָלקענדלעך איז אויפ'ן הימעל אַרויסגעקומען, די שטערען האָבען איינער צום צווייטען ווי געוואונקען. איבער'ן הויף איז ווער פון אונזער שטוב געגאַנגען און האָט מיך גערופען: „מאָטעלע!"

און ווידער האָבען מיר אַ גאַנצע נאַכט די געדאַנקען צורוה נישט געלאָזט. אין שטוב ביי אונז איז געווען פינסטער. איך בין געלעגען אויף מיין בעטעל, געוואָרפען פון אַ געדאַנקען־שטראָם אין אַ טיפער פערגעסענהייט. שפּעט אין דער נאַכט בין איך איינגעשלאָפען און גאַנץ שפּעט אויפ'ן טאָג בין איך אויפגעשטאַנען מיט אַ שווערען און מידען קאָפּ. דער הימעל איז געווען ווידער אַ פערנעבעלטער. שווערע בלייערנע וואָלקענס האָבען זיך אויף איהם געצויגען, און איך האָב אַלץ נישט אויפגעהערט צו קלערען.

—וואָס שטעהט ער עס און וויל היינט אין חדר נישט געהן?—האָט ויער

אויף מיר אָנגעוויזען.—כ׳געה שוין... כ׳געה!—האָב איך געענטפערט און מיך געלאָזט פון די טרעפ אַראָב.

דורכ׳ן הויז־פענסטער האָב איך דערזעהן יאָסקען דעם פעלדשער אָנקומען, און גלייך האָבען מיר אַלע געדאַנקען אַ פרעג געטהון: צי געהט ער נישט אַמאָל צו חו׳טשען? און איך האָב געפיהלט, ווי עפּעס האָט זיך מיר אין האַרץ אָבגעשטעלט. יאָסקעס שווערע טריט האָבען זיך באַלד אין הויז דערהערט; גלייך זעה איך, ווי ער עפענט דאָרט די טיר און געהט אַריין צו חו׳טשען. ס׳האָט מיך גענומען ווי אין פיבער וואַרפען. פאַר מיינע אויגען איז געשטאַנען חו׳טשע די שטענדיג־בלאַסע—אַ פעררויטיגטע, אַ נאַסע... פון שטערען רינען איהר שווערע טראָפּענס ווי שווייס אַראָב און דער רעגען גיסט...

—זי איז פערקיהלט געוואָרען!...—זאָגט מיר אַ געפיהל.

ווי צעטומעלט בין איך אין חדר געזעסען. אין צוזאַמענמישונג פון די פערשידענע קינדישע קולות ביים לערנען האָט אָבגעקלונגען אין מיינע אויערן, אַזוי ווי דאָס געוויין פון ווייבער ביים אָרון־קודש, וואו מען רייסט־איין פאַר אַ קראַנקען. און פאַר מיר איז געשטאַנען חו׳טשעס מאַמעשי אַ פערווייטע. ביים מיטאָג האָב איך מיך נעבען מיין מוטער געדרעהט, אפשר איז זי געוועזען ביי חו׳טשען און וועט פון דאָרט עפּעס דערצעהלען? אָדער ווייסט זי גאָרנישט און וועט מיך אַהין שיקען אַ כלי לייהען,—האָב איך איהר גענומען קוקען אויף די הענד.

— וואָס דרעהסט ער זיך מיר אין די אויגען?—האָט מיך מיין מוטער פון זיך געטריבען.

איך בין צוריק אין חדר געגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט וואו אין אַ ווינקעל. און ווידער האָט זיך געשטעלט פאַר מיינע אויגען חו׳טשע, ווי זי ליגט אַ בלאַסע אויף איהר בעטעל. די האָר זענען אויפ׳ן קישען צעוואָרפען, די ליפּען האַלט זי שטייף פאַר יסורים צוזאַמענגעביסען.

איך האָב געוואָלט פאַר וועהטאָג, וואָס האָט מיך פלוצים אַרומגענומען, אויפשפּרינגען און לאָזען זיך לויפען נישט צו וויסען וואוהין. איך בין אָבער געבליבען זיצען. כ׳האָב געקלערט: פאַרנאַכט, אַזוי ווי איך וועל נאָר פון חדר אַהיימקומען, וועל איך גלייך ביי חו׳טשען די טיר עפענען, זאָגען איהר מאַמעשי, וואָס זיצט געוויס ביי חו׳טשעס בעטעל אַ מידע, אַז זי זאָל זיך געהן אָברוהען און איך וועל בלייבען זיצען ביי חו׳טשען. זי—האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט—וועט מיך אַ גלעט טהון און זאָגען, אַז איך בין גאָר אַ וואויל יונגעלע... און וועט מיך איבערלאָזען ביים בעטעל, פון וועלכען איך וועל נישט אָבטרעטען.—איך האָב מיר פאָרגענומען, איך וועל זיצען קעגען איהר אַ גאַנצע נאַכט און קוקען, ווי זי שלאָפט. ווי זי האַלט די שענע אויגען צוגעמאַכט... און אַז די וועט נור מיט דער האַנד אַ ריהר־טהון, אַזוי וועל איך שוין אויף די פיס שטעהן און איהר דאָס לעפעלע רעצעפּט דערלאַנגען אין איהר בלאַסע שענע האַנד.

זי וועט אויסטרינקען און געוויס שמייכלען, וואָס איך שטעה ביי איהר בעטעל. און מיר וועלען רעדען פון פּאַלאַץ, וואָס מיר וועלען מויערן באַלד, ווי נאָר זי וועט אם ירצה השם געזונד ווערען — —

באַלד פאַרנאַכט, ווי איך בין נאָר אין הויז אַריינגעקומען, האָט זיך ביי חו'טשען די טהיר געעפענט און איהר מאַמעשי איז אַרויסגעקומען מיט אַ טיכעל איבער'ן קאָפּ איינגעהילט. זי האָט אויף מיר אַ זייטיגען בליק געוואָרפען און איז ווייטער געגאַנגען. מיר האָט עס אָבער אויסגעוויזען, ווי זי קוקט אויף מיר בייז: „איבער דיר!... איבער דיר, דו יונג!"... און אַ געפיהל פון שאַנד האָט מיך בעדעקט.

איך בין, ווי געיאָגט פון וויפיל הענד, אין שטוב אַריינגעלאָפען. עס האָט מיר געדאַכט, ווי איהר קול יאָגט מיך נאָך, און איך האָב מיך נישט־ווילענדיג צו דער טיר אומגעקוקט. מיר האָט זיך אויך געדאַכט טיילמאָל, אַז אָט עפענט זיך די טיר און חו'טשעס מוטער קומט אַריין. איך האָב מיך אויף דער סאָפקע געוואָרפען און אין דער קאַלטער צעראַטע מיין געזיכט בעהאַלטען. מיך האָט ווי אין פיבער געוואָרפען. מיינע אויערן האָבען געהערט, ווי חו'טשעס מאַמעשי שטעהט ביי אונז הינטער דער טיר און קלאַפּט אַריין מיט די פויסטען: איך'על דאָס נישט שווייגען... איך'על נישט שווייגען!.. צרויס גיט איהם מיר!...

—געה זיך לייגען און טהו זיך אויס!—האָט מיך די מאַמע געטריבען.

איך האָב זיך שנעל אויסגעטהון, זיך גוט מיט'ן איבער־בעט איבער'ן קאָפּ צוגעדעקט. אַלץ אַרום מיר איז פּלוצים ווי פערטויבט געוואָרען... פון דער־ווייטענס האָב איך דערזעהן אָנלויפען אַ צעהן־יעהריג מיידעלע אין ווייסען אָנגעטהון... זי האָט אַ טופּ־געבענדיג מיט איהר פוס אונזער אָנגעהויבענעם פּאַלאַץ אומגעוואָרפען... פון דאָרט לויפט זי שנעל, דאָס ווייסע בלוזקעלע איז ביי איהר אָפען, אַ ווייסע שוים שטורצט איהר פון מויל אַרויס און זי שרייט, קוים וואָס מען הערט: „אַ פּאַלאַץ עסט'ו מאָטעלע האָבען?... אַ שלאָס מיט אַ פּאַרק?" און לאָזט זיך צו מיר, מיט איהרע ענטבלויזטע הענד נעמט זי מיך ביים האַלז ווערגען; איך שריי—אָבער קיינער הערט נישט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז איך האָב אויף צומאָרגענס די אויגען געעפענט, האָב איך מיך געטראָפען ליגען דעם קאָפּ מיט אַ האַנד־טוך אַרומגעבונדען. מיין פאָטער איז געשטאַנען ביי דער ספרים־שאַנק און האָט געביסען געשוויגען, און זיין שווייגען האָט מיך גענומען פיינליך שרעקען.

און ווען איך האָב מיך אויפגעהויבען אין חדר צו געהן,—איך האָב מיך בעפיהלט גאַנץ און געזונד,—האָט מיר מיין פאָטער צו זיך צוגערופען, מיר

ביי דער גאָמבע אָנגענומען. ער האָט מיר קאַלט אין די אויגען אַריינגעקוקט און געלאַסען צו מיר געזאָגט:

—עפּעס אַ חו׳טשע, אַ מיידעל און אַ פּאַלאַץ, האָסטו אין זין געהאַט אַ גאַנצע נאַכט... ווי איך זעה, זוהן מיינער, איז נישט דאָס לערנען ביי דיר דער עיקר...

און ס׳איז ביי איהם בעשלאָסען געוואָרען, מיך אַוועקצושיקען אויף אַ גאַנץ יאָהר, ביז מיין בר־מצוה, צו זיינעם אַ מקורב, אַ מלמד, אין אַ נאָהנט שטעטעל.

ווי אַ שרעקליכער דונער האָבען מיך מיין פּאָטער׳ס ווערטער אין האַרץ געטראָפען. איך וועל מוזען אויף אַ גאַנץ יאָהר פון מיין היים אַוועקפאָהרען, כ׳וועל אַ גאַנץ יאָהר חו׳טשען נישט זעהן... און איך האָב מיר גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלען, ווי אַזוי איך וועל דאָס יאָהר אַדורכלעבען.

און נאָך אין זעלבען פאַרנאַכט האָט שוין מיין פאָטער בעשטעלט לייזער מיכל׳ס דעם פוהרמאַן, ער זאָל פאַרטאָג צו אונזער הויז צוקומען. ס׳האָט נישט געהאָלפען מיין מוטער׳ס בקשות און תחנונים, אַז ער זאָל לאָזען מיך כאָטש זיין נאָך אַ וואָך אין שטוב, איך זאָל מיר צוזעהן:

—זעה נור דאָס קינד, מערדער!—האָט זי איהם אָנגעוויזען אויף מיין בלייך געזיכט. נאָר מיין פאָטער איז געווען אין זיין דעה,—ווי מיין מוטער האָט איהם גערופען,—האַרט ווי אַ שטיין, נישט פון אָרט צו ריהרען.

און דעם גאַנצען טאָג בין איך אויפ׳ן הויף אַרומגעגאַנגען, חו׳טשען צו טרעפען און איהר מיטטיילען, אַז איך פאָהר־אַוועק אויף אַ גאַנץ יאָהר... און מיט איהר זיך געזעגנען. אָבער אויף מיין אומגליק האָב איך זי נישט געטראָפען. ס׳האָט מיך גענומען בעאונרוהיגען: אפשר... אפשר איז זי?. נאָר אויף דעם בין איך גלייך בערוהיגט געוואָרען: איך האָב געזעהן חו׳טשעס מוטער רעדען און לאַכען מיט אַנדערע ווייבער, גלייך ווי ביי איהר וואָלט גאָרנישט געטראָפען.

—אָבער ווי לאַנג וועט זי זיין קראַנק—האָט מיך געפּייניגט—און כ׳וועל זי נישט קאָנען זעהן?...

אין אייגענעם אָווענד, אַז אין דרויסען איז שוין גוט טונקעל געווען, די זון איז שוין פון לאַנג אונטערגעגאַנגען און אַ טיפער נאַכט־הימעל איז געווען איבער׳ן שטעטעל פערצויגען, בין איך אין שטוב אַריין און האָב געטראָפען מיין מוטער מיט פערוויינטע אויגען איינפּאַקען מיינע וועש און שבת׳דיגע מלבושים. איך האָב מיך אין אַ ווינקעל אַוועקגעזעצט. דאָס האַרץ איז מיר ווי פערקלעמט געווען, אין קאָפּ האָט מיר ווי אַ שווער בליי זיך אָנגעגאָסען, מיין האַלז האָט ווי עפּעס געוואָרגען און זיך געקאָרטשעט צום וויינען, און פלוצים בין איך אַרויס מיט אַ האַרציג געוויין.

מיין מוטער האָט דאָס איינפּאַקען אַוועקגעלייגט. זי איז צו מיר צוגע־

באַנגען, מיין קאָפּ אין אירע וואַרעמע הענד גענומען און פון אירע אויגען זענען אויף מיינע באַקען וואַרעמע טרערען געפאַלען.

—וואָס איז דאָס פאַר אַ געוויין?—איז מיין פאָטער, אַריינקומענדיג פון מערב־דאַווענען, אַרויס מיט אַ געשריי אויף דער מאַמען.

מיין מוטער האָט ווייטער איינגעפּאַקט מיינע זאַכען מיט אַ שמיל שלוכצען. און איך בין אַזוי, זיצענדיג אויף מיין בעטעל, די נאַכט אַדורכגעשלאָפען. און פאַרטאָג, דער מאָרגען האָט נאָר־וואָס גענומען בלאָהען, איז שוין געשטאַנען לייזער מיכל׳ס פוהר פאַר אונזער הויז.

איך בין אויף דער פוהר אויפגעשטיגען און אַלץ אַרום מיר האָב איך גאָר נישט געמערקט און געזעהן; פייכט זענען מיר געווען די אויגען, און אין די אויערן האָבען מיר ווי עפּעס מאָדנע קולות אָבגעקלונגען. איין געדאַנק אָבער, וואָס איז געווען צמדייטליכסטען און וואָס איך האָב געפיהלט, אַז עס פּייניגט און עסט מיין האַרץ איז געווען דאָס, וואָס כ׳וועל מיר מוזען מיט חו׳טשען שיידען... מיינע אויערן וועלען שוין אַ צייט נישט הערען, ווי זי רעדט אַרויס אַזוי ליעבליך מיין נאָמען „מאָטעלע” און קוקט מיך אָן מיט אַזאַ וואַרעמען בליק...

אָבער אין פרעמדען שטעטעל, דאָרט אין קליינעם חדר׳ל ביי דער גרויסער גמרא, האָט זיך אָנגעהויבען מיין קאָפּ אויסצולייטערן און אַ טרייסט האָב איך דערפיהלט אין האַרץ: איך האָב גענומען חלומ׳ן, ווי איך וועל דאָס יאָהר זעהר פלייסיג לערנען. כ׳וועל אַהיים קומען, ביי אונזער אָפענעם פענסטער וועל איך זיצען אַ גאַנצען טאָג און לערנען. מיין קול וועט דעם גאַנצען הויף פערקליינגען... חו׳טשעס עלטערן וועלען פאַרבייגעהן און אויף אַ ווײַלע זיך אָבשטעלען, צו מיין לערנען זיך איינהערען... ביז איינמאָל אין אַ שבת ביי טאָג נאָכ׳ן שלאָף—האָב איך געוואוסט, אַז זיכער וועט עס אַזוי זיין—וועט מיך חו׳טשעס טאַטעשי צו זיך אַריין פערבעטען, גלאַט אַזוי צו שמועסען אין לערנען. די שטוב וועט זיין שבת׳דיג אויפגערוימט. חו׳טשע וועט ביי מיין אַריינקומען רויט ווערען, און מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען וועט זי דערלאַנגען צום טיש שבת־פרוכטען... איהר טאַטעשי וועט מיט מיר נעמען פערפיהרען אַ שמועס וועגען לערנען, און איך—האָב איך מיר פאָרגענומען—וועל נעמען די שווערסטע סוגיות פון תלמוד פערפלאָנטערן אַזוי, אַז חו׳טשעס טאַטעשי זאָל בלייבען זיצען פערגאַפט מיט אַנ׳אָפענעם מויל און איהר מאַמעשי זאָל אויף מיר מיט אַ טרער אין איהרע אויגען קוקען...

—פאַרוואָס פערזוכט איהר גאָרנישט?— וועט מיך פרעגען חו׳טשע, און מיר אין האַנד אַ מעסערל דערלאַנגען...

און אַזוי חלומ׳דיג איז דאָס יאָהר פאַרבייגעלאָפען.

געקומען איז דער טאָג, וואָס איך האָב אויף איהם אַזוי געוואַרט; ס׳איז געקומען דער טאָג, וואָס איך וועל שוין נעבען חו׳טשען באָהענט זיין... חו׳טשע, וואָס האָט אין מיינע אויגען אויסגעזעהן ווי די הייליגע שולמית פון שיר

השירים און וואָס איך האָב אין מיין פאַנטאַזיע מיט איהר געשפּאַצירט איבער די שניר וחרמון בערג...

און אָט איך שטעה ווידער אויף מיין הויף. איך האָב זי נישט געטראָפען, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, ביים אָפענעם פענסטער זיצען ווי אַלעמאָל איז דאָס פענסטער געווען פערקלאַפּט און דאָס רויטע פאָרהאַנגעל אַראָבגעלאָזט. ס'האָט מיר עפּעס פלוצלונג אַ קלאַפּ אין האַרץ געגעבען און אַלץ אַרום איז פאַר מיינע אויגען ווי פערדונקעלט געוואָרען:

איך האָב מיט אַמאָל דערזעהן איהר אָנקומען, אָבער ווי ענטשטוינט האָט עס מיך: איך האָב נישט געטראָפען יענע חו'טשע מיט די גרויסע פערטראַכטע אויגען—איך האָב געטראָפען הו'טשען אָנגעטהון אין אַ גימנאַזיען קליידעל, זי איז געווען אַרומגערינגעלט מיט חבר'טאָרינס און אַלע האָבען פרעהליך און זאָרגלאָז געלאַכט.

איך האָב נאָך קיין טראַכט נישט געטהון, ווי זיי זענען פאַרביי מיר דורכגעגאַנגען. חו'טשע האָט מיך גענומען ערנסט אָבמעסטען מיט אַ בליק, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען ווער איך בין. איהרע חבר'טאָרינס האָבען זיך גענומען שושקען און סוד'ען וועגען מיר. פלוצלינג האָט איינע אָנגעוויזען אויף מיין לאַנגע קאַפּאָטע, איך האָב דערפיהלט ווי דאָס פנים פלאַמט מיר ווי צונטער; די אויגען וואָלט איך וואו בעגראָבען. און מיט איין שאָס זענען אַלע גלייך אַרויס מיט אַ געלעכטער. חו'טשע איז באַלד פערשוואונדען צוזאַמען מיט אַלע און איך בין געבליבען שטעהן אויפ'ן אָרט, איך האָב מיר נישט געקאָנט אַ ריהר טהון. אַנטלויפען וואָלט איך געוואָלט אין יענער מינוט ערגעץ ווייט, דאָרט וואו ס'זענען גאָר קיין מענשען נישטאָ—אָבער מיינע פיס זענען געווען אונטערגעהאַקט. דאָס האַרץ, האָב איך געפיהלט, איז אַרומגעגאַרטעלט פון אַ שלאַנג, ווערענדיג צעקוועטשט. פאַר מיינע אויגען לויפען פערשידענע געשטאַלטען פאַרביי; ווער, דאַכט זיך מיר, איז צו מיר צוגעקומען, האָט מיך מיט אַ האַנד ביי אַנ'אַקסעל אָנגענומען און אין שטוב מיך אַריינגעפיהרט...

י. פערלע

יהושע פערלע.

אַ לעגענדע.*)

...יאָהרען וועלען אַריבער און דורות וועלען פאַרבייגעהן, ווי עס געהט פאַרביי די שוים אויפ'ן ים און דער שטורם אין סטעפּ. און פערגעסען וועלען ווערען די, וואָס זענען געפאַלען מיט אַ קללה אויף די ליפּען און די, וואָס האָבען געמורמעלט אַ ברכה. פערגעסען וועלען ווערען אויך יענע וואָס זענען יונגערהייט אַלט געוואָרען און די, וואָס זענען אַלטערהייט פון זינען אַראָב. די ערד וועט זיך צוריק אויסגלייכען און אַרוים וועט דער פויער מיט זיין אַקער־אייזען: איינמאָל זיך איינשניידען אין איהר, נאָך אַ מאָל, איבערמיסטיגען, איבערוואַרפען — ביז עס וועלען אויפגעהן פעלדער מיט ליכטיגע, גאָלדענע ביימען תבואה און עס וועלען צוריק פול ווערען די שייערען, דאַמאָלס וועלען זיך אויף די פרישע לאָנקעס פאַשען שאָף און רינדער און פרעהען זיך און לויבען גאָט פאַר דער דעמאָלדיגער שעהנער וועלט.

נאָר ערגעץ ביי אַ פערוואָרפענעם וועג וועט שטעהן אַן'איינזאַמע טאָפּאָלע מיט נאַקעטע, אָבגעברענטע, צווייגען און זי וועט קאָנען דערצעהלען פון הימלען, וואָס האָבען טאָג און נאַכט געברענט און פון קללות, וואָס האָבען זיך צו די דאָזיגע הימלען געריסען. ערגיץ אויף אַ פעלד, צוטרעטען און צואַקערט, וועט זיך נאָך אָנזעהן אַ בערגעל פון אַ „ברודער־קבר”, וואָס וועט דערמאָנען אָן טרעהרען פון מאַמעס און שלאָפלאָזע נעכט, אָן ביטערע זיפצען, וועלכע קיינער האָט נישט פערנומען און אָן ברכות, וועלכע קינדערישע ליפּען האָבען פאַר'ן שלאָפען געהען געשיקט זייערע טאַטעס אין די ווייטע פעלדער אַריין. עס וועט אויך ערגעץ וואו פון אַן'אַלטער חורבה'דיגער שוהל אַרויסברומען אַ ליעד פון פיין און לייד, אַ ליעד, וואָס וועבט זיך שוין דורות און אַזוי ווי אומשולדיג פערגאָסען בלוט, רוהט זי נישט קיינמאָל.

דעמאָלט קומען וועט אַ צייט, ווען פון היינטיגען יונגען דור וועלען בלייבען איינציגע זקנים, און ערגעץ וואו וועט זיך געפינען אַ יודישע באָבע, וואָס וועט אין אַ שבת פאַרנאַכט, ווען עס שטאַרבט די זון שטום און פער'צער'ט, צונויפרופען איהרע אַלע אייניקלעך, הייסען זיי אוועקזעצען נעבען אויוען און

---

*) בעמערקונג: די זאַך איז געווען געדרוקט אין אַ טעגליכער צייטונג, וואו דער רעדאַקטאָר האָט דעם אויטאָר שטאַרק אַרומגעשניטען, און מיר גיבען זי דאָ איינגאַנצען לויט דעם אויטאָרס ווילען.

די רעדאַקציע.

זאָגען: „קומט, ליעבע קינדערלעך מיינע, זעצט אייך אויס דאָ דערנעבען, לייגט צו אַ קעפּעל צו אַ קעפּעל און זאָל זיך אייך דאַכטען, אַז עס חלומ'ט זיך אייך אַ חלום. די באָבע וועט אייך אַ מעשה דערצעהלען און וועט וועמען קומען טרעהרעלעך אין ד'אויגען, זאָל ער זיי אָבווישען און שווייגען". דער באָבעס קול וועט ווערען שטיל דעמאָלט, אַזוי שטיל, ווי עס איז דער לעצטער אָטהעם פון שבת פאַרנאַכט אין אַ יודישער שטוב. און אָנהויבען וועט זי אַזוי:

— עס איז געווען אַ מאָל אַ מלך, האָט ער געלעבט אין שכינות מיט אונז. דער דאָזיגער מלך איז אַזוי רייך און קלוג געווען, ווי קיינער אין דער וועלט. געהאַט שאָף און רינדער, און אַלערליי טייערע חפצים. דאָס פאָלק האָט איהם שטאַרק ליעב געהאַט און ער דאָס פאָלק—דעסגלייכען. האָבען דאָס נישט געקאָנט דערליידען אַנדערע מלכים און שטילערהייט געטראַכט, ווי אַזוי איהם דאָס דאָזיגע עשירות צוצונעהמען. דער קלוגער מלך האָט עס געפיהלט און אַרומגעגאַנגען דעריבער שטאַרק פערטרויערט און ביינאַכט שלאָפען נישט געקאָנט. האָט ער זיך איינמאָל מישב געווען און צונויפגערופען אַנ'אסיפה פון גרויסע לייט און שררות און דערצעהלט זיי זיין שווער געמיטה. די גרויסע לייט האָבען זיך פערטראַכט און דער שני למלך האָט זיך אַזוי אָנגערופען:

— אדוני קיניג! דאס, וואָס דו האָסט געטראַכט האָבען מיר שוין לאַנג אין זינען און דיינע חלומות זענען אונזערע חלומות. ס'איז נאָהנט די צייט, ווען די שכנים אונזערע וועלען זיך וואַרפען אויף אונז, כדי אונז פון דער וועלט אָבצומעקען, דעריבער וואָלט אונזערע עצה געווען—מען זאָל אָנשאַרפען די שווערדען און די שפּיזען און זיין גרייט אַקעגענצושטעלען זיך.

איז עס דעם קעניג געפעלען געוואָרען און ער האָט געהייסען מודיע זיין פון איין עק מדינה צו דער צווייטער — מען זאָל זיך גרייטען. איז געוואָרען, ליעבע קינדערלעך, אַ גרויסע בהלה אויף דער וועלט. וואָרום דערוואוסט האָבען זיך דערפון די שכנים, האָבען זיי זיך געפעדערט און באַלד אַרויס מיט זייערע חילות.

און אַז מען איז אויפגעשטאַנען איינמאָל אין דערפריה איז שוין די גאַנצע וועלט אין פלאַמען געשטאַנען. דערפער און שטעדט, וועלדער און פעלדער, ווייַנגערטנער און סעדער, פאַלעען און פאַלאַצען — אַלץ האָט געברענט. פון אַלע וואַסערען איז בלוט געוואָרען. פון אַלע הייזער — בערגער אַש

צו יענער צייט איז אין קרוין-פוילען יודען אַזוי ביטער געווען, אַז ס'איז גאָר נישטאָ די מאָס, מיט וועלכער מען זאָל עס קאָנען איבערמעסטען און ס'זענען גאָר נישטאָ די רייד, מיט וועלכע מען זאָל עס קאָנען אויסדערצעהלען. אויף דרום און צפון, אויף מזרח און מערב — אומעטום האָט זיך געגאָסען יודיש בלוט. וואָרום געגליקט האָט עס יענעם קלוגען מלך און אונזערן — נישט. איז אונזערער אַריין אין גרויס גרימצאָרן און געפייניגט דערפאַר יודען. געטריבען זיי פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען, אין קאַלטע ווינטער-נעכט, אין די טיפ-

סטע בלאָטעס, אין די גרעסטע קעלטען, ווען דאָס לייב האָט זיך איינגעשרומפּען, האָבען זיך געצויגען מחנות הונגעריגע און נאַקעטע; שלאָפע, געלעהמטע זקנים און טראָגעדיגע, און אויך קינדער ביי דער ברוסט האָט מען מיטגעשלעפּט. צווישען הימעל און ערד זענען נפשות אויף דער וועלט געפאַלען און באָך איידער זיי האָבען די ליכטיגע שיין פון טאָג דערזעהן — שוין פון דער וועלט געגאַנגען.

און אַז ס'האָט זיך געמאַכט — דאָס חיל פון יענעם מלכות איז אַוועק פון אַ שטאָדט און אונזערס איז צוריק אַריין — זענען די געשרייען מיט די יללות געגאַנגען עד לב השמים. ווייל געקומען זענען גוים און פאַלש עדות געזאָגט, אַז די יודען האָבען געפיהרט גוט-פריינדשאַפט מיט'ן שונא, אַז זיי האָבען איהם אויפגענומען און מכבד געווען. איז מען אַריין אין יודישע שטיבען, געמאַכט אַ תל פון האָב און גוטס, די מענשען אויסגע'שחט'ען, און די, וואָס זענען איבערגעבליבען האָבען אַרומגעוואַנדערט אויף די ליידיגע וועגען — פערשעהמטע פאַר גאָט'ס הימעל און פאַר גאָט'ס וועלט. קינדער האָבען זיך ביי די זייטען פון די וועגען אַרומגעוואַלגערט, און יעדען דורכפאָהרער און דורכגעהער געפרעגט: „האָט איהר ניט געזעהן, האָט איהר נישט געהערט? מיין טאַטע איז ביי אַ גמרא געזעסען און תורה געלערנט. מיין מאמע איז אַ צדקת געווען, ווייסט איהר נישט, וואו זיי זענען אַהינגעקומען?“

און אין יענער שטאָדט, וואו אייער באָבע איז געבוירען געוואָרען, האָט זיך אַזאַ מעשה פערלאָפען:

געלעבט האָט דאָרט אַ יוד אַנ'עושר. אַ גרויסער תלמיד חכם און אַ מכניס אורחים. האָט דער דאָזיגער עושר געהאַט דריי איידימס — שעהן, ווי גאָלד. די שכינה האָט אויף זיי גערוהט. האָבען זיי געגעסען קעסט ביי שווער-און-שוויגער און יום-ולילה געזעסען על התורה ועל העבודה. שווער און שוויגער האָבען אָנגעקוואָלען פאַר נחת און די דריי ווייבער זייערע — שעהנע און צנועה'דיגע, ווי אונזערע הייליגע אמהות — האָבען געבענשט די שעה און די מינוט, ווען גאָט האָט זיי מיט אַזעלכע מענער בעגליקט. וואָרום געווען זענען די איידים'ס אַזעלכע, וועלכע זענען נישט אַרויס מפתח ביתם, נישט געוואוסט וואו איין און וואו אוים, אויסער איינמאָל אין טאָג אין אַ שעהן וועטער, זענען זיי אַראָבגעגאַנגען אויף אַ שעה אין גאָרטען אַריין, וואָס דער שווער האָט פאַר זייערט-וועגען פערפלאַנצט.

מאַמעס האָבען זיך געוואונשען, אַז זייערע זיהן זאָלען אויפוואַקסען נישט בעסערע און נישט ערגערע, ווי דעם גביר'ס איידים'ס, און אַז זייערע טעכטער זאָלען קריגען אַזעלכע מענער, ווי די דאָזיגע דריי יונגע-לייט זענען.

אַזוי האָט מען אָבגעלעבט יאָהרען מיט יאָהרען. די וועלט האָט נישט געהאַט מיט זיי קיין מגע ומשא און זיי נישט מיט דער וועלט. ביז ס'האָט זיך געמאַכט די פינסטערע בהלה.

יענע הילות, וואָס האָבען שוין געהאַט פֿערנומען אַ העלפֿט פֿון קרוינבוילען האָבען אויך אָן אונזער שטאָדט נישט פֿערגעסען. און אין אַ שעהנעם פֿריה-מאָרגען איז אַריין אַ רייטער אויף אַ ווייס פֿערד און גענומען טרומייטערען אויף מזרח און מערב, אויף דרום און צפון: „זייט וויסען איהר אַלע, פֿון גרויס ביז קליין, אַז די שטאָדט איז פֿערנומען דורך אונז און פֿון איצט אָן, ווערען מיר דאָ די בעלי-הבתים".

איז געוואָרען אין שטאָדט אַ טויטע שטילקייט, יודען האָבען פֿערמאַכט די געוועלבער, פֿערשלאָסען טהיר און טויער און געזעסען אין שטוב. יעדער האָט מורא געהאַט אַרויסצוגעהן — טאָמער טרעפֿט ער זיך מיט איינעם פֿון פֿרעמדען חיל און יענער וויל פֿערפֿיהרען מיט איהם אַ שמועס. מען האָט שוין געוואוסט ביי אונז, אַז דערפֿאַר האָט מען אין אַנדערע שטעדט גע'שחט'ען און געהאָנגען.

איז אַריבער אַ צייט און מען האָט נישט געוואוסט, וואָס אויף דער גרויסער וועלט טהוט זיך און די גרויסע וועלט האָט נישט געוואוסט פֿון אונז. ביז איינמאָל ביי נאַכט — האָט זיך דורך די פֿערמאַכטע טהיר און לאָדען דערטראָגען אַ גערויש פֿון רייט-וועגען און פֿערד, האָט מען נישט געוואוסט, וואָס און ווען, נאָר בעגינען, ווען אין דרויסען האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען בלויען, האָט זיך אויפֿ'ן טראַקט אויפֿגעהויבען אַ שטויב און באַלד דערנאָך איז ווידער אַריין אַ רייטער, דאַסמאָל שוין אַ אונזעריגער, און אַזוי ווי יענער געקומען טרומייטערען אויף אַלע זייטען: „זייט וויסען, איהר אַלע, פֿון גרויס ביז קליין, אַז די שטאָדט איז צוריק פֿערנומען דורך אונז".

איז אַרויס דער רב מיט אַ גאַנצע עדה יודען און מקבל-פנים געווען דעם עלטסטען פֿון חיל מיט ברויט און מיט זאַלץ. און אַרויס זענען כלי-זמרים מיט פֿידלען און פֿלייטען, דער רב מיט דער ספר-תורה אין האַנד האָט געהאַלטען אַ דרשה, אַז פֿון איצט אָן זאָל זיין שלום ושלוה אויף דער וועלט און עס זאָלען מקוים ווערען די רייד פֿון נביא, אַז אַ וואָלף זאָל לעבען בשלום מיט אַ שעפּסעלע.

האָבען אָבער דאָס נישט געקאָנט פֿערטראָגען אונזערע שונאים, זענען זיי געגאַנגען און געשיקט דעם אַגראָדניק, וואָס האָט יאָהרען לאַנג געדיענט ביים גרויסען עושר, מיט אַ מסירה צום עלטסטען. האָט דער שררה (דער עלטסטער פֿון אונזער חיל איז אַ שררה געווען) איהם געפֿרעגט, וואָס ער וויל, האָט דער אַגראָדניק זיך אַזוי אָנגערופֿען: „אדוני פריץ! אויב דו וועסט מיך נישט אויסגעבען און פֿערזיכערען מיין לעבען, וועל איך דיר דערצעהלען, וואָס דאָ איז געשעהען, ווען דער שונא איז אַריין". דער שררה האָט איהם צוגעזאָגט און געהייסען רעדען. האָט זיך דער גוי איבערגע'צלמ'ט און דערצעהלט, אַז דאַמאָלס, ווען דער שונא איז געווען אין שטאָדט, האָט זיך ביי יענעם עושר' אין הויז מכלומרשט בעהאַלטען איינער פֿון אונזערע פוס-געהער, וואָס האָט שוין קיין צייט געהאַט צו אַנטלויפֿען, איז ער געלעגען דאָרט אַ טאָג מיט אַ נאַכט. נאָר

אין דערפריה, ווען דעם שונא'ס רייטער זענען פארביינעפאהרען פאר יענעם הויז, האבען די יודען פון דארט גענומען דעם פוסגעהער און איהם איבערגעגעבען אין זייערע הענד!

— זאגסט אמת? האט דער שררה א פרעג געטהון.

— אמת, ווי מיר האבען א גאט אין הימעל.

איז געווארען דער שררה מלא כעס און ארויסגעגעבען א בעפעהל — מען זאל תיכף נעהמען אלע מאנסלייט, וואס מען וועט געפינען אין יענעם הויז. האט מען לאנג נישט געווארט און מען איז געגאנגען. גראד איז דער גביר דאמאלט אין דערהיים נישט געווען, נאר די דריי איידים'ס זענען געזעסען און עוסק געווען בתורה, האט מען נישט געפרעגט וואס און ווען, נאר מען איז אריין צו זיי אין חדר און געהייסען מיטגעהן. האבען די דריי יונגע־לייט נישט פערשטאנען, נעבעך, וואס מען וויל פון זיי, זענען זיי געשטאנען און געגאפט. האבען די שליחים געמיינט, אז דאס ווילען זיי נישט געהן, זענען זיי אריין אין גרוים רציחה און גענומען שלאגען און שלעפען.

און אז די דריי ווייבער האבען דאס דערזעהען, האבען זיי פערבראכען מיט די הענד און געווארפען זיך צו די רשעים'ס פים: „גוטע מענשען — וואוהין פיהרט איהר זיי און נאך וואס?

נאר ס'האט גאר נישט געהאלפען און מען האט די דריי מענער צוגענומען. און מען האט זיי געשטעלט פאר'ן עלטסטען, האט ער זיי בעטראכט פון קאפ ביז פוס און צולאכט זיך, און אז ער האט גערעדט צו זיי און זיי האבען איהם נישט געענטפערט — מחמת נישט פערשטעהן קיין גוי'יש — האט ער געזידעלט און געשפיגען אין פנים אריין. ווען ס'איז אוועק דער טאג און עס איז צוגעפאלען די נאכט, דאמאלס האט ער זיי געהייסען צונעהמען און אוועקפיהרען. האט מען זיי געפיהרט פון שטאדט ארוים ערגיץ אין א ליידיג פעלד אריין צום װאלד צו...

דארט, קינדערלעך, זענען געשטאנען דריי גרויסע בוימער — דריי אלטע דעמבעס. האבען די יונגע־לייט, נעבעך, פערשטאנען, אז אצינד שלאגט זייער לעצטע מינוט און אין דער שטיל ודוי געזאגט און געזעגענט זיך מיט דער וועלט. נאר איינס האבען זיי נישט געקאנט משיג זיין: פארוואס קומט דאס זיי, סיידען נור, אז דאס הייסט מלחמה...

ס'האט לאנג נישט געדויערט — האט א פויק געקלאפט און זעלנער האבען גענומען שרייען און א גערודער איז געווארען, נור אז מען האט ארויפגעצויגען דעם ערשטען איידים אויפ'ן בוים, האט זיך דער שטריק איבערגעריסען, האט מען איהם נאך אמאל ארויפגעצויגען איז ער ווידער אראבגעפאלען — און אזוי ביז ער איז טויט געווארען. ביים צווייטען ווידער האט דאס פנים געשיינט, ווי די זון און די אויגען געלויכטען, ווי די שטערען, ווארום דער איז געווען צווישען זיי דער שענסטער און דער קליגסטער. און אז מען איז צוגעקומען צום יונגסטען האט ער פערמאכט די אויגען. און פערמאכט האט ער זיי דערפאר, ווייל דער וועהטאג איז איהם געווען גרוים און די בושה

נאָך גרעסער. ווען מען האָט איהם אַרויפֿגעצויגען איז ער געווען רוהיג און ווייס, ווי אַלאַבאַסטער. קיין איין קנייטשעלע, קיין איין צייכענדעל פֿון שרעק איז אויף זיין פּנים נישט געווען. באַלד האָט די שטאָדט זיך דערוואוסט, — איז געוואָרען אַ יאָמער און אַ קלאָג; גרויס און קליין האָבען קריעה געריסען, יונג און אַלט — די קעפּ מיט אַש בעשיט. עס זענען פֿער׳צער׳ט געוואָרען די פּנימער און פֿערשלאָסען די מיילער. ס׳האָבען די אויגען געקוקט און נישט געוואוסט וואָס זיי זעהען, די אויערען — נישט געוואוסט, וואָס זיי הערען. און שטיל איז געוואָרען אויף דער וועלט, אַזוי ווי פֿאַר יציאת נשמה. — קיין ווינטעל, קיין שאָרך פֿון קיין בלעטעלעך. אַלץ איז געשטאַנען פֿערשטיינערט, ווי אין גרויסען צער, וואָס דער וועלט האָט געטראָפֿען.

און די פֿינסטערע מאַמע, מיט די דריי טעכטער, נעבעך, האָבען זיך איינגעשטעלט דאָס לעבען און ביינאַכט אַוועק זוכען די קדושים. גראָד איז געווען פֿינסטער — חושך מצרים, — האָבען זיי געבלאָנדזשעט און נישט געפֿונען דעם וועג. נאָר פּלוצלונג האָבען זיי דערזעהען, ווי פֿון ווייטען וואַלד לייכט עפּעס אַרויס, אַזוי ווי די לבנה וואָלט פֿון דאָרט אַרויסשיינען. האָבען זיי זיך דערנעהנטערט און דערזעהן ליגען די דריי מתים — ווייסע ווי די טויבען און ריינע ווי די פֿליגלען פֿון מלאכים און אַרום און אַרום איז געווען אַזאַ ליכטיגקייט, אַז מען האָט געזעהן יעדעס בלימעל און יעדעס גרעזעל.

זענען זיי, נעבעך, אַרויפֿגעפֿאַלען איינע אויף די אַנדערע און ביטער געקלאָגט. און מיטגעקלאָגט האָבען אין וואַלד אַלע בוימער. דאָס ווידער-קול און די גאַנצע נאַכט. דערנאָך, אַז זיי האָבען זיך שוין גוט אויסגעוויינט, האָבען זיי גענומען די דריי הרוגים, פֿערוויקעלט אין ליילעכער און אַזוי אַרום אין שטאָדט אַריינגעבראַכט, וואו ס׳האָט זיך שוין פֿאַר דער שוהל געהאַט צונויפֿגעקליבען אַ גרויסער עולם יודען מיט׳ן רב בראש, געמאַכט אַ הספּד און די חשוב׳סטע לייט פֿון שטאָדט האָבען געטראָגען די מטות צום הייליגען אָרט...

עס איז אַוועק אַ טאָג, צוויי און דריי. גרוי און פֿערוויינט זענען זיי געקומען אויף דער וועלט און אַזוי זענען זיי אַוועק פֿון איהר; ווי זיי וואָלטען נאָך געטראָגען דעם צער אין זיך פֿון דער ערשט נישט-לאַנגסטיגער בראָך און אויך דאָס אומגליק פֿון דעם גאַנצען יאָהר. נאָך האָט מען גערעדט אין יעדע שטוב פֿון דעם געשעהעניש, מען איז אַרומגעגאַנגען ווי אויפֿ׳ן עולם התוהו. די פּנים׳ער זענען געווען פֿערוויסט און די אויגען פֿייכט — אָבער דערמיט האָט עס נאָך קיין סוף נישט גענומען. וואָרען אַזוי איז שוין דער סדר עולם, איין אומגליק שלעפּט מיט זיך מיט דאָס צווייטע, און אַצינד קומט ערשט אַ נייע צרה.

עס איז אַרויס אַ בעפֿעהל, אַז ווען די זון וועט זיך זעצען — זאָלען זיך אין שוהל צוזאַמענגעהמען די חשוב׳סטע לייט פֿון שטאָדט, ווייל דער שררה דאַרף זיי מודיע זיין אַ גרויס נייעס. זענען די פּנים׳ער געוואָרען נאָך שוואַרצער און די אויגען נאָך פֿערוויינטער. ווייל האָטש מען האָט גאָר נישט געזאָגט, האָט

דאַך יעדער געפֿיהלט, אַז ס'הענגט אַ פֿרישע קללה איבער אַלע קעפּ, וואָרום קיין גוטס וועגן יודען טראַכט ער, דער שררה, אַודאַי ניט. אַ גאַנצען טאָג איז מען אַרומגעגאַנגען, און איינער בײַם אַנדערען האָט געפֿרעגט: „אפֿשר ווייסט דו? אפשר ווייסט דו? נאָר ווער האָט געקאָנט וויסען!

קוים מען האָט דערלעבט די נאַכט, האָבען זיך צוזאַמענגענומען אַלע בעלי־בתים אין שוהל אַהין, אַלע חשוב'ע לייט, ווייל אַזוי האָט זיך דעם שררה פֿערגלוסט. מען האָט אָנגעצונדען ליכט אין אַלע הענגלייכטערס, עס זאָל אינ־איינוועגס זיין לכבוד דעם פּריץ אויך, אפשר וועט איהם דער כבוד ווייכער מאַ־כען, און מען האָט געוואַרט מיט פֿערזאָרגטע און ערנסטע פּנים'ער אויף דאָס, וואָס עס דאַרף געשעהען, און אַז די שוהל איז שוין געווען פֿול געפּאַקט, איז אַריין אַ שליח, געשיקט פֿון שררה, פֿאַר וועלכען ס'האָט זיך די גאַנצע עדה יודען אויפֿגעשטעלט און, שווייגעדיג, איהם מקבל פּנים געווען. דער שליח איז אַרויף אויפֿ'ן בעלעמער און אַזוי געזאָגט:

— זייט וויסען, יודען, אַזוי! מיר האָבען אויפֿגעהאָנגען דריי פֿון אייערע ברידער דערפֿאַר, וואָס זיי האָבען אומגעבראַכט איינעם פֿון אונזערע פּוס־גע־הער, פֿון וועלכען מיר ווייסען, אַ חוץ וואָס מיר ווייסען ניט. זיי זענען געווען מוסרים און אַרויסגעגעבען דעם שונא אויך אונזערע פּלענער. זיי האָבען גערעדט, וואָס מען דאַרף ניט און געטהון, וואָס מען טאָר ניט. דעריבער האָט מען מיר בעפֿוילען אייך מודיע צו זיין, אַז היות, אַזוי ווי איהר ווייסט, דאָס אַלע מיינע רייד זע־נען דער ריינער אמת, ליגט אויף אייך אַ הייליגער חוב — איהר זאָלט אונז אונטער'חתמ'ענען אַ כתב, אַז דאָס אַלץ איז געטהון געוואָרען מיט אייער הסכמה און, אַז אונזער משפּט איז געווען גערעכט. דערויף גיבען מיר אייך צייט אַ טאָג מיט אַ נאַכט. און אויב איהר וועט אין דער דאָזיגער צייט ניט אויספֿיהרען אונזער בעפֿעהל, וועלען מיר יעדען עלטסטען פֿון אייער יעדער צעהנטער שטוב — קעפּען!

איז געוואָרען אין שוהל אַ גרויסע אימה'דיגע שטילקייט, און אַ שוידער איז אַדורך איבער'ן לייב. נאָר פּלוצלונג האָט זיך פֿון אונטער'ן אָרון־הקודש אָפּער דערהערט אַ שטיל ברומען, אַזוי ווי עס וואָלט געברומט אַ טויב: „יודען, אויב איהר וועט דאָס דאָזיגע כתב חתמ'נען — וועט עס זיין פֿאַלש גע'חתמ'ט און דעריבער וועט אָבגעמעקט ווערען אייער נאָמען פֿון גאָט'ס ערד און פֿער־לאָשען וועט ווערען דאָס אייביגע ליכט, וואָס ווייזט אייך דעם וועג, ווייל איהר וועט נעהמען און מיט די אייגענע הענד אַרויפֿלייגען אַ קללה אויפֿ'ן גאַנצען כלל ישראל".

איז אין שוהל פּלוצלונג אויסגעבראָכען אַ יאָמער: עס האָבען געוויינט די ווענד, די מנורות מיט די הענגלייכטער און געוויינט האָבען די לייבען מיט די הערשען, די פֿידלען מיט די פֿלייטען, וואָס זענען געווען אויסגעשניצט און אויסגעמאָלט אויף דער מזרח־וואַנד, און בײַ'ם אָרון קודש האָט זיך אַ גאַנצע צייט געוויגט דאָס פּרוכת, אַזוי ווי די שכינה זאָל דאָרט אַרומציטערען און מיטוויינען.

אַ שווערע נאַכט איז געפֿאַלען אויף דער שטאָדט. ניִשט געווען קיין שטוב, וואו מען האָט געוואָלט איִן יענער נאַכט שלאָפֿען, און ניִשט געווען דער מענש, וואָס עס זאָל איִהם גאָר איינפֿאַלען אַנ'אויג צוצומאַכען. וואָרום אַ גאַנצע נאַכט איז דאָס בית-המדרש פֿול געווען מיט יודען, ווער אַריין און ווער אַרויס און ביִז בעגינען האָט מען ניִשט אויפֿגעהערט צו זאָגען סליחות און תהלים. דער רב אַליין איז געשטאַנען ביי'ם עמוד און געזאָגט אַ פסוק נאָך אַ פסוק און דער גאַנצער עולם נאָך איִהם, אַזוי ביִז די זון איז אויפֿגעגאַנגען. און ווען דער פֿריִה-מאָרגען איז אָנגעקומען, האָט מען אויסגערופֿען אַ תענית, געלייענט „ויחל" און שטיל איז מען זיך צוגאַנגען — יעדער מיט אַ אָנגעווערהטאָגט האַרץ און מיט אַ גרויסען בטחון, צו דעם, וואָס לעבט אייביג.

יענער טאָג האָט זיך געצויגען זעהר לאַנג. יעדע שעה האָט אויסגעזעהן אַ יאָהר. און גראָד איז ער אויסגעפֿאַלען אַ שעהנער. די זון האָט געשיינט און אַ קלאָרער, בלישטשעדיגער שניי איז געלעגען, אַזוי קלאָר און ווייס, וואו עס זענען געווען די נשמות פֿון די דריי קדושים. געדאַכט האָט זיך אָבער, אַז ער שטעהט אויף איין אָרט, און עס וועט קיינמאָל קיין נאַכט ניִשט קומען. נאָר ווען דער תענית איז אַריבער, די נאַכט איז צוגעפֿאַלען און מען האָט שוין געהאַט אָבגעדאַווענט מנחה-מעריב, איז דער רב דעמאָלט אויך, נאָך איידער ער האָט געהאַט פֿערפֿאַסט, אַוועק מיט אַ מנין אַלטע, חשוב'ע בעלי-בתים צום שרה אין זיין פּאַלאַץ אַריין. זיי בעגלייטען איז אַרום די גאַנצע שטאָדט, טויזענטער מיילער האָבען זיי געבענשט, טויזענטער אויגען האָבען זיך אויפֿגעהויבען צום הימעל און געבעטען רחמים. קינדער זענען צוגעלאָפֿען און געווינשען: „זייט מצליח, זייט מצליח". און כלות מיט חתנים האָבען מנדב געווען זייערע חתן-כלה-מתנות פֿאַר אָרעמע-לייט.

אַזוי זענען זיי געקומען צום שרה, דער רב מיט די חשובים. נאָר דאָרט האָט מען זיי געהייסען וואַרטען, וואָרום דער שרה איז געשלאָפֿען. האָבען זיי געוואַרט אַ שעה און צוויי און דריי, און אין דרויסען איז דערווייל געשטאַנען אַ גרויס-קעפּיגער עולם און היים מתפלל געווען הינטער'ן בלויזען הימעל.

און אַז דער שרה האָט זיך שוין געהאַט אויסגעשלאָפֿען, איז ער אַריין צו זיי און אַזוי געזאָגט: „איהר זענט געקומען חתמ'ענען? גוט! באַלד וועט מען אייך אַריינברענגען דאָס כתב".

האָט זיך אַרויסגעשטעלט אונזער רב — דער גרעסטער ירא-שמים, מיט אַ גריין-גרויער באָרד ביי צום גאַרטעל, — און אַזוי זיך אָנגערופֿען:

— גנעדיגער האַר! דיין מאַכט איז גרויס און שטאַרק, ווייל אַ דעה האָסטו ביי דעם מלכות און דו ביסט פֿון איהם געשיקט. דעריבער איז יעדער איינציגער מחויב היילינג מקיים צו זיין אַלע דיינע רייד און אַלע דיינע בעפֿעהלען. נאָר זעה! אונזערע קעפּ זענען ווייס, ניִשט פֿון ויין און ניִשט, חלילה, פֿון זינד, ניִשט פֿון אַלטקייט און ניִשט פֿון רוהיג לעבען. דאָס איז די גרויקייט פֿון צער-ונד'ניקעס, וואָס בענקען נאָך זייער היים, דאָס איז דער צער פֿון אונזערע זיהן און טעכטער, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם.

דרייַ שעהנסטע קינדער האָסטו אונז אומגעבּרענגט. דרייַ יונגע לעבּענס אָהן איין פּגימה אויף דער נשמה, אָהן דעם מינדעסטען געפיהל פון שולדיג זיין. און אויבּ גרויסער האַר, דו גלויבּסט נישט, טאָ הער! דאָס הייליגסטע, וואָס אונז איז געבּליבּען פון אונזער אַמאָליגער גרויסקייט — דאָס איז אונזער תּורה און דער חלום וועגען אונזער הייליגען לאַנד. מיין מויל האָט נאָך קיינמאָל פאַלש נישט געשוואוירען און וועט נישט שווערען, נאָר אויבּ זיי זענען שולדיג געווען, טאָ זאָל פערגעסען אָן אונז „דער", וואָס האָט אונזערע עלטערן אַרויסגעצויגען פון מצרים, טאָ זאָל נישט מקוים ווערען די גרויסע האָפנונג פון אונזערע טאַטעס, פון אונז און פון אונזערע קינדער — צוריקצוקעהרען זיך אין הייליגען לאַנד אַריין. דיין מאַכט, פריץ, איז גרויס — נעהם און קעפּ אונז איינעם נאָכ'ן אַנדערען, נאָר קיין כּתב מיט אונזער הסכּמה וועלען מיר דיר נישט געבּען, ווייל נישט דו און נישט דיין משפּט זענען געווען גערעכט".

איז דער שררה אַריין אין גרימצאָרן און אַ טופּ געטהון מיט'ן פוס: „שווייג!"

האָט אָבּער דער רב נישט געקאָנט שווייגען און אָבּגעענטפערט: „ניין, גרויסער האַר, שווייגען וועל איך נישט, ווען אפילו דו וועסט מיר הייסען די צונג אַרויסרייסען; און אויבּ איך וועל שווייגען — וועלען די דאָזיגע ערליכע, פרומע לייט נישט שווייגען, און אויבּ דו וועסט זיי אויך הייסען די צונגען אַרויסרייסען, וועט דאָס פערגאָסענע בּלוט נישט פערשווייגען: ווייל וויסען זאָלסטו, אַז אומשולדיג בּלוט לעבּט אייבּיג און וואו דו זאָלסט דיך נישט קעהרען און וואו דו זאָלסט דיך נישט ווענדען — וועסטו תּמיד הערען, ווי עס פאָדערט בּיי גאָט שטראָף און גערעכטיגקייט".

אַזוי האָט גערעדט אונזער רב. איז דער רשע מלא כּעס געוואָרען און געהייסען — מען זאָל דעם רב מיט די צעהן בּעלי־הבּתּים בּינדען און אין תּפיסה אַריינוואַרפען. און אַליין האָט ער זיך פערמאַכט אין אַ בּעזונדער חדר און געקריצט מיט די צייהן: „פערשאָלטענע אומה, פערשאָלטענע אומה".

און אַז דער עולם אין דרויסען האָט געזעהן, אַז ס'קומט קיינער נישט אַרויס איז זיי בּעפאַלען אַ גרויסער טרויער און אַ גרויסער פּחד, ווייל די נאַכט איז געוואָרען וואָס אַמאָל שפּעטער און מען האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהון.

יענע נאַכט איז געווען די נאַכט פון יסורים און צער, פון בּושה און געפאַלענקייט, וואָרום יעדער האָט זיך גערעכט צו זיין דער צעהנטער און יעדער פאָטער האָט זיך געזעגענט מיט ווייבּ און קינד און שטיל ודוי געזאָגט. קינדער האָבּען געשריגען: „טאַטע, וואו לאָזטו אונז איבּער?" ווייבּער — אַז עס איז שוין אַ סוף פון זייער וועלט, אַז דער רבּונו של עולם זאָל זיך דערבּאַרמען און די גאַנצע וועלט שוין איבּערקעהרען, איינמאָל פאַר אַלע מאָל. אָבּער עס האָבּען גאָר נישט געהאָלפען נישט די געוויינען, נישט די געשרייען.

און די רבּיצין מיט די צעהן ווייבּער האָבּען אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעבּלאָנדזשעט אַרום די ווענד, וואו זייערע מענער זענען געווען פערשפּאַרט און צערי-

פען אויף זיך די קליידער. און געטראָגען האָט זיך איבער דער פינסטערער שטאָדט זייער גרויסער יאָמער און זייער קלאָג צו גאָט, צום בורא-עולם.

אין אַזעלכע אַנגסטען זענען אַריבער דריי טעג מיט דריי נעכט. יעדען פאַרנאַכט איז צו די געפאַנגענע אַריין אַ שליח פון שררה און געפרעגט, צי זיי ווילען שוין התמ'נען, נאָר אַלע האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ, אַז ניין.

...און אויפ'ן פירטען טאָג, ווען מען האָט זיי שוין אַלע געזאָלט אַוועקפיהרען אין וואַלד אַריין און קעפּען, איז דעמאָלט די גאַנצע שטאָדט אַרויס אויף די גאַסען, שוואַרץ איז געווען דער הימעל, אַזאַ גרויסע קלאָג האָט אויסגעבראָכען; אויף דער גאָלער ערד איז מען געלעגען און געריסען פון זיך די האָר. עס האָט אָבער דערווייל גאָר נישט געהאָלפען און אַזוי איז דער טאָג שוין אַריבער ביז אויף דער נאַכט, און דעמאָלט האָט גאָט זיין גרויס נס געטהון און דער שטאָדט זיין ווינדער בעוויזען.

ווי עס איז אָנגעקומען די נאַכט, פּלוצלונג, גיט מען אין שטאָדט אַריין „האַסלע”, אַ ראַפּאָרט איז אָנגעקומען מיט אַ רייטער אויף אַ פערד, אַז דער שונא מיט אַ שווערע מחנה חילות געהן אויף דער שטאָדט, און איידער די נאַכט איז נאָך רעכט צוגעפאַלען, האָט מען שוין געזעהן דעם ערשטען אויסרייטער פון די שונאים און פון שררה מיט זיין גאַנץ חיל איז שוין קיין שריד ופליט נישט געווען, איבערלאָזענדיג אַלץ אויף הפקר, אפילו אויך די תליות מיט די צעהן געבונדענע יודען...

אַזוי, אַזוי איז עס צוגעגאַנגען! אוי מיינע ליבע אייניקלעך, וואו נעמט מען כח צו דערצעהלען אייך אַלץ, וואָס דאָ האָט זיך אָבגעטהון? אַ גאַנצע שטאָדט יודען האָט פאַר פרייד אויסגעבראָכען נאָכאַמאָל אין אַ געוויין, אַ גאַנצע שטאָדט יודען האָבען זיך פּלוצלונג אָנגעהויבען קושען און טאַנצענדיג געוואונשען זיך מזל טוב...

און אַז דער רב מיט די צעהן יודען האָבען זיך בעוויזען אין גאַס, איז די פרייד געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו ביי גוים האָבען זיך געשטעלט טרעהרען אין די אויגען. טויזענדער הענד האָבען זיך געצויגען צו געבען זיי שלום, טויזענדער ברכות האָבען זיך געשיט אויף זייערע קעפּ.

אָבער גאָט האָט נאָך דעם רשע בעצאָהלט אויך: אין דריי טעג אַרום האָט מען געפונען דעם שררה אויף אַ פעלד מיט אָבגעשניטענע אברים, וואָס דער נייער שררה האָט זיי געהייסען פאַר די הינד צוטהיילען, וואָרען אַז מען חאָט זיי געפּרוּווט בעגראָבען האָט זיי די ערד אַרויסגעוואָרפען, און אַז מען האָט זיי אַריינגעוואָרפען אין טייך, האָט דאָס וואַסער זיי צוריק אַרויסגעשטויסען, אָבער אויך די בייזע הינד האָבען זיי נישט געוואָלט עסען... אַזוי האָבען זיך זיינע ביינער אַרומגעוואַלגערט.

„יאָ קינדערלעך... אַזוי האָט אַמאָל געהאַט פּאַסירט”... וועט שפּעטער אין אַ לאַנגער צייט אַרום, אין אַ דור צו אין צווייַ, זיצען אַ מאָל אַ באָבע אין אַ שבת פאַרנאַכט, און „גאָט פון אברהם” צו מען וועט נאָך דעמאָלט יאָ זאָגען, צו מען וועט איהם שוין לאַנג האָבען פערגעסען — אָבער די מעשה וועגען אונ-

יער פאָלק אין דער אַמאָליגער צייט וועט זי דערצעהלען, און די אייניקלעך, פער׳חדוש׳טע, מיט פינגערלעך אין מויל און לויטערע אין די אייגלעך טרעהר־לעך, וועלכע זיי וועלען אליין נישט פיהלען, וועלען זיך מיט אזא שטילען יראת הכבוד פאַר אַנ׳אַמאָליגע עדה יודען, איינהערען אין דער באָבעס מעשה, אז לאַנג, לאַנג ביז אויפ׳ן גאַנצען לעבען, וועלען זיי די דאָזיגע יודען מיט׳ן רב בראש, זיין די נאָהענטסטע פון זייערע הערצער, ביז שוין צום קבר און נאָך ווייטער...

אַזוי, אַזוי, וועט מען אַמאָל דערצעהלען, דערווייל אָבער, וועבט זיך ערשט די לעגענדע...

פ. בימקאָ

פ. בימקא.

די בעגעגונג.

די זון האט געשיינט...

א מילדער זומער-טאג איז אנגעשטאנען, נאר אזוי ווי ס'איז נאך געווען פריה, האט די לופט געשמעקט ווייך, מיט טהוי-פייכטליכקייט, אבער — פריש, דערקוויקענד. דער הימעל איז געלעגען הויך, דרייפאכיג העלער ווי אין א געוועהנליכען טאג, און די זון, וועלכע איז געשטאנען הויך איבער קליינע צופליקטע וואלקענדלעך, בלאסע, וואס זענען שווימענדיג האלב איינגעגאנגען — האט ווי פערגאסען מיט ליכט, מיט א גאנצען שטראם צויבער-ליכט די געגענד ארום.

געשטאנען איז א וועלדעל, א סאסנאווע, וואס האט זיך כמעט ווי ערשט דעם קאפ אויסגעוואשען אין דער מארגענדיגער טהוי, און די הויכע שלאנקע ביימלעך האבען דאס מאל זיך געוויעגט, לייכט בייגענדיג זיך, אזוי, אז עס איז קוים געווען צו בעמערקען דאס וויעגען. אויסגעזעהן האט עס, ווי איין בלאה שטיק געוועב, אדער ווי א בלאהער נעבעל, נאר וועלכער צייכענט שטארק אב דעם הימעל פון דער ערד, און ליעגט הינטער'ן הימעל-פרוכת, צווישען הימעל און ערד, ווי א בלאהע זוים...

די פעלדער, וואס הייבען זיך געצויגען פון וועלדעל אוועק, זענען געווען א גלייכער שטח, וואו דאס אויג האט געקאנט אלץ ארומנעהמען און איינזאפען אין זיך אלע פארבען, מיט וועלכע זיי בלישטשען ערשט אנטקעגען דער זון און חנ'ען זיך פון די ערטער, וואו זיי זענען געפערטעלט, און אבגעטיילט יעדעס שטיק בעזונדער מיט דער פארב פון זיין פערזייהונג, דא א שמאלער פאס קארן, א געל-צובליהטער לובין, און דארט — א וויס-בליהען פון גריקע, און באלד דערנעבען גרינע הויכע קוקורוזע, צולאזט מיט די צווייגען פונקט ווי פאלמען-בלעטער — איז עס אויסגעקומען וואונדערליכעס, עפעס וואונדערליך, און דערצו נאך ווען די זון פון דער הויך האט געגאסען מיט שטראהלען און דאס אלץ איז געווען ארומגענומען מיט א זים און ליעב געפישטשעריי פון די פייגעל אין דעם מארגען, וואס עס האט געשאלט און געהילכט פון אלע זייטען אין דער בלאהער און ריינער לופט.

עס איז געווען א מארגען מיט א שטיל און לייכט ווינדטעל, מיט צופליקטע שטיקלעך וואלקענדלעך איבער'ן הימעל; ווען פאסען ליכט און פאסען שאטען

גליטשען זיך איבער די קאָרן-פֿעלדער, און די זאַנגען צושאָקלען זיך מיט אַ צאַרט און מיט אַ שכור-מאַכענדיג גערויש אין דער לופֿט. ווי גרויסע און קאַפּריזנע טייכען, וועלכע כוואַליען זיך אַזוי עלאַסטיש, פֿליִען זיך די זאַנגען אויפֿבלאָזען, ווען דאָס ווינדטעל איז איבער זייערע קעפּלעך אַ דורך.—אַ ים פֿלעגט זיך מיט איינמאָל אַ צעוויִעג טהון און אַ כוואַליע איז איבערגעלאָפֿען פֿון איין עק פֿעלד אין צווייטען.

און פֿון דאַנען-אָן אַרויפֿצו-צו, וואו אַ קליין בערגעל הייבט זיך אויף פֿון דערווייטענס — דערהייבען זיך אַ קופּקעלע הייזלעך פֿון אַ דערפֿעל, וועלכעס קוקט מאָדנע אַרויס אויף דער גאַנצער שעהנער, שטילער און רוהיגער געגענד. מאָדנע עפּעס, ווי אַזוי דאָס דאָזיגע דערפֿעל קוקט דאָ אַרויס. פּונקט, ווי אַנ'אויפֿגעקומענע גאָר יונגע בעל-בית'טע — אַזוי קוקט עס זיך אויף איהר אַרומיג פֿערמעגען, אויף דער ווינד-מיהל ווייט אויף אַ בערגעל, וועלכע שפּרייט זיך אויס מיט צוויי אויפֿגעשטעלטע פֿליגעל הויך אין הימעל אַריין, און אויף די אַרומיגע אין בגדי-מלכות אָנגעטהוענע פֿעלדער, וועלכע שטעלען-צו קאָרן צום מאָלען און צום באַקען, און ליינען אויף קליידער... אַ שטילע און ציכטיגע יונגע בעל-בית'טע איז דאָס דערפֿעל.

נאָר די זון שיינט היינט עפּעס מאָדנע, און אין דערפֿעל איז נישט רוהיג. אָט דאָס גליטשען זיך איבער די קאָרן-פֿעלדער, פֿון די פֿלעקען-שאָטענס, וועלכע שטאַמען פֿון צוריסענע וואָלקענדלעך, בעוויזט, אַז ביינאַכט איז געווען אַ שטורם— און אָט זענען היינט אין דער פֿריה, ווען די פּויערען זענען נור פֿון די שטובען אַרויס נאָך אין די בלויזע העמדער, שוין אָנגעקומען מאָדנע זעלנער, פֿון אַ פֿרעמד פֿאָלק, מיט מעשענע קאַסקעס אויף די קעפּ, וועלכע, אַצינד, שפּיגלען זיי אַזוי פֿאַר דער זון, אַז מען קאָן אַנטקעגען זיי קיין אויג נישט גלייך האַלטען, אַז עס זאָל נישט בלענדען

שטיל און אונרוהיג איז די גאַנצע געגענד פֿון אַרום, אפילו דאָס ווייטע טייכעל האָט זיך ווי איינגעשרומפּען צווישען זיינע ברעגעס, און אויך דאָס וועלדעל שטעהט שטיל און פֿערגאַפֿט, קוקענדיג דאָרט אַריבער, וואו עס רודערט זיך עפּעס שטיל צווישען די הייזלעך. פֿרעמדע פּנים'ער און קאַסקעס, וועלכע בליצען און ברענען אויף די קעפּ...

מאָדנע שטיל, שטיל האַלט די געגענד איין איהר אָטהעם...

און מיט אַ שטעצקע אין וואַלד, וואו דאָס צוויטשערן פֿון אַ פֿויגעל און די רוה איז אויף אַ מינוט געוואָרען געשטערט, האָבען זיך שטיל מיט איינגעהאַלטענע פֿערדס-טריט און מיט אויסגעבויגענע קעפּ פֿאָראויס צוויי רייטער בעוויזען, אַרויסקוקענדיג פֿון וועלדעל צו יענעם דאָרף, און הינטער זיי זענען באַלד נאָך עטליכע אָנגעקומען. „שטעהט!"... האָט איינער געזאָגט, גאָרנישט ווענדענדיג דעם קאָפּ צו די איבריגע, נאָר קוקענדיג גלייך פֿאָראויס פֿאַר זיך אין דער ווייטער לופֿט...

אַלע זענען געבליבען שטעהן ווי פֿערהוילען הינטער דער בלאָהער זוים פֿון וועלדעל.

און געשטאַנען זענען זיי אַזוי, די רייטער, אָנגעשטרענגט און פֿערגליווערט, ווי איבערראַשט פֿון דעם, וואָס זיי אַליין האָבען דאָ אָנגעטראָפֿען, זיך צוגעקוקט, און צוגעהערט צום דאָרף, צום שטילען גערויש, וואָס איז אויפֿגעגאַנגען פֿון דאָרט, וואָס איז ענהליך געווען צו אַ רוישען פֿון אַ וואַסער-מיהל...

אַ רגע האָט עס אַזוי אָנגעהאַלטען. אין די מחות פֿון די רייטער האָט זיך שוין אַ ווילען בעוואויגען פֿון אומקעהרען זיך צוריק, ווייל איינער, דער ערשטער, האָט שוין געהאַט זיין האַנד מיט דער פֿלאַך אַרויפֿגעלייגט אויף דעם פֿערדס קאַרק, צו געבען עס אַ פּעטשעל, און אויך צוגעריהרט מיט די שפּאָרען צום פֿערדס בויך, אַז עס זאָל זיך אויסדרעהען, — ווי פּלוצלונג האָט זיך פֿון ערגעץ אָבגערופֿען אַ בלינדער שאָס און באַלד נאָך עטליכע און נאָך עטליכע אין איין אָטהעם...

ווי אַ קרעכץ איז אין דעם וואַלד דורכגעגאַנגען פֿון דעם הילך, וואָס האָט אַ קלינג געטהון אין דער לופֿט, די זאַנגען האָבען זיך אַ טרייסעל-געטהון, אויך דער וואַלד האָט זיך ווי געהאָרכזאַם און אונטערטעניג איינגעבויגען, און לאַנג נאָך געשטאַנען דערנאָך פֿערגאַפֿט, קוקענדיג פֿאַר זיך אין דער לופֿט אַריין, ווי אַ פֿערשטענדיגע מאַסע — — — — — — — — — — — — —

ווען די זון איז אויפֿגעגאַנגען הויך, זענען צוויי רייטער געלעגען אויף דער ערד, אַוועקגעוואָרפֿען פֿון די פֿערד הינטער די ביימער אין וואַלד.

...אין דאָרף, דאָרטען איבער'ן בערגעל, האָט זיך געהענדיג מיליטער געחיעגט, ווי פֿריהער. קאַסקעס האָבען אָהן אויפֿהער געבלאַנקט און געשוויטשעט אַנטקעגען דער זון, צייטענווייז האָט עס אויסגעזעהן ווי אַ געהענדיגע רייהע צופֿלאַמטע שטורקאַצען. דאָס טויבע גערויש, ווי פֿון אַ ווייטער וואַסער-מיהל, האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגען, נאָר דאָ אין וואַלד הינטער די ביימער, וואו די צוויי רייטער זענען געלעגען, איז שטיל געווען.

עס האָט אויסגעזעהן, ווי עפּעס גאָר נישט קיין וויכטיגער צופֿאַל, עפּעס אַ מאָמענט אַזעלכער איז פּלוצלונג, אומגערעכט, אַרויסגעשפּרונגען... אָט ערשט האָבען זיי געלעבט, די צוויי רייטער, געזעסען אויף די פֿערד און בעוואויגען זיך, און אָט ליגען זיי הינטער ביימער, צעוואָרפֿען די הענד, אין די גאָלע קעפּ, איינער אַנטקעגענאיבער דעם צווייטען, אָבגעטרעטען אפשר אַ דרייסיג איילען. ווי געשלאָפֿען זענען זיי. איינער האָט אַפֿילו געהאַלטען איין קניע אויפֿגעשטעלט צום הימעל, ליגענדיג מיט'ן פּנים אַרויף, און דער צווייטער אַביסעל אָבגעריסען גראָז אין אַ פֿערקוועטשטער פּויסט, אונפֿערשטענדליך צו וואָס... שטיל, נישט קיין מענש האָט זיך בעוויזען, נישט קיין טריט פֿון פֿערד האָט זיך געהערט, די רייטער, וואָס זענען געווען פֿריהער מיט זיי זענען שוין לאַנג אַנטלאָפֿען, קיין זאַך האָט דאָ נישט בעאונרוהיגט, נור

בלויז אַ האָז, וואָס האָט די פֿאָלקאָמע-טילקייט געשטערט. פֿערבייליופֿענדיג האָט ער זיך אָבגעשטעלט אַ רגע אויף די הינטערשטע פֿיסלעך, אויסשפּיצענדיג די אויערען, דערזעהענדיג דאָס בילד, און באַלד האָט ער געגעבען אַ שווינד-אַוועק אין דער טיעפֿער געדיכטעניש פֿון וואַלד, ווייט אַראָב, איבערלאָזענדיג נישט מעהר, ווי אַ פֿאָכען אין דער לופֿט פֿון דעם לויפֿען מיט אימפּעט. דאָס איז געווען אַ צורודערטער האָז, וואָס האָט זיך, נאָך דעם קנאַל און הילך אין וואַלד, נישט געקאָנט אָריענטירען, וואָס דאָ טהוט זיך, און איצט דערזעהענדיג די צוויי פּנים'ער האָט ער זיך נאָך שטאַרקער דערשראָקען. אויך די פֿייגעל זענען שטום געבליבען נאָך דער קורצער מהומה. שטיל, ווי די וועלט וואָלט פֿערזונקען אין אַן'אייביג שטילשווייגען...

די זון האָט זיך שוין געהאַט צו מערב אַראָבגעלאָזט און איבער דער צווייטער זייט וואַלד געשטאַנען, ווי אויף דעם שטילען שטח צווישען וואַלד און דאָרף, וועלכער איז געווען רויט בעלויכטען מיט רויט-פֿאַרנאַכטיגע שטראַהלען. האָבען זיך איינינע עלטערע פּויערען מיט ליולקעלעך אין די מיילער און רידלעם אויף די אַקסלען בעוויזען פֿון דעם בערגעל אַראָב, וואו דאָס דאָרף איז געשטאַנען, געהענדיג צום וואַלד צו. אַ שיקסע, וועלכע איז אין וואַלד פּונקט געוועזען, ווען די שאָסען זענען געשעהן, האָט שפּעטער, ווען דאָס אַלץ האָט זיך שוין געהאַט בערוהיגט, געהענדיג אַהיים, פֿערביגעצויגען פֿאַר די צוויי טויטע, יונגע פֿרישע קערפּער, מיט נאָך גלאַטיג-געראַזירטע, פֿולע געזיכטער. איבער וועלכעם גורל זי האָט זיך, אַהיימקומענדיג, ביטער צוקלאָגט. און אַצינד, ווען דעם פֿיינדם מיליטער איז שוין פֿון דאָרף אַרוים פֿערשוואונדען — געהען די פּויערען מיט רידלעם דאָרט אַהין אין וואַלד, האָטש קיינער האָט זיי נישט געזאָגט, נאָר ווי געשטויסען דורך אַ הייליגען חוב, וואָס זיי האָבען צו ערפֿילען געגען צוויי אומגליקליכע מענשען.

די נאַכט האָט שוין געהאַט איהר טונקעלע מרה-שחורה, צונויפֿגעמישט מיט דער לעצטער פֿייערדיגער רויטקייט פֿון זון-אונטערגאַנג, איבער דעם וואַלד צוגאָסען. די שפּיצען ביימער האָבען געברענט און דער הימעל האָט זיך רויט אָנגעצונד'ען, ווי נאָך אַ גרויסער וועלטס-עולה, וואָס איז געשעהן. אין דער גאַנצער געגענד איז אַלץ, ווי אין פּחד איינגעהילט, און ווי אַן'אַלטער, אַ זקן, וועלכער האָט וועגען דער וועלט שוין פֿיעל געטראַכט, אַזוי איז געלעגען דער רויטער מערב פֿערזונקען אין מחשבות. דער גאַנצער האָריזאָנט איז געווען איינגעטונקט אין איין בלוטיג שטיק פֿייער, נאָר ביי דער גאַנצער שרעק, וואָס האָט זיך איבער דער וועלט צוגאָסען — זענען פֿיער פּויערען, ווי מיט קופּערטונקעלע פּנים'ער, שטיל און פֿערטהון, ווי גאָרנישט לייגענדיג קיין אַכט, וואָס אַרום זיי טהוט זיך, געשטאַנען פּנים צו פּנים און פֿלייסיג זיך איינגעגראָבען מיט די שיפּלעס אין דער ערד, לייגענדיג איין שיפּלע נאָך דער צווייטער, ביז צוויי גריבער זענען פֿאַרטיג געוואָרען. איינעם נעבען צווייטען האָט מען די

צוויי רייטער אין דער ערד אריין אראבגעלאזט, וואו עס זענען באלד אויסגעוואקסען צוויי פרישע בערגלעך זאמד — און דאן האט מען זיי פון א צווייג געשמועלט א פרישען צלם בשותפות'דיג, צוקאפענס פון צווישען ביידע גריבער.

א טיעפע נאכט איז שוין געלעגען אויף דער גאנצער אומגעגענד פון ארום, ווען די פויערען זענען פון וואלד ארויס. א לייכטערער זיפץ האט זיך פון זייערע הערצער ארויסגעהויבט, נאך דעם ווי זיי האבען געפיהלט, אז זיי האבען א גרויסע זאך אבגעטהון, און זענען אוועק אהיים שטיל, בערוהיגט.

נאר פינסטער איז געווען יענע נאכט. קיין שטערען האט דעם הימעל נישט בעלויכטען. איבער דעם קליינעם שטח האט דער אנגסט פון טויט געשוועבט, און פונקט, ווי מיט א שווארצען פליגעל, אזוי האט ער היינט דאס דערפעל, דאס יונגע, פרישע דערפעל, פערהילט — און אלץ איז אויסגעלאשען געווארען, בלייבענדיג אין דער פינסטערניש, ווי הינטער א שווערען, טיעפען בוד...

ש. גילבערט

שלמה גילבערט. | **לייבעלע.** (אַ סקיצע) | געווידמעט ג. ל.

אויף לייבעלע׳ן זעהט מען אַ טשינאָווניק, אַ חסיד׳ און אַ דייטש. ער געהט אין אַ לאַנג-יודישער קאַפּאָטע, אַנ׳אַלט היטעל מיט אַ רויטען קאַנט אַרום און אָבגעריבענע געלע פּאַצעטישע שיך. אין דער טאַליע איז ער אַרום-געבונדען מיט אַ שטריקעל, און דאָס היטעל מיט׳ן רויטען קאַנט אַרום, מיט׳ן האַרט-גלאַנצירטען דאַשיק געהט נישט צו זיין שמאָל פּנים, מיט די שוואַרצע יודישע אויגען און מיט׳ן פערפלאָנטערט-אַרויסגעשטאַרטען בערדעל.

ווען ער בעוויזט זיך אין גאַס, הערט זיך אַ פּויקען אין די שויבען און אַ רופען פון אַלע זייטען: לייבעלע!...

אַ יודענע לויפט איהם אַנטקעגען און „כאַפּט איהם אויס", שלעפּט איהם אייליג אַריין צו זיך אין שטוב. באַלד זעהט מען איהם אַרויסגעהן פון דעם הויז, אָנגעטהון אויף ביידע הענד פולע קובלעס צום אַרויסגיסען. דאָס איז פון אַלע שטאָקען פון דעם הויז. ווען ער געהט-אַראָב פון די שטיגען, דער-קענען איהם שוין די יודענעס אין זיין שאַרעדיגען גאַנג, און עס מאַכען-זיך-אויף טהירען און מען טראָגט איהם אַנטקעגען. לייבעלע שטעהט און וואַרט, און די יודענע טהוט איהם אָן אויף דער האַנד נאָך אַ פולען קובעל. ווען ער איז שוין פול בעלאָדען, שטעלט ער זיך נישט אָב, ער געהט ווייטער און בּרייט צוריק:

— ט׳איז שוין נישטאָ קיין אָרט!

אין יעדער שטוב קריגט ער אַ ביסעל עסען. ער שטעהט און כאַפּט צ׳ילענדיג אַריין עטליכע לעפעל; ווען ער האַלט שוין ביי דער צווייטער העלפט, זופּט ער אויס דאָס איבריגע פון שיסעלע מיט אַ ווילדען אַפּעטיט. די יודענעס זאָגען אויף איהם, אַז ער האָט נישט קיין זעט, אַז ער פערברענט אין זיך דאָס עסען...

אַמאָל שפּאַרט זיך לייבעלע אַיין. ער וויל נישט געהן. די יודענע שלעפּט איהם ביים אַרבעל: — נו, קום שוין, לייבעלע! — ער שטעהט אַנגע׳-ברוגז׳ט און אַראָבגעלאָזט די אויגען: כ׳וויל נישט!..

— קום, וועסט זיין מיין חתן.

— כ׳וויל נישט, דו ביסט אַ גרויטע און אַ הרייטע

— נו קום, וועל איך דיר געבען מיין מיידעלע!

לייבעלע קוקט-אַראָב צו דער ערד; זיין פּנים ווייכט זיך און ווייטעלט זיך פערשעמט. עס שפּאַרט פון איהם ארויס אַ צופריעדען-ווילדער געלעכטער: בע—כע—כע! כע—כע—כע!...

אויף די אַלע ערטער איז לייבעלע אַליין נישט געגאַנגען, מען האָט איהם אַהין אַריינגעשלעפּט, נור זיין ליעב שטענדיג אָרט איז געווען ביי הערש-גדליה דעם גביר. דאָרט, אין דער קיך, האָט ער צעהאַקט האָלץ, געברענגט וואַסער, און אין דער לעדיגער צייט איז ער געזעסען אין ווינקעל, אויפ׳ן קעסטעל קויהלען. די צוויי פּערסמאָלעטע הענד הענגען-אַראָב און רוהען, און ער קוקט אַהין צום טישעל, ביים פענסטער. דאָרט, אויפ׳ן הויכען בענקעל, זיצט פּערעלע, דעם גביר׳ס יונגסטע טעכטערל,—אַ מיידעלע פון אַ יאָהר פיערצעהן, וואָס אָטעמט שוין מיט דער איידעלער פרויען-ווייכקייט. אַ בלייך, ליכטיג פּנימ׳על, מיט צוויי לעבעדיגע צעפּ. זי געהט אין אַ קורץ קליידעלע, פון אונטער וועלכען איהרע פרויען-פיסלעך, אָנגעצויגען מיט דינע זאָקען און געציערט מיט קליינע לעטשעלעך, קוקען אַזוי שען צרויס אויף דער שטוב. אַ ביכעל ליעגט פאַר איהר אָפען.

לייבעלע זיצט און קוקט אַהין, צו פּערעלע׳ן; דאָס מויל אָפען, די אויגען פערנעבעלט. דאָס אויסגעצויגענע פּנים רוהט אין אַ קרענקליך-שטילער הנאה. פּערעלע הויבט-אויף די אויגען פון ביכעל, זי צעלאַכט זיך און קלינגט אויף אַ קול׳כעל. אָט שטעהט זי נעבען איהם.

— מאַך אַזוי ווי פריהער, אַזוי ווי פריהער, אַ נאַריש פּנים,—כאַ-כאַ-כאַ! נו, מאַך, לייבעלע!

לייבעלע זיצט, אַראָבגעלאָזט דאָס פּנים און פערשעמט. פּערעלע רייסט הארטע איינצעלנע האָר פון זיין בערדעל:

— לייבעלע, עס טהוט דיר נישט וועה?!

לייבעלע ריהרט זיך נישט. זיין פּנים איז רויט, און ער אָטעמט הייס. זי בעקומט ערגעץ פון קליידעלע אַרויס אַ שפּילקע. אויף איהר פּנים לויכט אַ שמייכעלע, אַ רייך־שפּיעל פון אַ פרוי. זי שטעכט איהם אַריין די שפּילקע אין דער באַק און זי קוקט איהם אין די אויגען אַריין

– לייבעלע, עס טהוט דיר נישט וועה?!

י שלעפּט-אַרויס די שפּילקע. אויף זיין באַק בעווייזט זיך אַ רויט שפּרינקעלע בלוט.

— אוי, בלוט?! עס טהוט דיר יאָ וועה!

זי כאַפּט גיך, אין שרעק, אַרויס איהר קליין ווייס טיכעלע. זי שטעהט עבען איהם, אַ קליינע זאָרגפולע מוטער, און ווישט איהם די באַק. לייבעלע יהט-אַרויף צו איהר זיין פּנים, אויסגעמישט צוזאַמען אַ שטיל געבעט, מיט א לאַכיגען אָטעם און גרויס-ברענענדיגע אויגען. ער כאַפּט-אָן איהר קליין וייס הענטעל און דריקט שטאַרק. אָט פאַלט ער אַראָב און קושט לאַנג און ייס די פּאָדלאָגע, צוזאַמען מיט איהרע קליינע קאַמאַשלעך.

פּערעלע איז געשטאַנען אין וואונדער און, מיידעלש-פערטראַכט, לאַנג עקוקט אויף איהם. לייבעלע האָט אויפגעהויבעןביידע הענד צו איהר, ווילד עריסען דאָס פּנים, און געבעטען, און געריטשעט:

— פּערעלע!... פּערעלע!... פּערעלע!...

ויעל מאָל, בּיינאַכט, איז לייבּעלע געשטאַנען אין אַ פינסטערען ווינקעל פון הויף און געקוקט אַרויף צו די ליכטיגע פענסטער פון הערש-גדליה'ס הויז. ער האָט שוין גוט געקענט די צוויי העלע פענסטער, מיט די לאַנגע פאָרהאַנגען, און דאָס רויט-ליכטיגע פענסטער מיט די האַלבּע פאָרהענגלעך פון דער קיך. ווען אַ מענשען-שאָטען איז דאָרט, אין די שטובּען, פאַרבּייגעגאַננע, האָט ער אײַנגעהאַלטען דעם אָטעם, און ווען דאָס איז געווען אַ קליי-נע פיגור מיט אַ געדיכטען קאָפּ האָר, האָט ער זיך געגעבּען אַ ציה אין אַ שטילער אײַנגעהאַלטענער פרייד, ווי אַ הונד. זיינע שפּיזען-אויגען האָבּען אַדורכגעשטאָכען די שויבּען און מיט'ן גאַנצען האַרץ האָט ער אַרויסגעאָטעמט:

— פּערעלע!..

אַ שטיק נאַכט איז ער אַזוי געשטאַנען אין פינסטערען ווינקעל פון הויף, שטיל, ווי אַ שוואַרצער שאָטען. ער האָט נישט געהערט די צייט. ער האָט נישט געפיהלט קיין רעגען און קיין קעלט. ער האָט נור געזעהן פאַר זיך די ליכטיגע פענסטער, און זיין האַרץ האָט געקלאַפּט מיט יעדען דיהר דאָרט, אין די ליכטיגע שטובּען. ווען די פענסטער אין דער הויך האָ-בּען זיך אויסגעלאָשען, האָט זיין לאַנגע שפּיציגע פיגור אָנגעהויבּען שוועבּען בּיי די טונקעלע ווענד. ער האָט אַריינגעקוקט אין פרעמדע פענסטער דורך שפּאַרעס פון לאָדענס, און זיין פיגור איז פערשוואונדען אין דער פינסטערניש, און עס בּרומט נאָך אין דער שטילער נאַכט זיין עכאָ:

— פּערעלע! פּערעלע! פּערעלע!...

לידער און פּראָזע.

חיים פראַקס.

חיים פלאקס.

א קוש.

...דו געדענקסט דאָך אַוודאי יענעם אווענד גאַנץ גוט, מײַן מַלְאָכ'ל?

די לבנה איז אַפּערגעשוואומען פון אונטער די וואָלקענס, און איהר זילבערנער שײַן האָט זיך ווייך געטובל'ט אין די שאַפּירדיגע וועלען פון דער ווייכסעל. א לייכט ווינטעל האָט צייטענווייז געגלעט דאָס קלאָרע וואַסער, און עטליכע פּאַליעס האָבען זיך מילד אָבגעשלאָגען אָן די ברעגעס. די בוימער אין וואַלד, נעבען דעם טייך, איינגעהילטע אין די נאַכט־שאָטענס, האָבען אויסגעקוקט, גלייך ווי זיי וואָלטען געשטאַנען געאַרמט; שטיל איז געווען אַרום, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ, וואָס געפינט זיך דאָ, האָרכט־זיך־צו צו דער טיעפער שטילקייט פון דער נאַכט.

געשטאַנען ביסטו אויפ'ן באַרג, און דיינע העלע, בענקענדיגע אויגעלעך האָבען פערקלערט געקוקט אויף דאָס פּראַכטפולע בילד פון דער נאַטור און געשיינט צו בעטען דעם גוטען גאָט פון „טאַטעשי־מאַמעשי״ וועגען א פּאָר פליגעל צו פליהען...

איך בין געשטאַנען נעבען דיר. די פערבאָרגענסטע געפיהלען פון מיין הארץ, אַלע מיינע חלומות, מײַן גאַנצע נשמה — אַלץ איז געווען אין דיר...

ווען מיינע אויגען האָבען זיך בעגעגענט מיט דיין טויבען־בליק, און מיין גאַנץ וועזען האָט בעגעהרט זיך צוזאַמענצוגיסען מיט דעם־דאָזיגען הימלישען בעשעפעניש, דאָס אומצואַרמען, פעסט צוצודריקען צום האַרצען און קושען עס, ווי א קליין קינד, — האָסטו, מיין טרוימענדיגע, מיט א קינדישער פרייד אויסגעשריען: „וואָס פאַר א שענע לְבָנָה!״

און ווען איך האָב דיר געזאָגט, דאָס בעסער וויל איך קוקען אויף דיין גאָלדען געקרייזעלט קעפּעל, ווי אויף דער לבנה, און אַז ליעבער זענען מיר דיינע הימעל־בלויע אויגען, איידער די גאַנצע נאַטור, — צי געדענקסטו נאָך, ווי גרויסאַרטיג דו האָסט געדאַנקט?

טייער קינד מיינס!

ווען אַ טריבער געדאַנק האָט דורכגעצוקט אין מיין מוח, אַז די לוסטיגע צאַרטקייט, וואָס שטעהט איצט נעבען מיר, וועט מיט־דער־צייט פערשווינדען פון דער ערד און רוהען וועט זי אין אַ קאַלטען, פינסטערען קֶבֶר, און אַז די לבנה וועט אויף אייביג בלייבען אין ווייטער אומשפּאַצירען איבער דעם הימעל און בעצויבערן די מענ־שענס נְשָׁמָה, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען, — האָט דאָס האַרץ מיר שטאַרק פערקלעמט און קוים וואָס איך האָב מיך איינגעהאַלטען נישט אַרויפצוואַרפען זיך אויף דיין העלזעל און זיך פונאַנדערצוויינען...

געבעטען האָב איך דיך דאַן אַנ׳ערלויבניש דיר אַ קוש צו טהון..

ווי אַנ׳איבערגעשראָקען פויגעלע צווישען די שטרויכען אין מיטען דער נאַכט, האָסטו מיר געקוקט אין די אויגען אַ פערזאָרגטע.

ליעב קינד מיינס! /

ווען די לבנה האָט זיך צוריק בעהאַלטען אונטער די וואָלקענס, פאַרוואָס ביסטו אַזוי אונרוהיג געוואָרען, פעראומערט, מיט אַ בלאָנדזשענדען בליק אין דער פינסטערניש, גלייך וואָלסט געפיהלט עפּיס שרעקליכעס?...

איז ווירקליך דאָס שרעקליכע געשעהן און איך האָב דיך געקושט?

אֱמֶת, אונבאַרמהערציג בין איך געווען איבער דיר, מיין ריין מַלְאָכ׳ל!

צי האָב איך מיך אָבער געקאָנט געפינען ביי דיר אין יענע שעָנע מינוטען — און דיר נישט אַ קוש טהון?...

ה. בלאַקס.

ווי בלומען.

ער האָט זי צוגעדריקט צו זיין האַרץ און געקושט איהרע פרישע מאַלינעס-ליפּלעך, איהרע ראָזע עפּעל-בעקלעך, איהר ווייס-ליליען-העלזיל.

איהרע לאַנגע בלאָנדע זיידענע האָר זענען געווען צעפּלאָכטען אויפ׳ן שניי-העלען קישען, גלייך ווי אַ לייכטזעליגע שפּע זונען-שטראַלען אויף אַ זילבערנער אויבערפלאַך פון אַ קריסטאַלען טייכעל אין אַ פרילינג-בעגינען. די טיפע לאַזור-אויגען איהרע האָבען געפינקעלט, ווי געהיימע צויבער-פייערלעך, וואָס בלאַנדושען אום אין דעמערונג-שעה׳ן איבער געדיכטע וועלדער און שטרויכען. און ביידענס פרישע, שלאַנקע קערפּערס, וואָס האָבען אין דער שוים פון דער נאַטור לאַנגע טעג אין זיך איינגעזויגען פערשידענע געווירצען פון פעלד-בליטהען און וואַלד-קרייטער, האָבען פערדייט אין דער לופט פונ׳ם צימער אַ מונטער גרעזער-פרישקייט אין מילדע בלומען-גערוכען.

זי האָט איהם ליבליך צוגעטוליעט צו איהרע פרישע, בליהענדיגע ברוסטען און, גלעטענדיג מיט איהרע פוכיגע הענטלעך זיינע פעך-שוואַרצע לאָקען, האָט זי בעדעקט זיין געזיכט מיט זיסע, זאַפטיגע קושען, און איהרע בליקען האָבען געלויכטען מיט אַ שיינענדיגער לויטערקייט, מיט אַנ׳אייביגער גליקזעליגקייט.

צו-ווילען האָבען זיי געשעפטשעט צווישען זיך איינציגע ליבע-ווערטער, איינפאַכע, ווי דאָס שטילע פליסטערן פון די בלויע „פער-געס-מיך-נישט“-בלימלעך אויף דער לאָנקע, האַרציגע, ווי אַ פער׳חלומ׳טע מזרח-מעלאָדיע אויף אַ האַרף אין אַ שפּעטער נאַכט-שטילקייט, דערקוויקענדיגע, ווי רעגענבויגענפאַרביגע טוי-טראָפּענס אויף שמעקענדיגע קוויטען אין אַ אויפגעהענדיגען טאַי-טאָג.

און, ווי געדיכטע קנוילען גן-עדן-שיין, האָבען אַריינגעדרינגען אין זייערע גלידער הייסע שטראָמען צאַרטקייט, און אין די קעפּלעך זייערע האָבען זיך געהוידעט לייכטע געדאַנקען פֿון העלער יונגקייט, פֿון אונשטערבליכער גליקזעליגקייט.

אַז זיי האָבען אָנגעהויבען צו שלינגען זייער גליהענדיגען אָטעם, האָט זיך זיי געדאַכט, דאָס געקריגען האָבען זיי פֿליגלען און שוועבען איבער הימלען, איבער אָבגרונדען און באָדען זיך אין גרעניצלאָזע ים'ען פֿון מאָרגענרויט-גלאַנצען.

און זייערע יונגע ליבהאָבענדיגע הערצער האָבען זיך געקוויקט מיט הימליש-דופּטיגע זיסקייט, וואָס האָט זאַפּט געפּלאָסען פֿון פֿערבאָרגענע גליק-קוואַלען און געקושט זייערע פֿרישע נשמות מיט ווייכע פֿלאַמען פֿון אונענדליכער ליכטיגקייט.

חיים פלאַקס.

לידער אין פּראָזע.

זיי געלויבט!

ווייל דו האָסט איינגעפלאַנצט אין מיין נשמה די הייסע בענקשאַפט צו די גרענעצלאָזע, אומענדליכע ווייטקייטען, דאָס אומאויפהערליכע שמאַכטען צו דער בלאַנקענדיגער הימעל-בלויקייט, אַז, ווי אַ פויגעל פון זיין געפאַנגשאַפט רייסט זיך מיין גייסט פון דער נידער און שטרעבט צו דיר אין דעם עפירדיגען אין-סוף, מיט דיר זיך צו בעהעפטען —

זיי געלויבט!

ווייל דו האָסט מיך בעשאַפען רויה, שטאָלץ און האַרטנעקיג, ווי דיין פרויען מדבר-אָדלער און איינגעוואָרצעלט אין מיין האַרץ אַנ׳ אומבעצווינגענעם האַס צו יעדען יאָך און געצווימטקייט, אַז ווי אַנ׳ אַרום-גערינגעלטע חיה פון איהרע יעגערס, קער איך אָפּ מיט פעראַכטונג מיין פנים פון אַלע ערד-ריכטערס, לעבען-געוועלטיגערס און אונטערטעניג-מאַכערס, און מיין בליק איז געווענד צום אורקוואַל פון דיין אייביגער גליקזעליגקייט, ווייט פון יעדער הערשאַפט, פון יעדער פעריאָגונג —

זיי געלויבט!

ווייל דו האָסט אָנגעטרונקען, מיין זעל מיט פרישע טוי-זאַפטען פון גרין-ליכטיגע פעלדער אין העלע פרילינג-מאָרגענס, פערפלייצט איהרע פערבאָרגענסטע בעהעלטענישען מיט לויטערע פורפור-שטראַ-

לעֶן פֿון גאָלד־ראָזע זונאויפֿגאַנגען און אַרײַנגעהויכט אין איהר דאָס נעהײַמניספֿולע שעפּטשען פֿון שטיל־בענקליכע לאָנקעס און בלאַס־זיל־בערנע לבנה־נעכט, אַז געלײַטזועליגט פֿון דיין געבענשטער, ברײַטוויי־ליגער האַנד, זענען פֿאַר מיר אַלע מענשענקינדער־אוצרות אָהן אויפֿער אוי גלוסטונג —

זיי געלויבט!

ווייל דו האָסט אָנגעצינדען אויף מײַן לעבענס־וועג די ליבע, ווי אַ לאַקענדיג צויבערליכט און פֿער׳שכור׳ט מיט איהר העלקײַט מיין בלוט און נשמה און אַלע מיינע חושים, אַז, ווי אַ נאַכט־שמעטערלינג צום פֿלאַם פֿון אַ ליכט, קום איך אַנטקעגען איהר גליהענדיגען שטראַ־לענגלאַנץ, מיין פֿײַער־קבר — —

זיי געלויבט!

ווייל דו האָסט מיר פֿערטרויט צו פֿערנעמען יעדען אומהער־באַרען, שטומען צער, יעדען איינגעהאַלטענעם, דערשטיקטען זיפֿץ, צו הערען אויף דער רוישיגער לעבענס־שׂמחה די שטיל־טרויריגע בע־גלייטונג־מוזיק פֿון דעם אײַביגען צום פֿאַרבייגעהענדיגען —

זיי געלויבט!

מיין גליק.

עס האט זיך מיר אמאל געחלומ׳ט, אז כ׳האב געזעהן מיין גליק.

... איך האב מיך געפונען אין א גרויער דעמערונג־שעה אויף איינעם פון די פערוואָרפענע האלב־איגולען ביים ווייקסעל־שטרייך. טונקעל־שאפירדיגע סטענגעס, דורכגעזאפט מיט פורפור און אראנזש־פלעקען, האבען גראציעז בעצירט דעם מערב־זוים פון האריזאנט. די וועלען אויף דער ווייקסעל האבען זיך לייכט געפאלבט און וואו נישט וואו אבגעלאנצט מיט העל־ראזע פאסען. דער אלטער וואלד, הארט נעבען טייך, האט זיך געטונקען אין א דינעם פיאלעט־נעפעל, און איבער זיינע געדיכטע קרוינען זענען אומגעשווימען צארטע, גאלד־שטויבינע וואלקענדלעך.

און אלס איך האב דאן מיט אונטערטעניגקייט און שטומע תפילות אנגעווענדט מיינע בליקען צום הימעל, האט עס זיך בעוויזען—מיין גליק.

הויך איבער מיין קאפ האט עס געשוועבט אין געשטאלט פון א פריש, וויים מלאכ׳ל מיט א פאר פערטרוימטע, זיסע מיידעלשע אויגעלעך.

עס האט זיך געטראגען צווישען הימעל און ערד לאנגזאם, פארזיכטיג, ווי א פערבלאנזשעטע גן־עדן־טויב.

ענדליך, מיך בעמערקענדיג, האט עס זיך אנגעהויבען דרייסט אראפצולאזען אין די נידער, שיקענדיג צו מיר א שמייכעל פול מיט טרייסט און ליבע, אזעלכען, וואס נאר עמיצענס גליק אליין קאן איהם שיקען.

איך האב ברייט פונאנדערגעשפרייט מיינע ארעמס און מיט

הַארצקלאַפּעֶנִיש פֿון האָפֿנונג און ליידעֶנשאַפֿט האָב אִיך דעֶרוואַרט אומצוהאַלועֶן און קושעֶן דאָס, וואָס עֶס אִיז געֶוועֶן דעֶר אֵײבִּיגעֶר טרוים פֿון מיין נשמה, דִי אומאויפֿהעֶרעֶנדִיגעֶ שטרעֶבונג פֿון מיין דאַזײַן

פלוצלִינג ... ווי געֶשטויסעֶן דורךְ עֶפּעֶס אַ געֶהײמעֶר בײזעֶר קראַפֿט — אִיז מיין נלִיק האַסטִיג אַראָפּגעֶפאַלעֶן אויף אַ שאַרפֿעֶן קִיזעלשטײַן און עֶס האָט זִיךְ צעֶשמעֶטעֶרט אויף שטִיקלעֶךְ

אִין אַ שטראָם בלוט האָבּעֶן זִיךְ געֶטרונקעֶן צעֶקוועֶטשטעֶ בִּיצלעֶךְ פֿלייש, צעֶבראָכעֶנעֶ ביינדלעֶךְ, צעֶרִיבעֶנעֶ פֿלִינעֶלעֶךְ, שטום־פֿעֶרנלײזטעֶ אויגעלעֶךְ ...

צו דער, וואָס איז אַוועק.

דו, וואָס ביזט געוועזען דער ערשטער גאָלדענער חלום פֿון מיין יוגענד, דו, וואָס ביזט געוועזען דער העלסטער שטראַהל אויף מיין פֿערוואָלקענטעז הימעל, — צי געדענקסטו מיך ווען?

אין די שווערסטע מינוטען פֿון מיין נשמה, אין דער עלענדסטער צייט פֿון מיין לעבען ביזט דו צו מיר געקומען.

אַזוי געהט טהיילמאָל אויף אין אַ פֿינסטערער נאַכט אַ שטערען פֿאַר אַ בלאָנדזשענדיגען, מידען וואַנדערער.

מיט דיין קינדיש ריין שמייכעלע אויפ׳ן פּנים׳ל האָסטו דיך בעוויזען, נישט ווייסענדיג ווער און וואָס דו ביזט פֿאַר מיר.

האָסט נישט געוואוסט, ווי גליקליך עס האָט זיך ביי מיר דערהויבען די ברוסט, ווען איך האָב אויף דיר געקוקט; נישט געוואוסט האָסטו, וויפֿיעל קרבנות מיין נשמה איז געוועזען גרייט דיר צו ברענגען באַלד פֿון די ערשטע מינוטען, ווען איך האָב דיך דערזעהן.

מיט דיר האָבען פֿאַר מיר געבליהט די בלומען אין הערבסט, מיט דיר האָט פֿאַר מיר געשיינט די זון פֿון אונטער די חמאַרעס, מיט דיר האָב איך געהאָפֿט, געאָטעמט...

דו האָסט פֿון אַלעם נישט געוואוסט.

און אַזעלכע ביזטו שוין אַוועק.

נאָך דיין אַוועקגעהן האָט אַ קאַלטער עלענד געפּרעסט מיין נשמה,

די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר געוואָרען אַ קבֿר און לאַנג האָבען מיין האַלז געשטיקט טרעהרען.

גרויס איז דער ים, וואָס צושיידט דיך פון מיר, נאָר אייביג ביזט דו אַזוי נאָהנט צו מיין האַרצען.

שוין לאַנג האָב איך נישט געהערט דיין צערטליכע, זיסע שטים. לאַנג שוין האָב איך דיינע גאָלדענע געקרייזעלטע לאָקען נישט געזעהן. אַלץ מעהר דערווייטערען זיך דיינע העלע, בלישצענדיגע אויגען אין די פערגאַנגענהייט פון מיין לעבען — אָבער שוין קיינמאָל וועל איך דיך פערגעסען.

אין דעם שטיבעל, וואו עס האָט אַ מאָל געהילכט דיין פרעהליך געלעכטער־יל, לויכט אַ קליין לעמפיל. ווי גרויזאַמע שלאַנגען לויערען די שאָטענס אויף די ווענד. מאַכטלאָז קלאַפּט אין מיר דאָס האַרץ. ווילד, אימה'דיג קלינגט מיר אין די אויערען.

אַלץ איז דאָ היינט אָהן שום טרייסט, אָהן שום פונק פון האָפנונג.

אַזוי בלייבט אַ שטוב, פון וועלכער מען האָט ערשט אַרויסגעטראָגען אַ געשטאָרבענע מוטער, און דאָס עלאָ פון די יתומים'ס פערצווייפעלטע געשרייען און זיפצען פיהלט זיך נאָך אין הויז...

„זשעמבעס" *).

אין אַ גרויען הערבסט, אונטער אַ טריב־שטאָלענעם הימעל, אָהן שום גלאַנץ און העלקייט, האָט שפּעט ביינאַכט דורכגעצויגען אַ מחנה זשעמבעס.

צי זיי האָבען זיך געווענדט נאָך אַפריקאַ, צי ערגיץ צו די ברעגעס פון רויטען ים, צי נאָך אינדיען — ווער וויים? נאָר זיי זענען געפלויגען.

זייערע לייכטע פליגעלעך האָבען דורכגעשניטען די שווערע, פייכטע לופט מיט אַ בעזונדערער איבערגעגעבענקייט, מיט אַ דורש־טיגער געטרייקייט.

און אַז עס האָבען זיך זיי אָקעגען געקוקט שוואַרצע, מיט רעגען אָנגעלאָדענע, כמאַרעס, נאָר וואָס זיך אויסצולייזיגען איבער זייערע שוואַכע, ציטערדיגע קערפּערלעך, האָט זיך פון דער מחנה, ווען נישט חשן, אָבגערופען אַן אָרים־טעניג, האַרציג און טיף־ריהרענדיג פּישצען; — קיין בעקלאָגען־זיך האָט זיך אין דעם יעדאָך נישט געהערט...

בעהערשט פון אַן אומבעזיגטען רצון, געטריבען פון אַ שטאַרקען אימפּעט, האָבען זיי זיך שריט ביי שריט אַלץ דערווייטערט.

אַז די כמאַרעס האָבען אָנגעהויבען צוטריפען און דורכנעצען די אומבעהאָלפענע פייגעלעך, האָט זיך זייער פּישצען עפּטער איבער־געחזר'ט; — קיין שאָטען פון חרטה איז אָבער דאַרין נישט געוועזען...

---

*) פייגעל.

ניין, דאָס איז נישט געוועזן! אַ טרייסט און אויפמונטערונג פֿון איינעם צום אַנדערן און שטילע, נאָר זיס־ווייכע הַבְטָחות פֿון וואַרעם־קלאַפּענדיגע הערצלעך,— אַזוינס איז געוועזן אינ׳ם פּישצען.

בּאַלויכטען אין דער טיפֿעניש פֿון דער זעל מיט עפּיס קיינמאָל ניט־פֿאַרלאָשענעם, האָבּען די פֿייגעלעך מיט נאַסע, קוים צאַפּלענדיגע פֿליגעלעך זיך ווײַטער גערירט אין דער לופֿט.

אַ געהיימע, אומזיכטבּאַרע קראַפֿט, וואָס שרעקט זיך נישט פֿאַר קיין שום צוימען און שטערונגען, האָט פֿעסט געהאַלטען די שוואַכע זשעמבּעס אין דער הויך און נישט געלאָזט זיי אַראָבּפֿאַלען...

ח. פּלאַקס.

אַ חָתָן.

—

.. נאָך וואָס ברענגען אַזוי פיל ליכט אַרום? וואָס זענען אַלע עפּעס אַזוי פרעהליך? אַזויפיל ווייסע זיידענע קליידער? וואָס, אַ חתונה? ווער האָט חתונה? וואָס טו איך דאָ?..

און דאָס מיידעל מיט די בלויע אומשולדיגע אויגעלעך, מיט די בלאָנדע גלאַנצענדיגע לאָקען,—בעדעקט מיט אַ ווייסען שלייער און אַרומגערינגעלט מיט בלומען,—וואָס קוקט עפּעס אויף מיר אַזוי פאַרשעמדיג?..

צי פערשטעה איך דען נישט? צי איז נישט אַלץ קלאָר? דאָס ווייסע מלאכ׳ל און פרויען-געשטאַלט איז דאָך מיין כלה און איך—איהר חתן.

כאַ-כאַ-כאַ! איך... איך—איהר חתן?

ניין, עס איז אַ חלום. איך שלאָף און חלום. וואָס פאַר׳אַ חלומות עס זענען פאַראַן!

יאָ, איך שלאָף און חלום. אַך, וואָס פאַר אַ שענער, זיסער חלום!

ווי גוט וואָלט געווען, ווען מ׳וואָלט אויסגעלאָשען די ליכט און לאָמפּען, אַלע וואָלטען זיך צוגאַנגען און איך איינער וואָלט איבערגעבליבען חלום׳ען!

נאָך וואָס רוישט אַזוי דער אָרקעסטער, וואָס שרייען אַזוי אַלע, פאַרוואָס קלינגט מען מיט די גלעזלעך, ווער דערמאַנט מיין נאָמען?..

איך שטעל מיך אויף פון מיין שטול און פערנויג מיך מיט דאַנק. איך קוש דעם מלאכ׳ל׳ס זאַפטיגע ליפּלעך פאַר אַלעמען אין די אויגען, זי קושט מיך אין מויל, דערלאַנגט מיר איהר גלעזעל מיט וויין און אויף איהר גאַנץ בע׳חנ׳עווט פנימ׳על איז אויסגעצאָכען יאַזאַ זיס, אַזאַ דערהויבען, אַזאַ גליקליך געלעכטערל.

ניין, איך חלום נישט, איך בין וואַכענדיג!

„דו, מיין חן... מיין ליכטיגקייט... מיין לעבען... מיין אייביג, אייביג גליק״...

ווער רעדט די דאָזיגע ווערטער? איך, האַ? פאַרוואָס קלעמט מיר אַזוי דאָס האַרץ, פאַרוואָס שטיקען מיין האַלז טרערען?

„מיין טייערער״...

די צוויי ווערטער קלינגען מיט אַזויפיל האָפנונג, מיט אַזויפיל גלויבען, מיט אַזויפיל ליבע...

מיר איז איצט אַלץ אַזוי בעשיינפערליך! איך בין אויף מיין אייגענער חתונה, און דער מיטעלפונקט פון דער גאַנצער פֿרייד אין דער דאָזיגער שטוב — איז דאָס צערטליכע, אומשולדיגע קינד אין ווייסען שלייער און—איך.

דאָס אומשולדיגע קינד און—איך!..

ווי גערן וואָלט איך דאָ געוואָלט זיין אַ פֿרעמדער. ווי גערן וואָלט איך אַנטלאָפֿען פון דאַנען!

די פֿרייד אין דערדאָזיגער וואוינונג איז הייליג, ווי די טרערען פון אַ בּאַרמהאַרציגען מלאך איבער דעם בעטעל פון אַ קראַנקען, פֿערלאָזטען יתום; דידאָזיגע שטוב איז איצט אַ בית־המקדש...

און איך?

איך בין אומווירדיג! מיין קערפּער איז פֿערשאָלטען און מיין נשמה איז פֿערפֿלעקט אויף שטענדיג, אויף אייביג...

אומשולדיג קינד מיינס! וועגען וואָס טרוימט יעצט דיין יונג קעפּעל? וועגען פֿרילינג, וועגען אַ העלען, ליכטיגען מיט פֿרישע רויזען בעצירטען פֿרילינג, וועגען דעם ערשטען פֿרילינג אין דיין לעבען, אַ יאָ?

און אַזאַ פֿרילינג דאַרף איך דיר צו ברענגען, איך, דורכאויס איך, האַ?

ווען דו וואָלסט געוואוסט, אַז דיין געטרוימטען העלען, לויטערען פֿרילינג קאָן איך דיר שוין מעהר נישט ברענגען, דען דעמדאָזיגען פֿרילינג האָב איך שוין צוטיילט צו אַנדערע פֿרויען און, אַז דיינע דערוואַרטעטע פֿון מיר פֿרישע רויזען זענען שוין—פֿערגיפֿטיגט?..

וואָס פֿאַר׳אַ ווילדע געדאַנקען קומען מיר איצט אין קאָפּ אַריין! איך בין דאָך שוין געזונד, לאַנג שוין, גענצליך, פֿולקום געזונד... כ׳בין דאָך איצט אויף מיין חתונה, אויף דער אייגענער חתונה, נאָך וועלכע מיין נשמה האָט אַזוי לאַנג געשמאַכט, אַזוי לאַנג געציטערט מיט ליבע! איך פֿייער דאָך איצט מיין גליקס־יום־טוב, מיין אַזוי ציטערדיג־אויסגעבענקטען, מיין טייערען, מיין איינציגען, מיין הייליגען גליקס־יום־טוב!

איך בעמיה מיך צו שמועסען מיט׳ן קינד. וואָס דערצעהל איך איהר? פֿאַרוואָס ווערט איהר פּנים׳על אַזוי בערויטעלט?

„צום געזונד פון יונגען פּאָר!״

איטליכער ווינשט אַזוי געטריי, אַזוי וואַרעם, אַזוי האַרציג.

ליכטיג קינד מיינס! דיינע טרייהאַרציגע ליבע־בליקען רופען מיך אין אַ גן־עדן, וואו טויזענטער באַלזאַם־קוואַלען זענען אָנגעבּרייט צו צערטלען

און קושען מיין לייב און נשמה; דיין יונג הארץ קלאַפּט און בעוועגט זיך מיט גרעניצלאָזער איבערגעגעבענקייט פאַר מיינעטוועגען, צוליב מיין גליק וועגען; דו שענקסט מיר פרישע, בליהענדיגע רויזען מיט זייער גאַנצען בעקטאַר־זאַפט, מיט זייער הימליש־ריינעם צויבער־שטויב — און איך קאָן דיר מיט גאָרנישט אָבדאַנקען, איך האָב גאָרנישט מעהר דיר צו געבען, ווי — פערניכטיגטע רויזען? — — —

י. פ. גרינבערג.

דיינע טרוימען,

(ליעד אין פּראָזע).

דיין ווייכעס קלאָהר געזיכט האָט אַ פֿערטרויערינגען אויסזעהן בעקומען, דיין בליק איז אומעטיג געוואָרען, און דיין שטערען האָט זיך גענומען רונצלען.

— וואָס איז דיר?—האָב איך דיך געפֿרעגט.

דו האָסט געשוויגען, אַ זיפֿץ האָט זיך פֿון דיין האַרץ אַרויסגעריסען.

—געדענקסטו?

ס'איז אַ פֿריהלינג'ס פֿאַרנאַכט געוועזען, ביים זונען־אונטערגאַנג. זענען מיר ביים פֿענסטער פֿון דיין צימער געזעסען, און האָבען געקוקט צום וויטען מערב וואו די גילדענע זון ווערט פֿערשוואונדען; ווי פֿון מזרח ציהט זיך אַ טיעפֿער נאַכט־הימעל און פֿון ערגעץ וויט, גרייכט צו אונזערע אויערן, דאָס אייזאַמע טרעלען פֿון אַ נאַכטיגאַל.

און ווידער האָט זיך אַ זיפֿץ פֿון דיין האַרץ אַרויסגעריסען.

— וואָס איז דיר קינד?—האָב איך דיך נאָכאַמאָל געפֿרעגט.

דו האָסט דיין קאָפּ מיט דיינע לאָרבער לאָקען אין מיין ברוסט אַנגעשפּארט, און מיינע הענד האָבען גענומען דיינע האָר גלעטען.

די נאַכט שאָטענס זענען זיך אַלץ וואָס מעהרער און מעהרער צוזאַמען געקומען, מיר זענען אין פֿינסטערניש פֿון דיין צימעריל ווי איינגעשלינגען געוואָרען, שעמערירט און אַרויס געפֿעכעלט פֿון דער דונקעלהייט, האָט דיין קלאָרער אַלבאַסטער האַלדז.

און דיינע ליכטיגע אויגען?

זיי האָסטו געהאַלטען אין דיינע הענד פֿערבאָרגען.

און ווידער האָט זיך, מיין קינד, פֿון דיין האַרץ אַ שווערער זיפֿץ אַרויסגעריסען.

— וואָס איז דיר מיין קינד?—האָב איך דיך געגלעט און געפֿרעגט.

— איך האָב אַ טרוים געזעהן.—האָסטו מיר שטיל פֿערטרויט, און אין דיינע הימעל־בלויע אויגען האָט זיך גענומען אזא טיעפֿע שרעק ווייזען.

— דערצעהל מיר דיין טרוים!—האָב איך דיך געגלעט און געבעטען.

— אין חלום!—האָסטו מיר גענומען מיט אַ שטילינקע שטימע דערצעהלען,—האָב איך מיר פֿאַר אַ קעניגען פֿון אַ וואונדער־לאַנד געזעהן.

„אַ ריטער מיט אַ פֿערטרוימטעס און בלייכעס געזיכט איז פֿון יענעם וואונדער־לאַנד געקומען צו רייטען און ער האָט מיך צו זיך אין זיין לאַנד גענומען.

„דאָרט אין יענעם וואונדער־לאַנד, וואו אויף יעדען טריט מערקט דאָס אויג וואונדער—שעהנע בלומען, ביי יעדען אָטעם־ציה פער׳שיכור׳ט אַ גן־עדען דופט. אין יענעם וואונדער־לאַנד, וואו יעדעס וואָרט פון די דאָרטיגע איינוואָהנער הילכט אָב ווי אַ קלאנג פון א שעהנע מעלאָדיע—אין יענעם לאַנד, האָט מיך מיין ריטער, פאַר די קעניגען געמאַכט.״

דו ביסט אויף אַ ווילע שטיל געבליבען. דיינע אויגען האָבען גענומען, אין׳ם טיעפען נאַכט־הימעל צווישען די אונצעהליגע שטערען זוכען, און באַלד האָסטו מיר גענומען מיט דער זעלבער שטילינקער שטימע ווייטער דערצעהלען:

— „נאַכט אויף נאַכט איז מיין ריטער צו מיר אין פאַלאַץ מיט זיין האַרפע געקומען, און ווען זיינע ווייסע דורכזיכטיגע פינגער האָבען נאָר די האַרפען־זייטען בערירט, אין אַ געטליכע מעלאָדיע האָט זיך אין דער שטילער נאַכט דערהערט, אַזוי איז דאָס וואונדער־לאַנד נאָך שענער געוואָרען: די וואונדער שעהנע בלומען זענען אין צאַרטע פרויען־געשטאַלטען פערוואנדעלט געוואָרען, אלע זענען געווען געהילט אין ווייסע, דורכזיכטיגע קליידער, די שווארצע האָר צעלאָזען, און געבונדען און פיעל קאָלירטע בענדער, און פאַר מיין פאַלאַץ, האָבען זיי גענומען אין מיטען פון דער האַלבער־נאַכט אַ טאַנץ געהן.

— „דו ביזט די קעניגען פון דעם וואונדער־לאַנד!״—האָט מיין ריטער פאַר מיר געקניהט און ער האָט אין מיין האַנד דעם סצעפּטער פון דעם וואונדער־לאַנד איבערגעגעבען.

— „אַ גרויסע פרייד האָט מיין האַרץ דורכגענומען,—האָסטו פלוצים מיט א געבראָכענע שטימע גענומען דערצעהלען.—אז איך האָב געזעהן דעם בלייכען ריטער פאַר מיר קניהען. אין יענער מינוט האָט זיך א בייזער געדאַנק צו מיר אין האַרצען אריינגעשלייכט: דעם ריטער מיט א געמאַכטער, בייזליכער גרימאַסע צוטרייבען, און ווי גרויס וועט זיין די פרייד פון מיין האַרץ—האָב איך מיר גאָר פאָרשטעלען נישט געקאָנט,—ווי כ׳וועל אויף מיין קעניגען שטוהל זיצען, מיין ריטער וועט פאַר׳ן פענסטער פון פאַלאַץ שטעהן און רופען, איהם די טהיר צו עפנען...

— „איך וויל נישט זיין די קעניגען פון דעם וואונדער־לאַנד״—האָב איך איינמאָל מיין פרינץ געזאָגט, און נישט געוואָלט אַזוי שנעל פאַר איהם די טהיר אויפמאַכען.

ס׳איז קיין ווילע נישט פאַראיבער:

מיין ריטער איז שוין געווען ווייט פון מיר פערשוואונדען, און איך האָב מיך געזעהן שטעהן ערגעץ אויף אַ ווייטע־איינזאַמע וויסטע״...

און ווידער האָט זיך, מיין קינד, פון דיין האַרץ אזיפץ ארויסגעריסען;

— געדענקסטו?

און איך—איך האָב נישט געפונען דיר אַטרייסט וואָרט צו געבען...

. . . .

* *

און נאָך אמאָל האָסטו, מיין קינד, א טרוים געזעהן:

אויף א שייד-וועג ביסטו אנ׳איינזאמע געזעסען, דיין קערפּער האבען די קאַלטע ווינטען אומגעארמט; ס׳האָבען דיך די רעגענס און שנייען דורכגענעצט, און אומעטיג האָסטו וועמען אויף אלע זייטען מיט דיינע אויגען געזוכט.

ס׳שרעקט דיך דאָס אנקומען פֿון דער נאַכט.

דו אָטעמסט אָב מיט א שווערען אנגסט, אויף דיין זינען קומט, ווי איינזאם וועסטו אין דער פֿינסטערער נאַכט אויפֿ׳ן שייד-וועג זיצען. פֿון טיפֿען און געדיכטען וואלד, וועלען זיך פֿערביי דיינע אויגען דורכטראָגען די נאַכט געשפּענסטער; צו דיינע אויערען וועט גרייכען דאָס ברומען פֿון די ווילדע וואלד-חיות, און נאָך גרעסער ווערט דיין שרעק, ס׳ציקט דיין אָטעם און פֿערשטארט בלייבסטו אויף דיין אָרט זיצען.

דיין פֿערטרעהט אויג, האט פלוצים אויפֿ׳ן וועג א שאָטען פֿון א מענש דערזעהן, און דיין הארץ האָט פֿאר איבערראשטע פֿרייד א ציטער געטהון.

ס׳ איז פֿערביי דיר א בלייכער ריטער דורכגעגאנגען, און ער האָט דיך מיט זיך אין זיין וואונדער-לאנד מיטגענומען, און ווידער ביסטו, מיין קינד, א קעניגען איבער א וואונדער-לאנד געוואָרען.

אָבער—ווען דער ריטער איז צו דיר, ווי יענער, אין מיטען פֿון דער האלבער-נאַכט אין פּאלאַץ מיט זיין הארפֿע געקומען, און זיינע פֿינגער האָבען נאָר די הארפֿע-זייטען בערירט—אזוי האָבען אָבגעקלינגען אין דיינע אויערען טענער, ווי פֿער׳שטיקטע זיפֿצען, שלוכצען פֿון הערצער, וואָס זיי דריקט א שווערע פּיין.

און פֿאר דיין פּאלאַץ, אז די וואונדער-שעהנע בלומען זענען אין צארטע פֿרויען-געשטאַלטען פֿערוואנדעלט געוואָרען, און האָבען גענומען, פֿאר דיין פּאַלאַץ א טאנץ געהן, איז פֿון ווימלענדיגען ראָד אנ׳אלטינקע צויבערען, געהילט אין שווארצען, ארוים געקומען, זי האָט דיך פֿעסט בײַ דיין אָרעם גענומען, און דיך געפֿיהרט אויף א ווייט פֿעלד. פֿאר א בעג אזוינס בערגעל זענט איהר ביידע שטעהן געבליבען. זי האָט איהר׳ס א שפּריך געזאגט, איז דאָס בערגעל פֿערשוואונדען, און ביים שיין פֿון דער לבנה האסטו דערזעהן אנ׳אָפֿען קבר, און אין וועלכען עס איז געלעגען א מאן... זיינע אויגען אָפֿענערהייט געוועגדט אויף דיר מיט טרערן.

— ווער איז דער מאן?—פֿרעגט דיך די אַלטע.

און דו ענטפֿערסט:

— ס׳איז מיין ערשטער ריטער!

און שרעקליכעס, גאר שרעקליכעס געשעהט, און יענער מיניט:

אויף דער צויבערענס רוף קומען נאכט=גייסטער אויף איהר בעפעהל, גראבען זיי א קבר, אין דיך, מיין קינד, געהילט אין קליידער פון א קעניגען, לייגען זיי אהין אריין

דו פערלירסט פון גרויס אנגסט דיין זין, דו שפירסט ווי הענד, אייז=קאלטע ציהען דיין קערפער אין טיעפען תהום ביז דאס טאנץ=ראד פערשווינד, די צוי-בערין איז נישטא מעהר, און דו קומסט פון דיין הלום אויף . . .

. . . .

אזוי, אזוי געשעהט מיט דיר יעדע נאכט צו דער זעלבער צייט, ווען דיין צווייטער פרינץ קומט . . .

געווידמעט דיר.

H.

און דו בּיסט געקומען.

אהן אינהאלט, לעער, האפנונגסלאז איז געוועזן דאס לעבען. וואו דער בּליק האט זיך אפּגעשטעלט האט ער נאר דונקעלעס, פארבלאזעס בּעגעגענט. און דו בּיזט געקומען און, ווי א מילד ווינטעל בּעריהרט צארט די סטרונעס פון א הארפּע האסטו מיין הארץ בּעריהרט, און דאן האט עס דער ערשטער ליכטיגער שטראל בּעלויכטען, און עס האט דיך געבּענשט.

שווארץ און מאטערענד זענען געוועזן מיינע טרוימען, דעם שלאף האבען זיי אין אנ'אונרוהיגער פּיין פערוואנדעלט. און דו בּיזט געקומען, און געטליך־שעהן זענען זיי געווארען, דען דו האסט זיי דעם וועג צו דעם ערהויבּענעם געוויזען, און זיי בּענשען דיך.

נישט געקענט האב איך דעם טאג פון דער נאכט אונטערשיידען, דער טאג איז מיר געוועזן מיט דער דונקעלהייט, מיט די שרעקען פון דער נאכט דורכגעפלאכטען, און די בּיזט געקומען און רייצענדיג־שעהנע טעג האב איך דערזעהן און איך האב דיך געבּענשט.

שטום איז געוועזן מיין הארץ, קיין זאך האט עס נישט געפרייט, קיין זאך גיערגערט און דו בּיזט געקומען און זיין ערשט ווארט איז געוועזן א טיפער, ליידענדער, גליקליכער קרעכץ. און זייט דאן רעדט עס אויף אזא הימליש־לויטערער שפּראך, וואס נאר דיין הארץ קען זי פערשטעהן, און עס בּעט צו דיר און עס רופט דיך, און ביים אויפגעהן פון דער זון, ווען די שטראלען קישען צארט די ערשטע אויפגעוואכטע בּלימלעך, בּענשט עס דיך

טויט איז געוועזן מיין נשמה, און דו בּיזט געקומען און צו א שעהנעם מארגען האט זי ערוואכט, און זייט דאן איז איהר לעבען, ווי א שטיל הייליג געבּעט, ווי א שעהנע הארצענס־פּאעזיע, און זי האט דיך געבּענשט.

געזאַנגען

ש. י. לאַנדינסקי.

ש. י. לאַנדױנסקי.

פון שמואל הנביא'ס געזאַנגען.

◁ ▷

און פיינד האָט מיין האַרץ דעם מזבח
און בענקט נאָך קיין קרבן נישט מעהר—
פון בשׂמים, פון קטורת דער ריח
מעהרט ביטערקייט נור אין מיין טרעהר.

דערהער איך די טריט פון אַ כהן —
ס'שטראַהלט דורך די יריעות די זון,
די נאַכט מיט איהר חושך פערגעהען, —
מיין נאַכט דאָך בלייבט נישט אָבגעטהון.

דערזעה איך אין אֵפוד פון ליינען
צי חפני, צי פינחס געקליידט —
די פלאַמען פונ'ם תמיד ערשיינען, —
מיין האַרץ נור אין חושך פערגעהט...

די ווינדטעלעך דעם ווייראיך צעוועהען,
צעטראָגען פון בשׂמים דעם דופט —
אָ, וועה מיר, וואָס איך האָב געזעהען,
פון זינד האָט געציטערט די לופט!..

II

אָ, מוטער, האָסט מיך אָבגעגעבען
און משכּן צו דיענען דאָ גאָט:
און הייליגען משכּן צו לעבען —
דאָ זעה איך נור טמאים און שפּאָט!

אין הרמתים און שטילען,
אין שאָטען פון גרינענדען בוים,
דאָרט בליהען נאָך רייִנע געפיהלען
דאָרט שפּראָצט נאָך אַ הייליגער טרוים:

דו זעצט זיך צום שפּינראָד צו שפּינען.
אַ טרעהר פאַלט אין לייַנען אַרייַן —
פאַר מיר איז דייַן טרעהר און דייַן זינען
און איך ווער דערשטיקט דאָ פון פּייַן!

דו זעצט זיך צום וועבשטוהל צו וועבען
אַנ׳אֵפוד פון לייַנען דייַן קינד —
אָ, מוטער, איך קאָן דאָ נישט לעבען,
דאָ ווייַטער צו זייַן איז אַ זינד...

III

די זון אין אֶפְרַיִם פערגאַנגען,
דער אָוועגד צעשויבערט די האָר,
ווי שכור פון טויען און קלאַנגען —
און וויַיט שאַלט פון מנחה אַ כאָר!

עס שפּיגלען זיך שטראַהלען אין שויבען,
עס צינדט זיך אין שילה אַ ליכט;

אַהין געהט אַ פרױ מיט צװײ טױבען,
און פרום, װי אַ טױב, דאָס געזיכט!

די האָר נאָך פערװיקעלט אין טיכער
דאָך רױשט װי מיט יום־טוב דאָס קלײד
די טריט װערען קרעפטיגער, זיכער, —
דאָס פּנים געװיטעלט פון פרײד!

אַריבער די טעג פון איהר נדה,
די טעג פון איהר טונקעלען פּײן;
אין אױגען פערבענקטע און מידע
צינדט־אָן־זיך פון שטערען אַ שײן...

די טױבען דערלאַנגט זי דעם כּהן —
ס'דערהױבט זיך אַ פאָרהאַנג, אַ װאַנד,
אַ, װעה מיר, װאָס איך האָב געזעהען,
די לופט האָט געציטערט פון שאַנד!

O IV O

דו זעצסט זיך צו ריכטען, אָ, כּהן —
אין חֹשֶׁן־הַמִּשְׁפָּט געקלײדט;
אַרום דיר פערזאַמעלטע שטעהען
אין טױער פון אֹהֶל־מוֹעֵד.

עס פינקלען פון חושן בריליאַנטען
און אַבְנֵי־הַשֹּׁהַם, װי ליכט
פאַר שְׁבָטִים פון אַלערלײ קאַנטען,
װאָס קומען פאַר דיר צום געריכט:

דעם בערגמאַן פון נאָהנטען אֶפְרַיִם,
דעם פישער פון אָשֵׁר, פון װײט;

דעם פאסטוך פון בין־משפתים,
און סוחרים און העלדען פון שטרייט.

פון דן און באר־שבע, וואס קומען
צו הערען דעם כהנ׳ס א ווארט;
א, דא, וואו מען הערט נור דאס ברומען
פון כרובים אין הייליגסטען ארט..

דו זיצט, יא, צו ריכטען, א, כהן —
א משפט פאר גאט און פאר לייט —
דאך חפני און פינחס וואו זענען:
ווער האט זיי כון משפט בעפרייט?

◁ V ▷

ס׳קומט ווידער דער אווענד דער בלויער —
א, פלאמען פון תמיד, פערגעהט! —
.און גיכער פערמאכען דאס טויער
פערריגלען דעם אוהל־מועד.

אין רוהיגען ליכט פון דער מנורה,
וואס פליכט, ווי פאר זיך, נור מיט שיין, —
ענטפלעקט זיך דער ווילען פון בורא
אין מיר זאפט זיין ווילעט זיך איין.

און בין איך געבארען צו דינען
פאר דיר אין דיין הייליגען הויז.
בעלייכט מיר, א, בורא, מיין זינען —
מיך טרייבט איצט דער משכן ארויס!

עס יאגט מיך צו לויפען פון דאנען,
א, לויפען אויף בערג און אין טאל,

ניִשט פרעגען, וואוהין און ביז ווענען.
נור וואַנדערן, ווי אַברם אמאָל ...

זיך בלאָנקען אין שטילע ישובים
און געהן פון געצעלט צו געצעלט.
אין נאָמען פון יושב־הכּרובים.
פון איין עק צום צווייטען עק וועלט

דערצעהלען, ווי כּהנים לעבען.
ווי דאָ ווערט גאָטס נאָמען דערהייכט,
און וועמען דאָ מעשׂר צו געבען, —
ווי ווייט די קדושה דערגרייכט.

איך קאָן שוין דעם סוד מעהר ניִשט טראָגען,
דעם סוד, וואָס דעם משכּן פערשוועכט.
מיר דאַכט: אויך די כּרובים זיך קלאָגען,
און מאָנען פון גאָט זייער רעכט.

לידער און געדיכטן

ש. שײנבערג.

שלמה שיינבערג.

נאַכט.

ביז ערגיץ ווייט,
די שוואַרצע פליגל אויסגעשפּרייט,
שוועבט=צו אַ מלאך שטיל און זאַכט
צו מערב=זייט,
און מיט זיין צויבער־פענזעל „נאַכט"
פערשמירט ער טונקעל און פערציהט
דעם ים פון גאָלד, וואָס ברענט און גליהט,
דערטרינקענדיג אין זיך די זון...
ער צינד דעם ערשטען שטערען אָן,
און הילט אין בלויע מאַנטלען איין
דעם גאַנצען רוים
וואָס באָדט זיך נאָך אין ראָזער שיין,
און שוועבט אַוועק
צום גרינעם ברעג
פון גלאַטען טייך,
וואו ס'ברענט נאָך קוים
אַ סאָסנע־בוים
און לעשט איהם גלייך...
און פיהרט אַרוים די מלכה „נאַכט"
פון טיפען וואַלד, וואָס שטעהט פערטראַכט,
און פלעכט איהר אויף די שוואַרצע צעפּ,

און הילט מיט זיי דאָס פעלד אַרום,
און ס'טרינקען זיך די בוימער־קעפּ
אין טונקעלהייט און שטעהען שטום...
ס'איז נאַכט... ס'איז שטיל...
אַ ווינדטל קיהל
צושוועבען קומט פון ווייטען פעלד,
און ברענגט מיט זיך אַ ליבען גרוס
פון וואַלד,
וואו ס'שאַלט
אַ פויגעל זיס,
בעזינגענדיג גאָט'ס שטומע וועלט.

— — — — — — — — — — — — —

שלמה שיינבערג.

פליהט אַ טשאַטע פויגעלעך...

פליהט אַ טשאַטע פויגעלעך
אין דער בלויער לופט,
טראָגט זיך ווייט פון אונז אַוועק —
צוויטשערט יעדעס, רופט.

ווער עס האָט נור אויערען, הערט
און פערשטעהט געזאַנג,
דעם מוז ווערען ס'אויג פערטרעהרט
און אין האַרצען — באַנג...

טשיריק, טשיריק... צום וויטען לאַנד,
צום ליבען לאַנד — נישט פרעג!
האָטש ס'ווייסט איין גאָט, ווער ס'קומט אהין
און ווער עס בלייבט אין וועג...

טשיריק, טשיריק, טשיריק, טשיריק...
וואוהין דער ווינטער טרייבט,
האָטש ס'ווייסט איין גאָט, ווער ס'קומט צריק,
און ווער שוין דאָרטען ס'בלייבט...

טשׁיריק, טשׁיריק... און ווער שׁוין יאָ
עס קומט צריק אַהער —
ווייסט אויך איין גאָט נאָך ווען ער טרעפֿט
און וועמען שׁוין נישׁט מעהר...

פֿליהט אַ טשׁאַטע פֿויגעלעך
אין דער בלויער לופֿט,
טראָגט זיך ווייט פֿון אונז אַוועק
צווּיטשׁערט יעדעס, רופֿט...

ווער עס האָט נור אויערען, הערט
און פֿערשׁטעהט געזאַנג,
דעם מוז ווערען ס׳אויג פֿערטרערט
און אין האַרצען — באַנג...

שמעון האָראָנטשיק.

שמעון האָראָנטשיק.

פריהלינג.

עס הענגען די שטערען
אין הימעל און טריפען.
עס ווילט זיך אי וויינען,
אי לאַכען און שטיפען;
אויף שטילינקע וועלען
פון טרוימען זיך שיפען. —
נאַכט . . . .

אין מזרח זיין רויטען
צובליהט זיך אַ שמייכעל;
עס אָטהעמט מיט יונגקייט
דער טאָג פון גאָט'ס היכל;
עס שעפטשעט אַ דאַנק איהם
דאָס פאַלבענדע טייכעל. —
טאָג . . . .

באָסטאָן 1917.

א. נ. גנעסין.

* * *

גוט'ן אָוועַנד דיר, מיין ליעבסטע,
פֿונ'ם טייכעל קום איך איצט;
ס'האָט דער טאָג זיך דאָרט געטובל'ט
און דער מערב האָט געבליצט.

ס'האָבען פֿאַרבען זיך געביטען,
ווי די הייטען פֿון אַ שלאַנג,
און געפֿלאַטערט האָט דער אָטעם,
ווי אַ צאַרטער האַרפֿען=קלאַנג.

מאָסטאָלנע. יודיש: שמעון האָריאָנטשיק

הערבסט נאכט אין דארף.

דער הימעל פערצויגען—
  אין גראָהען געפאַרבט;
דער וואַלד, ווי פערצאַפּעלט;
  אָט דוכט זיך: ער שטארבט.

די דאָרפישע הייזלעך,
  זיי גלאָצען און שוויינען;
אַ טרויריגע ודוי—
  זיך טראָגט פון די צווייגען.

פון פענסטערלעך מאַנכע
  דאָרט פייערלעך ווינקען;
אין עלענדען חושך
  איז ס'דערפעל פערזינקען

פאר-נאכט.

גראָהע, גראָהע וואָלקען;
ס'פאַלען טראָפענס זאַכט;
ערגעץ פון די וועלדער
רוקט זיך אָן די נאַכט.

ס'שווייגען גרינע פעלדער;
בוימער ווינקען שטום;
ס'שוועבט אַ מידער אומעט
אין דער וועלט ארום...

* * *

יעדען אבענד פאר דיין פענסטער
פליהט מיין זעל א טויבע אום,
און פער'חלומ'ט אויף דיין בעטעל
זעהט זי דיך דאן רוהען פרום.

פיהלסטו דאן אין שלאף דעם ציטער
פון מיין שטילען הארץ-בעגעהר?
זעסטו דאן, ווי ס'העננט פערזאומערט
אין מיין אויג א הייסע טרעהר?

אדער שלאפסט זיך שטיל און רוהיג
פון קיין שאטען ניט געשטערט,
און דו פיהלסט גאר קיין מאל, קיין מאל
ווי מיין הארץ איז מיר בעשווערט?

1

* * *

דו האָסט מיך אין חלום
גע֗קושט און געגלעט;
דו ביסט דאַן געזעסען
ביי מיר אויפ'ן בעט;
געגלעט מיט די דינע
און צערטליכע פינגער;
געשעפּשעט מיר שטיל:
אָ, עלענדער זינגער.

דער חלום אַוועק.
גע֗עפענט די אויגען:—
אַ חושך געדיכט;
מיט אומעט פערצויגען.
דער ווינד האט געקלאָגט,
געריסען די לאָדען.
איך האָב זיך ביז טאָג
אין אומעט געבאָדען

———

מירעל ערדבערג.

צו דער זון.

אָ זון, וואו איז אַצינד דיין גלאַנץ ?
דו שיינסט נישט אין דיין גאַנצער פראַכט ;
ציַ האָט מיין וועה אויך דיך בעטריבט ?
ציַ האָט ער אויך אויף דיר אַ מאַכט ?

אָ ניין, מיין הארץ איז שטארק גענוג,
עס טראָגט אין זיך דעם גרעסטען פיין :
ניט שענק מיר, זון, קיין זיפץ, קיין קרעכץ,
און געה, גיב־אָב דער וועלט דיין שיין !

* *
*

און טאָג איז, דאַכט זיך, שוין גאַנץ לאַנג
און דאַך אין נעפּעל איינגעהילט,
שטעהט אַלץ פערגליווערט און פערשמאַכט
און נאָך דיין ליכט פערבענקט זיך פיהלט.

און שיקסטו נור דיין ערשטען שטראַהל,
ערוואַכט אין אַלץ די לעבענס־פרייד,
נור איך אַנטלויף אין טהאָל צום קוואַל,
פון וועלט און מענשען אָבגעשיידט ;

און שטיל בעקלאַג איך דארט מיין וועה
אין יענעם שאָטענדיגען אָרט,
און ס'ווייסט קיין איינציגער פון זיי
ציַ האַלט מיך פרייד, ציַ טרויער דאָרט..

II

אין דיין שטוב, געליבטער.

אין דיין שטוב, געליבטער, וויל איך טרייסט געפינען,
אין דיין שטוב, געליבטער, וויל מיין וועל זיך שטילען:
די שטילקייט איז מיין הארפען־קלאנג,
די רוה, זי איז מיין באר־געזאנג....

. . . .
. . . .

אין דיין שטוב, געליבטער, וויל מיין טרוים זיך וועבען,
אין דיין שטוב, געליבטער, הערשט א הייליג שטרעבען:
א פרידליך, שטילער הימעלס־טרוים,
א טיפער, בלויער לעבענס־תהום,
דער סודות־טויר פון ליבע־גליק,
וואו איך מיר לאך, וואו איך מיך קוויק.

און אונמעכטיג וויל איך אין דיין ארעם פאלען,
ווי א מידע פון טראמפייטען־שאלען;
מיין קאפ געגראבען אין דיין ברוסט,
מיין לוסט דערטרונקען אין דיין לוסט
פערלירען זיך אין לעבענס־קוואל.—

ראָזאַ יאַקובאָוויטש.

דאָס געזעגענען זיך.

נאָך וואָס האָט זיך מיט דיר מײן האַרץ געפֿרײט,
נאָך וואָס האָט זיך מיט דיר מײן האַרץ געפֿרײט,
אַז געהסט אַוועק פֿון מיר אין פֿײער־שטרײט,
אַז הענגען, הענגט אויף דיר די שווערד געגרײט,
נאָך וואָס האָט זיך מיט דיר מײן האַרץ געפֿרײט?
נאָך וואָס האָב איך נאָך דיר געבענקט אומזיסט,
אַז געהסט פֿון מיר אַוועק אַ רעזערוויסט,
אַז בלײבען, בלײבט אָהן דיר די שטוב פֿערוויסט,
נאָך וואָס האָב איך נאָך דיר געבענקט אומזיסט?

מרים אולינאָווער.

פריהלינגס-טאַנץ

אין אַ טאָג אַ העלען,
אין אַ טאָג אַ העלען,
ווען די זון נעמט גלאַנצען,
אין אַ טאָג אַ העלען
כוז איך זיך צוטאַנצען.
זיבען בייטשען קרעלען
טאַנצען מיט און קוועלען,
קלינגען אויף מיין האַרצען
אין אַ טאָג אַ העלען.

ביז'ן פריהלינגס יונגען
אָבענד. נעמט מיך האַרצע,
טאַנצענדיג צו זינגען,
ס'קליידעלע צו פֿערשאַרצען,
און דעם בלויליך שוואַרצען
רוים'ס באַלזאַמען שלינגען,
נאָר ווי טרויריג איצטער
מיינע קרעלען קלינגען!

שוין נעניג געזימערט
זיך אין דינעם קליידעל
אַלץ "ווערט קיהל. ענשלימערט,
מיד-געטאַנצט זיך, מיידעל...
מערב=זייט פֿעראימערט
בליצט אַ שטערען, גלימערט,
בענטשליך האָבען גרילען
אין דעם גראָז געיאָמערט.

ש. טשענסטאָכאָווסקאַ.

שושנה משענסטאַכאָווסקאַ.

די הבדלה.

נעמט מען צינדען די הבדלה,
בעט די באבע הויך זי האלטען—
אזא צואה איהר געבליבען
פון א גוטען יוד אנ׳אלטען:

„העלער, קינד־לעב, הויב דאס ליכטעל,
הויב עס וויפיעל האסט נאר כח,
וועסטו זיין אמאל א כלה,
וועט דיין מזל שיינען הויך,״

און ווי ווילט זיך גלויבען איצטער
אין דער באבעס ווערטער אלע,
אז אן האלטען די הבדלה
ווענדט־זיך ס׳מזל פון דער כלה...

ביים פערהער.

קימט שבת נאָכמיטאג, באַלד נעמט מען מיך יאגעך:
„גוט שבת״ דעם זיידעשי דארפסט דו געהן זאָגען.
און מוזט גוט געדענקען פון חומש פון שווערען—
דער זיידעשי קען נאָך דיך וועלען פערהערען,״

טאָ זאָל ער פערהערען—וואָס האָט דערפאַר מורא
א יונגעל א למדן, א בקי אין תורה!
איך הער מיר געלאַסען דעם זיידעשי'ס קשיא
און ענטפער באַלד אָב מיט א פסיק פון רש״י.

דער זיידעשי שמייכעלט און קוועלט פון הנאה
און קרייזעלט צו פריעדען די פאות די גראָהע.
די באבעשי שיקט מיר פיעל ברכות פון וויטען
און נעמט פאַר איהר איניקעל שבת-אויבס גרייטען.

ווער קען עס פערגעסען, וועם איז עס נישט ליב
דער אמאָליגער שבת אין זיידעשי'ס שטיב,
ווער קען עס דערמאנען אָהן בענקשאפט, אהן טרעהרען
דער באבעשי'ס ברכה פון וויטענס צו הערען!

געה איך מיר אין גערטענדעל.

געה איך מיר אין גערטענדעל
צווישען בלומען-וועגען—
שמעקען מיר די קוויטעלעך,
ווינקען מיר אקעגען.

נעם איך רייסען זיי געשווינד,
וויל א קרענצעל פלעכטען—
שטעך איך מיר די פינגערלעך
און א דאר'ן א שלעכטען,

ווינקט צו מיר פון בוים אראפ
הויך פון שפיץ אנ'עפעל,
חאפ איך זיך בליץ-שנעל ארויף—
דרעהט זיך מיר דאס קעפעל.

זאל עס שטעלען ס'דארענדעל—
נאר זיין בלום מיר געבען,
זאל זיך דרעהען ס'קעפעלע—
נאר וואס העכער שוועבען!

די קליינע.

שטופּערדיגע יונגלעך
שטעהען פאַר מיין טיר,
„זעהט נאָר זעהט ווי קליינטשיק״!—
שפּעטען זיי פון מיר.

בין איך נישט קיין גרויסע,
וועל איך וואַקסען נאָך,
כ׳ווארט נאָר אויף א רעגען,
אויף אַ וואָלקען־בראָך.

און פון זומער־רעגען
ווייַסט מען דאָך שוין לאַנג,
וואַקסט מען ווי אויף הייוועַן?
הויך, גרון שעהן און שלאַנק.

געהט אַ רעגען ליבער
שטעה איך אויף דער גאַס,
ביז׳ן לעצטען פאָדים
אָבגעצוואָגען, נאַס,

ביז ס׳שיינט אויף דער הימעל
לויטערדיג און העל,
שפּרייט איך אוים דאָס קליידעל—
אויסגעטריקענט שנעל.

כ׳לויף מיך באלד צומעסטען
צו דער הויכער טיר—
אוי, א שטרייכעל, דאכט זיך,
צוגעקומען ז׳מיר?

דאס ביכעלע.

גע־לעבט האט זיך א ווייבעלע
אויף שווער און שווינגערס קיעסט,
א גאנצען טאָג אין שטיבעלע,
געהיטען פרום איהר נעסט.

א גאנצען טאָג אין שטיבעלע—
(געוועזן אַ סוד דערביי...)
געלייענט, געלייענט אַ ביכעלע...
'עטוועדעס מאָל אויף'ם ניי.

צווישען איהרע קליידעלעך,
צום חופה־טאָג געמאַכט,
אַ קליינטשיק „גוי'איש ביכעלע
אויף קעסט זיך מיטגעבראַכט...

אין רעכטען ביזעם־טעשעלע,
זיין שכנית מיט'ן הארץ,
פערבארגען ליגט דאס ביכעלע,
אַ ביכעל קליינטשיק, שווארץ...

אין טרעפט אמאָל צו קידוש־צייט—
פערזעסען זיך ביים בוך,
פער'חידוש'ט ווארט דער שבת־טיש—
די שנור פערשפעטיגט זיך...

פערבאָרגען אין איהר שטיבעלע,
אַריינגעטון דעם קאפ
אין ביכעל לעזט זיך ס'ווייבעלע
און שפרייזט ארויף, אראב.

דער שווער, ער קלאַפט אין פענסטערל:
„קום טאָכטערשי, אַרויס!"—
זי ווינקט אקעגען: „כ'געה שוין, כ'געה",
כ'געה, שמונה עשרה „אויס"...

ב. פרידמאַן.

* * *

בשום אויפ'ן, ליבעס מיידעל,
כ'קען דיך נישט פערשטעהן!
ס'איז א רעטעניש פאר מיר
דיין לאכען, דיין געוויין!

נאר־וואס פרעהליך ביזט געווען,
האסט געטאנצט, געלאכט;
פלוצלינג, שוין ס'איז וואס געשעהן:
און דו זיצסט פערטראכט.

און נישט לאנג אזוי געזעסען
ביזטו שטיל, פערטראכט
האסט זיך פלוצלינג אויפגעהויבען
און זיך הויך צולאכט.

און אין מיטען הארציג לאכען
פלוצלינג, כ'הער דו וויינסט.
אפשר, וואלסטו מיר געזאגט,
מיידעל, וואס דו מיינסט?..

בשום אויפ'ן, ליבעס מיידעל,
כ'קען דיך נישט פערשטעהן!
ס'איז א רעטעניש פאר מיר
דיין לאכען, דיין געוויין.

ביי-נאכט.

ביי-נאַכט,
די לבנה זאכט
אויפ'ן הימעל שוועבט,
און דער הימעל
אין א דרימעל
נאַכט-חלומות וועבט.

אויף דער ערד
האָט אויפגעהערט
ס'ג'רויש, געפּילדער,
אויף די הייזלעך
אויסגעשפּרייט זיך
האָט א ליילעך-זילבער.

אין דער שטיל
אַ ווינטעל קיהל
פערגנבה'ט זיך אין צווייגען,
און אַ שטילע
פויגעל-תפלה
פיהלט אָן זאנפט דאָס שווייגען.

און די לופט
מיט בלומען-דופט
וועהעט, שלעפערט איין...
אויפ'ן ווייכען פרישען היי
זע'הט מען עפּעס שאָטענס-צוויי
ביים לבנה-שיין...

ייען מיר האבען זיך געזעגענט ...

ווען מיר האָבען זיך געזעגענט,
האָט אין דרויסען צו-גערעגענט,
צוגעבלאָזען האָט אַ ווינט
און געוויינט ווי'אַ קליינטשיג קינד.

ס'האָבען זיך געהאלטען קוים
די בלעטער אויפֿן נאָהנטען בוים ...
פֿלעגט דער ווינט נאָר טהון אַ וויעה,
און אויף ד'ר'ערד שוין ליגען זיי ...

און געזעהן האָט מען קוים
פֿון הימעל מיט דער ערד דעם חים ...
נאָר איין העלער פֿלעק געוועזן
איז אויפֿ'ן הימעל-קוים צו זעהן ...

און געבליבען כ'בין אליין
ווי אַ צוגעשמידטער שטעהן;
און עס האָבען מיינע אויגען
זיך אין נעבעל איינגעזויגען.

און אַז כ'האָב מיך צריק דערמאהנט,
איז מיר אַלץ געוואָרען נאָהנט
אי דער הימעל, אי דאָס וועטער,
אי דאָס פֿאַלען פֿון די בלעטער ..

און עס האָט זיך מיר פֿערגלוסט
דריקען צו דעם בוים מיין ברוסט;
ביטען, וויינען, ער זאָל זיין
דער געטרייער חבר מיין ...

און איינאיינעם שטיל געבענקט
האָבען מיר, ביז ס'האָט געשענקט
די זון איהר העלען, מילדען שיין, —
אבער שוין נישט מיר, ניין ניין ...

י. גאָלדבערג.

* * *

וואָס ציטערן די שטערענדלעך
אין שטילע נעכט אַזוי,
ווי צאַפּלדיגע הערצעלעך
אין הימעל טיעף און בלוי.

דער גאַנצער הימעל איז פֿערליעבט
פֿערוויעגט אין בלויען טרוים,
עס שוועבט אַ סוד אַרום אין לופֿט,
אַ ליעד, וואָס הערט זיך קוים.

אַ זיסער ווייטאָג נאָגט מיין האַרץ,
וואָס ציהט פֿון אויג מיר טרערען,
איך קוק צום הימעלס הייליגקייט,
מיט בענקשאַפֿט צו די שטערען.

דוד גרינפארב,

לידער

I

עס האָט זיך אַ נעָבעָל געָלייגט אויף די פעָלדעָר
און הילט־איין דעם וואַלד אין א מאַטאָוועָן שימער
עס וואַרפעָן זיך שאָטעָנס אריין אין מיין פעָנסטעָר
און קריכען און בלאָנדזעָן אַרום אין מיין צימעָר...

ס'איז נאַכט, און שוין וואַכעָן אויף ווידעָר חלומות:
עס ווינקעָן גאָלד־לאָקיגע, וואַלדישעָ־טעָכטעָר,
זיי טאַנצעָן, זיי זינגעָן אין אָפעָנעָם פעָנסטעָר
אין לאָקעָן ארוים מיך מיט צאַרטעָן געָלעָכטעָר...

איך לאָז מיך צום וואַלד איבעָר איינזאמעָ פעָלדעָר,
עס נעָמט מיך דעָר נאַכטיגעָר כשוף געָפאַנגעָן,
עס טרעָפט מיך אנטקעָגעָן די געָלעָ לבנה,
וואָס איז ווי פערבעָנקט אויף דעם וואַלד אויפגעָגאנגעָן...

איך לעָג מיך א שטילער, צעָווישעָן די ליליעָן
און קוק מיט האַלב־אָפענע אויגען צום הימעָל,
וואָס האָט זיך פאַרוועבט אין לבנה'ישע פעָדים,
פעָרהילט זיך אין שטילעָן אין זילבעָרנעָם דרימעָל...

עָס האָבעָן זיך ליליעָן געָוויעגט אין דומות
פעָרשטויבט מיין געזיכט מיט א גאָלדעָנעָם רעָגעָן..
און איך האָב דעָרפיהלט, אָ, די עָלעָנדעָ בענקשאַפט,
וואָס איז אויף די ליליען וו'א נעבעָל געלעגעָן...

II

עס איז מיך א נאָגענדע בענקשאַפט בעפאַלען,
איך לאָז מיך מיט מיטלאָזע טריט דאַן א היים,
אַרוים פון דעם וואַלד אויף די זילבערנע פעלדער,
וואו ס'צויבערט די נאַכט אזוי שטיל און געהיים.

עס איז די לבנה אויף דעם וואַלד אויפגעגאַנגען,
און איבער איהר האָט זיך א וואָלקען געליינט,
וו'אַ שיין אויף א הענגענדע לאָמפּ אויף א גראָהע
און האָט מיך אין אומעט געשמיד און געקייט...

III

פֿערבלייב מיט מיר, ליבע, אין וואַלד אין דעם שטילען,
ווען ס'געהט נאָר דער זון-שטראַל דער לעצטער שוין אויס
און קושט שטיל דעם סוד פֿון דער נאַכט מיט אַ בענקשאַפֿט
ווען ס'וואַכט שוין דער סוד אויף דער ליליעשער שוים.

דאַן מורמלען דעם סוד צווישען זיך דורך די גראזען,
און ריהרען דעם זוים פֿון דיין זויבערען קלייד,
דאַן פֿיהלסטו מיין איינזאַמקייט טיעף און דיין האַרציין,
פֿערשטעהסטו מיין טרויער, וואָס בלייבט אָהן בעשייד.

איבער קונסט, בוך, קריטיק
און ליטער. פערזאָנען.

י. מ. ווייסנבערג.

י. מ. ווייסענבערג.

געווידמעט חנוך גליצענשטיין צו דער ערשטער בקאנטשאפט אין וולאצלאוועק אין 1917.

קונסט און סוביעקטיוויטעט

א.

וואס איז קונסט? וויפיל עס קומט אוים צו שמועסען וועגען דעם — פאלט אן א גאנצער בארג מיט ווערטער און מען געהט אוועק מיט נאר-נישט. מען מוז דאך אמאל אויסציהען די האנד, אוועקשארען דעם זייגען בארג אנגעקראכענעם שימעל פון בוך-סברות, איבערפשט'לעך און דער עיקר — די בעגריפליכקייט פון ארעמע, בלייבע בר-נש'ן, און געבען דעם ריינעם, קלארען בעגריף און אוועקשטעלען איהם אין א מעהר ממשות'דיג געשטאלט, אז עס זאל זיך נישט זיין איבער וואס צו פלפל'ען.

נור איידער איך טהו דאס מוזען מיר זיך שטעלען א געוויסע פראגע, וועלכע זאל אונז דינען אלס שליסעל צו דערמאזיגען בעגריף.

צום ערשטען: וואס פאדער איך פון דער קונסט? און אצינד ערשט, ווען איך וועל וויסען וואס איך פערלאנג, וועט איך קלאר ווערען די מאס, צי געהט זי צו צו איהר געשטאלט.

ווי אלעמען איז שוין בעוואוסט פון די אלט-בעקאנטע פזמונות, זאגט מען, אז קונסט איז קונסט... און דערביי געהט נאך א גאנצער וואל מיט פרושים: אינדיווידועלע איבערלעבונג, אינטואיציע, הארמאניע, אביעקטיוויטעט, סוביעקטיוויטעט... א טעמע, וואו מען קען צוטשעפען א גאנץ לאנגען שווייף מיט סקארבאווע ווערטער; עס איז, כ'לעבען, א גאנץ דאנקבארער שטאף פאר פיל, וועלכע רעדען און זענען נישט געצוואונגען צו זיין קלאר, פאר פיל, וועלכע שרייבען און זענען נישט געצוואונגען צו זיין פעראנטווארטליך.

און גאנץ גלייך אזוי. ווארען ווען עס וואלט געווען אזא זאך, וואס האט אן איינפאכען ממשות טייטש, א קערפערליכען, וואלט נאך אונפערגלייכליך עפעס ערגערס געשעהן, ווי זיך צושיטען מיט א מבול ווערטער אויף

איהר רעכֿנונג,—מען וואָלט זי פּשוט גענומען אין זעקלעך און גערופֿען צום עולם: קומט צו מיר, וועט איהר זעהן וואָס הייסט קונסט.

קיין איין פֿערלעגער וואָלט נישט געשטאַנען פֿון דערוויטענס, אַז ער זאָל זי נישט אַרויסשטעלען הינטער דער שוי-שויב: „ריין 84 די פּריזו״...

קיין איין טעגליכֿע צייטונג, וואָלט זיך נישט אָבגעהאַלטען צו מאַכֿען פֿון איהר מאַטעריע האָטש אַ רעהמעל צו איהרען אַ „שפּאַנענדען ראָמאַן״— און אַזוי, איז טאַקי גם זו לטובה...

אָבער אין דערזעלבער צייט, וואָס דאָס איז איהר מעלה, איז דאָס זעלבע אָבער אויך איהר בעסטער און גרעסטער חסרון. וואָרען ווען זי האָט קיין ממשות נישט קען מען ערשט דינגען דעם ערשטען בעסטען טינט-לער, וועלכֿער וועט דורך אַלע סמנים: אינדיווידואַליטעט, סובּיעקטיוויטעט, אָביעקטיוויטעט... „אָנשרייבען״ אַ מאמר וועגען איהר, וועלכֿער וועט זיין גאַנץ שווערער ביסען, אַז איהר וועט זיך דריי וואָכֿען גאַנצע שטיקען מיט איהם און באין אופן נישט קענען אַראָבשלינגען...

אָבער איך וויל דאָ קומען שמועסען מיט אַ גאַנץ אַנדערע מאָס וועגען דעם, וואָס קונסט איז.

איז זי טאַקי אַ זאַך, וואָס מען זאָל זי פֿאַר קיין פֿאַל נישט קענען געשטאַלטיגען? וועלכֿע איז יאָ און נישט במציאות העולם? עקזיסטירט יאָ אין עקזיסטירט נישט?

איך מיין, אַז פּונקט, ווי אַלץ מוז זי אויך האָבען איהר פֿעסטען באָדען.

נור איין בעדינג האָב איך צו מיינע לעזער: פֿרעגט נישט קיינמאָל ביי טינטלער פֿון דאָזיגען מין, וואָס איך האָב פֿריער געשמועסט וועגען זיי. פֿרעגט נישט ביי זיי וואָס קונסט איז, ווייל זיי וועלען אייך אַלעמאָל געבען עפּעס אַזוינס וואָס איז צום „שטיקען זיך״. אַ געוועהנליכער טינטלער האָט נישט דאָס, וואָס איהר ווילט, און דאָס וואָס ער האָט נישט קאָן ער אייך נישט געבען. אַ געוועהנליכֿער טינטלער וועט אייך אַלע מאָל געבען אַ „יאָ״ מיט אַ „ניין״ צוזאַמען, ער וועט אייך געבען „אונקלאָרס״, וואָס דאָס איז אייגענטליך די שרעק מיט וועלכֿער ער שטעהט אַליין פֿאַר דער זעלבער פֿראַגע, פּונקט, ווי פֿאַר אַ פֿערכשופֿ'טען עגול אויף וועמענס ליניע ער קען נישט אַרויפֿשפּרייזען.

ער רעדט נור צו אייך מיט אַ געמאַכֿטער זיכֿערקייט, ווייל ער איז נישט אָפֿענהערציג. ער רעדט נור וועגען קונסט, ווייל ער מוז, ווייל איידער ער זאָל ליידען, זאָל בעסער זי ליידען. און ווי זאָל ער רעדען קלאָר, אַז פֿון קלאָרקייט קען מען נאָך מעהר ליידען? זאָל ער בעסער זאָגען און נישט ערזאָגען, ווינקען און נישט דערווינקען,—טהון דאָסזעלבע, וואָס עס טהוט ער, ווען עס קומט אוים אויף דער סצענע צו שפּילען אַ ראָלע פֿון אַ שכּור׳. און אויב דער ערשטער איז נישט אינגאַנצען שטום, גלויבען זאָלט איהר אָבער, אַז עס איז שכּור׳ם-לשון.

זאָלט איהר, הייסט עֶס, ביי קיין טינטלער נישט פרעגען.

אָבער נאָך איהם, ווען ער האָט שוין אָנגעשמירט דאָס אַרטיקעל — קומען ערשט נאָך יענע בעוואוסטע קאַטעגאָריע, די בעריהמטע גוואַרדיסטען און לייב-היטער פון דער קונסט: פיינפיהלער, פיינשמעקער, טאַקטהאָבער און וואָהלקענער, — זאָג איך אייך אָן, אַז אויך ביי זיי זאָלט איהר נישט פרעגען.

איהר זעהט, אַז בשעת איהר רעד מיט די לעצטע, מאַכען זיי דעם איינדרוק, ווי פונקט מיט דיזעלבע פינגער וואָלטען זיי אַליין געוואָלט דער-טאַפּען דאָס, וועגען וואָס זיי רעדען, און אַז זיי טראָגען נאָך גאַנץ אָפט צו די שפּיצען פינגער צו די נעז פונקט ווי עס וואָלט זיי ווייניג געווען דער בלויזער חוש המשוש?..

זעהט איהר דאָס?.. טאָ זאָלט איהר זיי למען השם אויך נישט פרע-גען וועגען דעם, וואָס קונסט איז.

זיי לזיט אַ געוויסער „אָריענטאַנציע”, לויט דער געלעזענער קריטיק (אָני זדיעֶס ניעֶ פריצ׳יאָם), זאָלען נישט זיין די טרעגער פון דעם קערנדיל, וואָס דיין פערשטאַנד דאַרף אויפנעהמען.

רעדענדיג צום געזונדען אינסטינקט, זאָג איך נאָכאַמאָל:

זיי דאַרפען נישט זיין די טרעגער פון געזונדען קערנדיל צו דיין געזונדען פערשטאַנד.

קיינמאָל נישט שמועסען מיט זיי איבער דאָס, וואָס שטעהט העכער פון זיי.

שוינט אייער אייגענעם איינדרוק, וועלכען זיי וועלען פערשפּאָרען צומישען — אַחוץ, וואָס עס לוינט אויך נישט אויסצומישען אייערען אויף זייערען.

שוין דערפון אַליין האָט איהר אַ פערדינסט, פון בלויזען נישט טוישען...

אייערער וועט אייך שטענדיג זיין דער בעגרייפליכסטער, זייערער: נישט בלאָה, נישט ווייס, נישט שוואַרץ...

אָנשטאָט זיי — מעגט איהר אויף דעם אָרט לעזען נאָך איין בוך און נאָך איינס, און ווידער זיי נישט פרעגען.

נאָר אויב איהר קענט זיך פון דער דאָזיגער תאוה נישט אָבהאַל-טען, — יענעם׳ס מיינונג ווילט איהר דאָך ביז צו דער דעק אויסשעפּען: פערגעסט נישט, למען השם, איידער איהר געהט דאָס טהון, אויך אַ בליק צו טהון איבער יענעם׳ס אייגען לעבען. זעה אויף וויפיל געשמאַק, אויף וויפיל אינטערעסאַנט און אויסדרוקספול עס איז זיין אייגען לעבען, וואָרען מיר דאַכט, אַז קונסט איז נישט קיין זאַך, וואָס קומט פון אויסענווייניג, נור וואָס זיצט אויך הינטער די אייגענע הויט...

און אַזוי זאָלט איהר בודק זיין: ווי לעבט ער פאַר זיך, ווי פאַר מענשען? אויף וויפיל איז ער פעהיג צו נעמען און אויף וויפיל גרייט צו געבען, ווי בעגעגענט ער זיך מיט דער בנאַליטעט, ווי רעאַגירט ער

אויף מענשליכע ליגענס—און נִישט נאָר בלויז מִיט'ן וואָרט, נאָר מִיט מהאַט און אָפּערפֿעהִיגקייט,—וואָרען דאָס אַלץ, זאָלט אִיהר ווִיסען אִיז קונסט.

עס שאַדט נִישט אויך זִיך צו בעקענען מיט דִי צערטלִיכֿקייטען פֿון זיין אינערלִיך וועזען, דִי סטרונע פֿון שטִילקייט און זיסקייט, אפילו פֿון זיין זִיסלִיכֿער סענטִימענטאַלִיטעט; איין קלִינג נור אויף דער סטרונע, וועלכֿע לאָזט אונז הערען דעם קלאַנג פֿון זיין נשמה. עס שאַדט נִישט אויך צו בעקענען זִיך אַפילו מִיט דעם רִיטם פֿון זיינע בעוועגונגען, אויב איהר זענט אַ מבין דערויף, אויף זיין טריט און אויך אויף זיין שטעלונג, צו אַ זאַך וואָס פֿאַלט פֿאָר און זיין געגענוואַרט—פֿרעמדע אַזוי גוט, ווִי אַנ'אייגענע. עס שאַדט אַפִּילו אויך נִישט אויף זיין פשוט'ער פִֿיזישער קראַפֿט אַ קוק צו מהון, וואו און אִין וואָס האָבען זִיך דִי אַלע אויסגערעכֿענטע אייגענשאַפֿטען צו האַלטען! אויך דאָס בלוט זיינס אויף ווִיפֿיל אִיז פעהִיג צו טאַנצען אַ פֿריידענטאַנץ. וואָרען דאָס אַלץ, שווער אִיך אייך היילִיג, אִיז קונסט. און נאָר מִיט אַזעלכען קענט איהר שמועסען וועגען אִיהר, — אָבער, אויך אִיז גלייכֿער, אויב נִישט... ווייל, ווִי אִיך האָב שוין געזאָגט: שוינט זִיך אַליין. פֿון יענעם'ס קען אייך גאָרנישט צוקומען, סיידען אִיהר זאָלט אִין זיך אַליין צוקומען.

אִיך ווִיל נאָך זאָגען, וואָס קונסט אִיז. כמעט דאָס זעלבע, נאָר אויף איין אָקטאַווע העכֿער:

קונסט אִיז שטאַרקער ברען און ליידענשאַפֿטלִיכֿע נייגערִיגקייט פֿאַר אַלע אַנדערע זאַכֿען אִין לעבען, אַחוץ וואָס אויך פֿאַר דער קונסט.

און אויך דעמאָלט טיילען זִיך ערשט דִידאָזִיגע אייגענשאַפֿטען אייז אִין געווִיסע אַרטען.

עס ווענד זִיך וואָס פֿאַר אַ נייגעריגקייט און וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם צו מהוט אָן.

צום וויינִיגסטען דִיכטערִיש אִיז דִי קאַץ. ווען דִי נאַכטִיגאַל זינגט בּיי לִיבע, דִי קאַץ אִין זעלבען פֿאַל וויינט.

קונסט אִיז אַנ'אִיבערפֿלוס פֿון אִינערלִיכֿע כחות, וועלכֿע צושפּאַרען דִי ווענדטלעך פֿון דעם האַרץ און אַרויסקומענדִיג אויף דער פֿריי טהון זיי זִיך אָן אִין אַזעלכֿע פֿאָרמען וועלכֿע וואַרפֿען אַ פִֿילפֿאַרבִּיגע שיין אויף דער לִיניע פֿון געוועגלִיכֿען גראָהען לעבען.

פונקט, ווִי אַ פֿערד, למשל, קען נִישט אַרִיבערשפּרִינגען אִיבער אַ „באַריער" אָהן אַנ'אִיבערפֿלוס אִין פִֿיזִישע כחות—אַזוי קען מען אויך נִישט דערגרייכֿען צו דער מדרגה פֿון קונסט אָהן אַנ'אִיבערפֿלוס פֿון אִינערלִיכֿע. אַז קונסט אִיז אויך דאָס, וואָס מען רופֿט פֿאַנטאַזיע—אִיז נאָך אָבער ווייניג אויב זִי זאָל אונז נִישט קענען פִֿיהרען אִיבער ימים און מדבריות— אַנדערש בלייבט מען שטענדִיג הִינטער דער וואַנד פֿון יענעם טעמפּעל, וועלכֿער רופֿט זִיך קונסט, טאַפּענדִיג אִין דער פִֿינסטער, ווִי אַ בלִינדער מִיט דעם שטעקען.

קונסט איז אַנ'איבערפלוס פון גייסטיגקייט, נאָר אין אַ שיידעל פון פיזישע כחות, וועלכע האַלטען זיי אין אַ געוויסע האַרמאָניע, אַנדערש וואָלט זיך דאָס ערשטע צופליגען, נור דאָס לעצטע קומט און רעגולירט עס.

קונסט איז אַ גלייכע פראָפּאָרציע פון גייסטיגקייט און פיזישקייט, אויב נישט וועט דאָס אַליין שוין זיין אַנטי-קונסט.

דאָס לעצטע איז דער פוהרמאַן, דאָס ערשטע — דאָס ווילדע פערד.

אויב נישט קיין גלייכע פראָפּאָרציע, וועט קיין טאַקט נישט זיין, און אָהן דעם — אַנטי-קונסט.

אָבער נאָך נישט דאָס אַליין, קונסט איז נאָך עפּעס.

קונסט איז דאָס, וואָס דערפאַר האָט געוואַכט ווען ער'ם האַרץ פון דער פריהסטער יוגענד אָן, ווען עס האַרץ עס האָט זי געפינען אין יעדען קלאַנג, אין יעדען אָטעם-צוג אין די שטילסטע נעכט, ווען עס האַרץ עס האָט זי געפינען אין דער פער'חלומ'טקייט פון פריה-מאָרגען, און אינאַלגע-מיין דעם'ס האַרץ, וואָס האָט דערפיהלט אַ הייסען שטראָם בלוט זיך איבער-גיסען פון איין קלאַפּאָן אין דעם צווייטען, ווען עפּענענדיג די אויגען אין דערפריה, און אַ קוק-טהוענדיג אין דער טיפקייט און בלאָהקייט פון הימעל, האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס פאַר אַ שעהנער טאָג פון לעבען איהם שטעהט היינט פאָר...

אָט דאָס אַלץ איז קונסט.

און אויב דער לעצטער סימן געפעלט אייך, איז אַ סימן, אַז איהר דאַרפט נישט פרעגען ביי קיינעם, וואָס עס הייסט אַזוינס קונסט.

קונסט איז אויך דאָס, וואָס אין ווען עס האַרץ אַז זי בעזועצט זיך, פערנעהמט זי מעהר פלאַץ, ווי דאָס גרעסטע ווירטשאַפט; דער אייגענטימער קען זיך נישט איינאָרדנען מיט איהר אין קיין שטוב, ער טראָגט זיך מיט איהר אַרום אין דרויסען איבער וועגען און שטעגען, ערשט דאָרט ווערט איהם קלאָר, וואָס פאַר אַ טרעגער ער איז און הייבט זיך אָן איינצואָרדנען מיט איהר הינטער'ן בלויזען הימעל...

אויב דער לעצטער סימן געפעלט אייך אויך — טאָ צו וועמען-זשע זאָלט איהר געהן פרעגען וועגען איהר? וואָרען ווייזט מיר איינעם פון די אַלע, וואָס זיי ווילט איהר פרעגען, אַז זיי זאָלען נישט אויסטוישען דעם הימעל פאַר אַ דאַך?

און דאַדורך הייס איך אייך נישט פרעגען ביי די אַלע.

קונסט פערשטעהט דער, ווען עס האַרץ עס האָט אינאַלגעמיין הייס אין שטאַרק געליבט, הייס און שטאַרק געליטען, ווען עס האָט געשפירט אַנ'עולה, יענעם'ס אַזוי גוט, ווי זיינע, איז געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין, און ווי דורך אַ ווילדע קראַפט געווען געטריבען, אַפילו דעם טויט אין פנים אַריין צו קוקען, אַבי זיך אָנצונעהמען ווען ער'ם אַ קריוודע, ווייל דאָס איז דער רוף פון לעבען, וואָס אָהן דעם איז קונסט קיין קונסט נישט —

און אחרי כל אלה, אין שטילע מינוטען פון לעבען, צו זיין א פערטראכטע נשמה, וואס בלאנדזעט פון אנהויב אין עד סוף כל הדורות...

אט דאס איז קונסט. ווייטער קען איך אייך שווערען, אז נישט עפעס אנדערש...

און ווייל עס איז קלאר — זאג איך אייך אן נאכאמאל יענע אויבענ-דערמאנטע נישט צו פרעגען וועגען דעם וואס קונסט איז. ווייל קונסט איז דאס, וואס זיי האבען נישט.

עס פעהלט זיי אויך פאנטאזיע,—און דעריבער טרייבט זיי נישט אין קיין ווילדען טאנץ אריין. פאר זיי איז גינסטיגער צו טאפען אין דער פינ-סטער, איידער צו שטעהן אין קליינע וויילע האטש פאר דער קלארקייט. דאס ליכט פון דער קלארקייט וואלט אויף זיי א שאטען געווארפען.

עס איז זיי אויך גלייכער צו שמעקען מיט די נעז, איידער צו זאגען, אז עס איז דא, אז עס איז במציאות העולם.

און אפשר ווייסען זיי טאקי נישט, אז עס איז דא.

איבער דעם זאלט איהר געהן פרעגען, אויב איהר קענט שוין אייער תאוה פאר קיין פאל נישט צוימען, ביי די וואס ווייסען, ביי די, וואס קענען אייך געבען א בולט און ממשות'דיג בילד פון איהר, און נישט ביי יענע, וועלכע, אז זיי טענה'ן וועגען איהר זיפען זיי מיט די נעז. אדער בעסער—פרעגט גאר נישט, ביי קיינעם נישט.

פרעגט ביי יענע, וועט איהר הערען, אז די קונסט האט נישט קיין „פעסטע גרעניצען", אז זי וואקעלט זיך, — וואס דאס זאל בעווייזען אין געגענטייל: אז זיי וואקלען זיך, אז זיי האבען נישט קיין פעסטע גרעניצען, אז זיי האבען נישט קיין פעסטען באדען; אז זיי קענען זיך נישט אויס-שיילען פון דאס, וואס הייסט נישט-קונסט, נישט אויסגרעניצען פון דאס וואס מען רופט נישט-קונסט.

נישט אומזיסט זאגט מען: דאס, וואס אין דיר זעהסטו ארום דיר. דער שכור'ער האט נאך קיינמאל נישט געזאגט, אז זיין קאפ דרעהט זיך, נאר די הייזער.

און ווילט איהר וויסען, וואס נאך זיי דארפען טהון צונויפטרעפענדיג זיך מיט איהר? פעריגלען די טהיר און נישט אריינלאזען זי, ווארען א צו-גוטער שפיגעל איז זי פאר זיי.

פיינפיהלער, טינטלער און פיינשמעקער! ווער קען מיר עדות-זאגען, אז ביז אין אייער צוועלפטען יאהר האט איהר נישט גענוג צייט געהאט זיך אויסצולערנען פלאפלען מיט א שלעכטער אויפפאסונג פון ביכער, וואס שטעהן אין דער ביכער-שאנק, און אז די רעשט, די פראקטיק, דאס „פער-פארטיגען" זיך, ווי אזוי צו בענוצען זיך דערמיט אין א געזעלשאפטליך געשפרעך, האט איהר נישט גענומען ביי דער גובערנאנטין, ביי ליב-שטייבלענדיגע מיהמעשים און שווארץ-אויגיגע קוזינקעס? אדער ניט ביי

דויז־פֿריינד, דעליטאַנטען, וועלכֿע נעפּען *) פֿון אַלץ צו ביסלעך פּונקט, ווי די ביהן, נאָר מיט דעם אונטערשיד, וואָס די ערשטע טראָגט עס אַוועק צו זיך אין ביהנשטאָק, און זיי, די לעצטע לאָזען עס באַלד אויפֿ'ן וועג נאָך איבער, נאָך איידער זיי דווינשען צו זיך אַהיימצוקומען?

ווער קען מיר זאָגען, אַז דאָס אַלץ, וואָס איהר פּלאַפּעלט איז מיט אייך פֿיזיש (דען אויך פֿיזיש) און גייסטיג פֿערבונדען?

און אַזויערנאָך, ניט האָבענדיג קיין שום ווידערשטאַנד, קלעבט איהר זיך אַליין צו דאָס בלעטעל „קונסט־ליבהאָבער", „קונסט־פֿערשטעהער", „פֿיינ־פֿיהלער" און „פֿיינשמעקער", וואָס אימפּאָנירט אייך זעהר אין אַ מאָדערנער געזעלשאַפֿט.

אָבער צו אייך כלל וויל איך זאָגען: אַז איהר זאָלט זיי נישט גלויבען.

און אויב זיי וועלען צו אייך רעדען, ווי געדונגענע, חאָטש איהר זועט עס ביי זיי נישט בעטען —

זאָלט איהר זיי נאָכאַמאָל נישט גלויבען.

אויך דער גראַנד־דאַמע פֿון שעהנעם סאַלאָן, ווען זי שטעלט זיך אַוועק טשמאָקען מיט די ליפּען און פֿיהלען די זיסקייט פֿון דער סטאַטועט־קע, וועלכֿע שטעהט אין ווינקעל — זאָלט איהר נישט גלויבען. דאָס איז שוין די הנאה פֿון אייגענע ליפּען־זיסקייט, די הנאה פֿון טשמאָקען זעלבסט. אַז מען טשמאָקעט אַזוי אָב אַ צייט, הייבט מען אָן דערפֿון אַ הנאה צו האָ־בען, דאָס איז אַ צווייטע נאַטור.

נישט פֿון דער סטאַטועטקע בעקומט זי עס די הנאה.

און דאַדורך וויל איך אייך זאָגען, אַז די נאַטור האָט דעם סאַלאָן נישט מעהר פּריוויל־עגירט אין דער הינזיכט, ווי דאָס דאָרפֿישע שטיבעל.—

אַז קונסט־מבינים זענען אינאַלגעמיין גאָר ווייניג, נישט מעהר אין דער צאָהל, ווי קינסטלער.

מיט דער ראַפֿינירטקייט, צי אָהן איהר — איז אַלץ איינס.

ווען דער ראַפֿינירטער פֿון סאַלאָן ווערט זיין קונסט־מבינות אָנהייבען אַרויסצודערצעהלען אין געגענוואַרט פֿון אַ קינסטלער, ווערט דער לעצטער גלייך דערזעהן דעם גאָלד־פּראָשעק, וואָס האָט זיך מיט דער צייט אויף איהם אָבגעזעצט דורך דעם שטויב פֿון זיין אַטמאָספֿערע אין וועלכֿער ער האָט געלעבט.

און אַז נישט צווישען יענע דוקא איז די קונסט־מבינות, וועלכֿע עס האָבען זי מאָנאָפּאָליזירט און האַלטען זיך מיט איהר „דו" אויף „דו", פּונקט, ווי זי איז נישט דוקא גאָר ביי דעם כאַסטוך.

איהר אַלע, וואָס אַז נאָך אַלס קינד בעגעגענענדיג אַ שטיינערן ביל־דעל ערגעץ אויף אַ פּלאַץ, אָדער אין גאָרטען, האָט איהר נישט בענו־

*) בעריהרען מיט דעם שפּיץ צונג.

מען, אַז הינטער דעם ליכֿט פֿון דעם בילד׳ס געשטאַלט קנייטשט זיך און קרימט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס וויל אייך גערען וואָס דערצעהלען אין אַ שפּראַך פֿון שטומער און פערגליווערטער פֿאָרם — איז אַ סימן, אַז איהר האָט אויף דערדאָזיגער שפּראַך קיינמאָל נישט געשמועסט. איהר אַלע פערשטעהט קיין קונסט נישט.

איהר אַלע, וועלכֿע האָבען קיין בעגריף נישט, וואָס עס דאַרף זיך אָבטהון אין דעם בוזעם פֿון אַ מענש, אום ער זאָל דערגרייכֿען צו דער מדריגה פֿון קענען אויסקנייטשען אויפֿ׳ן געזיכֿט אזאַ קנייטש און דוקא נור אַזעלכֿען און נישט קיין אַנדערן, און זאָל קענען אויסלייכֿטען אין אויג אַזאַ ליכֿט, און דוקא נור אַזעלכעס נישט קיין אנדערס, איהר אַלע פֿערשטעהט קיין קונסט נישט.

איהר אַלע, וועלכֿע האָבען נישט געשפּירט די השפּעה, וואָס אַזאַ בילדעל האָט אויף דעם אַרומיגען פּלאַץ און נישט געפֿיהלט דאָס געמיטה מיט וועלכֿען איהר געשטאַלט פֿילט אָן די אַרומיגקייט — איהר אַלע פערשטעהט קיין קונסט נישט.

און זאָל מיר ווער פֿון אייך זאָגען, צי פערשטעהט ער די שפּראַך, וועלכֿע רעדט נישט, נאָר שיינט, וועלכע שוויינט מיט ליכֿטיגע אויגען? — אויב נישט פֿערשטעהט איהר קיין קונסט נישט.

דען צי וועלכֿער מדריגה פון איבערלעבונגען מוז מען דערגרייכֿען, ביז מען קומט צו צו דעם געזעץ פֿון אָט דעם געוויסען שיינען און נור דאָס און נישט קיין אַנדערס?

אָבער וועלכֿע פֿון אייך האָבען געזעהן די נשמה פֿון אַ מענש, ווען איהר זענט נאָך אַ קינד געווען, נאָך איידער מען האָט אייך דערצעהלט, „אַז עס זענען פֿאַרהאַנען איבערלעבונגען“, און שוין דאַן האָט איהר זי בעגריפֿען?

און דאַדורך, ווען איהר רעדט וועגען קונסט, גיט איהר נאָר אַרויס אַ שלעכֿטען אַטעסטאַט אויף זיך, צו בעווייזען, ווי נישט פֿאָלקאָם איהר זענט, לויט די אַלע פֿריהער-אויסגערעכֿענטע אייגענשאַפֿטען, וואָס זיי דאַרף מען בעזיצען אום צו פֿערשטעהן קונסט, וואָס דאָס הייסט אויך מענש. דען ווער קען אָבשיידען דעם לעצטען פֿון דעם ערשטען און דאָס ערשטע פֿון דעם לעצטען?

דער בעסטער פּראָביר-שטיין צו וויסען, וואָס אַ מענש איז: צו געבען איהם אַ קונסט-ווערק אין דער האַנד, און וואָס ער וועט דאָרט געפֿינען פֿאַר איבעריג, וועט איהר וויסען, אַז איהם פֿעהלט דאָס.

און בטוח קענט איהר זיין, אַז דוקא דאָס בעסטע וועט ער געפֿינען פֿאַר איבעריג, וואָס דאָס זאָל הייסען, אַז דאָס בעסטע פֿעהלט אין איהם.

קומט נישט צו דער קונסט מיט אַ ליידיג האַרץ און אין איהר זוכֿען אַ סוד. נור דעם סוד ברענגט מיט זיך, וועט איהר אין איהר געפֿינען די איינפֿאַכֿקייט, נישט מעהר ווי אַנ׳ערקלערונג.

אבער צו דערדאגינער איינפאכקייט מוז מען אונבעדינגט פערשטעהן די שפראך, וועלכע רעדט נישט, נאר שיינט, וועלכע שווייגט מיט ליכטיגע אויגען.

איז עס דען נישט בעוואוסט און גענוג קלאר, אז אנדערש קלינגט דאס ליד פון פויגעל אין דער פריה, ווי פארנאכט? אז אנדערש, מיט א ברייטערען פערנעהם פון די פליגעל, אנטאפלעקענדיג א געדיש און דער לופט פון פרישער, קרעפטיגער מונטערקייט, פלאטערט די הוהן פארטאג פון דער גושענדע ארעב, און אנדערש, מיט שטילע טריטעלעך, ווי א גנב'ל, אהן א קלאנג אין האלז, געהט זי פארנאכט אויף דער גושענדע זיצען?

און דאך פיהלט איהר קיין אונטערשייד נישט. טא ווי זאלט איהר פערשטעהן די שפראך, וועלכע רעדט נישט, נאר שיינט, וועלכע שווייגט מיט ליכטיגע אויגען?

איז דען נישט גענוג קלאר, אז אנדערש שארכען די בלעטלעך אויפ'ן בוים, ווען עס איז שוין טונקעל, ווי זיי רוישען אין פריהמארגענדיגען ווינדטעל? איז דען נישט גענוג קלאר, אז אפילו דער קלאנג פון א מענש'ס קול אין א חמארנעם טאג און אין א שעהנעם איז אנדערש? און אז א טאג פון פריהלינג האט אנ'אנדערען קאליר, ווי א טאג פון הערבסט?

טא פארוואס-זשע פערשטעהט איהר נישט די שפראך, וועלכע רעדט נישט, נאר שיינט, אויב זי איז טויזענדער מאל אויסדריקליכער און געזעצליכער, ווי די וועלכע מען רעדט?

ווארים ווייזט מיר איינעם פון אייך, וואס זאל רעדען נישט צווייטיג, וואס זאל האבען נישט קיין צווי געשטאלטען, און וואס זאל מארגען נישט זאגען אנדערש ווי היינט?

און צי האט איהר דען נישט ביי דער נאטור איין כלל אויף שטענדיג? איין רעדען, איין געשטאלט און איין כונה?

איז עס דען נישט די שפראך, וועלכע איז די סאמע לעבעדיגסטע און בולט'סטע?

וועלכע רעד צו אונז דורך אלץ, וואס אין דער נאטור געפינט זיך, אפילו דורך דעם טויטען קערפער פון רעדעווידיגען, ווען איהם איז שוין דאס רעדען אבגענומען?

געפינט זיך דען נישט אפילו דעמאלט אין איהם א פארם פאר איהר שפראך?

הערט, ווי בולט דאס אלץ רעדט!

אזוי קלאר, בולט און שטאנדהאפטיג איז די קונסט.

און קומען מענשען און זאגען, אז די קונסט האט נישט קיין פעסטען באדען, קיין בעשטימטע גרעניצען—מיינען זיי עס אפשר זיך.

ווייל, וואס הייסט שטאנדהאפטיג, אז דיזועלבע פינגער, מיט וועלכע זיי טאפען, פערלירען מיט דער צייט אפילו דעם חוש-המשוש אויך.

דאס ליכטיגסטע אויג ביים לעבען איז נאך דעם טויט א גרויסער

מינוס אַנטקעגען דעם געוויינליכסטען אָפּטיק-גלעזעל. טאָ וועד-זשע איז נישט שטאַנדהאַפטיג?

מיר אַלע זענען נישט מעהר, ווי דורכגעגגליך, פאַרבייגעהענדע, און נור די קונסט בלייבט פעסט און אייביג.

און שמועסען זיי וועגען קונסט, די אַלע, לאָמיר זיי נישט שטערען, כדי זיי זאָלען אין אַ גאַנץ בולט'ער פאָרם אַרויסווייזען, ווי ווייט זיי זענען פון דעם, וואָס איז פעסט, פון דעם, וואָס איז אייביג.

דער פויגעל שטאַרבט—דאָס געזאַנג אָבער בלייבט אייביג און אייביג.

זעהט, ווי אַ טייל קייען די קונסט פונקט, ווי היי—און אַנדערע קומען נאָך און זענען מעלה גרה. אָט די מיני פלאַניאַטאָרען, די לעצטע, האָבען אפילו קיין היי אויך נישט געגעסען, נאָר גלאַט נאָך דעם גערוך שאָקלען זיי מיט די קיהנבאַקען.

דאָס הייסט אַ מעלה גרה נאָכ'ן גערוך.

דאָס אַלץ האָב איך געזאָגט צו די קונסט-מבינים, צו די, וואָס האָבען זיך צוגעקלעבט יאַרליק-בלעטלעך פון אינטעליגענץ.

צום ברייטען עולם אָבער זאָג איך, אַז די נאַטור האָט יענע נישט מעהר פריווילעגירט אין דער הינזיכט, ווי אייך. געהט נישט אין זייערע וועגען. וואָס זיי האָבען געווינען אין דער ראַפינירטקייט, האָבען זיי פערלוירען אין דער נאַטירליכקייט! הערט נישט זייערע מיינונגען. אַלץ וואָס איהר וועט אַליין פערשטעהן, וואָס אייער נישט געקינסטעלטקייט, נאָר רייבער אינסטינקט וועט אייך אונטערזאָגען, איז רעכטמעסיג. ווען אַפילו איהר בלאָנדזעט וועט איהר אויף אַ וועג קומען.

II

אָבער אויך דער אינטעליגענץ וויל איך נאָך עטליכע ווערטער זאָגען און די זענען פאָלגענדע:

אויב די אינטעליגענץ, אַלס טרעגערין פון קולטור, ווירקט אויך אַלס פערשפרייטערין פון קונסט — איז עס אָבער ביי אַ קראַנקער אינטעליגענץ נישט דער פאַל, און פערדינט אַפילו נישט דעם פאָרשום פון צו זיין איהר דינער.

וואָס טהוט זי די אינטעליגענץ? איין טייל די געזונדערע איז אַוועק פון קראַנקען-בעט, די צווייטע טייל, די וואָס איז אויפגעגאַנגען, ווי אַ געוויקס אין אַ קעסטעל אונטער אַ דאַך—ווער קען זיך אויף אַזאַ אינטעליגענץ פערלאָזען?

זעהט, אַלע פעלקער האָבען געשליפען די מוסקולען, שטאַרק געמאַכט זייערע נערווען, פול געמאַכט זייערע פיזישע כחות, כדי גרייט צו זיין צו דעם לעבענס-רוף, און נאָר איין אינטעליגענץ, וועלכע ליגט פערשמאַכט, האָט זיך

בריט געמאכט צום אויפנעמען ווערען אין דעם „גרויסען פעלקער-קראנקען-הויז״.

און ווער איז זי די אינטעליגענץ, וועגען וועלכער מיר שמועסען? ניט די, וועלכע קומט פון יענעם ספארט-פלאץ, וואו אהן איבערפלוס אין פיזישע כחות איז זייער נשמה שוין לאנג פערוועלקט געווארען. נישט די, וואס דאס בלוט זייערס איז נישט נאר, וואס נישט קרעפטיג, נור געל שוין פון דורות לאנג? נישט די, וואס זייער פיזישע קראפט, אבגעלאזט פון אלע בעדערפענישען אין לעבען, קען אפילו נישט צווינגען זייער נשמה צו טראכטען וועגען זיי? נישט די, וואס האבען נישט קיין כח צו מאכען אויפבליהען זייער פאנטאזיע, פארשטעלונגס-קראפט, בענגשאפטען, ערהויבענע מאמענטען—נישט די זענען עס?

א סימן, אז זיי זענען אוועק ווייט פון לעבען די אלע, וואס זענען געוואקסען צוזאמען מיט דער שוואס, וואס האט זיך אפגעבלייכט פון הינטער דעם בית-המדרש-פאדוואלינע און אנגעפולט זייער אטעם מיט דעם ריח פון צופאלענע קערפער—א סימן, אז אזוי איז עס—אז אזעלכע איינע פון די בלייכע פאנטאזיעס האט זיך געוואלט אמאל אויסמאהלען א פרוי, האט זי שוין קיין קערפערליכע נישט געקענט פארטראגען, זי, די פאנטאזיע, איז שוין צופיל שפינוועבס געווען, וואס וואלט זיך פון א קערפער צוריכען,—נור אויך עפעס אזוינס, וואס איז שפינוועבס: לילית, א שדית, וואס פליהט איבער בערג, איבער וועלדער, עפעס לייכטס, און אהן מענשען-פנים, נור אזעלכע, פון וועלכע שלמה המלך פלעגט יעדען אין דער פריה דערקענען די טריט פאר זיין בעט...

אבער אויך דערדאזיגער איז שוין דער בעסטער. דען די איבעריגע פאנטאזיעס זענען שוין גאר געשרימפענע, לאנג איינגעשטילטע און טיפער פערגליווערונג, ווי די פליגען טיף הערבסט אין א ווינקעל. —

און די זאלען מיר עס די קונסט געטרויען?

אט די, וואס זייער ערשטען, בעסטען סימן אלס געהעריגער מענש, ווייזען ווי ארוים אין זייער גרויסער נאהענטקייט צום לעבען?

און דאדורך, ווען אנדערע וועלען אייך פארווארפען, אז איהר האט נישט קיין גרויס משפחה'שאפט צו דער וועלט פון קונסט, זאלט איהר זיי פארבעסערן: „דאס הייסט איהר זאגט, אז מיר האבען נישט קיין גרויסע משפחה'שאפט מיט דאס וואס הייסט מענש״!

א, ווי ווינש איך מיר צג'אנדער אינטעליגענץ צו זעהן!

א צוקאליעטשעטער, קאליעגעמאכטער פון די טיפע, פערדרעהטע אונטערוועגלעך צום בית-המדרש, קען שוין זיין צבצענטעם דור אויך נישט געהיילט ווערען

אלץ, וואס איז געזונד פערטראגט ער נישט פונקט, ווי א קראנקער מאגען קיין פלייש.

א חולה-מסוכן, פאר וועלכען מען טאר גאר נישט פערלאנגען א דאקטאר זאל געבען האפנונג אויף זיין לעבענס-פעהיגקייט, עס איז דער סטאד-

יום, ווען דאָס לעבען איז אַ קללה פֿאַר איהם און אַ לאַסט, אַנשטאַט אַ ברכה, פֿאַר די נאָהנטע.

און אָט, הערט, אויף וואָס אַזעלכע זענען פֿעהיג אויף אַלץ, וואָס פליהט נור אין דער לופֿט.

האָט איהר געהערט אַמאָל, ווי די ליידענשאַפֿט אינדיפֿערענצירט יעדען קלאַנג און איבערגאַנג פֿון שפּירונג צו שפּירונג, עמפּפֿינדונג צו עמפּפֿינדונג? — דען יעדעס וואָרט איז דאָך אַ פֿאַרב פֿון דער נשמה?

און אָט הערט, ווי אַזאַ איינער, ווענען וועלכע איך שמועס דאָ, רעדט.

הערט איהר, ווי ער גיט אַ חאַפּ די ווערטער ביי די שפּיצען גאָר?

אַזוי חאַפּט דער דרעשער דאָס בינטעל שטרוי, אַרויסוואַרפענדיג יס פֿון שייער און צושיטענדיג עס... און אָט דאָס איז דער בעסטער בעוויי פֿון זיין קראַנקהייט.

און זעהט אַ וואונדער, ווי אַלע פֿון דעם מין און זיינע מיטמענשען רייסען, ווי זיך אַריינצוּוואַרפֿען אין דעם צושיטען בינטעל שטרוי און בהרף־עין, בליץ־שנעל, מיט אַ פינקעל אין מח, אַרויסצוחאַפּען די א י נ צ י ג ע ז ש אַ ר נ ע פֿון דעם גאַנצען באַרג לופט־פליהענדע און צודראָשענע פּראָבעס!

די נשמה, קלאַנג, פֿאַרב — זאָגט דער דאָזיגער מין — געהער נישט צום אינהאַלט.

דאָס איז דער בעסטער סימן פֿון אַנ׳ענטאַרטעטען מח.

וואו נשמה, זוכט ער ציפֿערען — און איבער זיי קען מען זיך אַריבערגליטשען. מען דאַרף נישט מעהר, ווי דעם לעצטען סך־הכל.

הערט, ווי זייערע ווערטער ווערען צוריסען, ציפּיצעלט, צוהאַקט, אַ נעדיכטער שטויב הייבט זיך נאָר אויף אַרום זייער נשמה.

איז דאָס נישט קיין סימן פֿון אויפגערודערטער פּראַכנע אויף פֿערפֿוילט האָלץ?

איז דאָס נישט קיין סימן פֿון אויסגעראָטענהייט פֿון זייערע נשמות?

הערט! אויב קונסט איז אַ סכום פֿון די אייגענשאַפטען, וועלכע זענען פריהער אויסגערעכענט געוואָרען — זענט איהר שוין לאַנג טויט.

איהר שמעקט צופֿיל מיט ווינד, דאַדורך זענט איהר אַרויסגעריסען פֿון לעבען. דען דאָס געזעץ פֿון דאָס לעצטע איז חל נאָר אויף קערפּערס.

און איצט, ווען מיר האָבען שוין צופֿיל און איבערגענוג גערעדט ווענען קונסט און ווענען נישט־קונסט; ווענען לעבען און ווענען די, וואָס זענען אַרויסגעריסען פֿון לעבען, וועלען מיר נאָך שמועסען אייניגע ווערטער אויך איבער סימבאָליזם.

III.

סימבאָליזם, ווי מיסטיציזם, אָדער רעאַליזם, ליגען אויף איין ליניע. אַלע זענען איינס, ס'איז נור אַן אונטערשיד אין דער מראה, אין דער שיין. און די שיין איז שוין אַן אייגענע פאַרב און קען נישט בלייבען אונפֿערענדערט, פֿעסט און שטאַנדהאַפֿטיג, ווי עס בלייבט דאָס געגענשטאַנד אַליין, וועלכעס וואַרט ערשט אויף אַ קלייד, אויף אַ פאָרם, מעג זיין פון וועלכער מראה, אָדער שיין עס איז.

מיסטיציזם, סימבאָליזם — אויך דאָ וויל איך זוכען די קלאָרקייט.

מיסטיציזם — און זעהן וויל איך יעדען פראָצעס, ווי די זאַמדלעך אויפ'ן גרונד פון אַ קלאָרען קוואַל.

צי מיר האָבען צו טהון מיט אַ משיח-געדאַנק, צי מיט אַ טאַניץ פון אַ פרוי, וועלכע האָט פֿון דער גאַס נישט געקענט ענטרינען ווערען — אַלץ איינס וויל איך זעהן דאָס, וואָס איז לעבען און איז צוגעגנליך פאַר דעם ערדישען.

און אויב אַז יאָ — טאָ וואָס איז דען דער אונטערשיד דורך וועלכער שיין די זאַך ווערט געזעהן?

דער אונטערשיד פון סימבאָליזם און נישט-סימבאָליזם, מיסטיציזם און נישט-מיסטיציזם — איז נור אַ דין שעהלעכעל.

פאַר אַ טיילס נשמה איז אפשר דער רעאַליזם אַ צו האַרטער געגענשטאַנד, און דאַדורך האָט זי זיך פאַרשטעלט מיט אַ פֿוירהענגעל, זוּן פון דאַנען ערשט קוקט זי אַרוים אויף דער וועלט.

אין דער אמת'ען אָבער איז עס קיין סוד ניעט.

מיסטיק, ווי רעאַליזם, איז נישט פערבאָרגען.

נישט קלאָר איז נור דאָס. וואָס איז, ליידער, קיין מיסטיק נישט און וויל דאָס זיין. פונקט, ווי דאָס, וואָס איז קיין רעאַליזם נישט און וויל דאָס זיין בלייבט אונקלאָר. וואָרען קיינער איז אויף קיין לאַנגע הילצערנער באַנק נישט מחויב צו זאָגען, אַז דאָס איז אַ פֿערד, נאָר דערפֿאַר, ווייל עס איז גלייך אין דער צאָהל פיס.

קליינע קינדער קענען עס אַמאָל ביי זיך פועל'ען.

מיסטיק ליגט אויף דעם זעלבען שטח, וואָס רעאַליזם, רעדט צו אונז אויף דער זעלבער שפּראַך, און זיכער קענט איהר זיין, אַז קלאָר רעדט זי נאָר נישט צו דעם, צו וועמען עס רעדט אויך אונקלאָר דער רעאַליזם.

אַ מערקווירדיגע זאַך, — ווייז אַ מענש אַ באַנק און ער וועט זאָגען — אַ פערד, אָדער פֿערקעהרט. אָט דאָס הייסט אַ נישט-קענען.

דאַגעגען, ווער עס דערקענט — מעג די זאַך זיין רויט, און דורך דער בלאָהסטער בריל ער זאָל קוקען, הערט זי אַלץ נישט אויף צו זיין די זעלבע זאַך.

סימבאָליזם, מיסטיציזם איז אַ מירגאַזש — מעג דער הונד לויפֿען אויפ'ן ברעג פון אַ טייך פאַר פיר הונדערט מייל, אָבער לויפֿען לויפֿט ער.

און דאָס איז אייגענטליך דאָס וויכטיגסטע.

דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב צו זאָגען איבער מיסטיציזם, סימבאָ־
ליזם און רעאַליזם.

עפּען דיך, טויער, און לאָז אַריין די אַלע, וואָס האָבען דעם סוד מיט
איך מיטגעבראַכט, כדי ביי דיר איהם צו פעראיינפאַכערען, כדי ביי דיר
איהם צו קענען קלאָר זעהן, אום עס זאָלען קיין סודות נישט עקזיסטירען.

ד״ר י. ב. צפור.

ד"ר י. ב. צפּור.

אַ טויט-געשוויגען בוך.

„דער משוגע'נער דאָקטאָר עלדאָד" פֿון פּיליוס-האָמינים. וואַרשאַ תרע"ד. פֿערלאַג גיטל.

עס זענען פֿאַרהאַן ביכער, וועלכע, טראָץ דער האַרציגקייט, דעם טיפֿען ערנסט און דעם טאַלענט, מיט וועלכען זיי זענען אָנגעשריבען, לאָזען פֿונדעסטוועגען, נאָך זייער ערשיינען, אַלע האָפֿנונגען פֿון זייערע מחברים אָבגענאַרט. די קאַלטקייט און די גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכע זיי ווערען אויפֿגענומען אָדער גאָר טויט-געשוויגען דורך אונזערע פּאַטענטירטע ליטעראַרישע קאָלעפּעלי וואַרפֿען אַריין דעם מחבר אין אַ מין אַפּאַטיע, דעם איינפֿאַלבען לעזער אין אַן אונזיכערהייט, און אויף די ליפּען פֿון דעם קליינעם מיעוט ערנסטע וואָס מיר פֿערמאָגען, שוועבט דאָס אַלטע, בעקאַנטע, פּוסטע טרייסט-וואָרט — „פֿריהצייטיג": דאָס ווערק, הייסט עס, איז אויף דער וועלט געקומען פֿאַר דער צייט; אין אַ מאָמענט, ווען דער עולם איז נאָך כלומר'שט נישט גענוג פֿאָרגעברייט געוואָרען עס צו פֿערשטעהן און עס ווי געהעריג אָבצושאַצען...

און מערקווירדיג — גראָד די מינים ווערק זענען אין אַלע צייטען און ביי אַלע פֿעלקער די צייטיגסטע, די אמיינסטען דורכגעלעבטע, דורכגעפֿיהלטע און דורכגעדענקטע. און נישט נור זיי זענען נישט פֿריהצייטיג אויף דער וועלט געקומען, נור אומגעקעהרט: זיי זענען אַ נויטווענדיגער פּראָדוקט פֿון זייער עפּאָכע. דאָס לעבען רופֿט זיי אַליין אַרויס, צווינגט זיי געשאַפֿען צו ווערען, און דערנאָך דערשרעקט עס זיך פֿאַר זיי, ווי אַ מענש פֿאַר זיין אייגענעם שאָטען...

פֿאַר מיר ליגט איצט דאָס „פֿריהצייטיגע" בוך פֿון פּיליוס-האָמינים, וואָס איז אין דער יודישער ליטעראַטור בלי ספק דאָס אָריגינעלסטע און דאָס מעכטיגסטע, אין דעם זשאַנר: איך מיין „ד ע ר מ שו ג ע'נ ע ר ד אָ ק ט אָ ר ע ל ד אָ ד" וועלכער ווערט אַזוי עקשנות'דיג טויט-געשוויגען שוין באַלד פֿינף יאָהר צייט.

געוועהנליך בעווייזען זיך אַזעלכע ווערק אין'ם מאָמענט ווען אַ געוויסע עפּאָכע אין'ם גייסטיגען לעבען פֿון אַ פֿאָלק האַלט ביי איהר גסיסה. די אַלטע אידעאַלען זענען דורך דעם לעבען אינגאַנצען אויסגעזויגען געוואָרען: דער שימעל און דאָס פּסולת, וואָס זיי לאָזען נאָך זיך איבער, זענען בשום אופֿן נישט אימשטאַנד די זעעלישע נויטיגקייטען צו בעפֿרידיגען, אַ שטורם-און דראַנג-פּער-

יאָר, אָדער, ווי דער פראַנצויז רופט עס, „דער ווערה פונ׳ם יאָהרהונדערט״ רייסט
זיך אַריין אין אַלע הערצער. אַ מאָראַלישׁ און גייסטיגער איבעל שוועבט אום אין
דער לופט און דריקט און שטיקט צום טויט אַלע געמיטער; דער פאָרשטעהער
פון די אַלטע אידעאַלען, דער פאַטענטירטער וואָרט-טרעגער, דערפיהלט ווי דער
באָדען וואַקעלט זיך אונטער זיינע פיס; נייע וועגען צו שניידען איז ער שוואַך,
און אום זיין אויטאָריטעט אויפצוהאַלטען איז ער געצוואונגען זיך אָבצוזאָגען פון
זיין תמימות און צו ווערען אַ קונצענמאַכער: אמת און אויפריכטיגקייט ווערען
פאַר איהם אַ דראָהענדע געפאַהר. דער שקר מיט זיינע טויזענדער געשטאַלטען
געהט אַרויף אויפ׳ן טראָהן, די שלאַנג פון הפקרות הויבט אָן צו שווישטשען
איהר טרויעריג פערניכטונגס-ליעד; אידעענלאָזיגקייט הויבט אָן צו ווערען אַ כבוד;
צביעות, חניפה, שלויהייט בעמיהען זיך דאָס בעזאוסטזיין פון די מאַסען צו
פערטויבען און איינצורעדען דעם עולם, אַז אַלץ געהט על צד היותר טוב...

אָט אין די קריטישע מאָמענטען, ווען אַ פאָלק טאַנצט, אַזוי-צו-זאָגען, דעם
געפעהרליכען „ווירבעל-טאַנץ״, וואָס בעגלייט אַ פרישׁ דורכגעשניטענעם האַלז,
ווען אַפילו אויפגעמונטערט דורך דעם קראַמפהאַפטען פלאַקער פון זיין צאַנ-
קענדיגער נשמה און דורך די קאַפּאַרישׁע איינשפריצונגען פון זיינע אַלט-מאָדי-
שע פעלדשערס, שטעלט זיך דאָס פאָלק פאָר, אַז עס איז, גאָט ווייס ווי געזונד, —
אָט אין די מאָמענטען בעווייזען זיך ביי איהם אַזעלכע „פריהצייטיגע״ ווערק ווי
„דער משוגענער דאָקטאָר עלדאָר״.

און טרויעריג איז דער גורל פון דעם מחבר פון אַזאַ מין בוך! שווייגען
קאָן ער נישט; דער אמת און די גערעכטיגקייט זענען מיט איהם. אַ געטליכער
פינגער האָט זיינע ליפען בעריהרט, גאָטס שטימע דונערט פאַר זיינע אויערען:
„שטעה אויף, בן-אדם״!... און נויגט דער בן-אָדם זיין אויער צו דער געטליכער
שטימע; איז וועה צו איהם!

פעלקער, פונקט ווי איינצעלנע מענשען, זענען זעהר קאַפּריזנע קראַנקע:
זיי האָבען ליבער, מען זאָל גלעטען זייערע וואונדען, אַז מען זאָל לאָזען זייער
גאַנצען קערפער פער׳סם׳ט ווערען פונ׳ם אומפלוט, איידער מען זאָל זיי אַביסעל
רייצען מיט דעם צוועק זיי געזונד צו מאַכען, זיי וועלען תמיד גיכער קריכען
ווי די ווערים אין שטויב פאַר דעם שאַרלאַטאַן, וואָס וועט זיי צובינדען די אוי-
גען מיט אַ ראָזע טיכעל און זיי לאָזען אומקומען אין דעם ברויזענדען אָבגרונד,
וואָס לויערט ביי זייערע פיס, איידער דאָס טינרעסטע געפיהל פון רחמנות (פון
דאַנקבאַרקייט איז שוין גאָר נישט צו ריידען,) צו פיהלען פאַר דעם אומגליק-
ליכען גערעכטען, וואָס וואַגט זיי דעם גאַנצען אמת אויסצוזאָגען, כדי זיי פון
דער געפאַהר צו פערהיטען, און יועצים, קהל׳ישע פערזאָרגער גאָט-זיי-דאַנק,
פעהלען נישט! אין אַלע דורות און אין אַלע צייטען זענען פאַרהאַן אַזעלכע
צווייטייטיגע נפשות, וואָס זענען גרייט, צוליב אַ גלעזעל שוואַרצע קאַווע, די
מאַסען די אויגען צו פאַרבינדען, און דעם „געפעהרליכען״ אמת-זאָגער אונשעד-
ליך צו מאַכען, האָט מען צו טהון מיט אַ יונגען נאָך אונבעקאַנטען, שווייגט מען
איהם טויט, האָט מען ווידער צו טהון מיט אַן׳עלטערען, מיט אַזעלכען, וואָס

האָט שוין דערוואָרבען אַ געוויסע אויטאָריטעט, דאַן קלאַפּען די פּייקלעך אויף וואָס די וועלט שטעהט. איז דאָס אַ סאָקראַטעס, איז ער אַ פֿערפֿיהרער פֿון דער יוגענד און מען צווינגט איהם אַ גיפֿט-בעכער אויסצוטרינקען; איז דאָס אַ איבסען— איז ער אַ פֿאָלקס-פֿיינד; איז דאָס אַ ניטשע—איז ער אַ משוגענער. און די פֿאָלקס-פֿערזאָרגער זאָרגען, און די מאַסען זענען דאַנקבאַר, און פֿלעכטען דערנער-קראַנצען, און וואַרפֿען שטיינער, און עס לעבט זיך אין דער מענשליכער גייכטען-וועלט...

זאָגען דעם אמת זיינע מיט-ברידער, אַט דאָס איז די טרויעריגע מיסיע, וואָס דער מחבר פֿונ'ם „משוגע'נעם דאָקטאָר עלדאָד" האָט געקריגען, ווען ער איז געבוירען געוואָרען. און זאָגען דעם אמת, איז אפֿשר טאַקי אַביסעל צופֿריה. צי וואָלט אָבער די דאָזיגע פֿריהקייט נישט אייביג געדויערט, ווען עס זאָלען זיך נישט געפֿינען מענשען מיט אַ געניאַלער דרייסטקייט, וואָס וואַגען צו דערשטיקען די מורא אין זייער הארץ?

פֿריהצייטיג איז שפּינאָזאַ'ס עטיק אויף דער וועלט געקומען; פֿריהצייטיג איז שאָפּענהויערס פֿילאָזאָפֿיע געווען; פֿריהצייטיג איז ניטשעס זאַראַטוסטראַ און פֿריהצייטיג איז דער אָריגינעלער תלמיד פֿון אַט די דריי גרויסע רבי'ס—„דער משוגנער דאָקטאָר עלדאָד".

* *

יאָ, עלדאָד קומט זאָגען דער מענשהייט דעם אמת, און זאָגען זאָגט ער איהם מיט גיפֿט, מיט צאָרן, מיט אַ נביא'ישער פֿערביטערטקייט. זיין צונג איז שאַרף ווי דער בליץ, זיינע ווערטער זענען ברענענדיגע קוילען פֿייער, זיין דרייסטיגקייט איז אָהן אַ גרעניץ; און ווייסט איהר פֿאַרוואָס? ווייל פֿאַר אַלעם האָט ער געוואַגט זיך אַליין דעם ביטערסטען אמת צו זאָגען.

שוין פֿון אָנהויב אָן צווינגט אונז דער מחבר בייצוואָהנען בײ איינעם פֿון די טראַגישסטע מאָמענטען, וואָס מען קאָן ווען אַמאָל אינ'ם מענשענלעבען בעגעגענען. דאָס איז דער מאָמענט, ווען אַ נשמה ענטפּלעקט זיך צו זיך אַליין; ווען עס פֿלאַקערט אין איהר אויף צום ערשטען מאָל דאָס ליכט פֿונ'ם אמת'ען בעוואוסטזיין, אָדער ווען דער גייסט פֿון ערנסט, דער פֿאַנטאָם, ווי דער מחבר רופֿט עס, בעווייזט זיך צו איהר. שרעקליך איז דער דאָזיגער מאָמענט! דאָס איז דער מאָמענט פֿון „זיין אָדער נישט זיין"? דאָס איז דער מאָמענט, ווען פֿויסט האַפּט דעם גיפֿט בעכער; ווען אַ זאַראַטוסטראַ פֿערלאָזט די מענשען און אַנטלויפֿט אויף די בערג, ווען אלישע בן אבויה צעשמעטערט זיינע אַלטע געטער און שענדעט זיינע אַלטע לעהרערס; דאָקטאָר עלדאָד פֿערליערט אין דעם דאָזיגען מאָמענט זיין פֿערשטאַנד; ער ווערט משוגע, משוגע פֿאַר דעם אַלטעגליכען בלאָטיגען מענשען-געזינדעל, וואָס שפּייט איהם אין פּנים אריין און בעוואַרפֿט איהם מיט שטיינער, פֿאַר זיך אַליין ניבער ווערט ער נ קינד פֿון דער עהרליכער, אומשולדיגער קלוגשאַפֿט"...

און וואָס עלדאָר וויל?

דאָס וואָס זיין משוגעת דיקטירט איהם!

דריי פּעריאָדען זענען אין דער דאָזיגער משוגעת צו בעמערקען: דער פּעריאָד פון צושטערונגס-זוכט; דער פּעריאָד פון א ניי-געבוירענעם רחמנות פאר זיינע מיטברידער, און דער פּעריאָד פון פרייוויליגער אָבזונדערונג, פון אויסערליכען און אינערליכען אליין-לעבען.

אין ערשטען פּעריאָד פון זיין משוגעת איז עלדאָר א פייערשפּייענדער בארג; ער פערברענט און פערניכטעט מיט זיין וואָרט אלץ, וואָס האָט נאָר א שייכות צום געזעלשאַפטליכען, רעליגיעזען און עטישען לעבען. איין זאך נאָר פערגעטערט ער—די נאַקעטקייט: ער צערייסט אויף זיך זיינע אייגענע קליידער און ווי א מלאך-המות מיט טויזענד אויגען זוכט ער אויף אלע געביטען פון דעם מענשענס עטישע ענטדעקונגען, געפינט אומעטום די מאַסקע, רייסט זי אַרונטער און פערניכטעט זי מיט דער קאַלטבלוטיגקייט פון א הענקער.

„מיין משוגעת זאָגט ער—איז א געפעהרליכע; זי ברעכט די טראָהנען פון אלע פאַלשע געטער. זי זאָגט צום פעבעל: „רעד נישט פון מאָראַל! דו האָסט אין דיר די זעלבע בלוט-דורשטיגע אינסטינקטען, וואָס דער טיגער! פערגלייכענדיג דיין געשיכטע צו דער געשיכטע פון די גיפטיגע שלאַנגען, וויל מען זיך בוקען פאר זיי—אַזוי הייליג און ריין זעהען זיי אויס אין פערגלייך מיט דיר; וויל מען אָבשפּרינגען מיט שוידער פון דיר—אַזוי געפעהרליך און שמוציג זעהסטו אויס אין פערגלייך מיט זיי! בערעכען, פון ווען אָן דו בויסט טעמפּלען פון מאָראַל, און דער אָבגאָט האָט זיך נאָך אַהין נישט בעוויזען! בערעכען, וויפיל מיטלען דו זוכסט אויס דיך צו בעצווינגען, און דאָך טרינקסטו-אָן די ערד מיט דיין אייגען בלוט.“ (ז. 31—32).

און אַביסעל ווייטער:

און דערפאַר, ווען עס לויפען די מאַסען אויף די קרייצוועגען, שרייענדיג: „פאַרוואָס לאַכט איהר נישט מיט אונז? זעהט איהר דען נישט אונזער פרייד?... הערט אונזער מוזיק און זעהט אונזערע טענץ, און קומט זיך פרעהען גלייך מיט אונז!“—

ענטפערט איהר: „א שאַנד, א מענש, איז דיין מוזיק און א משוגעת דיינע טענץ! ווי נידריג האַלסטו דיך אליין, ווען דו מאַכסט יום-טובים פון די טעג, אין וועלכע ביזט פריי געוואָרען פון דיין אייגענער גרויזאַמקייט! פרעהט זיך דער טיגער, וואָס ער איז פריי געוואָרען פונ׳ם טיגער, און דער לעמפּערט—דערפאַר, וואָס זיין ברודער פיינינגט איהם נישט? צוויטשערט די שלאַנג א לויבגעזאַנג אין די וועלדער, דערפאַר, וואָס איהר שוועסטער, די שלאַנג, פרעסט זי נישט מעהר? ניין! דער, וואָס האָט מיט אייך קיינמאָל נישט געוויינט, וועט קיינמאָל נישט לאַכען מיט אייך! און טאָמער לאַכט ער, גלויבט איהם נישט—דאָס איז א שלאַנגישע צונג! (ז. 53—54).

אינ׳ם צווייטען פּעריאָד פון זיין משוגעת בעגעגענט מען עלדאָר׳ן אַלס אַנ׳אַנטלאָפענעם פונ׳ם משוגעים-הויז אָדער פונ׳ם „טעמפּעל פון חכמה“, ווי ער

דופֿט עס, וואו די מענשען האָבען איהם פֿערמאַכֿט אַלס דאַנק פֿאַר די צודרייסטע אמת׳ען, וואָס ער האָט זיי געזאָגט.

בעת זיין דאָרט־זיין, האָט ער זיך בעגעגענט מיט אַ געוויסער צאָהל עהנליכֿע צו איהם משוגעים, וואָס האָבען געניוגט אַנ׳אויפֿמערקזאַם אויער צו די לעהרעס, וואָס ער האָט זיי געפּרעדיגט, און אויפֿגעמונטערט דורך דעם קליינעם ערפֿאָלג, דערמאָהנט ער זיך אין די גרויסע מענגען אונגליקליכֿע ברידער, וואָס שמאַכֿטען אין אַ וועלט פֿון פֿאַלשקייט און פֿון אונוויסענהייט. ער אַנטלויפֿט פֿון זיין צעלע, און אַ באָרוועסער, אין שמאַטעס געהילט, לויפֿט ער דורך די גאַסען, די האָר און באָרד ווילד צושויבערט און פּרעדיגט פֿאַר די מענגען דעם סטאָאיציזם און זיין טעאָריע פֿון התבודדות און זעלבסט־פֿערגעסענהייט.

די חכמה זאָגט צו איהם:

„עלדאָד, עלדאָד! אַ וועג בעשאָטען מיט דערנער געהסטו אַצינד געבען די מענשען, צו געפֿינען דאָס גליק, וואָס זיי פֿעהלט! זייערע פֿיס זענען קראַנק און פֿערפֿוילט; זיי ווילען גיכֿער איין צו זינקען אין זומפּ, איידער אויף טרוקענער ערד צו שפּאַנען”...

— — — — — — — — — — — — — — —

„ווער עס וויל דאָס גליק קענען, דער דאַרף דערצו נישט שטרעבען. אַ פֿערגיפֿטענדע קראַפֿט הערשט אין יעדען פּיצעל שטויב פֿון דער נאַטור; ווער עס וויל דאָס גליק קענען, דער דאַרף פֿריהער דערקענען די גיפֿטיגע קראַפֿט”.

„זיך בעפֿרייען פֿונ׳ם ווילען, וואָס בעוועגט די נאַטור, דאָס איז ווערען גליקליך זיין. פֿערדרעמלען זיך אין אַנ׳אייביגען שלאָף אויפֿ׳ן שוים פֿון דער פֿערגעסענהייט, דאָס הייסט שוין גליקליך זיין...

„ווער עס פֿירכֿט נישט פֿאַר די ווילדע געשרייען פֿון די זידענדיגע כֿוואַליעס, דער אַליין מעג קומען אַהער, ער וועט וואַרקליך גליקליך זיין. ווער עס לאָזט זיך נישט פֿערפֿיהרען פֿון דער היפּאָקריטישער שטימע פֿונ׳ם קראָקאָדיל, דער אַליין מעג קומען אַהער, ער וועט ווירקליך גליקליך זיין. ווער עס שמייכֿעלט אונטער מיין מאַנטעל, אָבער לאַכֿט נישט פֿון איהם, דער אַליין קאָן קומען אַהער, ער וועט גליקליך זיין!” (ז. 65—66).

אָט די נירוואַנאַ־טעאָריע קומט עלדאָד פֿרעגען זיינע אונגליקליכֿע מיטברידער, וועלכֿע נעהמען איהם אויף מיט אַ טייוועלש געלעכֿטער, בעוואַרפֿען זיין קאָפּ מיט אַ רעגען שטיינער און שפּייען איהם אין פּנים אַריין. דאָס נעהמט אָבער ביי איהם דעם מוט נישט אַוועק. ער גלויבט אַליין פֿעסט אין זיין לעהרע און ווערט אויפֿגעפֿרעכֿען פֿון דעם פֿערלאַנג זיינע ברידער גליקליך צו מאַכֿען. מיט זיין נביא׳ישער עקשנות, מיט דעם צויבער פֿון זיין קרעפֿטיגען וואָרט געלינגט עס איהם אַ רגע צו בעצווינגען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די צעווילדעוועטע מענגען. זיי הערען איהם אויס און אַ געפֿיהל פֿון בעוואונדערונג הויבט־אָן צו טאָגען אין זייערע הערצער. נור פּלוצים דערהערען זיך עטליכֿע שטימען צווישען די מאַסען: דאָס זענען די שטימען פֿון די אַזוי־גערופֿענע פֿאָלקס־פֿערזאָרגער,

וואָס האָבען מורא דאָס פֿאָלק אָבצולאָזען אויף אַ טריט, עס זאָל דערמיט ח״ו קיין אומגליק נישט געשעהען״...

— „קומט אַוועק!... דער משוגע'נער פֿער'סם'ט די לופֿט מיט זיינע רייד, ס'איז אונפֿערשטענדליך, ווי אַזוי ערנסטע מענשען קאָנען זיך אָבשטעלען ביי אַ משוגע'נעם און זיך צוהערען צו זיינע משוגעת'ן!״...

אין דעם דאָזיגען מאָמענט דערהערען זיך פֿון אַלע זייטען הוראַ-געשרייען. אַ געוויסער קאַוואַליר פֿויגעלשיס איז אָנגעקומען אויף אַנ'אַעראָפּלאַן און מאַכט קאָזשעלקעס אין דער לופֿט מיט אַנ'אַמעריקאַנישען מיליאָנערס אַ טאָכטער אויף די אַקסלען.

דער דאָזיגער גאָטס-וואונדער איז זעלבסטפֿערשטענדליך פֿיל מעהר מסוגל צו ענטפֿערן אויף די גייסטיגע נויטיגקייטען פֿון די מאַסען, איידער עלדאָד'ס התבודדות-און נירוואַנאַ-טעאָריע. און איין רגע האָט זיך עלדאָד געפֿונען פֿאַרלאָזט פֿון זיינע צוהערער, און איבערלעבענדיג אין דעם מאָמענט די צווייטע גרויסע ענטטוישונגס-טראַגעדיע אין זיין לעבען, הויבט ער אויף צוויי אויסגעדאַרטע, ציטערדיגע הענד צום הימעל און, אין אַ פֿינסטערען ליעד, וויינט ער אוים אויף דעם מענשליכען עלענד זיינע צוויי לעצטע טרעהרען.

אָט דאָ ענדיגט זיך עלדאָד'ס אַפּאָסטאָלישע מיסיע צווישען די מענשען.

אין דעם דריטען פעריאָד פֿון זיין „משוגעת״ בעגעגענען מיר איהם, ווי ער לעגט אין דער פּראַקטיק דאָס, וואָס זיין פֿאַנטאָם האָט איהם געלערנט.

ער שטעהט שוין אַצינד אויפ'ן הויכען טורם. ער איז אין דער וועלט פֿון איינזאַמקייט פֿון התבודדות.

— — — — — — — — — — — — — —

„אַלץ, וואָס ער זעהט אונטער זיך, איז נישט מעהר ווי געדיכטע פֿינסטערניש״...

— — — — — — — — — — — — — —

עלדאָד טוט נאָך אַמאָל אַ זיפֿץ:

„אָבער נישט מעהר אוים ליבע אָדער האַס צו די מענשען; די ראַסע איז נישט מעהר זיין ראַסע״...

— — — — — — — — — — — — — —

„עלדאָד איז אַצינד קיין מענש נישט מעהר: דאָס וואָרט וואָלט פֿאַר איהם געווען אַנ'אונפֿערדינטע קללה... ער זיפֿצט פֿון דער פֿערגאַנגענהייט״...

— — — — — — — — — — — — — —

...„וואויל איז דעם, וואָס קאָן אַרויפֿגעהן אויפֿ'ן הויכען טורם און דאָרט זיצען שטונדענלאַנג! און נאָך וואוילער איז דעם, וואָס געהט פֿון דאָרט קיינמאָל נישט אַראָב! אַהין דערגרייכט נישט דאָס געשריי פֿונ'ם פעבעל; די דראָהענדע שטימע פֿון דער שוואַרצער מאַסע קאָן אַהין נישט אריינדרינגען״...

— — — — — — — — — — — — — —

און פֿערווילט זיך איהם אַמאָל דאָך אַראָבשטרעקען די אָרעמס און אַרויפֿ-

ציהען צו זיך „אַ איינציג אונגליקליך וועזען", דערהערט ער אַ דונערנדע שטימע, וועלכע הילכט מיט צאָרן: (די שטימע פונ'ם פאַנטאָם):

„אָ, עלדאָד! אראָבגעשמעטערט וועסטו ווערען פונ'ם הויכען טורם, און אַ שאַנד וועט דיין גאַנץ לעבען האָבען געוועזען!..

„דער וואָס קאָן דורך זיך אַליין צום הויכען טורם נישט דערגרייכען, איז נישט ווערט זיך דאָרט צו געפינען... זיין ליבלינג איז דאָס בעשעפעניש פון דער ערד, און דאָס בעשעפעניש פון דער ערד דאַרף ער אייביג בלייבען"!..

— — — — — — — — — — — — — — — —

*

* *

ווי מיר זעהען איז פיליוס-האָמינים נישט בלויז אַ צעשטערער, ווי אויבער-פלעכליכע מענשען וואָלטען דאָס געקאָנט מיינען, נור ער איז אַ דענקער, וואָס צעשטערט על מנת לבנות. אָנגעזאַפּט מיט'ן צער און מיט דעם עקעל, וואָס די פערשימעלטע געגענוואַרט רופט אַרויס אין זיין נשמה, גיט ער אָב אין זיין ווערק אַ גרויסען און פיליילט דעם גרעסטען פלאַץ דער צעשטערונגס-אַרבייט, ער פערגעסט אָבער נישט, אין זיין גאַנצער פערביסענקייט, צו לעגען דעם גרונד-שטיין פאַר עפּיס פאָזיטיוועס. דער משוגע'נער דאָקטאָר עלדאָד איז אַ גראַנאַט, וואָס רייסט-אויף און צעשמעטערט אַלץ אַרום זיך, אין די געדיכטע רויך-וואָלקענס וואָס ער פערשפּרייט אין דער לופט, פינקלען אָבער די גאָלדענע שטערנדלעך פון אַ נייער צוקונפט.

פיליוס-האָמינים גלויבט אינ'ם גליק פונ'ם מענשען, ווען נישט אינ'ם מענשליכען גליק. ער איז אַ דענקער פונ'ם העכערן קאַליבר, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען. זיינע געדאַנקען בעוועגען זיך אויף אַ גאַנץ הויכען ניוואָ. זיין פילאָזאָפיע איז אַ סינטעז פון דער בודיסטישער „נירוואַנא", לויט אַ שאָפּענהויערישער אויפפאַסונג, פון שפינאָזאַ'ס סטאָאישער עטיק און פון ניטשעס אידעאַלען אינדי-ווידואַליזם. די דריי מעכטיגע סיסטעמען גיסען זיך אין זיינע געהירען צוזאַמען און ווערען פערוואַנדעלט אין אַ נייער גאַנץ אייגענאַרטיגער שיטה. עס איז אמת, אַז די דאָזיגע שיטה איז נאָך, אין וויסענשאַפטליכען זין, נישט גענוג ענטוויקעלט, נישט גענוג בעגרינדעט. דער מחבר וועט נאָך גענוג לאַנג מוזען דעם שטערען קנייטשען איידער ער וועט איהם געבען דעם געהעריגען וויסענשאַפטליכען פאַנצער, וועלכער זאָל אויסהאַלטען אַלע אַטאַקעס וואָס אַ האַרטנעקיגער קריטי-קער קאָן זיך פערגינען אַמאָל צו מאַכען, איין זאַך מוז מען אָבער מודה זיין, אַז די דאָזיגע שיטה איז גאַנץ קלאָר אָנגעדייטעט און שוין בלויז לויט איהרע אָנדייטונגען, איז זי זעהר אינטערעסאַנט.

אינ'ם „משוגע'נעם דאָקטאָר עלדאָד" געפינען זיך אַלע עלעמענטען, וואָס זענען נויטווענדיג צו אַ נייער פילאָזאָפיע, און אפילו דער פּרוזדור, וועלכען די תלמידים מוזען פריהער דורכגעהן, כדי צו קענען צו דער נייער פילאָזאָפיע דערלאַנגען; דער פּרוזדור — דאָס איז די פערגעטערונג פון דער נאַקעטקייט

און פון דעם טיפען ערנסט; דאָס איז דאָס בעהעפטען זיך אין יענעם שוידער־ליכען פאַנטאַס, וואָס האָט עלדאָד'ן בעגלייט פון דעם מאָמענט אָן, וואָס ער איז משוגע געוואָרען, און זיך אויף אַ רגע פון איהם נישט צו שיידען.

מען וועט אפשר פרעגען צי אַזאַ מין פילאָזאָפיע איז צוגעפּאַסט צו די געדיכטע פאָלקס־מאַסען.

אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, וועלכע פילאָזאָפיע איז דאָס יאָ? צי האָט איהר שוין וואו אַמאָל בעגעגענט אַ פאָלק פלאַטאָניכטען, אַ פאָלק קאַנטיסטען אָדער אַ פאָלק שפינאָזיסטען?

אַ פילאָזאָפישער סיסטעם איז קיינמאָל פאַר די געדיכטע פאָלקס־מאַסען נישט געשאַפען געוואָרען, יעדע פילאָזאָפישע לעהרע איז אַ רעליגיע פאַר יחידי סגולה, פאַר איינצעלנע בעגאַבטע נשמות, וואָס זענען פעהיג זיך צו דעם הויכען טורם אויפצוהויבען, דאָס, וואָס דרינגט אריין צו די געדיכטע מאַסען איז תמיד בלויז אַ שוואַכער אָבשיין פון דערדאָזיגער לעהרע; און דאָס אליין איז שוין גענוג די וועגען פון די געדיכטע מאַסען צו בעלויכטען, און זיי, אין לעבען פון ברויזענדע אָבגריגדען צו פערהיטען.

און אָט אין דעם זין איז צו בעגריסען דעם „משוגע'נעם דאָקטאָר עלדאָד" פון פיליוס־האָמינים, אַלס אַנ'ערשטען קרעפטיגען פערזוך פון אַנ'איינגעאַרטיג פילאָזאָפיש ווערק אין דער יונגער יודישער שפּראַך.

דער „משוגע'נער דאָקטאָר עלדאָד" איז אָבער נישט בלויז אַ ווערק פון געדאַנק; דאָס איז אויך אַ ווערק פון געפיהל. און אין דער הינזיכט פערדינט עס נישט ווייניגער אויפמערקזאַמקייט.

בכלל איז נאָך אין אונזער יונגער יודישער ליטעראַטור שווער צו געפינען אַ מאָס אַזעלכע מינים קונסט־ווערק צו מעסטען. דער מחבר רופט עס אָן „אַ סימבאָליש־מיסטישע ערצעהלונג". איך מיין אָבער, אַז אַזאַ בעצייכנונג איז מעהר מסוגל צו כאַראַקטעריזירען דאָס אינערליכע, די נשמה פון אַ ווערק אָבער נישט די פאָרם.

וואָס די פאָרם אָנבעלאַנגט, וואָלט איך זאָגען, אַז אין פיליוס־האָמינים האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען צווייי גלייך־שטאַרקע אָבער געגענגעזעצטע כחות, וועלכע פיהרען מיט איינאַנדער אַ געוואַלטיגע מלחמה אום צו קריגען די ממשלה איבער זיין „איך" אין איהם קעמפט דער מח מיט דעם הארץ; דער געדאַנק מיט דעם געפיהל; די ווירקליכקייט מיט דער פאַנטאַזיע. יעדער בעזונדער פון דיביידע כחות איז אַן־און־פאַר זיך צו שטאַרק, אום דעם צווייטען נאָכצוגעבען, און וויל דער דיכטער גיט זיך אַלע מיהען זיי איבערגעוואַלט צוזאַמענצובינדען, געפינט מען אין זיין ווערק, ווען מען בעטראַכט עס אַלס קינסטלעריש גאַנצעס, דאָ און דאָרט עטליכע געפּלאַצטע סטרונעס.

אורטיילענדיג פ. ה. לויט דעם ווערק וואָס ער גיט אונז, קומט מען צום בעשלוס, אַז די דאָמינירענדע אייגענשאַפט, וואָס מען בעמערקט אין איהם, אַלס דיכטער, איז אַ גאַנץ טיפער ליריזם. און אַלס ליריקער איז ער, פונקט ווי אַלע אַנדערע פון זיין גלייכען, אַ קינד פונ'ם מאָמענט און פונ'ם קאַפּריז; אַ וואולקאַ־

ניש בראָזענדע נאַטור, וועלכע איז דאָס אייביגע שפּיל פֿון אַ אינערליכען דרוק, און וואָס ברעכט אויס, ווען דער מאָמענט קומט-אָן, גאָר אונערוואַרטעט און אונבעוואוסטזיניג. דערמיט ערקלערט זיך פֿאַרוואָס דעם מחבר פֿונ'ם „דאָקטאָר עלדאָד“ פֿעהלט יענע אַרכיטעקטאָנישע איינהייטליכקייט, וואָס שאַפֿט דעם צווייבער פֿון אַ לאַנג-אָטעמדיג ווערק און פֿערוואַרפֿט אויף דער נשמה פֿונ'ם לעזער דאָס אונזיכטבאַרע שניִרעלע, וואָס ציהט זי, געגען איהר ווילען, וואוהין דער דיכטער וויל. עס פֿעהלט איהם אויך יענע רוהיגע אָביעקטיוויטעט, וואָס גיט דעם דיכטער די מעגליכקייט צו צייכענען אַ גאַנצע גאַלעריע פֿערשידענפֿאַרביגע געשטאַלטען. פֿ. ה. איז אונגעהויער סוביעקטיוו; די געשטאַלטען, וואָס ער מאָלט, זענען אַלע עהנליך צווישען זיך. אָדער בעסער געזאָגט, זענען פֿערשידענע זייטען פֿון זיין-און-איינציגער געשטאַלט, און די דאָזיגע געשטאַלט,—דאָס איז ער אַליין.

נאָך מיין מיינונג, דאַרף מען אויף דעם „משוגע'נעם דאָקטאָר עלדאָד“ נאָך דערווייל נישט קוקען ווי אויף אַ פֿערענדיגטען קונסט-ווערק. וואָס אָנבעלאַנגט די פֿאָרם, איז דאָס נאָך דערווייל נישט מעהר ווי אַ שעהנער דיכטערישער בבל-טורם, אַ געקליבער מיש-מאַש פֿון טענער, פֿאַרבען און שטיקער פֿאָרמען, וואָס ענטפּלעקען די גלענצענדסטע קינסטלערישע אייגענשאַפֿטען און פֿערזיכערען אונז, אַז דער מחבר איז פֿעהיג צו שפּילען אויף אַ גרויסער צאָהל סטרונעס פֿון דער דיכטערישער לירע, ווען ער וואָלט געוואָלט מאַכען אַן אָנשטרענגונג און זיך אַביסעלע צוימען. מען בעגעגענט אין זיין ווערק בלעטלעך פֿון אַ נביא'ישער ערהאַבענקייט, וועלכע דופֿטען מיט אַן אמת'ער גן-עדן לופֿט. אַ קרעפֿטיגע דיאַלעקטיק, אַ שאַרפֿע און אָפֿטמאָל גיפֿטיגע סאַטיריק, אַ סטיל פֿול מיט ווערווע, און מיט בילדליכקייט, זעהר שאַרפֿזיניגע און אינהאַלטסרייכע אַפֿאָריזמען; אין איינעם וואָרט, אַ גאַנצע רייהע ליטעראַרישע אייגענשאַפֿטען פֿון וועלכע איינע נור וואָלט שוין גענוג געווען אויפֿצוועקען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַ ערנסטען ליטעראַטור-קריטיקער און אָבצוגעבען דעם מחבר אַ כבוד'יגע אָרט אין אַ ליטעראַטור.

וועט מען זיך אַלזאָ פֿרעגען, פֿאַרוואָס האָבען אונזערע פּאַטענטירטע ליטעראַרישע וואָרט-פֿיהרער אַזאַ ווערק ווי דעם „משוגע'נעם דאָקטאָר עלדאָד“ פֿינף יאָהר-צייט טויט-געשוויגען?

טאַקע דאָס זעלבע פֿרעג איך אויך..

ש. לאַנדינסקי.

ש. י. לאַנדינסקי.

די קונץ צו זיין אַ קונסט-קריטיקער.

מיט וואָס פֿאַר אַ פֿעהיגקייטען דאַרף בעגאַבט זיין אַ יונגערמאַן, כדי צו ווערען ביי יודען אַ קונסט-קריטיקער?

קודם-כל מיט חוצפה!

פֿאַרמאָגט אַ יונגערמאַן די געהעריגע מאָס חוצפה און האָט זיך דערצו נאָך איינגעחזר׳ט אַ גרויסע צאָהל פֿרעמדווערטער איז ער שוין אַ פֿאַרטיגער קונסט-קריטיקער; האָט ער קיין געפֿיהל נישט, האָט ער דערפֿאַר חוצפה צו מאַכען דעם גרויסען אָנשטעל און צו לערנען אַנדערע זיין געפֿיהללאָזיגקייט; האָט ער אָבער קיין גייסט און קיין זינען נישט אפילו פשוט לאָגיש צו דענקען, וועלען איהם אַרויסהעלפֿען די געהעריגע פֿרעמדווערטער: ער וועט דערלאַנגען אַ זאָג אַריין אַזאַ מאָדנע וואָרט, אַז מענשען וועלען מיינען: ווער וויסט, וואָס פֿאַר אַ טיעפֿע געדאַנקען דאָרט שטעקען און קיינער וועט זיך גאָר נישט דערוועגען אויפֿצודעקען מיט פשוטע ווערטער די זינלאָזע חוצפה פֿון אַזאַ מין בחור. ער וועט אַרום געהן מיט׳ן ברייטען בעוואוסטזיין פֿון אַ קונסט-קריטיקער און זיך שמייכלען: „שישו בני מעי!“

דעמדאָזיגען אמת אילוסטרירט אונז אויף אַ גלאַנצענדיגען אופן דער בחור מ. וואַנוויילד מיט זיין מאמר אין „פֿאָלק“ (נ׳ 14 ד. י.). מיט לעדיגער גאוה, מיט זינלאָזע בטלנ׳ישע חקירות און נאַרישער יאָגעניש נאָך פֿראַזען; און, ועל כולם, מיט חוצפה, חוצפה און... חוצפה, שטעלט ער מיט אַ ברייטע מינע אַוועק די פֿראַגע:

„וועט די ווילנער טרופע האָבען אַ קיום?“ און נאָך דערדאָזיגער פֿראַגע לאָזט ער זיך אַריין אין אַזוינע מיני אָריגינעלע חקירות: „אַ טעות איז מענשליך; נישט מענשליך איז דעם טעות ספעציעל צו ערפֿינדען, איהם אומישנע אויסצוטראַכטען, איהם איינצוחזר׳ן כדי איבערצוחזר׳ן“. „וואָס פֿאַר קינדער איז עס קלוג, דאָסזעלבע איז פֿאַר דערוואַקסענע אַ נאַרישקייט, און אָפֿט אַ גרויס נאַרישקייט, טאַקי גאָר אַ גרויס, אַ גרויס, וואָס גרעסער קען שוין נישט זיין“. „נישט אַלץ, וואָס איז גילטיג פֿאַר ליעבהאָבער איז אויך גילטיג פֿאַר מענשען מיט טאַלענט“ א. ז. וו. און נאָך גאַנצע 30 ציי-

לען, וואָס פֿלוידערען נישט צו דער זאַך, וואָס איינס צום צווייטען קומט נישט, וואו דער מחבר פּרובט זיך גאָר נישט אָנריהרען די געשטעלטע פֿראַגע, פֿאַלט ער פּלוצלונג אַראָב, ווי פֿון הימעל מיט אַזאַ מין מוסר־השכל. דער אינהאַלט פֿון דער געשיכטע בעשטעהט אין איין איינציג וואָרט. דאָס וואָרט מאַכט, הערמאַן. ה׳ דוד הערמאַן, רעזשיסער ה׳ הערמאַן, רעזשיסער פֿון דער ווילנער טרופּע; רעזשיסער. פֿערשטאַנען?״

און איך מוז זיך מודה זיין, און מסתמא נישט ווייניג לעזער מיט מיר צוזאַמען, איך האָב נישט פֿערשטאַנען און הויב גאָר נישט אָן צו פֿערשטעהן: וואָס פֿאַר אַ שייכות האָבען צווישען זיך די אַלע באַנאַלע, איבערגעשפּיצטע, געשמאַקלאָזע חקירות? וואָס לאָזט מיך הערען די פֿערשטעלטע אָנצוהערעניש מכח „ליעבהאָבער״ און „טאַלענט״? פֿאַר וואָס, למשל, קענען „די ווילנער״ אַלס „ליעבהאָבער״ זיין נישט קיין „טאַלענטען״ און די ראָלען יאָ אויספֿיהרען „מיט „טאַלענט, מיט אַנ׳עכטען טעמפּעראַמענט״, א. ז. וו. אָדער: „דער אייגענטליכער רעזשיסער ביי די ווילנער, דער ה׳ קאַדיסאָן האָט, אויסער אַלעם, די וויכטיגע מעלה, וואָס איהם איז פֿרעמד דער זומפּ פֿון קונסט־פּאַראַגראַפֿען, קונסט־שטויב, קונסט־שימעל און קונסט־מיסט (ווען ער וואָלט דערצו נישט זיין געכאַפּט לגמרי אינ׳ם שעדליכען קלאַפּער־געצייג פֿון געשמאַקלאָזער עסטעטיק)״ (דאָרט) פֿרעגט זיך: וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען „שעדליכען קלאַפּערגעצייג פֿון געשמאַקלאָזער עסטעטיק״ אין וועלכען דער רעזשיסער ה׳ קאַדיסאָן איז יאָ נעבעך „געכאַפּט״ און דעם קונסט־שימעל, קונסט־מיסט״ א. ד. גל. פֿון וועלכע ער איז פֿריי און וואָס דיזאָזיגע פֿרייהייט איז „די וויכטיגע מעלה?״...

און ווייטער: „פֿון דעם גרעסטען ווערטה בלייבט פֿונדעסטוועגען שטענדיג דאָס טאַלענט, ווען עס בעשטעהט די פּראָבע פֿון ווירקליכער קונסט און די ווילנער פֿערמאָגען טאַקי די הויפּט־זאַך: טאַלענט״. מילא, לאָמיר מוחל זיין דעם בחור, וואָס יאָגט זיך אַזוי נאָך טיעפֿזיניגקייט, דעם חילוק צווישען „טאַלענט״ און „די פּראָבע פֿון ווירקליכער קונסט״; ס׳בלייבט אָבער זעהר סתירה׳דיג: ווי קען אַ טרופּע, וואָס איהר רעזשיסער איז נעבעך „געכאַפּט אינ׳ם שעדליכען קלאַפּער־געצייג פֿון געשמאַקלאָזער עסטעטיק״ נאָך דאַצו אויסהאַלטען „די פּראָבע פֿון ווירקליכער קונסט?״ „געשמאַקלאָזע עסטעטיק״ און „קונסט״, און „טאַלענט״? און ווייטער דערצעהלט אונז דערדאָזיגער „קונסט־קריטיקער״ מכח דעם זעלבען ה׳ קאַדיסאָן: „אַלץ, וואָס ער (ד. ה. קאַדיסאָן, ש. י. ל.) האָט דערגרייכט, שיינט ער צו האָבען געקומען צו דעם דורך דער אייגענער אנשויאונג—און דאָס איז גוט (דאָרט) פֿרעגט זיך: ס׳טייטש? אויב ער „איז געכאַפּט אינ׳ם שעדליכען קלאַפּער־געצייג פֿון געשמאַקלאָזער עסטעטיק״, וואָס איז דאָ די מעלה, אַז „ער האָט דערצו אַליין דערגרייכט״? מיט וואָס „איז דאָס גוט״? וואָס פֿאַר אַ גוטסקייט קען זיין אין „שעדליכען״ און אין געשמאַקלאָזען״?

אָדער, למשל, אַזאַ מין פּערל פֿון אויסגעהאַלטענקייט: „—דער חסרון איז

וואס ווייניגער זיבער פערשטעהט זי (די שוישפילערן עלמית ש. י. ל.) די פרוי אלס אינדיווידועלע פערזאן. דערזיף איז טאלענט אליין ווינציג. דא קאן ארויכהעלפען אינטעליגענץ, קולטור, געשמאק און בעאבאכטונגס-פעהיג-קייט".—אלזא, אויב זי פערשטעהט נישט די פרוי, אלס אינדיווידועלע פער-זאן, איז דאס נור א סמן, אז זי פערמאגט נישט די דערמאהנטע אייגענ-שאפטען און דאס איז טאקי „א חסרון", ווי דער מחבר הויבט אן דעם זאץ: „דער חסרון איז אבער" א. ז. וו. און ווי ער זאגט שפעטער עדות אז די הילנער טרופע זענען „מענשען פון נידעריגען קולטור-ניוואָ", אהן „קולטור-מאנגעל", אהן „מאנגעל אין זעלבסטווירדע" וואלט אזעלכעס נישט געקענט טרעפען"... לאזט זיך אבער אויס, אז דאס איז גאר א מעלה, „דאס העלפט איהר באמת פיל מאל ארויס, דאס זעהט מען איין, בעת מען פערגלייכט מיט אנדערע אזעלכע קאנטראסטירענדע פיגורען פון איהר, ווי דארא לענץ, נאטאשא, רייזעל (דארט). אלזא, הייסט עס, אז די שוישפילערן עלמית פערשטעהט יא „די פרוי אלס אינדיווידועלע פערזאן"? און וואס-זשע בע-שטעהט דאס חאראקטעריסטישע אין דער פריילין עלמית שאפען: אין דעם וואס זי פערשטעהט יא די פרוי אלס אינדיווידועלע פערזאן, אדער אין דעם, וואס זי פערשטעהט נישט די פרוי אלס אינדיווידועלע פערזאן?

אדער אזא מין אויפקלעהרונג: „אנ'אייגענארטיגע ערשיינונג איז פריי-ליין וואלטער, וועלכע פערדינט א בעזונדער אויפמערקזאמקייט פאר דער הארמאניע פון איהר מוטיגען, פון איהר דרייסטען רעאליזם (חייקע אין „דארפס-יונג") אין איהר רויהער, נישט געבענדיגטער נאאיוויטעט (ציפה אין דער „פוסטער קרעטשמע"), זי פערמאגט די פרייקייט פון א נאטירליך פער-שטענדניש". ממילא, זאל שוין זיין „די פרייקייט פון א נאטירליך פערשטענ-דעניש" אבי גוט, אבי קלאר! הויבט אבער ווידער דער שפיצעלדיגער קריטיקער אן צו לעזען אזא מין צעטעל: „מיר דארפען נישט פערגעסען, דאס פאר א שוישפילער-קינסטלער איז ווינציג די בלויזע פעהיגקייט צו געפינען אויסדרוקסמיטלען דורך אטימיוד, רעפלעקטיווע און סימבאלישע פלאסטיק; אויגען-און מינע-שפיל; אטעם-און-שטום אויסנוצונג; איז ווינציג די מאסקע און דער קאסטיום פונ'ם העלד, וואס ער שטעלט פאר; זיין חאראקטעריס-טיק אלס אפטישער, אקוסטישער און פסיכישער פענאמען — ער דארף אויך קענען געפינען אויסדרוקס-מיטלען, וועלכע זאלען איהם קענען שילדערן ביאגראפיש, פאר'ן צושויער איז ווינציג די קרעאטור ווי זי איז"... א. ז. וו. אלזא, ווי מיר זעהן, האט דער געלעהרטער בחור וואנווילד „איינגע'חזר'ט" זעהר אסך קלוגע, פרעמדע ווערטער, כדי זיי פאר'ן לעזער פון „פאלק" איבערצו'חזר'ן"—זעהר שעהן פון זיין זייט, אבער וואס לאזען זיי מיר פארט צו הערען?

„פאר'ן צושויער איז ווינציג די קרעאטור... ווי זי איז", איז, הייסט עס, „די פרייקייט פון א נאטירליך פערשטענדניש" נישט קיין זעהר גרויסע מעלה, פארוואס-זשע זאל דאס ביי אונז פערדינען בעזונ-

דער אויפמערקזאַמקייט"? אין וועט דער געעהרטער קונסט־קריטיקער פון „פאָלק" מיר אָנטהון דעם כבוד און וועלען אויפקלעהרען די אַלע סתירות, וואָס ער האָט מסתמא, גלאַט אַזוי זיך, לשם אָריגינאַליטעט, פערזעהן אין זיין אייגענעם געדאַנק, זאָל ער מיר שוין מוחל זיין און אויך פערטייטשען פאָלגענדען זאַץ: „ה' שניאור שילדערט מעהר די פּערזאָן, איידער די אינדיווידואַליטעט; ביי איהם קומט צו ערשיינונג שוין נישט בלויז דאָס טיפּישע, נאָר דאָך נישט אַזוי דאָס אינדיווידועלע, ווי דאָס עקזעמפּלאַרישע". וואָס מיינט דער זעהר געלעהרנטער מחבר דאַמיט צו זאָגען?"—איך בעמיה זיך אָנצושטרענגען „די גרעסטע פריקייט פון אַ נאַטירליך פערשטענדעניש" און קען דאָך נישט געפינען די „אַטיטיוד" פון דעם דאָזיגען פענאָמען".

אָבער נאָכדעם ווי דער איבערגעשפּיצטער מחבר האָט זיך שוין זינגערעדט אין זיין דריי־הונדערט־שורה'דיגען מאמר איבער שכם און איבער יוסף און שוין „איבערגע'חזר'ט", וואָס ער האָט „איינגע'חזר'ט" און „איינגע'חזר'ט", וואָס ער האָט „איבערגע'חזרט", און אינגאַנצען פערגעסען די פראַגע, וואָס ער האָט געשטעלט פאַר'ן לעזער אין אָנהויב אַרטיקעל, בעהמט זיך דערדאָזיגער בחור בעלעהרגען „די ווילנער" אין אַזאַ מין טאָן: „איין זאַך וויל איך זיי אָנווייזען", „אויסעדרעם וויל איך זיי וואָרענען", „ביי מענשען מיט אַ העכערען קולטור־ניוואָ, ביי מענשען מיט אינטעלעקטועלער זעלבסטשטענדיגקייט וואָלט צו אַזעלכעס באַין אופן נישט געקומען"...

אַלזאָ, צי האָט נישט דער ה' וואַנווילד בעשיינפערליך בעוויזען מיט זיין אָבהאַנדלונג איבער דער ווילנער טרופּע, אַז די גאַנצע קונץ פון צו זיין אַ קונסט־קריטיקער ביי יודען בעשטעהט בלויז אין ח ו צ פ ה?

אַ בחור, וואָס קען לאָגיש זיין אייגענעם געדאַנק נישט דורכטראַכטען; וואָס קען קיין צוויי זאַצען נישט אָנשרייבען, זיי זאָלען זיך נישט ווידערשפּרעכען, ווער שמועסט שוין וועגען שאַפען קולטור־ווערטהען, אָדער וועגען געפיהל; אַזאַ מין בחור נעהמט זיך די חוצפה צו בעפאַלען אַ טהוער אויפ'ן געביט פון יודישען טעאַטער, וואָס האָט זיך יאָהרען־לאַנג בעמיהט ביי די ערגסטע בעדינגונגען צו שאַפען אַ יודישע קינסטלערישע ביהנע; וואָס די ווילנער האָבען איינגעלאַדען פאַר אַ רעזשיסער און זענען איהם פאַר זיינע כאַבענדע אָנווייזונגען און ריכטיגע אויפפאַסונגען זעהר דאַנקבאַר! אָ, ווי נידריג מוז שטעהן די סביבה, אין וועלכער אַזאַ בחור ווי מ. וואַנווילד בעקומט אַ פּלאַץ פאַר זיינע חוצפה'דיגע זינלאָזיגקייטען!

אוי מיר בלייבט נור איבער מיט זיינע אייגענע ווערטער צו פערענדיגען: „ביי מענשען מיט אַ העכערען קולטור־ניוואָ, מיט מעהר אינטעלעקטועלער זעלבסטשטענדיגקייט וואָלט צו אַזעלכעס געוויס נישט געקומען!"...

י. מ. ווייסנבערג.

י. מ. ווייסענבערג.

צו וואס?

אלזייטיגקייט, פעהיגקייט זענען מזל-זאכען, און אפשר קומען זיי בירושה. אלענפאלס, מען זאגט, אז דאס געהערט צו די בעסטע אייגענשאפטען. אלזייטיג הייסט: מען טויג צו פערשידענע ארבייטען, צו פערשידענע מיסיעס, אריענטאציעס א. ז. וו. פעהיגקייט הייסט: מען קען זיך צופאסען, פערשטעהן, אריינדרינגען און ציהען דעם געווינשטען נוצען פון דארטען, וואו די פערזאנס זאך, אדער אידעאל קען פראפיטירען. אונטער א בעזונדער-גליקליכען שטערן איז אזא מענש געבוירען. א געבענשטע נאטור. נור ווען די פערזאן לעבט פאר זיך בלויז, זענען די אייגענשאפטען נאר א לאקאל גליק — זיי ווערען אבער א גליק פאר דער ברייטערער געזעלשאפט, ווען די פערזאן האט זין און בעגעהר אויך פאר איהרע בעדערפענישען. ער ווערט דעמאלט בעפליגעלט מיט אידעאלען, א ליכט פון גליקזעליגקייט געהט אויף אין זיין נשמה, און זיין העכסט גליק איז דאס גליק פון אלע, ווייל, וואס איז דאס גליק דען פאר איין פערזאן? קלענערע מענשען פיהלען משפחה'שאפט נאר צו די סאמע נאהנטסטע, גרעסערע—צו אלע. קלענערע מענשען האבען גענוג, אז אין זייערע ד' אמות איז דא ליכטיגקייט, גליק און שעהנקייט, גרעסערע—אז איבעראל זאל עס זיין, וואו ער וועט זיך נאר קעהרען און ווענדען. ער שטעלט זיך פאר א וועלט פון לויטער גליק, שעהנקייט און ליכטיגקייט, וואו יעדע מינוט וועט ער קענען אין זיך אריינציהען, אריינשעפען דאס אייביגע, דאס גרויסע און אונענדליכע; א גרעסערער מענש, ווייל זיין פאנטאזיע געהט ווייט — דארף ער האבען מעהר פלאץ, מעהר רוים, און דאדורך מעהר גליק. די אלע ווערטער האב איך נאר געברענגט אלס אילוסטראציע, ווי אזוי א גרויסע נשמה איז.

וואו זענען זיי אבער די גרויסע נשמות?

צו יעדער צייט, ווען א גרעסערער קאלעקטיוו מענשען האבען עס נייטיג—קומט דיזאיגע פערזאן.

אזוי זעהן מיר אין היסטאריעס פון פערשידענע פעלקער, אז ווען דער מאמענט האט זיך גענייטיגט אין אזעלכען, איז ער געקומען.

ס'איז אן אלטע מעשה, נאר א וואונדערליכע—אז אלע שטרעבונגען, נארונ-

גען און בעדערפֿעניִשען אויף היִלף, וואָס אַ גאַנצער קאָלעקטיִוו מענשען האָבען — לייגט זיך אַריין אין איין פּערזאָן, אַלע גייסטיִגע פֿעהיִגקייטען צו לייסטען זייערע בעדערפֿעניִשען — איִן איין מענש.

די היִלף קומט דאָס רוב, כּמעט שטענדיִג, דורך איינעם. אָבער ווייסט איִהר ווי אַזוי? ער ברענגט זי ניִשט די היִלף, ניִשט פֿון זיך, ניִשט פֿון ערגיִץ אַנדערש. ער ווערט נאָר דאָס אָרט, וואו די מכּה האָט זיִך בעזעצט, דאָס אָרט, וואו אַלע פּלאָגען, רדיפֿות האָבען זיך איינגעזאַפּט. דער גאַנצער אָרגאַניִזם, די ווייטסטע טיילען פֿון קערפּער שיקען איִהם די זאַפֿטען, פֿון וועלכע ער אַרבייט אויס דעם געגען־סערום פֿאַר דער מכּה. און וועלכעס אָרט, ווען עס בעפֿאַלט עס אַ היִץ־קרענק, וואָלט עס זיִך ניִשט געראַנגעלט בעגען טויט? אָט דאָ ליִגט דער כּח פֿון קאָלעקטיִוו, וואָס אַלע מאָל, ווען ער נויטיִגט זיִך איִן גרויסען מענש — קומט ער. ער קומט, ווייל ער מוז קומען און פֿון וועלכער זייט עס זאָל ניִשט זיין.

האָט איִהר געזעהען אַ געוויִקס אויפֿ׳ן פֿעלד, אַז עס בעקומט אַ ראַץ, אָדער אַ שטאָך, פֿון וועלכער זייט עס זאָל ניִשט זיין, ווערט יענעם אָרט, וואו דאָס אומגליק איִז געשעהען צופֿעליִג דאָ, בעשערט צו ראַטעווען פֿון געפֿאַהר דאָס גאַנצע געוויקס? זאַפֿטען הייבען אָן צו שלאָגען פֿון די ווייטסטע טיילען פֿון דעם געוויִקס, מן הסתמא, ווייל דאָרטען האָט זיִך אויפֿגעהויבען דער געוואַלד און דראַנג צו לויפֿען ראַטעווען זיִך אַליין פֿון געפֿאַהר, — און דאָס אָרט, וואו די וואוּנד איִז געפֿאַלען, ווערט איִן איין מיִנוט פֿעהיִג אַדורכצולאָזען דורך זיינע דיִנע געוועבען די ברייטסטע שטראָמען זאַפֿטען, וואָס איִן אַ נאָרמאַלער צייט וואָלט עס געווען אוננאַטירליִך. נאָר איִצט, כּדי דער זאַפֿט זאָל די וואונד פֿאַרגיִסען, איִן פֿלייש זיִך פֿערוואַנדלען, אַז עס זאָל צו קיין פֿוילונג ניִשט ברענגען דאָס גאַנצע געוויִקס. האָט איִהר דאָס אָרט געזעהן? אָט דאָס איִז די לייסטונג פֿון אַ גרויסען מענש איִן דעם מאָמענט, ווען אַ גרויסער קאָלעקטיִוו איִז פֿאַרביי.

אויך ביי אונז יודען זענען אַזעלכע מענשען געווען און זענען אַלע מאָל דאָ, און אפֿשר היינט אויך.

עס איִז אַפֿילו אויך ניִשט וויִכטיִג, ווי גרויס די פּערזאָן איִז. טייל־מאָל דערזעהן מיִר די זעלבע אַפֿילו אויך איִן אַ פֿרוי, ווי אַ שטייגער יהודית, וועלכע האָט אונזער גרעסטען שונא פֿון איִהר צייט, בעזייטיִגט דורך אַ זיִנלאָזער, נאַריִשער צופֿעליִנקייט; די חילות פֿון שונא זענען זיִך דאַדורך צולאָפֿען, און אַזויערנאָך געראַטעוועט דאָס פֿאָלק. אויך די פּאָלאַקען האָבען עס שיעור געהאַט איִן דער פּערזאָן פֿון איינער וואַלעריא, איִן נאַפּאָלעאָנס צייט, ווען די רוסיִשע לאַסט האָט געדרוקט. ניִשט דאָס איִז אָבער וויִכטיִג. דער עיקר איִז נאָר, אַז היִנטער די פּערזאָן שטעהט די קראַפֿט פֿון דעם גאַנצען קאָלעקטיִוו, וועלכער שטויסט די פּערזאָן; ביי יעדע צופֿעליִגקייט בעהערשט זי דער וויִלען פֿון גאַנצען פֿאָלק, און די זאַך געשעהט.

און שמועסענדיִג וועגען גרויסע מענשען, וויל איִך אויך וויִסען וואָס

ביי אונז טהוט זיך אַצינד? שטרעבונגען זענען דאָך יאָ דאָ; דאַכט זיך, אַז קיין שום צייט אין אונזער דור איז נאָך נישט אַזוי רייך געווען מיט שטרעבונגען, ווי די איצטיגע — הייסט עס, אַז דער קאָלעקטיוו גייטיגט זיך יאָ אין גרויסע מענשען? דאַרפֿען זיי דאָך זיין.

איך וויל דאַדורך נעהמען צום צייכנען איינעם

איך רעכען, אַז דער עולם וועט מיך אַוודאַי נישט חושד זיין אין פֿערקויפֿען מיין פֿעדער צו זינגען איינעם אומזיסטע, נישט פֿערדינטע שבחים, און אויב איך געה וועמען לויבען, איז עס נאָר, ווייל אַנדערע אויף מיין אָרט וואָלטען עס אויך געטהון.

און אויב, אַזוי, וויל איך טאַקי נעהמען דעם ערשטען און בעסטען פֿון אונזערע אָנגעזעהנסטע און פּאָפּולערסטע.

דער עולם וועט זיך געוויס נישט וואונדערן, ווען אויף דעם אָרט וועל איך אָנרופֿען הערר נח פּרילוצקי'ן, ווייל אַלע ווייסען, אַז די איצטיגע צייט איז זעהר מסוגל, אַז מען זאָל שמועסען וועגען איהם.

ווער איז ה' נח פּרילוצקי? אַלע ווייסען, אַז ער איז אַ מענש מיט אונגעהויערער ענערגיע און מסירות-נפֿש'דיגער איבערגעבענהייט צו דער אַרבייט, איז איינגעגראָבען שטענדיג אונטער די יאָך, וואָס זיין פֿפֿליכט און זיין שטעלונג האָט אויף איהם אַרויפֿגעלייגט, פּונקט ווי אַנ'אַרבייטס-פֿעהיג אייזעל איז איינגעגראָבען הינטער דער גרויסער שווערער מאַסע, וואָס זיין בעל-הבית האָט אויף איהם אַרויפֿגעלייגט.

אַלע ווייסען דאָס — אָבער נאָר דאָס, און קיינער קען איהם נישט חיפּיל עס איז גייטיג אויך צו בעשטימען דאָס אידעאַלע אין איהם.

שטאַרק אין ענערגיע, האָט ער שוין אין זיין פֿריהסטער יוגענד געזוכט מיט אַ גרויסער אונרוהיגקייט עפּעס אַרבייט אויפֿ'ן געזעלשאַפֿטליכען געביט.

קיינער ווייסט עס נישט, אָבער איך, דער שרייבער פֿון די שורות, וועלכער איז געשטאַנען שוין צייט יאָהרען-לאַנג אין נאָהנטקייט, כמעט ביי דעם ווינקעל, אין וועלכען ער איז אויסגעוואַקסען, קען אַנ'עדות זיין פֿון שלעכטע שטימונגען, אונרוהיגע מינוטען פֿון זוכען און בענקען, וועלכע עס זענען בעמערקט געוואָרען אויף דעם געזיכט פֿון דעם דעמאָלט נאָך גאָר יונגען פּרילוצקין.

אָט געדענק איך, ווי היינט נאָך: עס איז געווען אין סוף זומער-טעג, אַ שעהנע און קלאָרע זון, מיט אַ בלאָהליכען הימעל, באַבסקאָ-לאַטאַ איז געפֿלויגען אין דער לופֿט, ווי אין יענער צייט, און מיר זענען געזעסען ביידע אויף דעם באַלקאָן, וואו זיי האָבען דעמאָלט געוואוינט אויף פּיינסקי גאַס. ער, ווי מיט אַנ'אָבגעשוואַכטקייט אויפֿ'ן גאַנצען פּנים און פֿערגליווער-קייט פֿון די שוואַרצע אַפּלען האָט ער דעמאָלט געקוקט אין דער לופֿט אַריין, אויף דעם אָבשטאַרבענדיגען זומער, אויף זיינע לעצטע טעג, וועלכע זענען אַזוי מסוגל צו דערמאָנען אונז אין ימים-נוראים-גייסט; דאָס בלויזע

זוינדטעל וואָס קומט דעמאָלט צו שוועבען צו אונז, די שטילע פֿערטראַכטקייט און קיהלקייט, דערמאָנט אונז עפּעס אָן אַנדערע וועלטען, אָן אַ גרויסען סדר העולם, וואו אַלץ ענדערט זיך לויט זיין צייט, שטאַרבט און פֿאַרגעהט ווי אַ חלום, און לאָזט נאָר אַ טיפֿע בענקשאַפֿט און מחשבות וועגען תכלית פֿון דער וועלט; וואו ביסטו ערגעץ, מענש? צו ווייסטו אַז עס ליגט אויסגעשפּרייט אַ גרויסע וועלט מיט זונען און פּלאַנעטען, און אַז צווישען דעם אַלעם ביסטו נישט מעהר, ווי אַ שטויבעלע, אַ מילב מיט אַ גאַנץ קליינעם אונטערשיד פֿון איהר ביז דיר; נאָר מיט דריי איילען העכער און צוויי איילען דיקער. און אָט עס זיצט דער יונגער פּרילוצקי און די גאַנצע טראַגעדיע פֿון לעבען, די גאַנצע טיפֿקייט פֿון דעם וועלטס-רעיון לעז איך אויף זיין פֿערשמאַכט געזיכט, אויף וועלכען עס ליגט אויסגעגאָסען אַ בענקענדע און זוכענדע, נאָר שוין פֿאַרמאַטערט-געוואָרענע נשמה פֿון אַרומקלעטערן אין די לעבענס-פֿערדרעהטע סודות.

ער זוכט אַליין, ער בענקט אַליין, ווייל וועמען און וועלכען פֿריינד קען אַ יונג האַרץ דערצעהלען, וועגען שמערצען, געדאַנקען און ספיקות, וועלכע עס האָבען זיך דערין בעזעצט? נישט בעגרייפֿענדיג נאָך די גאַנצע וועלטס-מאַשין, און דעמאָלט, ווען דאָס האַרץ איז נאָך יונג און ווייך, און יעדער איינדריק פֿון וועלט, מחשבה און לעבען, געהט דערפֿאַר פֿאַרביי מיטשלעפּענדיג עס אין פֿאַרשידענע שטימונגען, אונטערוואַרפֿענדיג עס הינטער אַנ׳אונגעהויערן מיסטיציזם; דעמאָלט ווען דאָס האַרץ איז נאָך יונג און איז טראַגיש-פֿעהיג, ווי אין האַמלעטס יאָהרען, קען עס ביי קיין אופֿן נישט בעשטימען זיך קיין לעבענס-וועג, ווייל אַלץ איז דעמאָלט לעכערלעך, אַלע פּערזענליכע לעבענס-תכליתים קליינליך, ענטקעגען דעם, וואָס עס טראָגט אין זיך פֿאַרבאָרגען דאָס יונגע האַרץ.

דאָס איז געווען דעמאָלט, אין יענער צייט, ווען זיין זעעלע האָט קיין רוה נישט געקענט געפֿינען און האָט געדורשטען און געשמאַכט נאָך עפּעס, וואָס זאָל איהר בערוהיגונג און טרייסט ברענגען, וואָס אין דעם זאָל ער קענען זיין שמערץ פֿאַרטרינקען און אַליין פֿאַרגעסען זיך — הגם, אפשר וועט דאָס אויך איהם ברענגען בעפֿרידיגונג און דאָס וועט ווערען זיין אויסדערוועהלטער וועג. עד וואַרפֿט זיך דאַדורך מיט דעם גאַנצען ברען און פֿייער פֿון יונגער איבערגעגעבענהייט צו דער קונסט. ער וויל איהר דיענער ווערען, ער וויל זיך אין איהרע וועגען פֿאַרטיפֿען און מיט איהר אָנטרונקען זיין דורשטיגע נשמה. אָבער קיין טאַלענט האָט דער יונגער פּרילוצקי נישט געהאַט. ער האָט נישט געהאַט די נייגונג פֿון נאָכגעצויגען ווערען נאָך אַ קלאַנג, וועלכער טראָגט זיך אַוועק אין רוים, ביז אין דער וויטסטער פֿאַרלוירענהייט, און דאָרטען בלייבט נאָר הענגען נישט מעהר, ווי די נשמה פֿון קלאַנג. ער האָט נישט געהאַט דעם כח, אַז פֿון עטליכע ווערטער, וואָס ער הערט וועגען וועמען דערצעהלען — זאָל זיך איהם באַלד פֿאָרשטעלען יענעמ׳ס געזיכט. ער האָט אויך נישט געהאַט די דיפֿערענצירונגס-פֿעהיגקייט

פֿאַר יעדען זאַך בעזונדער, וואָס עס הערט זיך אַרויס פֿון איינעמ'ס ווערטער בשעת ער רעדט. נישט די איינגעשפּאַרטקייט מיט וועלכֿער מען פֿאָלגט נאָך טהאַטען, וועלכֿע ערקלערען אַ רייהע פּסיכאָלאָגישע אורזאַכֿען, ווי אַזוי זיי זענען ענטשטאַנען און במילא טראָגען זיי פֿאַר אייך פֿאַר אַ גאַנצע רייהע געשעהענישען, בילדער און איבערלעבונגען; דאָס זענען די געשעהענישען מיט וועלכֿע מען דאַרף אַליין רייך זיין, און במילא וויקלען זיי זיך פֿאַר אייך אויף. דער יונגער פּרילוצקי האָט דאָס אָבער נישט געהאַט, און זיין געדיכֿטעט ביכעל צו יענער צייט „פֿאַר'ן מזבח" האָט איהם ביי זיך אַליין, אין זיין אייגענעם בעוואוסטזיין נישט געגעבען קיין אָנ'ערקענונג. איך וויל נישט שמועסען וועגען דעם, ווי אַנדערע, וועלכֿע זענען אָנגעפֿאַלען אויף איהם פֿאַרנוצענדיג אַ גאַנצען מבול מיט ווערטער און מיט זידלען בעוויזען, אַז עס איז נישט קיין פּאָעזיע. דורך זידלען אָבער ווערט אונז נישט קלאָר, וואָס עס הייסט יאָ און וואָס עס הייסט נישט פּאָעזיע. איך וועל נאָר נעמען איין קליינינקייט, אין די שטימונגען, אין וועלכֿער דער יונגער פּרילוצקי איז דעמאָלט געווען איינגעהילט, האָט זיך איהם אַלץ געפּלאָנטערט דער באַבסקאַ-לאַטאַ אין דער מיט, וועגען וועלכֿען איך האָב שוין דערמאָנט, און עס איז אַ פּסיכאָלאָגיש געזעץ, אַז צוזאַמען מיט אַלע איבערלעבונגען האָט ער זיך נישט געקענט בעפֿרייען פֿון יענעם מילעי, פֿון יענער לופֿט, אין וועלכער די שטימונגען זענען בעשאַפֿען געוואָרען, און במילא — אויך פֿון באַבסקאַ-לאַטאַ, אָבער אָנשטאָט באַבסקאַ-לאַטאַ בענוצט ער דאָס וואָרט „ארץ-ישראל-ביימוואָל", און קוים חאָט ער געקענט פּאַרטזישען די פֿאַרב פֿון ערשטען וואָרט אויף דעם צווייטען, וועלכֿעס קלינגט ווי דאָס וואָרט ארץ-ישראל-באָקסער — איז שוין געגוג; דער יונגער פּרילוצקי האָט קיין טאַלאַנט נישט געהאַט.

אין אַ צייט אַרום ווען מיר האָבען זיך געטראָפֿען אויף אַ זומער-וואוינונג, דאַכֿט זיך, אין ווילאַנאָוו, האָט ער מיר ליגענדיג אויף דעם גראָז, שוין געלעזען דעם מאַנוסקריפּט פֿון דעם זעלבען ביכֿעל. איך האָב איהם אויסגעהערט, און שווייגענדיג האָבען מיר זיך געזעגנט. איך האָב איהם נישט געוואָלט דעמאָלט מצער זיין, ערשטענס, ווייל איך האָב געוואוסט מיט וויפֿיעל פֿון זיינע איבערלעבונגען דאָס איז פֿערבינדען, און צווייטענס, ווייל איך האָב איהם דעמאָלט ליעב געהאַט פֿאַר זיין תמימות, פֿאַר זיין פֿרעגען זיך, אָדער חאָטש שטימערהייט אָבוואַרטען אויף אַ מיינונג פֿון וועמען, וואָס היינט, אַלס פּאָליטיש-רייפֿער מאַן, וואָלט ער עס שוין נישט געטהון; היינט, ווען ער ווייסט שוין, אַז מען וויל, קען מען זיך אַליין איינרעדען, אַז עס איז גוט, און אויך אַ זעקס אַרומיגע, וועלכֿע זענען מאַטעריעל *געצווינגען צו גלייבען* — און עס *ווערט גוט*; נישט נאָר דאָס, נאָר אפילו ווערק און דראַמען — אייגענע און די פֿרוי'ס, אָבער איך האָב איהם דעמאָלט נישט געקענט מצער זיין, ווייל חאָטש ער האָט געגלויבט, אַז זיי זענען גוט, זענען אָבער געווען סימפּאַטיש זיינע ספיקות אַז טאָמער טויגען

זיי ניעט, בשעת היינט ביי דעם פולען בעוואוסטזיין, אַז זיי טויגען נישט. קלערט ער אָבער, אַז זיי קענען דאָך ווערען גוט.

איך האָב מיך דערנאָך נאָכאַמאָל מיט איהם בעגעגענט, אין זעלבען יאָהר, שוין ווינטער, אין זיין היים, און דעמאָלט האָט ער מיר שוין געוויזען קאָרעקטען פון דעם ביכעל, איך האָב מיך ווידער מיט איהם געזעגענט שוויינענדיג, און דאָס ביכעל וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט האָט איהם קיין נחת נישט געבראַכט. און אָט דערמיט בין איך אפשר בעגאַנגען אַ שטיקעל פעהלער; אַז איך וואָלט איהם געווען איבערצייגט, וואָלט ער דאָס אפשר נישט אַרויסגעגעבען.

ער האָט קיין גליקליכען שטערן נישט געטראָפען פאַר זיך אויף דעם קינסטלער-וועג. דאַן איז זיין נשמה, וואָס האָט זיך געריסען נאָך עפּעס, געבליבען אַ דורשטיגע ווי פריהער, און ווידער האָט ער אַרומגעבלאָנדזעט, נישט קענענדיג געפינען די סטעטשקע צו זיך אַליין.

ער האָט אָנגעהויבען צונויפצונעהמען יונגע זאַכען פון אָנפאַנגער, אַרויסצוגעבען, — קען ער נישט אַליין, אפשר וועט איהם געלינגען האָטש אַנדערע צו געבען די מעגליכקייט, אַז זיי זאָלען נוצען ברענגען פאַר דעם דאָזיגען פעלד. אָבער אויך דאָ איז געווען אומפערמיידליך די פּרוכטלאָזיגקייט. ווייל פרץ האָט איהם זעהר נישט געליטען און כמעט, ווי אַרויסגעשטויסען פון דער קינסטלער-סביבה, וואָס דאָס האָט איהם אויך צוגענומען די מעגליכקייט צו בעקומען זאַכען פון אָנגעזעהענע שריפטשטעלער, און כ'לעבען, צו זאַכען פון אָנפענגער מוז מען האָבען אַ שאַרף אויג, וואָס דאָס האָט דער יונגער פּרילוצקי ווייזט-אויס אויך נישט געהאַט, איז דאַדורך געווען אומפערמיידליך די פאַלשע פערספעקטיוו. ער האָט אַרויסגעגעבען איין ביכעל און דאָס צווייטע, וועלכע האָבען קיין ערפאָלג נישט געהאַט— האָט ער געמוזט בלייבען שטעהן.

איך, וואָס בין געווען אַן עדות ביי דעם וויגעל פון זיין אויפשטייגען, האָב געוואוסט, ווי גערודפ'ט דער יונגער פּרילוצקי האָט זיך דעמאָלט געפיהלט.

און אָהן אַ ברירה, זייענדיג אָבגעצוימט פון אַלע וועגען, וואָס קענען זיין נשמה בעפרידיגען, איז ער אַוועק קיין פעטערבורג ענדיגען זיין שטודיום.

איך ווייס נישט וויפיל עקעל צו אונזער גאַנצער קינסטלער-און גייסט-טרעגערישע סביבה פּרילוצקי האָט דעמאָלט אַוועקגעפיהרט אין זיין יונגען האַרץ,—אָבער, ווי אַ נשמה, וואָס ווערט קיינמאָל נישט ערמידעט, קיינמאָל נישט ענטטוישט אַרבייט ער ווייטער און ווייטער אויף דעם דאָזיגען פעלד, נאָר שוין נישט אין דער זעלבער צווייג, שוין נישט אַלס קינסטלער.

ער שיקט פון צייט צו צייט צו זיינע זשורנאַליסטישע אַרבייטען צו די פערשידענע טאָג-צייטונגען, וואָס זיין פאָטער רעדאַגירט צו יענער צייט, און האָטש, דעם אמת-זאָגענדיג, אַלס זשורנאַליסט צייכענט ער זיך אויך נישט אויס, ער האָט נישט דעם געהעריגען טעמפּאָ, וועלכער צווינגט דעם

לעזער נאָך איהם נאָכצולויפען, נאָר אַדרבה — אין זיינעם אַנ'אַרטיקעל איז אויסגעגאָסען אַ נאַטירליכֿע אַפּאַטיע, וועלכע מאַכֿט דעם לעזער אָבגעשטאַנען, און לוים, ווי עס פֿאָדערט זיך צייט ביי דעם סאַמע געוועהנליכֿסטען טעמפּאָ אויף אַ דורכֿצולעזען אַנ'אַרטיקעל פֿון וועלכען עס איז זשורנאַליסט— שטעהט מען נאָך ביי זיינעם אַנ'אַרטיקעל גאַנץ ווייט פֿון סוף; ער האָט אויך נישט דעם בריה, די פּולווער-עקספּלאָזיע, וואָס אַ זשורנאַליסט איז עס נייטיג, אום אַרויסצושטויסען די געזעלשאַפֿט פֿון איהר גלייכגילטיגקייט צו זאַכֿען, געשעהעניישען, — אָבער דאָך געהט שוין דער יונגער פּרילוצקי צייט דעמאָלט נישט אַראָב פֿון די שפּאַלטען אויף דעם בלאַט, וואָס זיין פֿאָטער רעדאַגירט, און כ'לעבען, דאָס העלפֿט איהם אַ סך, אַז ער זאָל ווערען פּאָפּולער.

טאָג איין און טאָג אויס, וויינגסטענס צוויי מאָל אין דער וואָך בעמערקט מען און מען לעזט זיין נאָמען, דערנאָך ווען ער האָט שוין געענדיגט זיין שטודיום אַלס אַדוואָקאַט קומט ער צוריק קיין וואַרשא. ער איז שוין נישט יענץ פֿער'חלומ'טע יונגעל, נאָר מיט אַ קלאָרען בעשלוס: זיין אַרבייט איז אויף דעם געזעלשאַפֿטליכֿען געביט.

ער ווייסט שוין ערשט די אייגענשאַפֿט פֿון פּאָפּולאַריטעט, וואָס אָהן דעם קען אַ געזעלשאַפֿטליכֿער טהוער נישט אויסקומען; און דאַדורך,—וואו אַ מיטינג, וואו אַ פֿאָרלעזונג, אָדער אָבענד — בעמערקט איהר אויף איהם פּרילוצקי'ן, מיט אַ שטאַרקען אָנטייל צווישען די פּרעלעגענטען.

די ציימונג דערוויל, וואָס דער פֿאָטער רעדאַגירט צו יעדע צייט, טהוט זיך דאָס איהריגע: ברענגט אויספֿיהרליך, וואָרט ביי וואָרט דעם גאַנצען רעפֿעראַט פֿון ה' פּרילוצקי, פֿערשטעהט זיך—גאַנץ בעדאַכֿט, אָבגעוואויגען, אָבגעמאָסטען, און זיין פּאָפּולאַריטעט וואַקסט נאָך מעהר.

פֿון צייט צו צייט זעהט דער יונגער פּרילוצקי אַליין אויך צו וועקען די אויפמערקזאַמקייט אַרום זיך, שוין אויף זיין אייגענער האַנד, אויסער די צייטונג, ווי צום ביישפּיל: דער פֿייגענבוים-און פּרילוצקי-אינצידענט, דאָס לאָזט ווידער איבער אויף עטליכֿע טעג רייד אין די מיילער ביי די, וואָס זאָוינען דאָס ביי, און אַזוירנאָך וואַקסט ווידער דאָס אָנזעהן.

דורך דער פּאָפּולאַריטעט, וואָס ער בעקומט, הייבט מען שוין אין איהם אָן צו זעהן אַ קראַפֿט, און די אַלע, וואָס האָבען פֿריהער אַזוי פֿיינליך אבגעשטויסען פֿון זייער קרייז, הייבען זיך אָן מיט איהם מקרב צו זיין. ער קומט זיך שוין צוזאַמען מיט זיי, אָדער בעסער געזאָגט, זיי מיט איהם, און מען קלערט שוין אָב וועגען צוזאַמענדיגע אַרויסטרעטען, וואו דער יונגער פּרילוצקי מיט'ן גאַנצען פֿלייס פון זיין נשמה פערנעהמט, וואָס אַמאָל אַ גרעסער און בכבוד'יגער אָנזעהן, אַריבערשטייגענדיג זיינע פֿאָרגענגער, און לאָזענדיג ערשט זיי שוין פֿון הינטען, הינטער זיך. אָט נעהמט, צום ביישפּיל, דיזאָזיגע פערשידענע צייטען — — נאָטיצען, וואָס ווי-

זען בּולט דעם האַראַקטער פֿון זיין שטייגען, אייגענטליך נאָר אָפֿיציעלע, פּאַפּירענע, אָבער ווייזען עס דאָך:

1) נאָטיץ: אין „זאַל האַרמאָניע״ קומט פֿאָר (די דאַטע) אַנ׳אָבענד, אויף וועלכען עס וועלען רעפֿערירען (דאָס טעמע) די ה״ה: ציטלין, נאָמ־בערג, בירנבוים און נ. פּרילוצקי.

2) —: אין „זאַל האַרמאָניע״ קומט פֿאָר (דאַטע) אַנ׳אָבענד, אויף וועלכֿען עס וועלען רעפֿערירען (טעמע) די ה״ה: צייטלין, נאָמבערג, נ. פּרילוצקי און בירנבוים.

3) —: אין „זאַל האַרמאָניע״ קומט פֿאָר (דאַטע) אַנ׳אָבענד, אויף וועלכֿען עס וועלען רעפֿערירען (טעמע) די ה״ה: צייטלין, נ. פּרילוצקי, נאָמבערג און בירנבוים.

4) —: אין „זאַל האַרמאָניע״ קומט פֿאָר (דאַטע) אַנ׳אָבענד, אויף וועלכֿען עס וועלען רעפֿערירען (טעמע) די ה״ה: נ. פּרילוצקי, צייטלין, נאָמ־בערג און בירנבוים.

דאַכֿט זיך דאָך אין פּלוג, אַז דאָסזעלבע, דיזעלבע נעמען, אפילו אויך דער זאַל, אָבער דאָך נישט דאָס. קוקט אייך צו, ווי אַזוי עס האָט זיך בּיסלעכֿווייז, פֿון מדריגה צו מדריגה געענדערט און איבּעררוקען די נע־מען פֿון די פּרעלעגענטען, און אַזוירנאָך זענען שוין די פֿון פֿאָראוים — געבליבען הינטער איהם אין פערלויף פֿון אַ לענגערע צייט, וואָס דאָס זאָל בעדייטען, אַז זיי פֿערנעמען אַ פּלאַץ אין געזעלשאַפֿטליכֿער אַרבייט, איצט שוין, נאָר פֿון צווייטער מדריגה.

אָבער ביי דער שטופּע פֿון פּאָפּולאַריטעט בלייבט ער נאָך אויך נישט שטעהן. ער האָט רייך התונה, אָרדענט זיך איין מיט דעם גרעסטען קאָמפֿאָרט — און דאָ געשעהט אַזוינס, וואָס גיט איהם נאָך אַ שטויס העכֿער. די וואָס האָבען איהם פֿריהער אָבגעשטויסען און נעכֿטען איהם שוין אויפֿ־גענומען אַלס אַ גלייכֿען—שטעהען אָבער היינט פֿאַר איהם מיט גרוים רעס־פֿעקט. אַ טייל אויס נאַטירליכֿער אונטערטעניגקייט פֿאַר׳ן רייכען, אַ טייל פֿון דעם שטאַנדפּונקט: שלח לחמך על פני מים כי ברוב ימים תמצאנו—... פֿאַרוואַרפֿען אַ ברעקעל פֿון פֿריינדשאַפֿט, אויף וועלכֿען מען זאָל קענען בּויען ברייטע פּערספּעקטיווען שאָדט דאָך קיינמאָל נישט, און אַ טייל דער־פֿאַר, ווייל ער איז דאָך טאַקי אַ מאַכט.

דעם יונגען פּרילוצקי׳ס הויז, ווערט ווי אַ מין בעראַטונגס־פּונקט פֿאַר פֿאַרשידענע כלל־אָנגעלעגענהייטען, כלל־טהוער פֿון פֿערשידענע חברות, וואָס דאַרפֿען די שטיצע פֿון דער רעדאַקציע, הייסט דער פֿאָטער זיי ווענדען זיך צום זוהן, ער זאָל דאָס ערליידיגען, דאָס הויז ווערט דער צענטר, דער מיטעלסטער נערוו פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט, און אגב ווערט אויך זיין וואוינונג רעקלאַמירט מיט רעקלאַמען, וואָס שטעהן אָב צו דריי חדשים דורכבאַנק אויף דעם בלאַט, אַ הויז, וואָס פֿאַר כּראָווינצער איז

אויך איינגעפֿיהרט אַ בעזונדער קעסטעל אין רעדאַקציע: ווער עס דאַרף יודישע עצות.

ווער עס פֿאַרשטעהט, וואָס עס הייסט לאָזען אין פֿולען גאַנג די קראַפֿט פֿון אַ צייטונג, דער ווייסט וויפֿיל מיה עס קאָסט אָב איידער מען ערוואַרבט אַזאַ פּאָפּולאַריטעט. און אַזויערנאָך זעהן מיר דעם יונגען פּרילוצקי׳ן שוין אין פֿולען און אין זיכֿערן גלאַנץ.

איצטער וועלענדיג טהון עפּעס פֿאַר דער פֿאָלקס-זאַך, נעמען זיך אַרום איהם צונויף די מעהר אָנפערטרויטע פֿון דער געזעלשאַפֿט, ער גרינדעט די פֿאָלקס-פּאַרטיי געמיינזאַם מיט זיי די חברים זיינע, איבער וועלכֿע ער שטעלט זיך באַלד אויך אָן דער שפּיץ.

דאָס איז דער גאַנג פֿון שטייגען פֿון דעם יונגען פּרילוצקי, ביז אין היינטיגען טאָג; דאָס איז די אמת׳ע היסטאָריע, און וועלכֿער איך גלויב, דער לעזער וועט מיך נישט חושד זיין אין איבערטריבענהייט פֿון לויבנעזאַנגען, אויב זיי וואָלטען נישט געווען פֿאַרדינט.

אָהן שום ספק פֿאַרדינט דער יונגער פּרילוצקי דעם גרעסטען צוטרוי פֿון אונזער פֿאָלק און אויך דאָס רעכֿט צו פּרעטענדירען אויף אַ גאָר גרויסען פֿאָלקס-אָנפֿיהרער.

דאָס קען מען אויך זעהן פֿון דעם צוטרוי וואָס עס שענקען איהם אונזערע בעסטע, וועלכֿע עס שטעהן נאָהנט צו איהם, אַ שטייגער, ווי גראָמבערג, א. ז. וו.

און אַצינד ווען מיר האָבען שוין די היסטאָריע פֿון דערדאָזיגער פּערזענליכקייט בעלויכטען, ווילען מיר נאָך וואַרפֿען אַ בליק אויף דעם כאַראַקטער און אַרט פֿון זיין געזעלשאַפֿטליכֿער טעטיגקייט.

אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון דער פֿאָלקס-פּאַרטיי האָבען פֿיל געהאַט די געלעגענהייט אַרויסצוטראָגען די בעסטע איינדרוקען וועגען דעם יונגען זיין ענערגישען טוער.

יעדער האט געקענט זעהן מיט וויפֿיל טעמפּעראַמענט, מסירות נפֿש און טאַלענט דער יונגער פּרילוצקי קען פֿערטיידיגען זיינס אַ זאַך, מיט וויפֿיל בעגייסטערונג פֿון אידעאַליזם ער קען קעמפּפֿען, מיט וויפֿיל איינגעשפּאַרטקייט—דערפֿיהרען זיין זאַך ביז די לעצטע קאָנסעקווענצען.

איך זעה איהם נאָך איצט, ווי ער שטעהט אויף דער בינע: זיין שוואַרצער, עכֿט סעמיטישער קאָפּ אויף אַ שלאַנקען האַלז, זיינע פֿייער-שפּילענדע שוואַרצע אויגען, און על כלם — זיין האַלטונג, זיינע מאַניערען. און איין מאָמענט וועל איך נישט פערגעסען: ווען עס האָט געהאַלטען ביי דעם סאַמע קריזיס: „פֿאָר-קאָנפֿערענץ, אָדער קאָנפֿערענץ", וואָס אַז אויב עס וואָלט געבליבען דאָס ערשטע, וואָלט געהייסען, אַז דערווייל איז „דאָס פעסטונג" נאָך נישט גענומען, און גאָט ווייסט, אַז אויב עס וואָלט נאָר אַריין אין דער לאַנגער באַנק אַריין, צי וואָלט נישט בעפֿאַלען די געזעלשאַפֿט אַנ׳אַפּאַטיע, וואָס דאָס וואָלט שוין געווען אַ זיכֿערער טויט, — זער

עס האט דעמאלט נישט געזעהן מיט וויפיל פייער דער יונגער פרילוצקי האט געקעמפט. ער האט דעמאלט אויסגענוצט זיין גאנצע אראטארישע קראפט, מען קען זאגען, אז אהיפנאז האט פערהאפט דאס גאנצע פובליקום, מען האט בחוש געזעהן, נאך איידער ער האט דאס לעצטע ווארט געענדיגט, נאך איידער עס איז געקומען צו וועלכע עס איז רעזולטאטען, אז דער גאנצער עולם איז שוין אויף זיין זייט.

אמת איז, אז איך איינער בין דעמאלט געווען אין דער ראלע פון אזעלכען, וואס אי עס פרעהט איהם, אי עס שטעכט איהם; געפרעהט האב איך מיך אויף דער דאזיגער קראפט, נאר געשטאכען האט מיך דורך איין מיטעל, וועלכעס ער האט בענוצט: ער האט אין דערמיט רעדע א שמעטער געטהון מיט א בויגען פאפיר אין דער לופט, אויפהייבענדיג איהם הויך איבער'ן קאפ, בשעת דעם גאנצען עולם'ס אויגען האבען א בליץ געטהון צו דעמדאזיגען בויגען, אזוי ווי גאט ווייסט, וואס אין איהם וואלט זיך געפינען; אזא שטייגער, ווי חאטש א גרויסער, גאר גרויכער בעשולדיגונגס-אקט אויף די געגנער זיינע. אבער וואס דארטען זאל נישט האבען געווען — איז פאר מיר אזא שטייגער זשעסט, א שאבלאן, א וייפען-בלאז, א רויט טיכעל פאר אינדיטשקעס, כדי זיי זאלען זיך אויפהאפען מיט א געהאלדעריי — און, כ'לעבען, אזעלכע ביליגע מיטלען, אז דער יונגער און געזעלשאפטליך-אנגעזעהענער פרילוצקי זאל זיי בענוצען — האט מיך געשטאכען; מיך האט געצארט דער ערנסט פון דער זאך. מיר האט זיך געדאכט, אז דער ערנסט איז שוין ארויס מיט א פלעק — נור דאך, מען זאגט, אז אין דער פאליטיק איז עס ערלויבט...

יא, עס איז טאקי ערלויבט — אויף דער פערזאן אבער האט עס עפעס עדות צו זאגען. דעסגלייכען א צווייטמאל האב איך איהם געזעהן.

פונקט, ווי אין רעגענבויגען-פארבען, אדער בעסער געזאגט, פונקט, ווי בלישצען אין די טראפענס נאך א רעגען, ווען די זון שיינט צריק אויף, אזוי האבען אויך זיינע אויגען געלויכטען, בשעת ער האט גערעדט פון דער סצענע אראב, — אבער נישט ווענייגער האט אויך געבלישצעט זיין סיגנעט אויפ'ן מיטעלסטען פינגער, וועלכען, ווי מיר האט געשיינט, הייבט ער עקסטרא אויף יעדע ווײלע אין דער לופט, טיילמאל אבשטעלענדיג איהם גלייך אנטקעגען דעם עולם, אז ער זאל מיט אזא אונשולדיג מיטעל אויך וועקען די אויפמערקזאמקייט. עס קען זעהר זיין, אז דאס האט ער אונגערן געטהון — אבער מיך, טראכטענדיג: א טאמער נישט אונגערען — האט עס מיך געשטאכען. און אלס אפענער מענש און זיינער א פריינד וואלט איך איהם געזאגט, אז דאס זעהט נישט גוט אויס, אז ער דארף עס נישט טהון. דאס שטערט איהם אין זיין ערנסט און עס איז נישט שעהן פאר זיין גרויסער און פעראנטווארטליכער שטעלונג.

דעסגלייכען איז אויך איינמאל בעמערקט געווארען פון א גאנצען זאל מענשען, אין דער צייט, ווען נאמבערג און נאך פון דעם פאלקס-קאמיטעט

זענען געווען אויף דער בינה, ווי אַזוי פּרילוצקי איז אָנגעקומען מיט'ן פֿאָרטפֿעל, ערשיינענדיג פּלוצלונג, ווי אַ קייזער צווישען זיינע הויפּלייט; מיט וועלכען שטאָלץ און הויכען מאַניער ער האָט אויף נאָמבערג'ן אַראָבגעקוקט, איבערגעבענדיג איהם דירעקטיווען, און ווי באַלד ער איז פֿערשוואונדען צוריק, אַריינשטעלענדיג אַלע אין דער לאַגע פֿון זיינע דינער, איבערהויפּט נאָמבערג'ן.

דאָס וואָס ער איז באַלד אַנטלאָפֿען, איז ער דאָך נישט קיין דאָקטאָר, קיין חולה האָט דאָך אויף איהם אין ערגעץ נישט געוואַרט, נאָר מילא זאָל זיין, אַז ער האָט געוואָלט אַנ'עפעקט אַרויסרופֿען דערמיט, דאָס הייסט, אַז עס איז איהם נישט מעהר צו זעהן ווי פֿינף מינוט, און אפשר, ווער ווייסט, ווייטער אַריין צי עס וועט נישט אויך דערגעהן דידאָזיגע טאַקטיק צו דער מדרגה פֿון: „לא יראני אדם וחי”? נאָר מילא, דאָס קען מען נאָך מוחל זיין, מיט זיך זעלבסט קען ער זיך בעגעהן ווי ער וויל, זיין כבוד, זיין שטאָלץ, ער מעג איהם זיך אָנטהון אויף וועלכער זייט ער וויל,—אָבער נאָמבערג'ן דאַרף ער אַזוי נישט קוועהלען נישט צוקוועטשען אין געגענוואַרט פֿון הונדערטער מענשען. נאָמבערג איז שוין אַזוי אויך גענוג געפֿאַלען מיט דעם אַליין, וואָס ער דאַרף זיך, און אפֿשר מוז ער, זיך מישען אין פּאָליטיק. אמת, אַז נאָמבערג האָט פֿערקויפֿט זיינע שורות אין „מאָמענט” און זיינע געדאַנקען דער „מאָמענטישער” ריכטונג—אָבער פּרילוצקי דאַרף נישט פֿערגעסען, אַז ער איז איינער פֿון אונזערע שענסטע יודען, נאָמבערג, און נישט מאַכען איהם אין דער לאַגע פֿון אַ שמש'ל, אָדער אַ יונגעל, ווייל זיין כבוד פֿאַר דער עפֿענטליכקייט איז איהר כבוד.

מיר מאַכען עס עקסטראַ אויפֿמערקזאַם דעם יונגען פּרילוצקי'ן, אַז ביי זיין גאַנצער גרויסקייט קען ער פֿון דעסטוועגען אַמאָל גערען, צי נישט גערען זינדיגען, ווייל אָהן זינד איז בכלל שווער אויסצוקומען: „אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא”. — נור אפשר וועט איהם דאָך מעגליך זיין אָט אַזעלכע זינד, ווי קליין אַפילו זיי זאָלען נישט זיין, אויסצומיידען, כדי זיין פּערזענליכקייט זאָל קענען פֿאַר אונז בלייבען אינגאַנצען אַ ריינע און אונבעפֿלעקטע.

און אָט צוליב דעמזעלבען טעם, מוזען מיר דעם יונגען פּרילוצקי'ן אויפֿמערקזאַם מאַכען אויף נאָך איין זאַך, ווייל אפֿשר וועט ער אין דער צוקונפֿט אויך קענען זי אויסמיידען, אויב עס וועט קומען נאָכאַמאָל צו אַזאַ שטייגער פֿאַל. דעם יונגען פּרילוצקי'ן וועט עס אַודאי נישט פֿערדריסען, ווייל ער ווייסט דאָך: ווער עס שטראָפֿט מיך, דער ליבט מיך...

ווי אַלעם איז שוין בעוואוסט, טאַקי פֿון מיין בעשרייבען, און אויך וואָס מען האָט געהערט, האָט דער יונגער פּרילוצקי פֿון דער פֿריהסטער יוגענד אָן געטהון אויך אַ סך אויף דעם געביט פֿון דער קונסט, ער האָט זי געשטיצט ווי ווייט מעגליך עס איז און אַז דערדאָזיגער גוטער רצון צו קונסט, איז איהם פֿערבליבען ביז נאָך אויפֿ'ן היינטיגען טאָג; עד היום שטיצט ער זי.

מאַכט זיך אַ פֿאַל, אַז ה׳ גליצענשטיין, דער כמעט וועלט-בעריהמטער סקולפּטאָר און צו אונזער פֿרייד, איבערגעגעבענער יוד, קומט דעם ווינטער צו פֿאָהרען קיין וואַרשאַ. דער יונגער פּרילוצקי האָט זיך דערפֿון דערוואוסט און צוזאַמען מיט דער פֿרוי שטאַט ער ביי איהם אָב אַ וויזיט. פּרילוצקי קויפֿט ביי איהם אויך אָב אַ שטיינערן בילד „דער נביא״ מיט וועלכען די גאַנצע אייראָפּעאישע קריטיק האָט געקלונגען, ווען ער האָט עס דאס ערשטע מאָל בעוויזען.

גע׳מושוה׳ט האָט מען דאָס בילד 1000 רובל, (2110 מ.) זעהר ביליג, נישט קיין אונטערשייד צוליב וואָס גליצענשטיין האָט עס געטהון. אַנ׳איינגעם ביוסט האָט פּרילוצקי אויך בעשטעלט פֿאַר טויזענד מאַרק; דער מייסטער גליצענשטיין זאָל עס קומען מאַכען יעדען טאָג צו פּרילוצקין אין שטוב, אין מיטאָגס שטונדען, ווען פּרילוצקי האָט צייט צו פּאָזירען.

גליצענשטיין בעקומט אויף דעם טויזענד מאַרק און די רעשט בלייבט שטעהן, ווען די גאַנצע אַרבייט איז שוין געענדיגט און גליצענשטיין דאַרף אַרויספֿאָהרען אין אויסלאַנד אין ער הייבט אָן צו מאָהנען דאָס איבעריגע געלד, נאָך העכער ווי צוויי דריטעל, בעקומט ער נאָך אַ לענגערן וואַרטען 300 רובל, דערווייל קומט אַרויס אַ קליינער סכסוך, צום בעדויערן, איינעם פֿון די דריי הונדערטערס האָט גליצענשטיין צריקגעברענגט, ווייל ער האָט נישט געטויגט און פּרילוצקי האָט איהם נישט געוואָלט אָנערקענען, דאַדורך וואָס גליצענשטיין איז שוין געווען מיט איהם ביי זיך אין דערהיים?... גליצענשטיין האָט שוין נאָך דעם סיכסוך נישט געוואָלט געהן צו איהם, מעהר נישט געוואָלט מאָהנען, און דערפֿאַר קריגט ער צוגעשיקט אַהיים, צום בעדויערן, אַזאַ פֿערדריסליכען רעכנונג, וועלכער ליגט אַצינד, ביי דעם שרייבען דיזאזיגע ציילען, אַלס דאקומענט ביי מיר אויפֿ׳ן טיש. און אט וואס דער דאקומענט לויטעט:

„וואַרשאַ, דעם 19-טען פּאַזדזשערניק 1917 יאָהר״.

ר ע כ נ ו נ ג :

פֿאַר דעם „בעטלער״ (דעם נביא) איז געווען בעדונגען 1000 רובל	2160	מאַרק
אַקאָנטאָ ערהאַלטען ה׳ גליצענשטיין	1000	מאַרק
״ ״ ״ זילבער. רוב. 300		
22 מיטאָגען*) צו 5 מאַרק	110	״
11 קאָלאַציעס צו 4 מאַרק	44	״
פֿאַר 1 ברוף און אַ קאָנפֿערענץ מיט מאָפּינקעס	25	״
פֿאַר אַ ביטע צום קרייז-שעף און קאַליש	10	״
פֿאַר אַ ביטע צום בורמישט סאַהמאַ	10	״
פֿאַר אַ ביטע צום ג. ג.	10	״
צוזאַמען מיט די 300 רובל בעטרעפֿט	1857	מאַרק
בלייבט איבער	303	מאַרק

אונטערגעשריבען: פּאַולאַ פּרילוצקי.

בעמערקונג: דעם דאָקומענט צוליב גרייזינער שריפֿט בעטען מיר צו פֿערגיבען״.. וו.ס.

---

*) ווייל די אַרבייט איז אויסגעקומען אין מיטאָגסשטונדען און מען האָט ה׳ גליצענשטיינען, זעלבסטפֿערשטענדליך, נישט געלאָזט געהן מיטאָגען.

דעמדאָזיגען רעכֿנונג קריגט גליצענשטיין צוגעשיקט מיט די רעשט געלד און דעם ביוסט זיין אייגענעם צוגעוואָרפֿען.

נו, עס איז דאָך נישט שעהן, אַז די וואָס האָבען ערוואָרבען דעם נאָמען שטיצער פֿון קונסט און מעצענאַטען, אַז זיי זאָלען האַנדלען פונקט ווי קליינע קינדער, וועלכֿע נאַרען אוים בייגעל מיט מילך איינער ביים אַנדערן, וואָס מען ברענגט זיי אין חדר אַריין. הגם מיר גלויבען, אַז דער יונגער פּרילוצקי איז אין דעם נישט שולדיג, צוליב דעם רעכֿנונג מיט די מיטאָגען זעהט מען, אַז דאָ שטעקט אַ ווייבערישע האַנד — כּפּרט נאָך, אַז דאָס איז אַ רעכֿנונג וואָס שמעקט מיט דעם מאַסשטאַב פֿון קינדערישען שלח-מנות, אויב דו שיקסט מיר נישט צוריק, נעהם איך אָב מיינעס. אמת, מיר ווייסען, אַז דאָ שטעקט נישט זיין האַנד, אָבער אַ חידוש, וואָס אין דער אטמאָספֿערע גאָר אין זיינער קען זיין פּלאַץ פֿאַר נאַרישקייטען, דען מיר ווייסען דאָך, אַז די אַטמאָספֿערע ווערט שטענדיג געשאַפֿען לויט דעם העלד. און לויט דעם גרויסען ערנסט, וואָס איך זעה אין דעם יונגען פּרילוצקין פֿון אייביג אָן, איז עס טאַקע נאָר אַ מיספֿערשטענדניש. דערצו נאָך אַלס אַ הייסער, געטרייער יוד, בלויז פֿון דעם שטאַנדפּונקט, אַז גליצענשטיין, וועלכֿער איז ביים גרעסטען כּבוד, וואָס די אומות-העולם האָבען איהם געגעבען — דאָך געבליבען צוגעבונדען צו אונז, צו אונזער קונסט, אַ געטריי קינד פֿון זיין פֿאָלק, נישט געדאָרפֿען איהם ברענגען צו יאוש, ענטוישונג, כ׳וועל שוין נישט זאָגען אין אונז, נור אין איהם אַליין, אין פּרילוצקין. און ערשט — אָנצורופֿען זיין נביא — „בעטלער”, צו בעליידיגען דאָס שעפֿונג פֿון דעם מייסטער, ווייל אויף איהם איז מען בייז! איידער עס זאָל צו אַזאַ חלול פֿון דער קונסט קומען, וואָלט אונזער רעדאַקציע מיט פֿערגעניגען געוועזען בעצאָהלט די טויזענד רובל פֿאַר דעם „נביא” און נאָך היינט איז זי עס גרייט צו טהון, נאַטירליך, אויב עס זאָל קומען דערצו.

איך האָב עקסטראַ געבּרענגט אויך די קליינע פֿעהלערען, וואָס וואַרפֿען עטוואָס שאָטען אויפ׳ן פּאָן פֿון פּרילוצקין, הגם ער איז אפֿשר נישט שולדיג, נור כּדי ער זאָל זיי אין דער צוקונפֿט אויסמיידען, און מיט דעם איינציגען פֿריינדליכֿען צוועק, אַז ער זאָל עפּעס לערנען דערפֿון. אפֿשר איז מעגליך, אַז אַזאַ פּערזענליכֿקייט, ווי ער איז, זאָלען מיר שטענדיג קענען זעהען אַלס מוסטער-האַפֿטע, אידעאַלע, וועלכֿע שפּיגעלט אָהן שום ספֿק אָב אין זיך אונזער אָרעם האַנדעל-פֿאָלק, נעבעך, און וועלכֿע זאָל אונז דינען אויך אַלס לייכֿט-טורם אין אונזער פֿינסטערער נאַכֿט.

בילדער און פּאָעמען.

י. מ. ווייסנבערג.

י. מ. ווייסענבערג.

אין טאָג פון געריכט.

(דראַמע-פּאָעמע. איינאַקטער.)

געווידמעט דער בעפרייאונג פון אונזער ליטעראַטור.*)

פּערזאָנען:

(אַ ריכטער.	הערשעלע.
אַ דאָקטאָר.	אַ יודענע.
מענדעלזאָן.	אַ יוד מיט אַ קויש.
אַ מיליציאַנט.	איינער אָהן אַ נאָז.
אַ פוהרמאַן	די געריכטוּנגקייט
אַ קריסט.	פּובליקום.)
שמואל.	

(אַ געריכטס-זאַל. מאָרגען-שטונדע. הינטער די שטאַכעטלעך ביי דעם ריכטער-טיש און אויף די בענק פאַר'ן פּובליקום איז נאָך קיינער נייטאָ, אויסער שמואל און ויינס אַ יונגעל הערשעלע.)

הערשעלע: ווען מיר זענען דאָ געקומען,
ווי אַזוי זיך האָט דערנומען
פונקט דער קריסט דאָ אויך אַהער!
איז אַנ'עדות מוז זיין ער?

שמואל: פעהלען שונאים דען, מיין קינד!
גאָט זאָל געבען נור געזונד...

הערשעלע: איהם דעם קריסט דעם זעלבען
האָב איך, אויב געדענקסט, אין
באָר געזעהן;
וואו דער „נומעראָווע" האָט איהם
אויפגעקלערט, געג'ען פערשטעהן,
אַז בנימין, אַז דער קליינער
ברודער מיינער געהט אין קליידער
זייד און וואָל —

---

*) עס איז כדאי צו דערמאַנען, אַז מיט אַ יאָהר צוריק האָב איך דעמזעלבען איינאַקטער געבראַכט צו אַ געוויסען רעדאַקטאָר, וועלכער האָט, ווי אַ בעל-בית'טע ביי אַ חלק פלייש, געהייטען זיך אָבשניידען אַ שטיקעל פאַר 10 רובל. איי וואָס די זאַך איז פערבונדען מיט אַ געוויסער אידעע — דאָס איז איהם נישט אָנגעגאַנגען. איך דערמאַן עס איצט, פאַר דער בעפרייאונג פון דער יודישער ליטעראַטור.
דער אויטאָר.

אוּן דאָס קינד דעם קריסט'ס, וואָס איז דאָן
אויך געווען גראָד צוזאַמען —
נאַקעט, גאָל...

שמואל: איך ווייס, איך ווייס, אַז אַלץ
איז זייער, מיין הויז, מיין היים.
מיין האָב און גוטס —
אויך די גלעזער פון
סאַרווענטקע די געשליפענע
אַ טוץ.

הערשעלע: ווייסט וואָס נאָך דער
קריסט דערזעלבער
האָט געטהון?
צו דער מאַמען קומט ער
קויפען, רופט זיך אָן:
„פאַר דער שטעלע מוזטו
טייער, טייער צאָהלען„?...
און די מאַמע זאָגט צו
איהם: „דו קענסט דיר מאָהלען”...
דען „געזאַלצען” טייער —
זאָגט ער — קאָסט די סחורה”...
„טויזענד מארק דאָס שטעלעכעל
איז נישט קיין מורא?...”

שמואל: נו, איז וואָס־זשע?

הערשעלע: אַ, איז וואָס־זשע? האָט זי
אויסגעזאָגט דעם סוד, דעם פּרייז איהם,
געהט צום קאָנקורענט, צום
קריסט, ער באַלד דערצעהלען —
און מיר ליגען
טיף פיר איילען...

שמואל: האָב מנשה'ן אָנגעזאָגט איך
אויף דער דעקלעראַציע היי־יאָהר
ונדערט רובל מעהרער שטעלען...
און אַצינד שוין אויסצודינגען
מעג ער, אויב נור ער וועט וועלען...

(אַ ייד מיט אַ קויש אויף דעם קאָפּ און אַ פּאָזויעסטקע אין דער האַנד קומט אַריין.)

שמואל: דו בּיסט אויך דאָ?
אַך דו איינער!
גוט — אַ וואָרט וועט

זיין צו שמועסען,
דען נאָך פריה, נישט
דאָ נאָך קיינער...

ור: אָך און וויה צו
מיינע ביינער!..
וואָס געדאַרפען
האָב איך קומען?..
האָט דער רוח מיך
אָנגענומען.
אָט דאָס קוישעל
אָן געוועלבעלס
טהיר צו שטעלען,
און איך זעה שוין,
אַז קיין צרות
וועט פון דעם מיר
איצט נישט פעהלען...

שמואל: אַך, אַך, אַך, אַך —
גוטע צייטען
האָט אין פוילען
זיך בעוויזען —
מיט איינמאָל איז
אויסגעוואָקסען
אין דעם לאַנד
אַזוי פיעל ריזען...

(איינער אָהן אַ נאָז קומט אַריין.)

וואָס איז דאָס?

אָהן אַ נאָז: וואָס זאָל זיין דען?
גאָר נישט — — —
אָהן אַ נאָז...

(עס קומט אַריין דער ריכטער, פובליקום, אַלע פאַרנעהמען זייערע ערטער.)

ריכטער: וואָס-זשע הערט זיך, שמוליע מיינער —
זיצסט אַזוי אַליין דאָ איינער?

שמואל: יאָ, איך זיץ, עס פעהלט קיין בענק:
לעג דיך, שלאָף, האָטש אין דער לייננ...
כ'האָב נור מורא, ס'וועט זיך בייטען...
אַנדערע גאָר קומען צייטען...
אָנגעפולט וועט זיין דער „סאָנד",
באלד די הינגער פון דעם „באָנד"

חעט מען שלעפֿען אין געריכֿטען,
אויסער איין גאָט זאָל פֿעררי‌כֿטען...

ריכֿטער: וואָס-זשע מיינסטו, שמואל דו מיינער —
טויג דיר נישט דער פּוילען-„קאָנט"?

שמואל: קאָן איך שלעכֿטס דען ווינשען פּוילען?
כ'האָב אַזוי לאַנג דאָ געוואוינט!...
נור, פֿערשטעהסטו, ווען דאָס קעלבעל
ליעגט אין שטאַל אַ גאַנצען ווינטער
און צום מאי מען לאָזט אַרוים עס,
ווערט עס הייטער, ווערט עס מונטער...

ריכֿטער: נישט קיין חדוש, ליעבער פֿריינד...

שמואל: אויך אַ ספּראַווע איך האָב היינט...

ריכֿטער: נו, אין וואָס-זשע זאָל דיר געהן?
איך בין גרייט צו דינסט דיר שטעהן...

שמואל: נור די ספּראַווע, וואָס איך האָב,
איז אַ ספּראַווע נישט געוועהנליך
דאָס, הערר ריכֿטער, דאַרף דיר איצטער,
דאַרף אַליין זיין זעלבסטפֿערשטענדליך...
דען דו קענסט דאָך מיך פֿון לאַנג שוין,
כ'בין קיין גנב נישט, חלילה —
און אויך קיין פּראָצענטניק בין איך,
קיין דיסקאָנטעס מאַך אַפֿילו.
נישט קיין גנב, גאָט בעהיט מיך.
דאָס, הערר ריכֿטער, מעגסטו וויסען —
און קיין בייגעל-כֿאַפּער אויך נישט, —
נאָך אין „פּאַוויאַק" נישט געזעסען...
דען די באָרד ביי מיר איז גראָה שוין,
און די הענד שוין אויך צו-אַלט...
נאָך אַ יאָהר און נאָך אַ יאָהר — דאַן
קום איך אין דעם קבר באַלד...
נור וואָס דען-זשע איז מיין ספּראַווע?
איך אַליין האָב אָנצוקלאָגען...
נו, הערר ריכֿטער, וועסטו הערען
אָט וואָס איך האָב איצט צו זאָגען...
נור איך בעט דיך, אַז מיט אַכֿטונג
זאָלסטו דיך צו מיר בעציהען —
דען נישטאָ שוין יענע פּריצים, —
זאָלען זיי פֿאַר אונז זיך מיהען...

ריכֿטער: יענע פּריצים? וועלכֿע מיינסטו?

שמואל: די, וואָס פֿלעגען משה'ן שמייכֿען.
ס'איז אַנ'אַלט-בּעקאַנטע זאַך דאָך...
אַלע, אַלע, אַלע ווייסען...
ס'איז געווען אַמאָל אַ מעשה
מיט די אַלטע אַרענדאַרען,
וואָס די פּריצים פֿלעגען הייסען
אין די קעלערן פֿאַרשפּאַרען.
אָט די מעשה האָט די באָבע
מיר אין וויגעל נאָך דערצעהלט —
ווי דער פּריץ האָט דעם משה'ן
מאַשקען געבּיך, זעהר געקוועלט.

ריכֿטער: אַך, וואָס רעדסטו, אַך, ווי נאַריש!
האָט דער פּריץ שלעכֿטס געטהאָן?
אָפֿען איז דער הויף געוועזען,
מאַשקע נעהמט, וואָס ס'שמעקט איהם אָן.

שמואל: ניין, גענומען האָט דער פּריץ
אַלץ, וואָס איהם איז נור געפֿעלען...
נישט קיין מורא, נישט קיין מורא —
קאָנסט דיך נישט אַנטקעגען שטעלען..

ריכֿטער: האָט דער פּריץ גאָר בּע'גנבֿ'עט
איהם, דעם משה'קען, ווילסטו זאָגען?..
אַך, די רייד, ווי נאַריש, דיינע,
קאָן איך גאָר שוין נישט פֿאַרטראָגען.

שמואל: ווען גענומען ר'האָט זיין טאָכֿטער,
איז שוין אויך גענוג געוועזען...
האָסטו דאָקומענטען אַלטע? —
קוק אַריין דאָרט, וועסטו לעזען...

ריכֿטער: קאָן די זון דען שולדיג זיין, די
בּלום, אויב קעהרט צו איהר דעם בּליק?
געגענטייל, מיר דאַכֿט, זי בּריינגט נור
פֿאַר דער בּלום אי שטראַהל, אי גליק...

שמואל: אָבֿער מיר, מיר, יודען, טאָרען
צו מלכים גאָרנישט בּליקען —
דען עס שאָדט אונז יענעם ליכֿט גאָר
נישט געוועהנט גאָר דאָרט צו קוקען.
און פֿיעל מאָל געטראָפֿען האָט, דער
פֿאָטער בּלייבּט אין קינדער-צער —

אוּן דאָס פאָלק נאָך בלייבט פערראַטען,
אוּן דאָס פאָלק נאָך בלייבט צום נאַר...

ריכטער: אוּן פאַרוואָס־זשע משה'קע, האָסטו —
אַז געווען דער צער איז גרוים —
ניִשט געזעגענט אָב דעם פּריץ
אוּן פוּן לאַנד ניִשט גלייך אַרוים?..

שמואל: ערשטענס: היים איך גאָרניִשט משה'קע
דו פאַרגעס ניִשט, איך היים שמואל, —
מיין ניִשט, אַז פאַרצייטענס איז דיִר —
האַלט עס דיִר ניִשט פאַר קיין שפּיִעל...
צווייטענס:
ניִשט געוועזען איז דיין ווילען,
אַז מיִר זאָלען צוּ דיִר קומען...
דער, וואָס האָט אַהער געברענגט אונז
דער וועט אויך אַרוים אונז נעהמען...

ריכטער: גלויבסטו, אַז עס וועט די צייט, וואָס
זאָגסטו, ווען נאָך, ווען נאָך קומען?

שמואל: דען אויב ניִשט — „די צונג זאָל ווערען
צוּגעקלעפּט מיִר צוּ דעם גומען,
אוּן מיין רעכטע האַנד זאָל ווערען,
אויב ניִשט אמת, אָבגענומען..."

ריכטער: נוּ, פאַרוואָס־זשע, בעט איך, זאָג מיִר,
וואָס־זשע שווייגט ער, קוקט אַלץ צוּ?
ניִשט בעליידיגן, חלילה,
אויף מיין פרעגן דיִך זאָלסטו...

שמואל: אַך, דאָס האָט מען לאַנג געפרעגט שוין,
נאָך אין דוד'ס אַלטע צייטען —
טפּשים, שוטים, נאָך מיִט יאָהרען,
אויב'עט היינט אוּן גאַנץ פאַרצייטען...

ריכטער: וועלכען מיינסטו, וועלכען דוד, —
וואָס געשפּיעלט האָט אויף אַ פידעל?
דער, וואָס האָט אַליין פערפאַסט, מען
זאָגט, אַ הערליך, שען נאָר ליִעדעל?...

שמואל: יאָ, דער דוד, וואָס געקיניגט
איִבער ציון האָט מיִט שטאָלץ —
אוּן צוּבראָכען אַלע פיינד האָט,
זיי געלעגט, ווי סטערדעס האָלץ.

ריכטער: ..ִז דאָס אמת, אַז די פֿידלען
אויף דעם בבל'ס טייך נאָך הענגען —
פֿון אַזוי פֿיעל יאָהרען, יאָהרען,
וויפֿיעל צייט ס'איז שוין פֿערגאַנגען?...

שמואל: צי זיי הענגען איצטער אויך נאָך
אויף דעם טייך דאָרט, ווייס נישט קיינער, —
נור כ'בין זיכער — די השגחה
היט פֿון שקצים זיי און שטיינער...

ריכטער: טאָ, נו זאָג מיר וועט איהר שפּיעלען
נאָך אַמאָל אויף יענע סטרונעס?...

שמואל: דער קיין יוד וואָלט נישט געוועזען
וואָס האָט אין דעם קיין אמונות...

ריכטער: ביזט אַ וואוילער יוד גאָר, כ'לעבען...
ווי איך ליעב דיך, דו זאָלסט וויסען...
אי אַ קאָפּ דו האָסט אַ גוטען,
אי אַ וואָרט מען קאָן אויך שמועסען...
איצט נור לאָמיר דאָס אָבלעגען,
און אָבהאַקען פֿון דעם אַלעם —
דאַכט, אַ ספּראַוועו האָסטו פֿאַר מיר,
רעד — איך הערען בין אַ בעלן...

שמואל: ס'איז געוועזען לאַנג, אַמאָל גאַנץ,
גאַנץ אַמאָל אין אַלטע צייטען,
ווען אַהער בין איך געקומען,
מיעד פֿון וועג, פֿון זעהר אַ ווייטען...
נישט קיין טויער מען זאָל בעקרענצען
האָב פֿערלאַנגט איך, גאָט בעהיט...
אַ געלעגער נור צו קריגען,
וועל איך פֿרעהען מיך דערמיט...
און די פּריצים פֿון פֿאַרצייטענס
פֿלעגען ליעבען בלאַזענס זעהן,
איז דער משה'קע אָהן אַ ברירה
יי אַ בלאַזען אויך געווען...
איהם געהייסען ליעדלעך זינגען,
האַלב אויף פּויליש, האַלב אויף יודיש,
און האָט זעקסערס אויך בעקומען,
און געמאַכט בערוהט זיך שבת...
און אויך „ספּראַוואונקעס״ דעם פּריץ'ס
פּלעגט ער שלעפּען, פֿלעגט ער הויבען,
און דערפֿאַר וואָכ צו פֿערדיענען.

און דער פריץ פֿלעגט איהם גלויבען...
אויך מסירה'לעך צוטראָגען —
איך קיין זאך נישט לייקנען וועל —
נור אין דעם דעם פריץ'ס שולד איז
דאָס איז קלאָר, ווי ליכט איז העל.
און נישט איינמאָל האָט געטראָפֿען,
משה'קען, אז מען האָט געשמיסען —
דאַכט זיך, אז דאָס איז קיין נייעס.
אויך דו, ריכטער, מוזט עס וויסען...
דאָך געוועזען איז פֿערשידען:
יאָהרען זענען פֿיעל אריבער —
פוילען איז פֿערשקלאַפֿט געוואָרען,
ס'איז די רוט דעם לאַנד אריבער.
ס'גלוסט דעם פריץ מעהר קיין בעלער
און זיין יוד, צו לאָזען טאַנצען...
דען אריין עס איז דער שונא
און פֿערכאַפּט דאָס לאַנד אינגאַנצען.
דעמאָלט איז אַ צייט געקומען
זעהר אַ גרויסע צייט געקומען,
פוילען גאַנץ איז אויפגעשטאַנען,
צום געוועהר זיך גענומען.
איך געדענק עס, פונקט ווי היינט נאָך
ווי מיין באָבע פֿלעגט דערצעהלען,
און פֿאַר פרייד די טרעהרען פֿלעגען
אין דעם אויג ביי מיר זיך שטעלען.
ס'איז אַמאָל אַ צייט געוועזען,
פוילען איז געוועזען דאַן רייך,
איהרע פריצים, אַך, אַ שפּאַס גאָר,
זיי קיין קעניג איז נישט גלייך.
און עס לויפען נור שטאַפּעטען,
קאָטשען — זילבער, גאָלד בעדעקט,
איבעראַל מען האַלט אָב „סיימען".
עפּעס האָט זיך דאַן געוועקט...
אין אַ צייט אַרום, שוין שפּעטער,
פֿיעל לעגיאָנען שוין מאַרשירען,
מיט געוועהרען, ביקסען, שווערדען,
אויסגעקליידט שוין אין מונדירען.
ווער אַ האַנד נור האָט געהאַט,
ברויט געגעסען האָט צו זאַט,

דען די פריצים אויפגעעפענט
האבען אלע „סקארבעס" גאלד,
און אבי דאס לאנד צו רעטען
נעהם, פערדיען פיעל וואלסט געוואלט.
בײ דעם ברייטען ווייכסעל־קאנט,
בײ דעם לאנגען ווייכסעל־ראנד
אין דעם אלטען פוילען־לאנד,
מעשיר ווערט ווער ס'האט א האנד

דען עס האט קיין זאך געפעהלט דאן,
פוילען האט פון שאף און רינדער,
מילך און האניג, ווי דאס וואסער
פון דעם קוואלען — פליסט געשווינדער.
הא, הא, הא! א שפאס א לאנד
איז געווען דער ווייכסעל־קאנט
בײ דעם לאנגען ווייכסעל־ראנד —
זיך פערדיענט, ווער ס'האט א האנד:
אי דער קאוואל, וואס ער קאוועט,
אי דער שניידער, וואס ער נייהט,
און די פריצים — אין די גאסען
האבען זיי דאס געלד געזייהט.

נור געוואלט עס האט נישט גאט דאי
אז דאס לאנד זאל אויך געווינען,
קיין תחבולות האט געהאלפען, —
און נור טייכען בלוט עס רינען...
אלע נאכט עס לעגען פריצים
הונדערט אקסען יעדער איינער,
און לעגיאנען עסען, טרינקען,
דאך גאנץ פריה, עס בלייבט נישט קיינער. —
און די קעסלען — אלע ליעגען
אויסגעדרעהט שוין און צוהאקט;
ווי א פוקס, פונקט בײ דעם עסען
האט דער שונא זיי געפאקט...
וועמענס היטעל, וועמענס שווערד עס
איז דא אויף דעם פלאץ געבליבען
ווער אהן שטיוועל, אהן מונדירען
האט אין וואלד זיך אומגעטריבען...
„גיליווע" און „סעראקאמליע"
האט געלויכטען יענע נאכט, —
נור, אוי ווער, דער מארגען האט זי

ווִיסטעניִש זעהר פֿיִעל געבראַכט...
און דעם פריץ אויפֿגעהאַנגען
אויף אַ בוים מען האָט איִן דרויסען:
„חאָטש אַ גלעזעל טהיי אויסטריִנקען..."
בעט דעם פֿיינד ער פֿאַר זיין גוֹסס'ן...
איִן „רוזשאַנער" וועלדעל האָט מען
אויך די קאַסע דאַן געטראָפֿען,
פּונקט קאָזאַקען פֿון דער זייט וואו
זענען דעמאָלט אָנגעלאָפֿען...
אַ געפֿעכט האָט אויסגעבראָכען,
היים צוברענט זיךְ האָט די שלאַכט,
און כל זמן איין אָדער לעבט נאָךְ,
האָט דער שונא ניִשט קיין מאַכט...
און דעם לעצטען לעגיאָניִסט ערשט
פֿון דער קאַסע אויף די שפּיִזען
האָט דער פֿיינד אַראָבגענומען —
און אַזוירנאָךְ זענען זיי ערשט
צו דער קאַסע צוגעקומען.
זעה, איִן וועלדעל איִן „רוזשאַנער"
שטעהען צלם'לעך דאָרט געשטעלט:
ניִשט פערגעסען זאָל דער ווערען,
ווער געפֿאַלען איִז, ווי אַ העלד.
אָט אַזוי דעם לאַנד פֿערוויִסטונג
האָט דער שונא דאַן געבראַכט —
און פֿאַר יודען האָט זיךְ דעמאָלט
צרות גרויסע באַלד געמאַכט.
באַלד אַ חשד איִז זיךְ צוגאַנגען,
אַז די יודען זענען שפּיאָנען,
חאָטש פֿון זיי דאַן בלוט פֿערגאָסען
האָבען טייל איִן די לעגיאָנען.
און דערווייִלע, וואַרשא קאָכט שוין,
פּראַגאַ איִז אַרומגענומען,
אַלע הערצער שטאַרבען-אָב — באַלד,
באַלד אָט וועט דער שונא קומען...
ווען געפֿאַלען די ערשטע קויל איִז,
און דאָס טויער זיךְ האָט געבראָכען,
האָט מען מענשען אויף די גאַסען
פֿיִעל געשאָכטען, אויסגעשטאָכען.
פֿופֿצעהן טויזענד יודען זענען

אין דעמזעלבען טאָג געפאַלען,
און פערבלוטיגט איז געוואָרען
אַלע ברונעמס, אַלע קוואַלען.
און אַ זיפץ זיך האָט געטראָגען
איבער פוילענס לאַנד און ערד:
„גאָט, דערבאַרם דיך! — אָבצט דאָס פאָלק שטיל —
זעה, פערוויסט אונז האָט דאָס שווערד!”
און צוטיילט דעם פריץ׳ס ערד ווערט,
צו פאַראָבקעס אָבגעגעבען...
זאָל דער פריץ מעהר נישט „אויפשטעהן”,
זאָל אין דחקות ער איצט לעבען.
און די בעסטע מענשען האָט מען
אין דער ווייט וואו, ווייט פערשיקט
צי צום לעבען, צי צום שטאַרבען,
קיינער האָט זיי אָנגעקוקט...
און צוזאַמען מיט דעם פוילען
איז דער יוד פערקנעכט געוואָרען,
פון דעם טאָג אָן, פון דעם בייזען,
ווען געברענט עס האָט גאָט׳ס צאָרן...
אָט אַזוי אַמאָל געוועזען
איז אין בריטען ווייכסעל-קאַנט,
און פערוויסט איז דאַן געוואָרען
אָט דאָס שענע פוילען-לאַנד.
נור האָט איינמאָל גאָט געשוואוירען,
אַז קיין זאַך זאָל אייביג דויערן,
אויכ׳עט שטיינער מוליען אָב זיך.
און עס שיטען-איין זיך מויערן...
די „נאַהייקע” האָט געסווישטשע
און עס האָט די לופט געפייפט,
און די אונטעטאַנערס הערצער
קאָרטשען זיך, דאָס לייב פערשטייפט...
דאָך איז גרויס נאָך אָבער פוילען —
נאָך איז פוילען נישט פערלוירען!..
פוילען, אָט דאָס שענע לאַנד,
וועלכעס גרינט ביים ווייכסעל-ראַנד,
פוילען לעבט נאָך איינמאָל אויף,
פוילענס יאָך שוין נעהמט אַ סוף — — —
און איך בעט דיך איצטער, ריכטער.
אויסגעהערט מיך האָסט טשיקאַווע,

פסק'ען מיר אַצינד מיין ספּראַווע...

דיכטער: איך פֿערשטעה נישט, וואָס-זשע ווילסטו,
אויפגעלעבט, אַז אויך האָט פוילען —
ווילסטו אויך דיר וואָס אויס'פועל'ן?..

שמואל: ניין, ווער זאָגט עס?... וואָס דען פועל'ן?
וועט מען מיר דען אויך וואָס געבען?..
אַך, איך וויל נור, אַז מען זאָל מיך
האָטשבי, האָטשבי לאָזען לעבען...

דיכטער: יאָ, אויף לעבען יעדער רעכט האָט,
קיינער קאָן נישט זאָגען — ניין...
אָט דעם פסק וועל איך דיר געבען,
דאָס וועט אַנדערש גאָרנישט זיין...

שמואל: טאָ, נו וואָס, זעה, פאַר אַ טעם האָט —
אדרבה, וואָס איז דאָס?
איינעם שלעפּט מען מיט אַ קויש דאָ
און דעם צווייטען אהן אַ נאָז.

דיכטער: ווער איז דאָרט, דען, ווער איז דאָס?

שמואל: איינער משה'קע, איינער חיים,
אָדער גרוינעם, יכנהאָז...

דיכטער: אַך, אַ מעשה-פלאה דאָס... (עס לויפט אריין אַ יודענע.)

יודענע: געה נור, געה נור,
שמואל אַ בראָך איז
שוין צו דיר!
וועסט שוין שטיינער,
שטיינער פרעסען —
ווייה איז מיר, (אָטעמט שווער)
אויסגעדינגען
האָט די שטעלע
שוין דער קריסט,
און דו שטעהסט דיר,
אָט אָ דאָ נור,
און דו שמועסט...

שמואל: ריכטער, זעה —
ענטשולדיג מיר —
שפּעטער קום איך
צריק צו דיר...
קענסט אַ ווייב נישט
פּטור ווערען,
ליידיג וועט זי

צריק נישט קערהרען...

ריכטער: געה־זשע שמואל — אויף
ווידערזעהען.
ווערסט דאך קומען
באלד צוגעהן?..

(שמואל פערנייגט זיך געהט אוועק מיט'ן ווייב, נעהמען מיט הערשעלען.)

ריכטער: נו, ווער נאך איז?
האט נאך ווער וואס
אנצוקלאגען,
זאל ער קומען
דאס אנזאגען.

יוד: (פון קייש) אך און וויה צו
צו מיינע ביינער...
וואס געדארפען
האב איך קומען?..
האט דער רוח מיך
אנגענומען
אט דאס קוישעל
אן געוועלבעלס
טיהר צו שטעלען,
און א מיליציאנט
זאל קומען
דאס אין צערקעל
שלעפען וועלען...

ריכטער: נו, טא וואס־זשע?
ווידערשפעניג
בינסט געווען?..
האסט געשטעלט זיך
שטורץ דער מאכט?..

יוד: אך וואס רעדסטו,
ריכטער־לעבען,
וואלט אזוינס גאר
אויך אין חלום
מיר געדאכט?..

ריכטער: נו, טא וואס־זשע
איז געווען?

יוד: גאר נישט.
האב געמוזט איך
מיט איהם געהן.

אוּן האָב „זבאָכעס"
אוּן „קולאַקעס"
גוּט געקריגען,
אוּן אין קעלער
שעה'ן לאַנג מיט
מייז געליגען...

ריכטער: אוי אַ „הוּנדספאָט"
איז דאָס איינער.

יוּד: אַך, מיר טהוּן נאָ,
ווייה די ביינער...

ריכטער: געה, דיך טשעפּען
וועט מעהר קיינער...
געה, ביסט פריי. (יוּד אָב)
ווער זשע נאָך איז
דאָרט אַצינדער?
היי נוּר, היי!..

אָהן אַ נאָז: אָ, ווען כ'האָב נאָך
אַ צילינדער
צוּ מיין נאָז — ווי
פאַסען זיי...
אוּן אַזוֹי איך
שעהם מיך נעהנטער
צוּ צוּגעהן.
קען איך פוּן דער
וויטענס שטעהן?..

ריכטער: פאַר וואָס דען דאָס?

אָהן דער נאָז: דער „קוואַדראַטקע"
האָב פאַרדאָן איך
נישט געזאָגט,
האָט זיין שווערדעל
מיר דאָס פּנים
אָבגעקלאָגט...

ריכטער: ביסטוּ גאָר, גאָו
אָהן אַ נאָז?

אָהן אַ נאָז: ווי דוּ הערסט
אַזוֹי איז דאָס...

ריכטער: אָט אַ גרוֹיסע
מערדעריי! —
געה אַ היים, או[illegible]

דו בּיסט פריי ... (אָהן דער נאָז אָב)
אָט אַ מערדעריי
אַ גרױסע ..
צו זיי מאַכען
דאָרט אַ כּוסה?
וואָס-זשע הייסט עס,
מענשען כאַפּען
אויף די גאַסען
און זיי „קנוטען",—
האָבען זיי דאָס
מעשען קנעפּעל
שוין פערגעסען –
יענעם בּראָטען?..

ע, נישט הימליך,
ליעבּע בּרידער —
צופיעל גרוים איז
דאָס גערודער.
אָ, וואָס איז שוין
דאָרט אין פענסטער...
צו דאָרט ע־אָגען
זיך געשפּענסטער
מיט „קולאַקעס"
איבּער קעפּ
און, ווי אַרבּעס
שיטען קלעפּ?...
(עס לויפט אַריין אַ מיליציאַנט און אַ פוהרמאַן יאָגט איהם נאָך.)
וואָס דאָרט איז עס,
אונזער „היטער?"...
מיליציאַנט: אַך, איך וויים נישט
אַ נישט-גוטער...
יאָגט מיך נאָך און
וויל מיך שלאָגען,
האָבּ איך דאָ מיך
אָבּגעטראָגען...
ריזלטער: פוהרמאַן, פוהרמאַן,
זאָג, וואָס ווילסטו?
דאָס געזעץ דו
האָסט געבּראָכען...
אַך, בּיסט מאוס גאָר,

מאוס פערקראַכען ...

פוהרמאַן: הער מיך אוים, וואָס
איך וויל זאָגען,
ריכטער ליעבער,
דיר אַצינד —
נישט בעשולדיג
מיך געשווינד,
נישט קיין קאַץ בין
איך, און ער — קיין
מויז, וואָס מיר זיך
יאָגען,
נור אַ מעשה,
אַך, געשעהן איז
מיט מיין פערדיל
מיט מיין וואָגען ...
סטרעלדזולעך צוויי דעם
פערדיל האָב איך
צוגעבונדרען —
איינס אַ בלאָהס און
איינס אַ גרינס, — ער
שטעלט מיך אָב:
נישט „נאַציאָנאַל" ...
און אַ באַק־פייף
לאָזט אַראָב מיר,
אוש אין אויער מיר,
טהוט אַ קנאַל ...

ריכטער: (צום מיליציאַנט)
אַך דו קונדאַס,
קונדאַס איינער,
האָסטו שכל
מיט דיין שלאָגען?
און נאָך וועמען —
אונזער פוהרמאַן?
זעה איך זאָל דיר
מעהר נישט זאָגען ...

מיליציאַנט: נו, פערטראַכט זיך
ווי אַ גולם
האַט אין פאָהרען

ער איז מיטען,
און פֿערטשעפּעט
אַ מכשפה,
וואָס אויף בעזעמ׳ס
איז געריטען...

ריכטער: נו, דאַדורך האָסט
דו געשלאָגען
אונזער פֿוהרמאַן
אונזער בראַווען?
ע, דו קונדאַס,
מעהר שוין זאָלסטו
אָט די שטיקלעך
מיר נישט פּראַווען.
ווער בעשיצען
וועט דאָס לאַנד,
אויב נישט „מאַטשיק"
מיט זיין האַנד,
ווען אַ גוֹיט עס
וועט ווען קומען?
אוי דו קונדאַס,
אוי דו קונדאַס —
זעה פֿערקריכען
זאָלסט נישט וויט...

(מיליציאַנט און דער פֿוהרמאַן אָב, שמואל קומט אָן.)

ברוך הבא
ביסט שוין דאָ שמואל?
קוים שוין גייט...

שמואל: יאָ, איך האָב מיך
לאַנג פֿערטהון דאָרט.
נישט געקענט אַלײן
פֿאַרטיג ווערען...
אַלץ נור מעשיות,
אַלץ אַזעלכע,
וואָס דאָס אויער טהוט
וויה פֿון הערען. — —
שטעל דיר פֿאָר מיט
מיר געשעהן איז
איצטער דאָרט

אַ מעשה נורא;
מִיר פֿערלאַפּט מיין
שטעל אַ קרִיסט האָט,
אַך, ווען כ'האָב פֿאַר
גאָט קיין מורא,
וואָלט אִיך אִיצט דאָרט
פעטש געצעהלט,
בִּיז אִין ווייסען
טאָג געטיילט...
האָסט געהערט מיין
פלוניה זאָגען,
אַז אִיך וועל שוין
עסען גראָז?

רִיכטער: שטיינער...

שמואל: זאָל זיין שטיינער,
זאָל זיין בּיינער...
נור געמיינט האָט
טאַקי דאָס!...
נור, נו, מילא,
וואָס קען טהון אִיך!
אויסגעדונגען —
אִיז פֿערפֿאַלען, —
נאַרִיש וועל אִיך
מִיך נִישט געבען,
וועל נִישט געהן מִיט
אִיהם זִיך שטעלען...
און אִיך טראַכט מִיר:
כאַפּט דער טייוועל
מִיט דער שטעלע
איהם צוזאַמען —
כ'וועל נִישט געהן קיין
פֿייער מאַכען,
נאַפּט נאָך גִיסען
צווִישען פלאַמען...
וואָס־זשע טהון
זאָל אַ שטייגער
אַזאַ יודעל?
נעהם דעם פגר...
הייסט דאָס פעקעל

סחורה מיינע,
פון דער שטעלע
צו אָהן טענה,
ווייל געוואָהנט מוז
זיין דער יוד, דאָס
פעקעל שטענדיג
ווייטער טראָגען, —
שטעל נישט ווייט מין
מיט אַ קוישעל,
מילא זאָל איך
געהן מיך שלאָגען?..
און צו מיר זעלבסט
נעהם איך זאָגען:
שטעה דאָ, שמואל, דיר
מיט דיין קוישעל,
וועסטו האָבען
דאָ הצלחה...
האָסט א גרויסען
גאָט אין הימעל,
און וועסט לייזען
מיט אַ ברכה...
ערשט עס קומט דער
קריסט צולויפען
און נאָך איהם פיעל,
פונקט ווי מאָן,
און מען כאַפּט מיך
מיט דעם קוישעל
און אַ זארג
צוועק געטהון...
„דאָ קיין פלאַץ איז
פאַר קיין יודען,
געה מאַך שבת
דיר בעזונדער"...
און געפלויגען
איז מיין סחורה
פונקט, ווי אויף דעם
ביזען וואונדער...
און אַצינדער
מיין פאַמיליע,

וואָס איך טראָג זיך
אויף די פּלייצעס,
צוּיט צום שכל
בין געקומען,
ווי אַנ'אָדלער
זיינע קינדער,
און, ווי גאָט אויך,
ווען זיין פאָלק האָט
פון מצרים
צוגענומען, —
וואָס-זשע טהוט מען
מיט איהר איצטער?
מיינסט עס איז גאָר
לייכט און גרינג —
אדרבה
גיב אַנ'עצה —
זיי-זשע דו
אַ וואוילער יונג?..
וואָס-זשע הייסט עס
גאָר בעזונדער —
און ווי קען זיך
דאָס געשיקען?
ווי אין כינע
ווילט אַ וואַנט איהר?
קליינער שכל,
קורצע בליקען...
ליבער ריכטער —
מען בעשולדיגט,
אַז אַ „שיילאָק"
איז פאַרהאַנען?..
גלויבען גלויב מיר,
אַז מיין כעס איז
ווייט פון איהם'ס נישט
אָבגעשטאַנען...
האָסט אַ מעסער —
קען איך אויך ערשט
פונטען גאַנצע
פלייש פערלאַנגען, —
אַ קאַטאָוועס,

ווי די יאָהרען
איז מען מיר דאָ
איצט דערגאַנגען...
אַ מערכה,
ריכטער, הערסטו
קיין דזשיסיקא
וואָס איך האָב,
יענע יודיש
צאַרטע טאָכטער,
וואָס איז שטילער
פון אַ טויב,
און איך האָב נור
בנים בלויז,
קען נאָך זיכער
זיין מיין הויז...
וואָרען ווייסען
ווייסען ווייס איך,
אַז עס איז קיין
זאַך נישט מיין —
אַלץ דעם קריסט'ס איז
אי מיין טאָכטער,
אי מיין ווייב אויך —
אַלץ איז זיין...
און אָט דאָ גאָר —
נאַ בעזונדער...
האָטשבי וואַרפען
זיך אין ווייכסעל
מיט דער פלונית,
מיט די קינדער...
וויל דער פריץ
זעלבסט גאָר קויפען,
„ספּראַוואונקעלעך"
זעלבסט גאָר האַנדלען,
ראָזשענקים און
נים און פייגען,
ראָזשענקים און
נים און מאַנדלען?..
און אַזוי גאָר
אונז איינשלעפען:

ראָזשענקעס און
ניס און פֿייגען —
ליו־ליו־ליו־ליו
ליו־ליו־ליו־ליו
איך וועל האַנדלען,
דו זאָלסט שוויגען !..

ריכטער: וואָס־זשע טהון דיר —
ביסט גערעכט.

שמואל: נעם אַ מעסער,
נעם און שעכט...
ווי אין כינע
ווילט אַ וואַנט איה —
וואָס־זשע הייסט עס —
זיי בעזונדער?
און זיך וואַרפֿען
מיט דער פלונית
אין דער ווייכסעל —
מיט די קינדער?..

ריכטער; ביסט גערעכט.

שמואל: נעהם, און שעכט.

מענדעלזאָן: (איינער פֿון פובליקום)
האָב די עהרע
פֿאָרצושטעלען מיך,
ריכטער ליבער, —
מענדעלזאָן — דאָ
גיב איך דיר מיין
נאָמען איבער.

ריכטער: מענדעלזאָן? איז
עפּעס, דאַכט זיך,
ווי בעקאַנט?
האָב געהערט איך
אָט דעם נאָמען,
וואו אין לאַנד?
אָדער פֿון די
ביכלעך, וואָס מען
נעמט אַמאָל, אַמאָל
אין האַנד?..
סיי ווי סיי, דו
ביסט בעקאַנט.

מענדעלזאָן: קען איך נישט דעם
יוד בעשיצען?
קען אַנ'אַדוואָקאַט
דאָ נוצען?

ריכטער: ביטע, ביטע.

מענדעלזאָן:

און דאָס אַלץ מען
טהוט דעם שמואל'ען?
ווער דער שמואל איז,
ריכטער, ווייסט?
הלואי זאָל
מגין זיין אויף
ביידען אונז זיין
זיידענס גייסט...
דאָס איז שמואל, דער־
זעלבער שמואל, וואָס
ער נאָך וועלכען
טאַקי הייסט,
וואָס אין פראַגע
האָט געוואוינט ווען —
אויב דיר איז בעקאַנט
און ווייסט... —
דער וואָס האָט ביי
די קאָזאַקען
אָבגעצאָהלט פאַר
יעדען קאָפּ.
פאַר אַ קריסט
אַ האַלבען רובעל,
פאַר אַ יוד
אַ גאַנצען „רובל",
לעבעדיגע
ווער עס שטעלט זיי
צו'ן איהם אָב...
און דעם דאָזיגען
שמואל'ען נעמט מען
איצטער זיין
פרנסה צו —
פרעג איך דיך, הו
ריכטער ליעבער,
איז עס גלייך — טאָ
זאָג מיר דו?.. — — — —
ווען אין פראַגע
אין די גאַסען,
ווען געשפריצט עס
האָט דאָס בלוט —
מיט מסירות־
נפש איינער
האָט געפונען
זיך אַ יוד —
איז געגאַנגען
צו די פיינד ער,
אום דאָס „ביסעל"
האָטש צו רעטען,
וויל מען איצטער
איהם צוטרעטען־
איהם, דאָס
אייניקעל פון קדוש—
ריכטער־לעבען,
אַך אַ חידוש...

ריכטער:
ביזט גערעכט.

מענדעלזאָן
דאָך איז שלעכט...

(עס קומט אַריין די
גערעכטיגקייט אָהן אַ קאָפּ)

ריכטער:
האָסטו אויך דאָ
וואָס צו זאָגען?
ווער זשע ביסטו,
קען איך פרעגען? — — —

שוויגסט?..
קענסט נישט רעדען?
האסט קיין צינג?
ענטפער פלינק...
שוויגסטו ווידער —
טא וואס קומסטו
דא, ווארום?
ווילסט אנ'עדות
זיין און—שטום?..
הא, הא, הא הא—
א שעהנער עדות...

ביסט א טויטער
און א גרוס ברענגסט
פון די זיידעס?...
ענטפער גיך —
גלייך פערהאפטען
לאז איך דיך.
און א פאספארט
אויך בעוויז —
און פון וועלכען
ביסטו קרייז?

זי: איך בין די
גערעכטיגקייט, —
האב די עהרע
אייך צו מעלדען
אייער הויך
ערלויכטענהייט.

ריכטער: די גערעכטיגקייט?
אך, דאס מאכט מיר
גרויסע פרייד.
האב די עהרע
איך צו פרעגען,
נאך וואס קומסטו
איצט אהער?
און פאר וואס גאר
אהן א קאפ? — צו
האט נישט שולד דעם
פעלדשערס שער?...
ניין, אזוי בין
איך שוין לאנג
צייט איך בין צו
מיין געדאנק...
צייט די וועלט איז
אבגעריסען
און אנטלאפען
פון דער זון איז
אין געפלאצטען
פייער-ראנג...
צייט די וועלט ביר

הייבט אָן זיין,
איז דער קאָפּ שוין
לאַנג נישט מיין...
נישט קיין פעלדשער
מיט דער שער —
אַלע, אַלע,
צייט די וועלט שטעהט
ביז אַהער
בעמיהען זיך
אָבצושניידען — —
מילא, בלייב איך
אָהן אַ זיידען...
אויך מלכים
און קסרים,
וועלכע זיצען
אויף די טראָנען,
אויך די פּיהו׳יר
וועלכע לאָזען
וועהען פאָהנען...
אַלע, אַלע
זיך בעמיהען איהם
אָבצושניידען —
מילא בלייב איך
אָהן אַ זיידען...
נור אַצינד, ווי
קום איך, פרעגסטו,
דאָ אַהער?...
טייל מאָל בלאָנדזע
צום געריכט איך —
ד׳האָב נישט מעהר...
און איך קום דאָ
אויך אַהער איצט —
דיר אַ וואָרט נור
איינם צו זאָגען,
אויב דו קענסט מיך
נור פערטראָגען?...

דיכטער: אַך, איך בעט, איך
בעט צו זאָגען...

זי: װיסען זאָלסטו,
אַז װאָס מענדעליאָן
געזאָגט האָט
װעגען פראַגער
שמואל דעם אַלטען —
פֿאַר אַנ'אמת
מעגסטו האַלטען...
נישט קיין חנופה
קום איך מאַכען —
כ'קען נישט װיינען,
אינאיינעם לאַכען...
װייסט איך האָב קיין
צוויי געשטאַלטען...
איינם געהאַט האָב
איך אַמאָל,
בין איך אויך'עם
לאַנג שוין גאָל...
נור מיט שמואל'ען,
װאָס אַליין איך
האָב געזעהן,
װאָס דערביי איך
בין געװען,
האָט אַ פּעסעל
ער מיט געלד
פֿאַר משחיתים
אויף דער גאַס
אַרויסגעשטעלט...
דעמאָלט טאַקי
האָט אַ פיצעל
קאָפּ פֿון אַקסעל
מיר געבליהט..,
נור ס'איז לאַנג שוין,
לאַנג אַריבער...
און אַצינד בין
װידער קװיט...
זעה נור איצטער
אויף מיין אַקסעל,
צו אויך איצטער
װייזט זיך ניט?..

דיכטער: ניין, מען זעהט נישט נאָך...

זי: נור, איך האָף, אַז
אויב די ספּראַװע
מיט גערעכטקייט
װעסט ערקלערען —
װעט עס װערען...
נאָר, דערװייל
אַ גוטען טאָג, איך
װיל נישט שטערען...—
זעה נור איצט, מען
זעהט נישט נאָך?..

דיכטער: גאָר נישט נאָך...

זי: אַ גוטען טאָג, מען
מוז שוין געהן (געהט
איינער פֿון פּובליקום.
דאָקטאָר און אויפֿזעהר
איבער פּראָדוקטען).

דאָקטאָר: אַ גוטע װאָך... (צום דיכטער)
אָט אַ שׂמחה.

אָהן אַ קאָפּ און
דעות קומט זי
אויך׳עט זאָגען...
אין אַ ליילעך
וואָלט איך זי דאָ
פון דער שטוב
אַרויסגעטראָגען...
ליבער ריכטער,
הער מיך אויס,
איידער זאָגסט דיין
פּסק אַרויס:
צו אַנ׳נפלה,
וואָס פאַלט נור
קוים אַצינד וואָס
אויף דער וועלט,
ווען מען וואָלט עס
באַלד אַ ביינקע
צו אַ זייטעל
צוגעשטעלט,
און דאָס בלוט עס
נעמען ציהען
אַנשטאָט וואָס דאָס
קינד דאַרף זויגען,
וואָלט עס ווען נאָך
לייט געוואָרען,
אַז עס זאָל צו
וואָס נאָך טויגען?..
און ווי מיינסטו,
ליבער ריכטער,
אויסצונאָגען
„אונזער קינד"
פון „אַ לופט-מענש",
פון „אַ ווינד",
האָט אַ ווערטה פאַר
אונז אַ צינד?..
זאָל ער געהן דער
שמואל פון דאַנען,
זאָל ער געהן זיך
וואו פערזאָרגען...

דען אַזוי אויך
ברעכט דער קאָפּ אונז
פֿאַר דעם היינט און
פֿאַר דעם מאָרגען ...
קוים, עס איז דאָס
קינד געבוירען,
קוים פֿון קינפּעט.
אויפֿגעשטאַנען ...
זאָל ער געהן דער
שמואל פֿון דאַנען
געהט צו אַלדע
גוטע יאָהר ער,
גלייך מיט אַלע
ווייסע גענז ...
דאָ צו בלייבען —
נישט ערוואַרטען
קען איהם מעהר קיין
לאָרבער-קרענץ ...

(די גערעכטיגקייט שטעקט אַריין דעם קאָפּ דורכ'ן פֿענסטער)

זי: נו, עס וואַקסט שוין
מן הסתם?..

דאָקטאָר: יאָ, אַ הויקער
מיט אַ קראַם...
וואָס האָסטו זיך
אָנגעטשעפּעט —
גלאַט און סתם...

(די גערעכטיגקייט אָב)

מענדעלזאָן: ליבער ריכטער,
זעה דעם צינִיק.
האָסט געהערט דעם
דאָקטאָרס ריידען?...
און דו קענסט שוין
מעהר נישט זאָגען?
האָבּיש אַ רוח אין
טאַטענס זיידען!...

דאָקטאָר: מיט דער מאַמען
נאָך צוזאַמען, —
מיט דער באָבען,
אויב ווילסט האָבען...

שמואל: הייסט עס, בין איך
שוין בעגראָבען?..

(עס קומט אַריין דער קריסט, וואָס דער „נומעראַטאָר" האָט איהם איינגעקלינגען אין באָד)

דער קריסט: וואָס איז דאָ דען,
דאָ געשעהן?...

דאָקטאָר: (צום ריכטער מיט רחמנות אויפ'ן קריסט)
אָט דעמדאָזיגען
אויסצונוטצען,
ביי דער אַרבייט
זאָל ער שוויצען
און דאָס ווייב פון
שמואל'ן וועט זיך
נאָר אין גאָלד, אי
זיידענס פוטצען?..

מענדעליאָן: נו, נו, נו, מיר
וועלען זעהן, ווי
וועסט דיין לאַנד אין
גאָלד פערוואַנדלען,
לאָמיר זעהן, צו
וועסטו האַנדלען
ראָזשענקעס אַליין
און מאַנדלען...

דאָקטאָר: גוט, נו גוט...

שמואל: איז בעגראָבען
שוין א יוד?..

ריכטער: קינדער גלויבט, עס
טריפט מיין בלוט.

(אַ שווער שטילשווייגען. עס פאַלט לאַנגזאַם דער פאָרהאַנג.)

וואַרשא 1916.

א. צייטלין.

אהרן ציטלין.

אֲחַשְׁוֵרֹשׁ.

וְעֵת צָרָה הִיא לְיַעֲקֹב -- וּמִמֶּנָּה יִוָּשֵׁעַ.

בייַנאַכט אין מיטען ווינטער,
ווען שטערען בעלייכטען נישט דעם הימעל,
ווען די לבנה בעווייזט זיך נישט, —
בין איך ביים שיין פון אַ לעמפעל,
ביים גאָלדענעם שיין,
שטיל געזעסען איבער אַן׳אורדאַלט בוך
און געלעזען אורדאַלטע לעגענדען,
מעשיות פון גוטע פרינצען און בייזע רוחות,
וואָס האָבען זיי פערכּשופ׳ט,
צויבער=לעגענדען פון אַלטע מכשפות,
און עהנליכע וואונדערבאַרע זאַכען;
ווי פלוצלונג האָב איך דערזעהן
שטעהן פאַר מיר אַן׳אַלטען יוד,
מיט אַ שטעקען אין האַנד און אַ טלית אונטער׳ן אָרעם,
און דער אַלטער יוד — דאָס איז געווען אחשורוש,
דער אייביגער יוד,
און מיט אַ קול, וואָס געהט אַרויס פון קבר
און שמעקט מיט ערד און איהרע ווערים,
מיט אַ מאָדנעם קול, מיט אַ ציטערדיגען קול,

האָט ער מיר דערצעה׳לט זיינע פּיינען,
און מיט טרערען האָט געגאָסען זיין לינק אויג,
מיט פֿייער — זיין רעכטס,
און זיין ברוסט האָט ער צוגעהאַלטען מיטביידע הענד׳
אַז זי זאָל איהם נישט אַרויסשפּרינגען
און האַלב־צאָרנדיג האָט ער געוויינט —
און געפֿרעגט מיך אַזוי־ערנאָך:

„זאָג מיר, דו לעזער פֿון די טויטע ביכער
פֿון די טויטע ביכער און די שענע מעשיות,
צי ווייסטו, אַז זיי ליגען דיר וועגען מיר —
און דערצעהלען דיר שלעכטע, אויסגעטראַכטע זאַכען? —
ניט קוק, וואָס מיינע טרערען פֿאַלען אָהן אַנ׳אויפֿהער,
און אומזיסט, ווי אַ רעגען איבער האַרטע שטיינער;
נישט קוק, וואָס טויזענד קייטען, טויזענד שטריק
און טויזענד גיהנמ׳ס האַלטען מיך געבונדען, —
פֿון מיינע גרויסע ליידען שפּראָצט מיין גליק!
צי ווייסטו, אַז מיך שטראָפֿט נישט גאָט פֿאַר מיינע זינד;
ער שטראָפֿט מיך דערפֿאַר, ווייל ער ליעבט מיך,
זיין אָרעם קינד —"

דידאָזיגע ווערטער, וואָס ער רעדט צו מיר, — הערענדיג,
און גאַליג שמייכלענדיג,
האָב איך מיך אָנגערופען און געזאָגט אַזוי:

„זאָג, צי קענסטו דעם מכשף, וואָס האָט דיך פֿערצויבערט,
און די גרויסע קללה, וואָס ליעגט אויף דיר,
און צי ווייסט דו, אַז דו קענסט נישט לעבען
און שטאַרבען — קענסטו אויך נישט,
ווייל אדומ׳ס הינט בעפֿאַלען דיך שטענדיג —

אָבער גאָט היילט דיך אוים!?...
קענסטו מיר זאָגען, ווי אַזוי ווערט מען לויז
פֿון דער שרעקליכער נגע, וואָס ליעגט אויף דיר?
דען איז ערגיץ אַ שטראָף נאָך אַ ווילדע געשעהן, —
איז דיין שטראָף די ערגסטע!
דיין פּום האָבען צובּיסען טויזענד הינט,
און דיין רעכט אויג, און דיין לינק אויג זענען בלינד,
און דיין טלית האָט זיך געוואַלגערט אין רינשטאָק
נישט איינמאָל, נאָר טויזענדמאָל, —
און דיין קאָפּ איז געווען אונטער האַמער און האַק
נישט איינמאָל, נאָר טויזענדמאָל, —
אָבער פֿרעג ביי דיין שטראָפער, פֿאַרוואָס אַז דו שטאַרבסט
מוזסטו אויפלעבען ווידער,
פֿאַרוואָס איז דיין בלוט גערונען אויפ׳ן טלית,
און פֿאַרוואָס האָט זיין צאָרן געטראָפֿען נור דיך?
פֿאַרוואָס לעבט יעדער איינמאָל און שטאַרבט נור
איינמאָל, —
און דו לעבסט אייביג און מוזסט שטאַרבען אייביג;
פֿאַרוואָס האָט יעדער קבר אַ מצבה —
און דיין קבר איז אייביג אָפֿען און האָט קיין
מצבה נישט?...

„פֿאַרוואָס, אַז ווען גאָט׳ס האַנד בעשטראָפֿט אַ פֿאָלק,
מוז עס צו דיר גלייך אויסלאָזען דעם צאָרן, —
זאָג מיר, דו אומגליקליכער, פֿאַרוואָס?
פֿאַרוואָס, אַז אַלע ברונעמס ווערען פֿול מיט [illegible],
אָנשטאָט דאָס ריינע וואַסער,
ווען אַלע פֿעלדער בוואַליען־זיך מיט בלוט,
אָנשטאָט מיט רייפֿע זאַנגען,
און נישט קיין פֿריהלינג־נעפּעל טראָגט זיך בלוי

פון זייער שוים אין ווייטע הימלען,
נור גאַנצע מחנות פריה=געטויטע גייכטער, —
פאַרוואָס בעשולדיגט מען אין דעם נאָר דיך?...
טראָגסטו דען אויף די אַקסעל זייערע חטאים,
און זייער שטראָף — ציִ מוז זי זיין דיין טויט?
זעה, דורות, גאַנצע דורות, אַז זיי שלעפען
פאַר באָרד און פאות דיך אין אָבגרונד, —
און דו, — דו שווייגסט הכנעה׳דיג, דו ביבסט אויף
צו גאָט די אויגען צוויי — און שווייגסט!?

„די אויגען צוויי, די בלינדע אויגען דיינע, —
וואָס בליצען זיי נישט אויף, וואָס ברעכען זיי נישט אוים
אין טרערען אַזוינע, וועלכע זאָלען קענען
אַראָבשווענקען די וועלט, ווי פאַרצייטענס דער מבול?
דו בלינדער זקן, קינדער שפּיעלען זיך מיט דיר,
זיי וואַרפען שטיינער אויף דיר
און מאַכען לעכער אין דיין אַלטען קאָפּ:
וואָס שווייגסט דו זיי, וואָס ענטפערסט דו נישט אָב?

„דורות=לאַנג ווערסטו געפייניגט און געמאַטערט,
און דיין האַרץ געהט אוים, און דיין האַרץ ערוואַרטעט
דעם לעצטען גואל, דעם לעצטען נס, —
נאָר די בייזע הימלען זאָגען: פערגעס!
נאָר עס לאַכט די ערד אונטען, דער הימעל אויבען, —
און פערלירסט דיין גלויבען,
און ביי קנעכט און ביי הערשער ווערסטו פערשקלאַפט-
און פערלירסט דיין קראַפט.

„דו פערלירסט דיין קראַפט און געהכט פאַראוים, —
וואוהין דאָס זאָגט דיר דיין שטראָפער נישט אוים!

און געהענדיג האָסטו בעגעגענט פיעל טרייסטער,
באַרעמהערציגע מענשען מיט געשליפענע צינגער;
זיי האָבען דיך געטרייסט און האָבען דיר דערצעהלט
אַ מעשה פון משיח.

„נאָר וועט ער אפילו קומען און דיך רעטען —
קען דען אַ בלינדער זיין רעטער זעהן,
און בלאָזט אַ שופר בייטאָג און ביינאַכט —
ווי אַזוי וועסט דו הערען?...

„און וואָס דערצעהלט מען דיר, אַז ער איז דאָ?
ווען ער וואָלט געוועזען —
וואָלט זיין קרוין שוין לאַנג רויט־געוועזען פון דיין בלוט,
זיין פויסט וואָלט נישט גערוהט,
און צושמעטערט וואָלט ער, וואָס דיך צושמעטערט,
און צובראָכען דאָס, וואָס דיך צובריכט.
ווי וואָלט ער גערוהט ביי דעם גוסס־געשריי
פון אַ געשענדעטער בתולה,
און ביי דעם לעצטען „אוי־וועה!“
פון אַ בלוטענדען קדוש?...

וואונדערן האָסטו, נישט קיין וואונדער,
און פערוואונדערט זיי, וואָס עס קומט נישט קיין וואונדער!
דען דאָס איז דער גרעסטער מופת,
וואָס נאָך איז משיח נישט געבאָרען!
דען פון דיינעם אַ קרעכץ
קען אַ משיח געבוירען־ווערען,
און איין טרער פון דיין בלוטיג אויג
איז גענוג, ער זאָל ווערען!

„פריהלינגען געוועזן — וואו זענען זיי?

וואונדער געשעהן — וואו געפינסטו זיי?
אַמאָל, אַמאָל
האָט משה, דער געטליכער מאַן, דיך געפיהרט;
דו ביזט געגאַנגען קיין כנען, דאָס לאַנד פון דיינע פּאָטער׳ס,
און בלויער פריהלינג איז געגאַנגען מיט דיר.
טרוקען איז געלעגען דער געשפּאָלטענער ים —
און משה האָט פרעהליך געזונגען מיט דיר!

„און יעצט וואַנדערסטו ווידער אין אַ ים אַרויטען, —
דאָס איז דער ים פון דיין בלוט, —
און ווידער געהסטו, און ווידער שפּאַלט מען:
מען שפּאַלט דיר דעם קאָפּ. —
און פאַרוואָס — קען איך קיינמאָל נישט וויסען;
זאָג, אויב דו ווייסט עס!“

אָט די דאָזיגע ווערטער, וואָס איך רעד צו איהם, הערענדיג,
און ווי אַ זון דורך הערבסט־וואָלקען שמייכלענדיג,
האָט מיר געענטפערט אחשורוש, דער אייביגער יוד,
מיט אַ מאָדנעם קול, מיט אַ נייעם קול,
וואָס קלינגט מיט די קלאַנגען פון אַ ווייטען דור,
אַ דור וואָס דאַרף קומען, וואָס מוז קומען,
און צערטעלט דאָס אויער ווי אַ געזאַנג פון כרובים: —

„דו נאַריש קינד, פערבלענדט האָט דיך דאָס וואָרט,
וואָס שטעהט אין דיינע ביכער!
ציי ביזטו געשטאַנען ביי מיין וויג?
ציי האָסטו געזעהן, ווער עס וויגט מיך אין איהר?
און זעהסטו נישט דעם אָנפאַנג פון מיין לעבען —
ווי־אַזוי קענסטו דעם סוף וויסען?
און קענסטו נישט מיין געטליכען שטאַם —

ווי=אזוי וואגסטו ריידען?
און קענסטו זי נישט, מיין אוראלטע ליעבע צו גאט,
און די אוראלטע ליעבע פון גאט צו מ י ר —
ווי קענסטו בערייידען זיין שטראף,
וואס ער שטראפט מיך אויס ליעבע!?

הויב אויף די אויגען, פרעג די טיעפע שאטענס,
און הארך וואס די נאכט זאגט:
ליעגט דען נישט אין איהרע טיעפקייטען הער טאג?
די זון, דער נייער מארגען?
הערסטו דען נישט און זעהסטו דען נישט,
ווי צווישען די שאטענס מאהלט זיך א געזיכט:
בארמהערציגע, גרויסע, פערלען=רייגע אויגען,
אויגען פון אנ'ערלעזער?
און די גאלדענע קרוין אויפ'ן געלאקטען קאפ?
און די ליפען ווי רויזען, געפילט מיט ליעבע?
זעהסטו דאס אלץ? און אויב דו זעהסט — צי פערשטעהסטו?

קענסטו דאס געזיכט, וואס שניידט=דורך די טיעפע שאטענס,
ווי דימענט שניידט א גלאז און ווי א בליץ — די וואלקען?
דאס קוקט דורך די שפאלטען דער אריה=דבי=עילאה.
קענסטו דעם דונער, וואס וועקט די מתי=חברון? —
זיין הייליגער ש ו פ ר איז דאס!
דער לייב וואס וועט אין גרויסען מדבר פון די פעלקער
מיך קומען באלד ערלייזען, —
בליקט שוין דורך די שפאלטען, גאפט שוין דורך
די גארענס.
נישט מיין: די נאכט האט מיך אויף איביג פערזיגעלט,
פערזיגעלט און פערשלאסען;
ביין — ליגנער זענען די, וואס זאגען דאס,

אָדער פינסטער איז זייער אויג פון צו זעהן
און זייער הארץ פון צו פיהלען.
גלויב זיי נישט, מיין קינד, גלויב זיי נישט!
גלויב נישט דעם טויטען געשלעכט,
וואָס ווערט שוין משיח'ן נישט זעהן אויף אייביג!
דו אָבער לערן דיין אויער צו הערען
זיינע טריט פון דערווייטענס,
און לערן דיינע אויגען צו זעהען זיין בילד־
און פאָרש נאָך די סימנים פון זיין באלדיגען קומען״.

1916.

ש. ראָזענבערג.

ש. ראזענבערג.

עלי הכהנ'ס טויט

היסטארישע פאעמע.

יוסטינע מינקים — מתנה.

I.

געלעבט האט אין שילה דער כהן הגדול,
א זקן: זיין נאמען איז עלי געוועזן,
געטהון די עבודה בשלמות, פון הארצען,
געוואלט האט די יודען אין גאט'ס וועג נור זעהן.

האט אבער דער אלטער קיין נחת געהאט, אין
זיין לעבען געליטען נאר צרות און לייד,
דען זיינע זיהן פלעגען איהם חרפות פערשאפען —
זיי זענען פון גאט שוין געוועזען גאנץ וויים.

עס האט דאן דער אלטער ביי גאט זיך געבעטען,
איהם נישט צו פערשטערען גאט דינען אין פרייד —
און זאל איהם די קינדער אומקעהרען צום גוטען
און זאל נישט בעדעקען זיין עלטער מיט לייד.

עס האט נישט געהאלפען דאס בעטען און קלאגען
פון אלטיטשקען עלי, און אויך'עט דער גזר
פאר זייערע זינד איז גע'חתמ'עט געווארען —
זיי מוזען די שטראף שוין אבקומען דערפאר:

II.

געוועז אִיז עס דעמאָלט אַ שטִילִינקער אָבענד,
דער הִימעל מִיט טויזענדער שטערען בעזייהט,
עס האָט זִיך געהערט נאָר פֿון ווייטענס אַ זשוּמען.
אוּן פֿייערלעך האָבען געפֿינקעלט גאַנץ ווייט.

דאָס האָט עס געלויכטען אִין מחנה יִשראל,
מען אִיז דאָרט דִי היינטִיגע נאַכט אוֹיפֿגעוועז;
דאָס האָט מען געגרייט זִיך ביינאַכט צוּ דִי פּלשתים
געוואַרט אוּמגעדוּלדִיג, וואָס דאָ וועט געשעהן.

אוּן שטוּם זענען הִימעל אוּן ערד דאַן געלעגען,
אוּן שטִיל אִיז געוועזן אוֹיך דִי הערלִיכע נאַכט,
עס האָבען געהערט זִיך נאָר איינצעלנע שטִימען:
דאָס האָבען דִי שומרים דִי מחנות בעוואַכט.

עס פֿינקלען דִי שטערען גאַנץ רוּהִיג אִין הִימעל,
זיי רוימען דער נאַכט איין פֿיעל סודות גאַנץ שטִיל:
אַך, מאָרגען וועט ברענען דער הִימעל אוּן גלִיהען, —
דִי ערד וועט בעדעקט מִיט פּגרים זיין פֿיעל.

אוּן פֿינסטערער, פֿינסטערער ווערט אַלץ אִין דרויסען,
דִי שטערען, דִי גרִינע, זיי פֿינקלען אַלץ מעהר,
בִּיז טאָג ווערט, ס'ווערט בלאַסער אִין מזרח־זייט דאָרטען,
אַ שִימער אַ רויטער שוין צִיטערט אַפֿער.

עס הויבען דִי שטערען אָן איינצִיגווייז שווִינדען,
עס קוּמט שוין דער מאָרגען, ער איז שוין נִישט ווייט,
ס'פֿערלעשען דִי פֿייערלעך באַלד זִיך אִין מחנה,
עס זעהט זִיך דער שונא אִין רייהען אַ קייט.

עס קריכט רויט די זון אַרויס העכער און העכער,
עס איז שוין פֿערשוואונדען אינגאַנצען די נאַכט,
עס זעהט זיך פֿון וויטענס דעם שונא זיך גרייטען,
אויך דאָ אין דער מחנה ווערט גרייט זיך געמאַכט.

עס שטעהען חילות, צווי מחנות אַנטקעגען,
פֿון וויטענס קוקט איינער דעם צווייטען שוין אויס:
נו, זאָלען זיי קומען די שלאַכט אָנצוהויבען,
שוין ציטערן ליפּען מיט אַנגסטען אַרויס

III.

עס האָט גאָט די זון היינט פֿון שייד אויסגעצויגען,
זי ברענט — און דער טאָג איז געוועזען שטאַרק הייס
פֿערמידעט פֿון היץ ליגען אַלע דערשלאָגען,
דאָך ווער וועט געווינען? דאָס איין גאָט נור ווייס.

נאָר פּלוצלונג דערהערט זיך פֿון וויטענס געשרייען;
עס טראָגט זיך צום הימעל אַ וויים-גרויער שטויב,
באַלד זעהט מען ווי ס'יאָגען דאָרט וועגען און מענשען,
ווי חיות, וואָס לאָזען זיך לויפֿען צום רויב.

עס הערט זיך בעפֿעהלען אין מחנה ישראל,
ווי לייבען באַלד שטעהען זיי אַלע איין וואַנד,
און געהען מיט איין הארץ דעם שונא אַנטקעגען,
די קעפּ אויפֿגעהויבען, מיט שווערדען אין האַנד.

עס מישען די מחנות זיך באַלד שוין צוזאַמען,
די שווערדען שוין פֿאָכען און שניידען די לופֿט,
עס ווערט אַ געטומעל, עס שרייען די שרים
און יעדער זיין מחנה אין שלאַכט אַריין רופֿט

IV.

עס שאַלען די שופרות, עס בלאַנקען די שווערדען,
ס'איז שרעקליך און בלוטיג און קראַמפּהאַפּט די שלאַכט.
עס פּאַלען און לייגען זיך מענשען, ווי פליעגען,
נור גאָט אָבגעטהון פון ישראל האָט די מאַכט.

ס'צופלאַקערט די שלאַכט זיך נאָך שטאַרקער און הייסער:
אומזיסט דאָך פערגיעסען גבורים דאָס בלוט,
עס טאָרגלען די קערפּערם זיך, צאַפּלען און וואַרפען,
ס'האָט גאָט אויסגעצויגען זיין אייזערנע רוט...

— — — — — — — — — — — —

און פלוצלונג אַ שרייען אין מחנה ישראל
ערהערט זיך — זיי האָבען פערשפּיעלט שוין דעם קריעג,
עס האָבען די פלשתים די יודען צובראָכען,
שוין שאַלען די שופרות פון שונא דעם זיעג.

און דאָ ביי די יודען — געוויינען, יללות,
די קליידער צוריסען זיי האָבען אויף זיך,
דיי זענען אַצינדער געלאָפען פון שונא,
געיאָגט האָט פון הינטען די שווערד און גאָטס פלוך...

V.

די זון איז שוין ווייט, ווייט קיין מערב פערשוואונדען,
געזעגענט דעם טאָג האָט און געהט אין איהר לאַנד,
אַ רויטע ווי פייער פערזינקט זי אַלץ טיעפער,
און צינדט אָן דעם הימעל מיט העלישען בראַנד.

עס שווימען דאָרט פריי אום די וואָלקענס פערוויטעלט,
עס צייכנען זיך אינזולען און האַלב-אינזולען אויס,
און שטיקלעך בלוי הימעל צווישען זיי זעהט זיך,
צושפרייטענדיג ברייט זיך צו מזרח אַרויס.

עס קעהרען די סטאַדעס פון פעלד זיך אַהיים שוין,
די פאַסטוכער פייפען אויף פייפלעך זיך צו,
אַלץ קעהרט זיך, וואָס לעבט נאָר, צי חיות צי מענשען
נאָך היינטיגער הייץ אין זיין היים, אין רוה.

נאָר דאָרט אויף אַ בערגעל נאָהנט צו דער שטאָדט שילה,
זיצט עלי פערטראַכט מיט אַ זוכענדען בליק,
ער קוקט זיך דאָרט ווייט איין, וואו ס'שלענגעלט דער וועג זיך.
ער קוקט אַ שליח פון דער שלאַכט אויס שוין צריק.

עס פיהלט זיך דער זקן היינט זעהר אומרוהיג,
ער האָט היינט גאָט'ס אָרון אין שלאַכט-פעלד געשיקט,
ווער וויים עס וואָס האָט דאָרט געקענט היינט געשעהן,
וואָס איז דאָס, מען זעהט נאָך קיין איינעם נישט צריק?

די זון איז דאָך לאַנג שוין פערשוואונדען געוואָרען,
עס קומט דאָך באַלד אָן שוין די פינסטערע נאַכט, —
צי האָט דען די קריעג זיך נאָך דאָרט נישט געענדיגט?
צי וועט שוין קיין ענדע נישט נעהמען די שלאכט?

און אפשר גאָר יאָגען די יודען די פלשתים,
און ווייט אָבגעלאָפען שוין זענען פון לאַנד?...
אָט ערשט וועלען פורכטען די פיינד זיך און זעהען,
ווי שטאַרק און ווי מעכטיג פון גאָט איז די האַנד!..

ס'האָט אָבער זיך עלי נאָך אַלץ נישט בערוהיגט,
עס האָט איהם דאָס טראַכטען געדיגט נאָר אַלס טרייסט:
צי וועל איך גאָט'ס אָרון נאָך איין מאָל חאָטש זעהן?
האָט עלי געטראַכט ביי זיך, — איין גאָט נור ווייסט.

און אָט אין דער רגע האָט ער אויפגעציטערט:
דעם קאָפּ האָט פערזונקען ער צווישען די קניה,
ער האָט זיך ביי גאָט נאָר געבעטען מיט טרעהרען:
דעם אָרון וויל זעהן איך און שטאַרבען מיט רוה!

די זיהן מיינע בין איך בערייט צו פערליערען...
און אַלץ וואָס געפינט זיך ביי מיר אין דעם הויז,
נאָר, גאָט, נישט פערשוועך היינט, חלילה, דאָס משכן,
און גיב נישט דעם שונא די לוחות אַרויס...

און ער איז פערזונקען נ'אַ חלום אַ טיעפען,
עס האָט זיך געדאַכט איהם, — ער איז אויך אין פעלד
ער זעהט, ווי מען שלאָגט זיך, עס גלאַנצען די שפּיזען
עס פאַלט אום איין מחנה, די צווייטע פערשטעלט...

נאָר פלוצלונג דערהערט ער אַ יאָמערליך שרייען
און ס'ווערט שנעל דער חלום צוריגען פאַר איהם,
ער הייבט באַלד דעם קאָפּ אויף און פרעגט זיך פערוואונדערט:
וואָס איז דאָס דאָס שרייען, וואָס איז דאָרט געשעהן?

און דאָס איז כּין גאָט אַ נבואה געוועזען,
עס קומט אויך צולויפען אַ שליח פון דעם וועג —
ער קאָן נישט אויס־עדען, עס ציטערט דאָס קול איהם,
ער פאַלט אום אָהן כּח און ציטערט פאַר שרעק.

ער הייבט=אָן צו רעדען — אַ ציטערדיג קול און
דערצעהלט איהם איינגאַנצען, וואָס דאָרט איז געשעהן:
עס האָבען די פלשתים די יודען צובראָכען,
דאָס פעלד איז פול טויטע, אַ שרעק איז צו זעהן.

עס זענען געפאַלען אויך חפני און פנחס,
די זיהן ביידע דיינע — (און דאָ בלייבט ער שטעהן...)
עס איז אויך דער אָרון געפאַנגען געוואָרען,
דערזאָגט ער געשווינד, און ברעכט=אויס אַ געוויין.

ס'האָט קוים דער שליח געענדיגט דערצעהלען,
האָט עלי, דער זקן, אַ ציטער געטהון,
געפאַלען צו דר'ערד מיט די לעצטע פאָר ווערטער:
עס האָט גאָט זיין הילף שוין פון אונז אָבגעטהון...

* * *

און שטיל קומט די נאַכט אויף דער ערד אָנצושוועבען,
און פינסטערער, פינסטערער פאַלט זי אַלץ צו,
עס וועקען אין הימעל זיך טויזענדער שטערען,
אַרום הערשט נאָר שטילקייט און הייליגע רוה...

עס שוויינען די פעלדער מיט צעהנדליגער טויזענד
הרוגים פערזייהעט. פון הימעל'ס=געצעלט
שטיל ווינקען די שטערען אַראָב אַזוי טרויעריג,
זיי ליכט דאָ צוקאָפענס די טויטע געשטעלט...

אַ רויטע לבנה שטייגט=אויף פון דערווייטענס,
אַ פייער דאָרט, דאַכט זיך, צופלאַקערט זיך ברענט,
זי הויבט זיך אַלץ העכער און העכער, און בלאַסער
אַלץ ווערט איהר שען פנים, ווי זילבער און בלענדט.

בעלויבטען שוין ציהט זיך דאָס פעלד מיט די טויטע.
עס בלאָנדושעט שוין ערגיץ אַ חיה און שמעקט;
עס צאַפּלען נאָך ערגעץ וואו איינציגע קערפּער,
זיי וואַרפן זיך, ציקען — און ס'לעבען געעקט...
— — — — — — — — — — — —

אין דאָרט ווייט פון שלאַכט-פעלד שטיל ליעגט
די שטאָדט שילה
פערהילט מיט אַ בלאַס-זילבער נעפעל אַרום,
געשטאָרבען איז שילה, פערהילט אין אַ טרויער
זי קוקט פון דעם נעפעל נ'דער וועלט אַריין שטום...

1917 I. XII. מאָסקווע

פּאַפּיערניקאָוו.

י. פאפיערניקאוו,

דאס פעלד.

ווי איך ליעב מיין קליין געבעלשעל,
האטש עס שטעהט זיך אן א זייט, —
נאר דערפאר אן פענסטערעל
ליגט א רייכע וועלט געשפרייט.

—פעלדער=האבער, גערשטען=קארי
וועלכע ציהען זיך ווייט אוועק,
אוש דעם אוג איז שווער צו כאפען
זייער אנהויב—זייער עק;

ב זעהט זיך נאר א ים פון הויכע
שלאנקע שטרוי, מיט קעפלעך פיל,
וועלכע שאקלען זיך ביים קלענסטען
ווינטעל, מיט א מורמלען שטיל,

ווי זיי וואלטען דאס מתפלל
זיין צום בלאהען הימעל=הויך
—א גערעטעניש צו שיקען
און א רעגענדעל ווען אויך.

און פֿון אויבען שיקט דער הימעל
זיי אַראָב אַ וואַרמען בליק
דורך די זון, און אויך אַ ווינטעל,
וואָס בעוועגט זיי הין און צריק

זינגענדיג זיי, ווי די וועלען
אין אַ ים פֿון לויטער־גאָלד,
וואו איך וואָלט מיט לוסט געוואָרפֿען
זיך, און באָדען זיך געוואָלט.

נאָר צום שטאַרקסטען ליעב איך אָט די
פֿעלדער, ווען ס'האָט דורכגעבריהט
זיי די זון שוין, ביז צום וואורצעל,
ווען עס קומט די צייט פֿון שניט!

ווען פֿאַרטאָג ביים זונען־אויפֿגאַנג
קומען זיך די פויערן אָן
מיט די קאָסעס אויף די שולטער
און מיט שטרוי־הוט אָנגעטהון, —

פֿאַר די זון זיך צו בעשיצען,
ס'זאָל נישט ברענען ווי דעם קאָפּ
אין דעם אַרבייטס טאָג, ווען שניידען
דאַרף מען פֿון דעם פעלד אַראָב.

און עס הויבט זיך אָן אַנ'אַרבייט
מיט געשמאַק, עס געהט אַ גאַנג!
ס'זעהט זיך נאָר אַ הענד־בעוועגונג,
ס'הערט זיך נאָר אַ סערפען קלאַנג.

וואָס צוגיסט זיך דורך די פעלדער,
וואו מען זעהט קיין רינד, קיין שאָף,
אויסער הויכֿע שלאַנקע תבואה,
וועלכֿע ס'וועקט דער קלאַנג פֿון שלאָף.

און איך קוק מיר דורך מיין פענסטער
אויף ד' אַרבייט אין דעם פֿעלד,
און עס וואַקסט מיין פֿערגעניגען
און מיין זעלע דעמאָלט קוועלט.

אָט דאָס שעהנע לאַנדשאַפֿט דעמאָלט,
דאָס בעגליקט—דערפרעהט מיין האַרץ,
אויסגעמישט מיט אַ נאַיוועץ,
עפעס קינדערישען שמערץ,

וואָס ס'פערשאַפֿען מיר די קאָסעס
וועלכֿע בליצען לינקס און רעכֿטס,
אונטער וועלכֿע ס'פאַלען גאַנצע
כנאָפעס, מיט אַ שטילען קרעכֿץ,

ווי זיי וואָלטען זיך געבעטען
מען זאָל לאָזען זיי נאָך שטעהן,
פֿון די זון נאָך צו געניסען—
און די בלאָהע הימלען זעהן...

יעדער, יעדער שניט פֿון פייער
מיט דעם מעסער, הין און צריק,
שנייד זיך איין ביי מיר אין האַרצען
און ער רייסט דאָרט אויס אַ שטיק.

און אַ קרעכץ אויף אַזאַ שטילען,
ווי ביי יעדע שטומע זאַנג,
ווען איך וויל מיך אויף איהר וואַרפען,
קושען פֿאַר רחמנות לאַנג!

עפּעס לאָזען זיי מיר איבער
מיט דעם קרעכץ אַ טיפֿען באַנג,
וועלכער נאָגט מיך גאַנצע טעג דאַן
ביז צום זונען אונטערגאַנג.

און עס הויבט זיך אָן אַ פרישע
אַרבייט נאָך מיט מעהר היץ,
ס'קומען אָן זיך דאַן די פֿרויען,
קליידלעך—דינע, בלוזקעס—ציץ.

און מיט וויים־קאָליערטע טיכלעך
אומגענומען אויף די קעפּ,
וואו ביי פֿיעל פֿון זיי רייסט דורך זיך
דורך די טיכלעך לאַנגע צעפּ

פֿון נאָך יונגע, שעהנע מיידלעך,
וועלכע ס'האָט שוין אָבגעברענט
זיי די זון, די שעהנע באַקען,
—אויף די גאָלע פים און הענד.

ס'זענען אַלע דאַן צוזאַמען
גרויסע—קליינע, שעהן און מיאוס,
וואו זיי נעמען זיך געשמאַק באַלד
צו דער אַרבייט צוקער־זיס

ס'הויבט זיך אָן פֿון זיי אַ בייגען,
ביקען אויף די קני, ביז דר'ערד.
וואו זיי לייגען לאַנגע רייהען
גאָלד'נע זאַנגען, און עס ווערט

פֿלייסיג פֿון דער ערד געקליבען
דורך די פֿלינקע פֿרויען־הענד,
און זיי לייגען גאָר קיין אַכט נישט
אויף די זון, וואָס באַקט און ברענט,

נאָר מיט פֿרייד צונויפֿגעבונדען
ווערען בונטען פֿול ביי זיי,
און עס קומט אויך אַ געוועט—אויף
איין בונט, ווער, ס'וועט בינדען צוויי!

און עס הערט זיך אַ געלעכטער,
וואָס צו־טראָגט זיך ווייט אָהן ענד,
און עס וואַקסען שנעל די „סטויגעס"
הינטער פֿלינקע פֿרויען־הענד.

ביז פֿערמאַטערטע, פֿערשוויצטע
לייגען זיי זיך אוים אויף דר'ערד,
ווער עס קוקט זיך גלאַט אין הימעל,
ווער אויך איינגעדרימעלט ווערט

פֿון דעם פֿרישען שניט און ריח,
וועלכער טראָגט זיך פֿון דעם פֿעלד,
ביסענדיג זיך אויב'עט דורך מיין
אָפֿען פֿענסטערעל, אין צעלט,

וועלכֿעם ווערט דאַן אָנגעמלט, ווי
מיט אַ שטילע רוהיגקייט
און די זון, זי זעצט אויף דר'ערד זיך
נידעריג אויף מערב־זייט.

טיף דער האָריזאָנט אין מערב
רויטעלט איצט זיך, ווי אַ קינד
אויף די בעקלעך נאָך אַ מידקייט —
שלאָפֿען געהט די זון אַצינד

און זי שיקט אַראָב די פֿעלדער,
מיד, אַ האַלב־פֿערמאַכֿטען בליק,
און עס פֿיהרען מענער, פֿרויען
מיט געזאַנג פֿון פֿעלד זיך צריק.

ס'בלייבען נאָר די גרויסע הופֿענס,
סטויגעס האָבער, גערשטען שטעהן,
וואו אויף זיי'רע קעפּ דעם לעצטען
זונען־גלאַנץ נור קאָן מען זעהן.

ווייטער זעהען אוים די פֿעלדער
לער און שטיל, ווי נאָך אַ שלאַכֿט,
וואו דעם אומעט צו פֿערדעקען
לאָזט אַראָב זיך שטיל די נאַכֿט.

זי צושפּרייט דאַן אירע פֿליגלען
פֿון דעם הימעל, ביז אויף דר'ערד,
וואו די פֿרעהליכֿקייט פֿון גאַנצע
טאָג אין זיי פֿערזונקען ווערט...

ביז פֿאַרטאָג שוין—עס דערטראָגט זיך
קוים דער ערשטער קרעה פֿון האָן,
וועלכער רופֿט צוריק אין די פֿעלדער,
זאָגענדיג: „דער טאָג קומט אָן".

און עס חזר'ט זיך דאַן איבער
ס'זעלבע, וואָס אין ערשטען טאָג;
ס'הויבט זיך אָן מיט שניידען, בינדען,
ביז מען פֿיהרט פֿון פֿעלד אַראָב;

ביז עס געהט די צייט אַריבער,
ס'ענדיגט זיך די אַרבייט באַלד,
און די זון, זי ווערט שוין מידער,
— גיסט די שטראַהלען איהרע קאַלט.

און די פֿעלדער, וואו עס קומט יעצט
נאָך די לעצטע אַרבייט פֿאָר;
ס'ווערט דער לעצטער שניט פֿון היי אויך
אָבגעפֿיהרט אין שייער נאָר,

בלייבען ליגען זיי אַצינדער,
עפּעס ווי פֿערוויסט און לעער,
און ווען כ'קוק אַרוים צו זיי דאַן,
ווערט מיר אויף דעם האַרצען שווער

פֿון מיין בענקשאַפֿט נאָך די זאַנגען,
נאָך דעם שאַרפֿען סערפּען־קלאַנג,
נאָך די אַרבייטס־מענער, פֿרויען
און נאָך זייער פֿעלד־געזאַנג,

וועלכעס איז פון לאַנג פֿערשטומט שוין,
און איז מיט זיין צייט אַוועק.
ס'פעלד געבליבען איז אויף ווייטער
שטעהן ווי אין אַ טיפֿען העק...

———

צ'ווישען ליידיג-גאָלע פעלדער,
וואו דער הערבסט ווינד בלאָנדזשעט אום
דאָרטען שטעהט מיין שטיבעל איצטער
ווי'אַ פֿעריתומט קינד און שטום!

1913 יאָהר.

מ. יו. לערמאנטאוו.

חאדזשי־אברעק.

איבערזעצט פון רוסיש: שלמה שיינבערג.

זעהר גרויס און רייך איז דער אאול*)
דזשעמאט: ער צאהלט קיין טשינזש נישט קיינער:
זיין וואנד—דאס איז דער האנד־קינזשאל,
און זיין מעטשעט—אין שלאכט־פעלד איינעם.
פריי—זיינע זיהן און רייך אין זיג,
פערהארטעוועט אין פלאם פון קריג
עס קלינגען זיי'רע טהאטען גרויסע
אין גאנץ קאווקאז און איבעראל:
ס'האט נאך קיין רוסיש הארץ נישט קיינמאל
געמיטען זייער שארפע פייל...

פון הימעל ברענט א טאג א הייסער,
און פון די פעלזען שטייגט א ווייסער
נעפעל אויף; אנ'אדלער—קליין
זיך שווארצט און טוקט אין וואלקען איין;
די טאלען דרימלען שטיל זיך צו,
און אין אאול הערשט טיפע רוה.
ס'איז פוסט ארום. עס שלאפען גרוזען,
און אונטער'ן בארג, וואו ווינדטלעך בלאזען,
וואו ס'שלאגט א קוואל פון פעלז אב ווייט,
אנ'איטמערקזאם, שטיל רעדעל שטעהט.

---

*) א דארף אין קאווקאז.

פון וואָס פיהרט אונטערהאַנדלונגען דאָ
דער ראַט פון העלדען־יונגען לאַנג?
צי ווילען זיי אויפ׳ס ניי זיך לאָזען
ווייט אין די בערג אויף נייעם פאַנג?...
צי וואַרטען זיי נישט אָב די רוסען,
וואָס קעהרען אָפט בלוט־דורשטיג צריק?
ניין—בלויז פערדרוס נאָר און רחמנות
זיך לויכט אין יעדענס שטילען בליק.
בעדעקט מיט פרעמדע, אַלטע קליידער
זיצט אַ לעזגיגעץ *) קראַנק שוין ליידער,
דאָ אויף אַ שטיין צווישען זיי—
און קוקט מיט בלאַנקענדיגע אויגען
אַרום זיך טרויריג, איינגעבויגען,
און ס׳גיסט זיין וואָרט זיך פול מיט ווייה..
עס הערען אַלע אויס דעם אַלטענס
ערצעהלונג שטיל; ער רעדט פערבענקט:
„דריי צאַרטע טעכטער און דריי זיהן האָט
אויף ד׳אַלטע יאָהר מיר גאָט געשענקט;
נאָר ס׳האָבען זיך צעבוזט די שטורמען,
דעם בוים די צווייגען אָבגעבראָכען,
און כ׳שטעה אַצינד פאַר אייך אַליין—
אַ הוילער שטאַם, אין טאָל אַ שטיין...
ווייה, ווייה, כ׳בין אַלט! און ווייס פון ווייהען
איז שוין מיין קאָפּ, ווי אָט די שנייען
דאָ אויפ׳ן העכסטען שפּיץ פון באַרג,
דאָך פליסט מיין בלוט גענוג נאָך שטאַרק!...
אַהער, איהר רייטער פון דזשעמאַט!
ווייזט אייער העלדישקייט אַצינד!
ווער קאָן פון אייך פירשט ביי־בולאַט?
ווער וועט מיר אומקעהרען מיין קינד?
געפאַנגען—זענען מיר פאַרפאַלען
די שוועסטער איהרע; טויט געפאַלען
ווייט זענען אין דער פרעמד צוויי ברידער,
נאָך זיי דער יונגסטער, שענסטער ווידער
איז שטיל געשטאָרבען פאַר מיין בליק.

*) לעזגינצעס—אַ קאַוקאַזער שבט.

געלעכערט פון אַ בלאַנקען שטיק.
צער האָט גע׳גוסס׳ט מיט אַ שמייכעל!
אַ פרוי האָט פון גן־עדן־היכל
געוויס געפּאַקט איהם פאַר זיין ענד
מיט רייכען בלום־קראַנץ אין די הענד...
און אַט בין איך אַוועק אין וויסטע
זאַן מיט מיין לעצטער טאָכטער שוין,
זי ווי אַ הייליגקייט געהיטען,
זי איז געוועזען מיין אַלץ, מיין קרוין!
כ׳האָב מיטגענומען בלויז נאָר זי
מיט מיר, מיין טרייע ביקס דערצו,
און האָב מיך אין אַ הייל בעזעצט
פון ליבען היימאַט׳ס־שטיבעל ווייט:
כ׳האָב גיך צו נויט זיך צוגעוואויגט,
צו פרייהייט לאַנג שוין צוגעגרייט...
נאָר ס׳האָט די שלעכטע שעה געשלאָגען—
און ווייט מיין פייגעלע פערטראָגען!...
עס איז אַ טריבע נאַכט געוועזען.
איך שלאָף... אין שטילקייט אָהן אַ שיעור
זיצט, פאָכענדיג מיט גרינעם צווייגעל,
מיין יונגער מלאך איבער מיר.
און פּלוצלונג, כ׳כאַפּ מיך אויף: אַ טעפּטשען!...
אַ שטיל געשריי... אַ פערדס־פיס־דעפּטשען...
איך לויף און זעה: דאָרט אונטער׳ן באַרג
זיך טראָגט אַ רייטער פלינק און שטאַרק,
זי האַלטענדיג אין ד׳אָרעמס, גיך,
איך האָב זיי נאָכגעשיקט מיין פלוך...
פאַרוואָס, אָ, האָט מיין יעגער זיי,
דער צווייטער, נישט דעריאָגט—מיין בליי!...
פון דעמאָלט אָן אויף באַרג און טאָלען,
ווי אַ צעדריקטע, בייזע שלאַנג
איך שלעפּ מיך, פאַר מיין שאַנד צו קראַנק,
און אַלט, און שוואַך שוין אָבצוצאָהלען...
און וויים קיין רוה נישט, אויסער פלאָג
פון יענעם פייניגדיגען טאָג...
זהער, איהר רייטער פון דזשעמאַט!
וויזט אייער העלדישקייט אַצינד!

ווער קאָן פון אײַך פירשט ביי־בולאַט ?
ווער וועט צריק ברענגען מיר מיין קינד ?״
„איך !״ זאָגט אַ העלד מיט שוואַרצען בליק,
זיך כאַפּענדיג ביים בלאַנקען שטיק,
און אין פערוואונדערונג, ווי שטום,
צערוקט דאָס רעדעל זיך אַרום...

„איך קאָן דעם פירשט ! האָב זיך בעשלאָסען !...
צוויי נעכט איך וואַרט דאָ אונגעשטערט :
חאַדזשי, דער דרייסטער, האָט נאָך קיינמאָל
אומזיסט געזעצט זיך אויפ׳ן פערד.
נאָר אויב כ׳וועל צום טערמין נישט קומען,
מיין צוזאָג דאַן פערגעס, נישט פרעג !
און פאַר מיין זעעלע בעט דעם נביא,
זיך לאָזענדיג צוריק אין וועג.״

דער הימעל גליהט אין מאָרגען־רויטקייט.
דאָרט פון די נעפּלען ביסלעכווייז,
דערהויבען הויך די גראַניט־ריזען
די שטאָלצע קעפּ, בעקרוינט מיט אייז.
אין הייל וועקט־אויף זיך פון די גראָזען
אַ וואָלקען, שטייגט־אויף אָנגעבלאָזען
ווי׳אַ ראָזער זעגעל פון דער ערד.
מיט מאָרגען שמעקט. אין טאָל דאָרט ווייטער
באַרג־אָב רייט אַ טשערקעסען־רייטער
פּאַמעליך אויף זיין ווילדען פערד.
ס׳האָט נאָך די פוילע זון נישט, בליקענד,
פון טוי די בערגלעך אָבגעטריקענט.
אַ ווילדער וויין־גאָרטען געבויגען
בליהט פון די פעלזען הויך אַראָב,
און שיט ביינזאַמען פערד און רייטער
גאַנץ אָפט מיט זילבער־רעגען אָב.
די לייטשען פריי, פויל נאָכגעלאָזט,
זיך פאָכט ער מיט דעם בייטשעל גרינג
און זינגט זיך אָפט אַ לידעל אויף
פון אַלטע צייטען האַרציג יונג.
און ס׳ווערט דאָס לידעל ערגעץ־ווייט

פון עכּאָ אומעטיג בעגלייט.

ס׳איז דאָ אַנ׳אָרט—עס דרעהט זיך אָב דאָרט
דער וועג אַלץ קרומליכער אַרויף,
דאָרט וואו די שענע צייהן־גראַניטען
זיך שליסען אין אַ קרוין צונויף.
פון דאָרטען וועט ער שוין דערזעהן
פאַר זיך דעם רוהיגען אַאול,
דעם שטויב פון סטאַדעס אויפגעהויבען,
דאָס ערשטע אויפוואַכען פון טאָל;
און אויף אַ באַרג־אָב, אַ געדרעהטען,
ט׳זיך ביי־בולאַט׳ס־הויז באַלד אָנדייטען,
און ווי אַנ׳אָדלער האַלטען וואַך
זיין שאַרפער בליק וועט יענעם דאַך...
אין קיהלען שאָטען פאַר די שוועל
זיצט אַ לעזגינקע—יונג און שען,
עס ציהט פאַר איהר אַוועג, נאָר זי
קוקט אין דער ווייטקייט פול מיט פיין
זאָג, ווערמען וואַרטסטו, מזרח־שטערן,
פול צערטליכקייט אַזוי פערטראַכט?
צי דאַרף אַ פריינד אַ ווייטער קומען?
צי גאָר אַ ברודער פון אַ שלאַכט?
ערמידעט פון די מיטאָג־שטראַלען,
איז גרייט דיין קעפעלע צו פאַלען
אַראָב שוין אויף דער הויכער ברוסט;
די האַנד האָט זיך אַ גליטש געגעבען
לענג־אויס די קניה; אַ זיסע לוסט
האָט פריי געמאַכט פון קלייד־געוועבען
דיין אַקסעל; פייכט דיין קלאָרען בליק
בעפערעלט אַזוי מילד און גוט;
עס שפּילט אין דיינע באַקען העל
דער פלאַם פון הייסען דרום־בלוט;
עס גאַרען ליבעס־קושען דיינע
הייס־צויבערדיגע ליפען פיינע;
פון אַ פערלאַנג אַרומגענומען
איצט גאַרסטו „וואָס״ אַרומצונעמען,
און מיט אַ לייכטען ציטער גלוסטען

פון קלייד בעפרייען זיך די ברוסטען,
אָ, וואו ביסטו מיין האַרץ-געליבטער!...
נאָר אָט דערטראָגט זיך שוין פון ווייט
אַ טאָפּטשען, ס׳הייבט זיך אויף אַ שטויבען—
זי שעפּטשעט: „כ׳וואַרט, מיין פּירשט, דיך גרייט!"
לייכט ברענגט די האָפנונג טרייסט און רוה,
לייכט נאַרט דאָס אויג אונז אָהן אַ צאָהל:
דער רייזענדער רייט נאָהנט שוין צו...
וויה, ווייה! זי קוקט אומזיסט מיט מיה,
ד׳איז פרעמד, זי זעהט איהם ס׳ערשטע מאָל.
דאָס זוכט אַ וואַנדערער, פערשפּעטיגט
אין פעלד, אַ הויז גאַסטפריינדליך-ברייט;
עס פּאַרוועט זיך זיין פערד, דאָס מידע,
און ר׳איז דערפון שוין שפּרינגען גרייט...
נו, שפּרינג אַראָב־זשע, רייטער!.. וואָס?...
דו שרעקסט? — עס וואַרט דיך פון דעם בעסטען.
ער קוקט... אַ שטילער זיפץ זיך רייסט
פון מויל זיין שטרענג־צונויפגעפּרעסטען,
ווי ס׳פּאַלט, פון יונגער צווייג געפּליקט,
אַ בלאַט פון זומער־שטורם צעדריקט:

„וואָס זוימסטו, וועגסמאַן, פאַר די שוועל?
אָ, שפּרינג פון פערד, נישט קלעהר אָהן ציעל!
אַ צופאַל־גאַסט — ז׳אַ גאָטס־געשאַנק:
קומיס און האָניג האָב איך פיל:
ביסט אָרעם, זעה איך — איך בין רייך:
בעהר־זשע ביי־בולאַט׳ס הויז גלייך!
און לאָז זיך צריך די זאַט און גוט—
פערגעס אונז אין דיין תפילה ניט!"

חאַדזשי־אַברעק:
בעשערמט, לעאילאַ, דיך אַללאַך!
דו האָסט מיט צערטליכקייט אַסך
דיין אונבעקאַנטען גאַסט בעשענקט;
פאַר דעם האָט ער אַ גרוס געברענגט
מיט זיך פון טרייען פאָטער דיר—

ער ליבט דיך אַלץ נאָך אָהן אַ שיעור !..

ל ע א י ל אַ .

פון פאָטער ? ווי ! פון פאָטער גריסטו...
געדענקט ער מיך נאָך אַלץ ביז היינט ?
וואו וואוינט ער איצט ?

ח אַ ד ז ש י ־ אַ ב ר ע ק .

ער וואוינט, מיר שיינט,
וואו ר׳האָט געוואוינט, נאָך אַלץ אין וויסטע.

ל ע א י ל אַ .

צי איז ער פרעהליך, ענטפער : וועבט
זיין לעבען גליקליך זיך ?...

ח אַ ד ז ש י ־ אַ ב ר ע ק .

ער לעבט !...
האָטש צייטענווייז פאַר קעלט און רעגען
איז אָבגעדעקט זיין קאָפּ, ווי׳אַ שטיין...
נאָר זי׳ז ?...

ל ע א י ל אַ .

איך—גליקליך בין !

ח אַ ד ז ש י ־ אַ ב ר ע ק (שטיל) .

ז׳נאָך ערגער !

ל ע א י ל אַ .

וואָס זאָגסטו, האַ ?

ח אַ ד ז ש י - אַ ב ר ע ק .

אַך גאָרנישט, ביין !...

עס זיצט דער פרעמדער, פאַר איהם שטעהט
מיט וויין און הירז דער טיש געגרייט
נאָך אונבערירט אַלץ ביז אַצינדערט.
אַ מאָדנער גאַסט. לעאילאַ׳ן וואונדערט,
ווי ס׳בלאָנזשען און בעוועגען זיך
די קנייטשען אויף זיין קרומען שטערען...

געצייכענט האָט די האַנד פון שווערען
און צרות'דיגען לעבען דיך!..
דאָך ווילענדיג איהם פרעהליך מאַכען,
לעאילאַ נעמט איהר פייקעל פלינק,
און פויקענדיג און זינגענדיג
איהם טאַנצט זי אַ לעזגינקע *) גרינג.
די אויגען, ווי די שטערען, גלאַנצען,
די ברוסטען ציטערען פון טאַנצען;
בעגייסטערט ווי אַ קינד און הייטער,
און לעבענס־לוסטיג דרעהט זי לאַנג
פאַר איהם זיך, ווי אַ זומער־פויגעל
אין ראָזען שיין פון זון־פאַרגאַנג.—
און פלוצלינג: אין די ווייסע הענד
שוין קלינגט דאָס פייקעל הויך אַרוף,
זי דרעהט עס איבער'ן קאָפּ, זי הייבט
די שוואַרצע אויגען אויף איהם אויף...
די ליפּען שמייכלען שטומערהייט,
ווי ווילענדיג איהם ליבליך זאָגען:
„פערגעס מיין מידער גאַסט, דיין קלאָגען!
ס'איז אַלץ אַ חלום: פרייד און לייד!"...

חאַדזשי־אַברעק.

גענוג, הער־אויף, לעאילאַ, טאַנצען!
פערגעס אַ וויילע דיין פרייד־געזאַנג;
זאָג, האָט נאָך קיינמאָל דער געדאַנק
פון טויט דיך נישט בעהערשט אינגאַנצען,
און טיף צערודערט? ענטפער, זאָג!

לעאילאַ.

ניין! קאָן איך דען פון קבר דענקען!
כ'האָב מיין גן־עדן דאָ אויף דר'ערד.

חאַדזשי־אַברעק.

איין פראַגע נאָך: דו פלעגסט נישט בענקען
נאָך דיין געליבטען היימאַטס־קאַנט!

---

*) אַ לעזגינישער טאַנץ.

נאָך דאַגעסטאַנ'ס *) טיף־קלאָרע הימלען?

ל ע א י ל אַ.

צו וואָס? עס איז מיר פרעהליכער
דאָ, וואו די בערג אין נעפעל דרימלען.
ס'איז איבעראַל די וועלט גאָט'ס שען;
פון היימאַט ווייסט דאָס האַרץ נישט, ניין!
עס שרעקט זיך נישט פאַר גוואַלד: פון פלאָגען
יו'אַ פויגעל וועט עס זיך פערטראָגען...
ס'איז גליק פאַרהאַנען דאָרטען—ווייס!
נאָר, וואו מען ליבט און גלויבט אונז הייס!.

ח אַ ד ז ש י ־ אַ ב ר ע ק.

יאָ, ליבע!... אָבער ווייסט: בעשערט
אַ גליק אַ צווייטס איז אויף דער ערד
פאַר דעם, וואָס האָט שוין אַלץ בעגראָבען,
וואָס ער האָט ליב געקענט נאָר האָבען!...
דאָס גליק ז'פאַר ליבע וואָהרער פיל,
עס וויל נאָר טרערען, בלוט... זיין ציל
ליגט אין פערברעכען; ס'ברענגט נאָר דאַן
אַ טרייסט, אין יענעם אויגענבליק
דעם מענש, ווען ס'שטאַרבט אַ צווייטעס גליק—
מיין פרייד און לייד איז נ'דעם פאַרהאַן...
ס'איז מיט אונז גאָר אונאָבגעשטעלט, **)
דאָ פייניגט עס, דאָ ברענגט עס רוה...
איך שווער: כ'וואָלט אַ נקמה־שעה
נישט אויסגעטוישט אויף גאָר דער וועלט!...

ל ע א י ל אַ.

ביסט בלייך?

ח אַ ד ז ש י ־ אַ ב ר ע ק.

הער־אויס, שוין לאַנג צוריק

---

*) געגענד אין קאַווקאַז.

**) אונבעשטימט.

האָב איך איין ברודער נאָך געהאַט:
בעשערט געווען—און ער געפאַלען
אי. פון אַ קויל דורך ביי-גולאַט.
געפאַל'ן אָהן רוהם, נישט אין קיין שלאַכט,
וו'אַ חיה בלינד אין וואַלד פעריאָגט.
נאָר האָט זיין ראַכע און זיין האַס
שוין שטאַרבענדיג מיר אָבגעזאָגט...
און כ'האָב דעם מערדער אין דעם פאַל
געהאַט: און הויך שוין מיין קינזשאַל
געהויבען, דאָך בעטראַכט באַלד צריק:
זאָל מיר איין ראַכע-אויגענבליק
בעצאָהלען פאַר פיל יאָהר פון פיין,
און צער, פון טרויער, לייד... אָ, ניין!...
ער ליבט געוויס דאָך עפּעס זעהר:
איך וועל זיין ליבעס-זאַך דערגעהן
און מיט מיין קלאַפּ דערשלאָגען שווער!...
ס'איז ענדליך דאָך געשעהן. ס'איז צייט!
די שעה דיך וואַרט, נאָך נעכטען גרייט.
זעה, ס'לעשט זיך שוין דער מערב ווידער—
ס'איז צייט! איך הער די שטים פון ברודער...
ווען כ'האָב צום ערשטען מאָל פערבונדען
אַ שמוס היינט מיט דיין צאַרט געשטאַלט,
האָט זיך מיין זעעל פון בענקשאַפט באַלד,
ווי אַ גיהנום אָנגעצונדען.
נאָר דאָס געפיהל איז ווייט!.. גאָט ווייס!
אַללאַך! כ'ערפיל מיין שבועה דרייסט!

אַ בלייכע, ווי ...ער שניי, האָט זי
אויף איהרע אָבגעשוואַכטע קניה
געוואָרפען זיך פאַר איהם פול וויי.
געבעט, געוויין און קלאָגעריי
זיך האָבען פאַר איהם אויסגעגאָסען.
אַך, דו ביסט שרעקליך מיט דיין בליק!
ניין, קוק אַזוי נישט! קעהר דיך אָב!
ווי קאַלטער סם אַהין און צריק
מיך ריזעלט דורך דיין וואָרט... מיין גאָט!
צי מאַכסטו דיר פון מיר נאָר שפּאָט!

אַך, ענטפער! אומשולדיג געווײן
פאַר דיר דען קיין בעדייטונג האָט?
דערבאַרם דיך! זאָג מיר, ווי אין דיין
געבורטס־אָרט דאָרט מען בעט און ווינט?
צו־פריה איז מיר נאָך שטאַרבען הײנט!..
אַך, שענק מיר, שענק מיין יוגענד־צייט!
האָסטו געוואוסט, וואָס הייסט דאָס פרייד?
האָסטו געבליהט ווען פראַכטפול, שען,
געליבט געוועןָ?—אָ, זיכער, ניין!"

חאַדזשי איז אַלץ פערוואָלקענט, שטום
געשטאַנען, נישט געקוקט זיך אום.

„איך זעה קיין מיטלייד אין דיין בליק,
קיין טרערען... אַך, ווי שרעקליך האַרט
דו ביסט!... אַך!.. גאָט!.. אָי! וואַרט! אָי, וואַרט.
כאָטש נאָר איין שעה... איין אויגענבליק!"...

איינס, צוויי—האָט שנעל געבליצט די שווערד,
און ס׳קאָלערט *) זיך דער קאָפּ אויף דר׳ערד,
און מיט פערבלוטער האַנד דעם קאָפּ
דערהויבט ער, בויגענדיג זיך איין,
און ווישט די שאַרף פון שווערד אָב ריין
מיט דעם זיך־פלאָשענדיגען צאָפּ...
דערנאָך אין האָריג-שוואַרצען מאַנטעל,
איינהילענדיג דאָס טויט־געשטאַלט,
איז ער אַרויס און אויפ׳ן זאָטעל
אַרויף. זיין פערד גענומען באַלד
גאָר פלוצלונג פון אַ שרעק אַרום,
זיך שוימט און הראַפּעט אונטער איהם,
פון אַנגסט די גזשיווע אויפגעשטעלט;
עס בייסט די צוים, עס רוהט קיין וויל,
עס הערט קיין לייטשען, קיין בעפעהל
און טראָגט זיך אין די בערג וו׳אַ פייל...

דער מערב בלייכט. ס׳איז שפעט, שוין שפעט.

---

*) ס׳קויקעלט.

די פייכטע נאַכט איז שוין נישט ווייט.
פון די קאַווקאַזער שפיצען בערג,
ווי שלאַנגען קריכען אויסגעשפרייט
די וואָלקען אימה׳דיג, אָהן מיהען
אין ענגע אָבגרונדען פערציהען
די שטעכעדיגע קוסטעס שפּעטער,
און וואַרפען פּערעל אויף די בלעטער.
דאָס טייכעל גיסט זיך גראָה און מאָנטנע;
די שוים פון אונטער׳ן גראָז אַפער
שלאָגט, גלאַנצענדיג פון הייל דורך נעפעל,
ווי טויטע אויגען דאָ אַהער.
געשווינדער, רייזענדער, אַליין!
אין ברייטער בורקע דעק דיך איין,
די רעמעט-לייטשען נאָהנט פערציה,
פּאָך שטרענגער מיט דעם בייטשעל צו.
עס יאָגט פון אונטען נאָך קיין באַרג-גייסט,
קייןווילדע חיה דיך נישט אָן,
נאָר אויב דו קאָנסט אַ תפילה זאָגען,
וואָלט נישט געשאַט דאָס איצט צו טהון...

„אָ שפּרינג, מיין פערד! פאַרוואָס נאָר קוקסטו
מיט שרעקעדיגען בליק פאַר זיך?
דאָס איז אַ שטיין, אַ קוואַל-געגלעטער...
דאָס שרעקט אַ שלאַנגען-שיפּ נאָר דיך...
אין שלאַכט האָב איך מיט גזשיווע דיינער
פון בלוט מיין שווערד געווישט אָב ריינער;
אין טויבער סטעפּ, אין שעה פון נויט,
האָסטו מיך אָפּט בעשירמט פון טויט.
מיר וועלען רוהען אינדערהיים;
איך וועל מיט רוסיש זילבער געלד
נאָך מעהר דיין צוים בעהענגען שען,
און זיין ווּעסטו אין גרינעם פעלד...
שוין לאַנג האָסטו דיך אומגעביטען —
זאָג, ליבער פריינד, וואָס איז מיט דיר?
וואָס האָסט מיט שוים דו פריה בעדעקט זיך?
וואָס אָטעמסט שווער שוין אונטער מיר?
אָט ווייזט זיך באַלד דער מאָנד פון נעפעל,

פֿערזילבערט בוימער־שפּיצען בלייך;
דאָס פעלד, וואו ס׳שלאָפט נאָך שטום און פינסטער,
אונזער אַאול בעווייזט זיך גלייך.
אויפבלישטשען װעלען פונדערווייטענס
די פאַסטוך־פייערן אויף דער ערד,
און מיר דערהערען באַלד שוין נעהנטער
דאָס הירזשען פון די טאַבון־פערד;
זיי וועלען זיך צו דיר פערקלויבען..
נאָר כ׳וועל מיך בלויז נאָר אונטערהויבען,
און כראַפּענדיג פון טויטער שרעק,
צעטראָגען זיי זיך ווייט אַוועק;
זיי וועלען פיהלען פון דער ווייט,
צו וואָס מיר זענען צוגעברייט,
אַז קינדערביידע: איך מיט דיר
פון בלינדען מזל זענען מיר!״..

די נאַכט הערשט אַלץ נאָך אונטער׳ן הימעל.
אַאול דזשעמאַט רוהט טיף אין דרימעל;
איין אַלטער שלאָפט נאָר נישט אַליין.
ווי אַ מצבה אויף אַ קבר
זיצט, נישט צו רירען מיט קיין אבר,
ביים וועג ער אויף אַ גרויען שטיין...
די אויגען זיינע ווייט געווענדט,
צו טיפע בענגשאַפט אין זיי ברענט...

„ווער איז דער רייטער? זעהר געהיטען
רייט ער אַראָב פון קרומען באַרג;
זיין חבר מיט דער לאַנגער גזשיוועע
אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ האָט שטאַרק.
אין בורקע איינגעוויקעלט וויכטיג,
דאָרט האַלט ער עפּעס זעהר פאָרזיכטיג,
און היט עס, ווי זיין אויגען־ליכט.״
און ס׳טראַכט דער אַלטער, איינגעבויגען:
„אַ גרויס געשאַנק פון מיינעטוועגען,
פון ליבער טאָכטער, אומגעריכט!״...

דער רייטער איז שוין נאָהנט, אָט האָט ער

זיין פערד געגעבען אַ פערהאַלט,
און מיט אַ האַנד אַ ציטערדיגער
צענעמט ער שטיל זיין בורקע באַלד;
און ס'פאַלט די בלוטיגע מתנה
גאַנץ שטיל פון פערד אין גראָז אַראָב.
אומגליקליכער! אָ, גאָט געכטער!
וואָס זעהט ער! זיין לעזילאַ'ס קאָפּ!
און אין משוגע'נער ענטציקונג,
האָט ער איהם צו די ליפּען צו
געדריקט, ווי געבענדיג זיך מיה
איהם איבערגע'ן זיין לעצטע דריקונג.
זיין לעבען גאַנץ, אין צער פערפלאָטען,
האָט ער אין איין קוש אויסגעגאָסען.
גענוג, אָ, האָבען פיין און מענשען
זיין האַרץ פערשאַפט נאָר וואונד נאָך וואונד!
און ווי אַ לאַנג-פערפוילטער פאָדעם
האָט עס צעריסען זיך אַצינד,
און זיין געקנייטשטען שטערען-קאַלט,
בעדעקט אַ טויטע בלייכקייט באַלד..
זיין זעעלע האָט זיך אויפגעבונדען
אַזוי גאָר שנעל, אַז דער געדאַנק,
וואָס האָט בעגלייט איהם לעבענס-לאַנג,
האָט נישט בעוויזען צו פערשווינדען
אַזוי גאָר פלוצלונג אומגעריכט
מיט איהר צוזאַמען פון געזיכט.

פערזונקען אין אַ פינסטער שווייגען,
האָט חאַדזשי איהם זיך נישט געוואונדערט,
אַ בליק אויף פערד און שווערד געגעבען,
און אין די בערג אַוועק אַצינדערט.

עס איז אַ יאָהר פאַרביי. עס האָבען
דאַן רייזענדער, פערשטויבטע שטאַרק,
צוויי קערפּער אין אַ טאָל געפונען,
און זיי בעהאַלטען אויפ'ן באַרג.
פערבלוטיגט זענען זיי געוועזען,
און ס'איז געווען אַראָבצולעזען

באָר האַס פון זייער שטערען. פעסט
אויף דר׳ערד פערשטיינט, צונויפגעפרעסט
געלעגען זענען זיי, ווי פריינד,
און אפשר מערדער, אפשר פיינד..
עס האָט די רייזענדער גערדאַכטען,
אַז ס׳האָבען זיך געביטען גיך
די פּנים׳ער ביי זיי; אַ פלוך
האָט פון די ליפּען זיי געלויכטען...
ס׳איז רייך געוועזען זייער קליידונג;
באַשליק אויף היטלען—ניי אַלץ בלענדט;
ס׳איז איינער ביי־בולאַט געוועזען,
דעם צווייטען האָט מען נישט דערקענט.

פּאָליטישע איבערזיכט,

נעראָמאַנטיזם א. אַז.

אהרן איינהאָרן.

אהרן איינהאָרן.

אונזער פּאָליטיש לעבען.

(איבערזיכט)

I

אונזער איצטיגע כלומר׳שטע בירגערליכע „גלייכבערעכטיגונג“ אין פוילען איז געבוירען אַלס אַ קינד פון צופאַל. און, ווי אַ קינד פון צופאַל, איז זי פערוואָהרלאָזט און עלענד געבליבען ביז צום היינטיגען טאָג.

די יודישע לאַגע אין פוילען איז ביז צום מאָמענט פון דער אָקופּאַציע געווען אַנ׳אונערטרעגליך־טרויריגע. דער ים פון גיפט און גאַל, וועלכער האָט שוין גענוג געברויזט געגען אונז אין פוילען בעת דער באָיקאָט־אַגיטאַציע און בעת׳ן ביילים־פּראָצעס, איז באַלד נאָכ׳ן מלחמה־אויסברוך אַזוי ווי אַרויס פון זיינע ברעגעס. דער אויפרוף פון ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט פונאַנדערגעבונדען אַלע „פּאַטריאָטישע“ געפיהלען פון אונזערע שכנים און עס איז אַוועק אַ סדרה פון די אונגעהערטסטע בילבולים און גרויזאַמסטע אַכזריות׳ן. די יודישע בעפעלקערונג, געיאָגט און געפּלאָגט דורך דער רוסישער מיליטערישער מאַכט מיט פּלוצלינגע מאַסען־גרושים און אַלערליי אַנדערע עינויים, האָט נישט נאָר נישט געפונען קיין שטיצע און שוץ ביי דער שכנות׳דיגער בעפעלקערונג, נאָר, פערקעהרט, אומעדום האָט זי בעגעגענט יענעם סאַטירען־געלעכטער איבער׳ן פרעמדען בראָך, וואָס פערדאָפּעלט און פערצעהנפאַכט נאָך די יסורים. די דאָזיגע בעציהונג פון אַרום וועט אפשר זיין איינס פון די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלעך אין אונזער מערטירער־געשיכטע פון די לעצטע עטליכע יאָר. צום גליק אָבער האָט זי לאַנג נישט געדויערט.

דער דייטשער אַריינמאַרש אין וואַרשאַ האָט געמוזט מאַכען אַ סוף צו דעם אַלעם. ער האָט עס אָבער געקאָנט מאַכען נאָר פאָרמעל. די העצע אין גרויסען מאָסשטאַב האָט אויפגעהערט, אָבער איהר פּסיכאָלאָגישער באָדען איז געבליבען, און אויף דעם דאָזיגען באָדען האָבען אויך נאָך דער אָקופּאַציע, דערהויפּט אין דער ערשטער צייט, זיך אָבגעשפּילט גענוג זאַכען, וואָס האָבען געשטאָכען און בעליידיגט די יודישע בעפעלקערונג. די מיליציע האָט אָנגעהויבען איהר בירגערליכע טעטיגקייט מיט שמייסען יודען אין די צירקלען און שמייסען פאַר גאָרנישט. ביי די „לאַזיענקעס“ האָבען שילער און סתם יונגעלייט ווייטער, לויט דער אַלטער טראַדיציע, געאַרבייט מיט גומעס אויף די רוקענס פון יענע יודען, וועלכע האָבען געוואָלט שבת אַהין אַריינ־

קומען כּאַפּען אַביסעל פרישע לופט. אין דעם בירגער־קאָמיטעט, וועלכער האָט געהאַט צו דערפילען אַזעלכע וויכטיגע פונקציעס פאַר די גאַנצער בעפעלקערונג, האָבען יודען קיין פאָרשטעהער נישט געהאַט. אין דער בירגערליכער מיליציע האָבען יודען נישט געהאַט קיין שום השפעה, הגם די צאָהל פון די פרייוויליגע יודישע מיליציאַנטען איז געווען זעהר אַ בעדייטענדע; מען האָט אונז „מפצה געווען" בלויז מיט אַ פּאָר געהילפס־קאָמיסאַרען, וועלכע האָבען, איבריגענס, אפילו אין זייערע צירקלען נישט געהאַט גענוג אויטאָריטעט כּדי צו איבעראַנדערשען די בעציהונג צו יודען. צווישען די פיל מאַגיסטראַטבעאַמטע איז עד היום כּמעט קיין זכר פון יודען נישטאָ. די בעציהונג פון דער פּרעסע צו אונז האָט זיך נישט נאָר נישט פערבעסערט, נאָר, פערקעהרט, פיל ‚אָנשטענדיגע" צייטונגען האָבען אָנגענומען אַן׳אַנטיסעמיטיש־העצערישע ריכטונג. און אין אַן׳אַטמאָספּערע פון אַזויפיל גיפט און האַס פון אַרום זענען מיר אַרויסגעטרעטען צום ערשטען מאָל אויף דער אַרענע פון עפענטליך־פּאָליטישען לעבען, בּכדי צו קעמפען נישט נאָר פאַר אונזערע בירגערליכע רעכט, נאָר אויך פאַר אונזערע רעכט אַלס יודען, אַלס אַ נאַציע, וואָס וויל אָבהיטען איהר אייגענאַרטיגקייט. אָט אין דעם דאָזיגען געצוואונגענעם דואַליזם ליעגט דער שליסעל צו דער גאַנצער קאָניונקטור פון דעם יודישען פּאָליטיש־געזעלשאַפטליכען לעבען אין פּוילען, פון אַלע זיינע קאַפּריזען און וועהעניש.

דער טראַגיזם פון דער יודישער לאַגע אין פּוילען בעשטעהט דערין, וואָס אונזער פּאָליטיש בעוואוסטזיין האָט אין אַן׳אונגעהויערער פּראָפּאָרציע אַריבערגעיאָגט אונזערע פּאָליטישע מעגליכקייטען. די נאַציאָנאַלע לעבענס־פאָרמען זענען פאַר אונז אינערליך געוואָרען אַ ברענענדע נויטווענדיגקייט, נאָך איידער מיר האָבען דערגרייכט די עלעמענטאַרע לעבענס־בעדינגונגען פון פול־בערעכטיגטע בירגער. דאָס נאַציאָנאַלע בעוואוסטזיין וואַקסט אין דער יודישער גאַס, אָבער נישט אין אַ קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט געפינט עס דערווייל זיין אויסדרוק, נאָר אין אַ קאַמף פאַר דעם, אַז מען זאָל יודען אַריינלאָזען אין די שטאָטישע גערטנער. די דאָזיגע קרענקליכע ערשיינונג, די דאָזיגע בולט׳ע סתירה צווישען אונזערע שטרעבונגען און מעגליכקייטען, לעגט אַרויף איהר שטעמפּעל נישט נאָר אויף אונזער פּאַקטישע לאַגע אין לאַנד, נאָר אפילו אויף אונזערע אינערליך אידישע פערהעלטעניסען. אַ בעוואוסטזיין וואָס האָט נישט די מעגליכקייט פונאַנדערצושפּרייטען זיינע פליגלען און קאָן נישט געפלעגט ווערען דורך וועלכע עס איז ממשות׳דיגע מעשים אויף דעם געגעבענעם געביט—אַזאַ בעוואוסטזיין מוז פערוואַנדעלט ווערען אין אַן׳אידעאָלאָגיע וואָס שעפּט איהר יניקה נישט פון לעבען, נאָר פון אַבסטראַקטע איבערלעגונגען, אָנשויאונגען און טעאָריעס. און אַזוי איז עס ביי אונז. נישט געפינענדיג קיין געהעריגען אויסדרוק אין אַ קאַמף כּלפּי־חוץ, אין וואָס ער האָט אייגענטליך בעדאַרפט געפינען זיין אָנווענדונג, האָט אונזער נאַציאָנאַלער

דראַנג געמוזט זיך אײַנשרומפּען אין די ד׳ אמות פון אונזער וועלטעל. אָנשטאָט זיך אויך צו פערברייטערן האָט ער גענומען בלויז זיך „פּערטיפּען", קלאַסיפיצירענדיג זיך אויף פערשידענע ריכטונגען. דער רעזולטאַט פון דעם אַלעם איז דער, וואָס אַז מען רעדט איצט וועגען אַ יודיש פּאָליטיש לעבען אַסאָציאירט זיך עס ביי אונז, נישט ווילענדיג, כמעט בלויז מיט אַנ׳אינערליכען פּאַרטייען־קאַמף אין די ווענד פונ׳ם יודענטום: און וועגען דעם דאָזיגען אינערליכען קאַמף ווילען מיר דאָ רעדען.

II

וועלכע כוחות ווירקען איצט אינ׳ם יודישען פּאָליטיש־געזעלשאַפטליכען לעבען?

קודם־כל וואַרפט זיך אין די אויגען אַ כמעט אונערוואַרטעטער פאַקט: די אַסימילאַציע איז עפּעס ווי אָבהענדיג געוואָרען. זי איז אַזוי ווי אַריינגעטריבען געוואָרען אין אַ פינסטערן ווינקעל, פון וואַנען זי האָט שוין קיין מוט נישט אַרויסצוגעהן און ווייזען זיך אויף גאָטס וועלט. עס וואָלט געווען פריהצייטיג צו פייערן דעם זיג איבער איהר. זי איז נאָך גענוג שטאַרק, וואָרן פאַקטיש בעל־הבית׳עװעט זי נאָך אין אונזערע וויכטיגסטע אינסטיטוציעס און נישט ווענינ ענערגיע וועט נאָך מוזען אָנגעווענדט ווערען, איידער מען וועט פון איהרע הענד די ממשלה אַרויסרייסען. אָבער אידעאיש, אַלס געזעלשאַפטליכע שטרעמונג און אויפפאַסונג, איז זי שוין ענדגילטיג בעזיגט. זי גיט זיך, קענטיג, אַליין אָב אַ חשבון, אַז איהר ליד איז שוין אָבגעזונגען: אין דעם גאַנצען געטומעל, וואָס בעגלייט דאָס ענטשטעהן פון אונזער פּאָליטיש לעבען, איז די שטים פון דער אַסימילאַציע נישט צו הערען. אויף וויפיל זי לעבט און ווירקט נאָך יאָ, טהוט זי עס נאָר פון הינטער׳ן פלויט, אויף די ענגע בעראַטונגען אין די קאָמפאָרטאבלע סאַלאָנען פון די נאָטאַבעלן און אייגערס. פאַר׳ן פאָלק האָט זי שוין נישט זיך צו בעווייזען, אויף די שטורמישע מיטינגען פאַר די גמינע־וואַהלען זעהט מען אפילו איהר שאָטען נישט. און דאָס איז גאַנץ כאַראַקטעריסטיש. די פּוילישע אַסימילאַציע האָט זיך פון אַלע אַנדערע יודישע אַסימילאַציעס אויסגעצייכענט נישט נאָר מיט איהר טיפער קנעכטשאַפט צו אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון פּריץ, נאָר גלייכצייטיג אויך מיט אַ געוויסען אינערליכען אידעאַליזם, וואָס האָט זי אין אַ געוויסער מאָס סימפּאַטיש געמאַכט. זי איז אַ קינד פון יענער ראָמאַנטישער עפּאָכע, ווען פּוילען האָט דעם בעגריף פון איהר אייגענער פרייהייט פערבונדען מיט׳ן בעגריף פון אַ שענערער, בעסערער מענשהייט. די יודישע אַסימילאַציע אין פּוילען האָט שוין געהאַט

איהרע אויפֿריכֿטיגע טרוימער און בעגייסטערטע העלדען. זי איז יעדענפֿאַלס נישט אַזויפֿיל געווען אַ פּראָדוקט פֿון גשמיות'דיגער פֿער־אינטערעסירטקייט—וועניגסטענס פֿון אויבען־אויף קוקענדיג,—ווי די יודישע אַסימילאַציע אין אַנדערע לענדער, וואָרן דאָ איז זי דאָך געווען נישט קיין מלוכה'שע, נאָר אַנ'אויסשליסליך־געזעלשאַפֿטליכֿע, וועלכֿע ווערט בעוועגט מעהר דורך סאָציאַלע פֿאַקטאָרען און אינערליכֿע איבערלעבונגען, איידער דורך דעם ענג־פֿערשטאַנענעם אינטערעס פֿון דער שעה. ווען דער פּוילישער אַסימילאַטאָר פֿלעגט מיט פּיעטעט רעדען וועגען די פּוילישע אידעאַלען, פֿלעגט ער ביי אונז דערוועקען אַסך מעהר צוטרוי איידער דער אַסימילאַטאָר פֿון ליטאָ, וועלכֿער פֿלעגט רעדען וועגען דער רוסישער קולטור ווי וועגען זיין קולטור. אויסערדעם האָט די פּוילישע אַסימילאַציע שטענדיג געהאַט דעם בירגערליכֿען מוט צו קעמפֿען פֿאַר איהר זאַך קלאָר און אָפֿען, זאָגענדיג אָהן צערעמאָניעס וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, בעת אין רוסלאַנד פֿלעגט מען תמיד זעהן זי איינצוויקלען אין אַ מענטעלע פֿון „דעמאָקראַטישע אידעאַלען", „סאָציאַליזם" א. אַז. וו. די דאָזיגע טראַדיציע וואָלט אייגענטליך בעדאַרפֿט זיך אַרויסווייזען בעזונדערס בולט איצט, ווען די אַסימילאַציע אין פּוילען האַלט ביים פּערליערען ענדגילטיג איהרע פּאָזיציעס. זי וואָלט בעדאַרפֿט ענטוויקלען אַ פֿיבערהאַפֿטע טעטיגקייט, נישט אָבלאָזען, קעמפֿען מיט די צייהן, אָבער אָנשטאָט דעם שטעהט זי פֿאַר אונז עפּעס אַ דעזאָריענטירטע, פּונקט ווי זי וואָלט זיך רוהיג איבערגעגעבען אין די הענד פֿון איהר גורל. דער דאָזיגער פֿאַקט בעווייזט קלאָר, אַז אין תוך גענומען פֿערמאָגט נישט די אַסימילאַציע, אפילו די „ריינע", די „אויפֿריכֿטיגע", קיין שום קאַמפּס־פֿעהיגקייט, אַז זי האָט זיך ביז איצט געהאַלטען נאָר מיט'ן כח פֿון אונזער געצוואונגענער פּאַסיוויטעט, און ווען דאָס יודישע עפֿענטליכֿע לעבען וואָלט שוין לאַנג געהאַט די מעגליכֿקייט פֿון אַ פֿרייער ענטוויקלונג, וואָלט די אַסימילאַציע שוין לאַנג נישט געשפּילט ביי אונז די ראָליע, וועלכֿע זי שפּילט נאָך. איהר טויט בעווייזט, אַז זי האָט אין פֿלוג קיין לעבען נישט פֿערמאָגט, און מיט די ווערטער פֿון קאָנפֿוציוס קאָן מען זיך ווענדען צו איהר: „דאָס לעבען האָסטו נישט פֿערשטאַנען, זאָג היטען ווילסטו ווי אַזוי צו שטאַרבען!"

III

דער דאָזיגער פּליוס, די אָבשוואַכֿונג פֿון דער אַסימילאַציע, איז אָבער נישט פֿאַרבייגעגאַנגען פֿאַר אונז אָהן אַ בעדייטענדען מינוס: עס איז גלייכֿצייטיג געבראָכֿען געוואָרען די איינהייט פֿון אונזער נאַציאָנאַלען פֿראָנט. איך מיין נישט צו זאָגען, אַז דאָס צווייטע איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פֿונ'ם ער־

שטען. די שפּאַלטען אין אונזער נאַציאָנאַלען לאַגער האָבען זיך שוין אין אַ היבשער מאָס געלאָזט זעהן פיל פריהער. אָבער מען מוז קאָנסטאַטירען אַ פאַקט אַז די בולט'סטע צעריסענהייט, די ראַדיקאַלסטע צעשפּליטערונג פון אונזערע נאַציאָנאַלע כוחות, וועלכע מיר זעהען איצט, איז אויסגעפאַלען גראָד אין איין צייט מיט דעם אינערליכען באַנקראָט פון דער אַסימילאַציע. דאָס איז איבריגענס נישט מעהר ווי נאַטירליך. ווען דער אַלגעמיינער פיינד לויערט שוין נישט אַזוי, פיהלט מען זיך צווישען אייגענע מענשען וועניגער געבונדען. אין אַזאַ לאַגע איז די פּילאַרטיגקייט אַ סימן פון קראַפט. אָבער צי וועט אונזער נאַציאָנאַלער געדאַנק און נאַציאָנאַלער ווילען באמת אַרויסגעהן אַ בעפעסטיגטער און געקרעפטיגטער פון דער דאָזיגער שפּאַלטונג?

ווען מען זאָל וועלען קורץ פאָרמולירען דעם אונטערשייד צווישען די צוויי ריכטונגען, אויף וועלכע אונזער נאַציאָנאַלער לאַגער האָט זיך צעשפּאָלטען, דאַרף מען איהם בעצייכענען אַלס אַ קאַמף צווישען נאַציאָנאַליזם פון איין זייט און פאָלקסטימליכקייט פון דער צווייטער. דער נאַציאָנאַליזם—דער געזונדער, דער מאָדערן־פערשטאַנענער—איז די בעוואוסטזיניגע, פלאַמעסיגע שטרעבונג צו שאַפען פאַר'ן פאָלק יענע וועגען פאַר זיין ווייטערדיגער ענטוויקלונג און שטייגונג, וועלכע פּאַסען פאַר איהם אַממעהרסטען אויפ'ן גרונד פון זיין געשיכטליכער פערגאַנגענהייט און זיינע אייגענאַרטיגע שאַפונגס־פעהיגקייטען. אַלס אַזעלכער גענומען, איז דער נאַציאָנאַליזם דער אויסדרוק פון אַן'אמת־פּראָגרעסיווער וועלט־אָנשויאונג, און אויב ער זאָל זיך נאָר נישט אָבשטעלען אויף אַ פערגליווערטען פונקט, איגנאָרירענדיג די פאָדערונגען פון דער לעבעדיגער ווירקליכקייט, אָדער אויב ער זאָל זיך נישט „פערגאַלאָפּירען" אין שאָוויניסטישע אַוואַנטורעס, איז ער יענע איינציגע ערבות פאַר דער געזונדער גייסטיגער און מאַטעריעלער ענטוויקלונג פון פאָלק, וועלכע דאַרף צאַלוייטיג קולטיווירט ווערען. די פאָלקסטימליכקייט ווידער איז דער סכום פון יענע אייגענאַרטיגע שטריכען און ערשיינונגען אין דעם אַלטעגליכען לעבען און שאַפען פון פאָלק, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם אויפ'ן גרונד פון זיינע ספּעציפישע גייסט־גע נייגונגען און געשיכטליכע איבערלעבונגען. אַלס אַזעלכע קאָן, אייגענטליך, די פאָלקסטימליכקייט נישט זיין קיין אָביעקט פון בעוואוסטזיניגער קולטיווירונג און ענטוויקלונג, וואָרן אויף וויפיל דאָס פאָלק לעבט מיט זיינע אייגענאַרטיגע פאָרמען, פיהרט די פאָלקסטימליכקייט ממילא איהר ווייטערדיגע עקזיסטענץ. נאָך וועניגער קאָן די פאָלקסטימליכקייט פערוואַנדעלט ווערען אין אַן'אידעאַל, וואָרן דאַן ווערען אינדירעקט אידעאַליזירט יענע פערעלטערטע ערשיינונגען, אָפטמאָל זעהר נעגאַטיווע, וועלכע האָבען די געגעבענע פאָלקסטימליכע זאַך אַרויסגערופען צום לעבען. לויט די אויבען־געגעבענע דעפיניציעס פון „נאַציאָנאַליזם" און „פאָלקסטימליכקייט", קומט אויס, אַז דער נאַציאָנאַליזם—יעדענפאַלס דער יודישער נאַציאָנאַליזם,

וועלכער איז אייגענטליך, ניט מעהר און נישט ווייניגער ווי דער אידעאַל
פון קיום־האומה, — דעקט מיט זיך גלייכצייטיג אויך דעם בעגריף פון דערהאַל־
טען די פאָלקסטימליכקייט אויף וויפיל, פערשטעהט זיך, די פאָלקסטימליכקייט וועט
זיך ענטוויקלען פּאַראַלעל מיט די נייע נאַציאָנאַלע לעבענס־פאָרמען. וואָרן אָהן
דעם אידעאַל פון קיום־האומה, אָהן דער שטרעבונג צו שענערע און געזונ־
דערע לעבענס־פאָרמען פאַר'ן פאָלק, בלייבט דער אידעאַל פון פאָלקסטימליכ־
קייט אַ בלויזער קאַפּריז אָהן יעדער בערעכטיגונג. פאָלקסטימליכקייט אַליין,
אַלס זעלבסטציל, קאָן האָבען זעהר אַנ'עלאַסטישע אָנווענדונג. עס קאָנען זי
פּרעדיגען און צרויסשטעלען אַלס אַ קאַמפּס־לאָזונג נישט נאָר קעמפער פאַר
דער פאָלקס־פרייהייט, נאָר אויך די טרעגער פון די רעאַקציאָנערסטע פּאָלי־
טישע טעאָריעס, ווי מיר האָבען עס געזעהן אין פיל לענדער, וואו די רע־
אַקציע האָט זיך תמיד געשטיצט אויף די כלומר'שט איינגעוואָרצעלטע פאָלקס־
ניגונגען. פון דער צווייטער זייט טאָר דער פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליזם, ווי
פריהער געזאָגט, נישט איגנאָרירען די אַלטעגליכע אייגענאַרטיגקייט פון פאָלק.
ער טאָר זיך נישט אויפהויבען הויך איבער דער לעבעדיגער ווירקליכקייט. ער
מוז צופּאַסען די אַרבייט פאַר'ן קיום־האומה צו די געגענווערטיגע לעבענס־
פאָרמען פון פאָלק, וואָרן אויב נישט, ווערט ער פערוואַנדעלט אין אַ בלויז
מעטאַפיזישען בעגריף, אין אַ טויטע אַבסטראַקציע, וועלכע וועט ביים פאָלק
קיין שום ממשות'דיגע וואָרצלען נישט שלאָגען.

נאַציאָנאַליזם און פאָלקסטימליכקייט זענען אַלזאָ צוויי גלידער פון איין
קערפּער, זיי מוזען געהן האַנד ביי האַנד, איינס מוז דערגענצען דאָס צווייטע
און נאָר ביי אונז, אין אונזער אידיש לעבען, וועלכעס איז אַזוי פול מיט
סתירות און הפכים, האָט עס געקאָנט געמאָלט זיין, אַז צווישען די דאָזיגע
ביידע בעגריפען זאָל אויסברעכען אַ קאָנפליקט, וועלכער דראָהט אונז מיט די
שווערסטע פאָלגען. מיר רעדען וועגען דעם קאָנפליקט צווישען דעם ציוניזם
און דעם פאָלקיזם.

IV

דער קאָנפליקט צווישען ציוניזם און פאָלקיזם, ווי שאַרף און פערבי־
טערט ער זאָל נישט זיין, שטאַמט נישט, ווי געזאָגט, פון אָרגאַנישע פערשי־
דענהייטען צווישען זיי ביידען. ער איז גיכער אַ פּראָדוקט פון אַ פאַלשער פּאָ־
ליטיק און פון אַ שלעכטער אויסטייטשונג פון די ביידע בעגריפען.

ווי גרויס עס זאָלען נישט זיין די פערדינסטען פון ציוניזם אויפ'ן גע־
ביט פון דער נאַציאָנאַליזירונג פון די מאַסען, מוז מען דאָך מודה זיין, אַז
אין פוילען האָט ער פערלוירען אַ היבשען טייל פון זיין אמת'ן אינערליכען

אינהאַלט און איז פּערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּאַראַד־בעוועגונג. די ציוניסטען האָבען נישט געוואוסט צו פּערנעהמען אין פּוילען באַלד אין אָנהויב דעס געהעריגען אָרט אין דער בעוואַכונג פון די אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען; עס האָט זיי געפעהלט דערצו די נויטיגע איניציאַטיוו און דרייסטקייט, די סיבה דערפון איז אפשר אַ מעהר טעכנישע, איידער וועזענטליכע. יאָהרענלאַנג זענען די ציוניסטען, אין זייער גרעסטען טייל, געווען געשוואוירענע „לעגאַליסטען", זיי האָבען סיסטעמאַטיש אויסגעמיטען כּמעט יעדען קאַמפּס־לאָזונג אויפ'ן אָרט און דעריבער האָט זיי די נייע לאַגע געטראָפען פּסיכאָלאָגיש נישט צוגעגרייט. אויסערדעם זענען זיי דאָך ביי יודען די גרעסטע פּאַרטיי און, אַלס אַזעלכע, געפינענדיג זיך אין דער לאַגע פון אַ „פּעראַנטוואָרטליכער אָפּאָזיציע", האָבען זיי געוואויגען און געמאָסטען יעדען פּאָליטישען שריט פיל מעהר ווי ס'איז נויטיג געווען. מיר מיינען דאָ נישט אויפצוהויבען געגען די ציוניסטען די אַלטע טענה מכּח די וואַהלען צום וואַרשאָווער שטאָט־ראַט און וואַרפען זיי אין פּנים אַריין די בעשולדיגונג אין „פּערראַט" און אין „פּערשאַכערן די יודישע אינטערעסען". די דאָזיגע געפליגעלטע ווערטער זענען בלויז אַ פּראָדוקט פון אַ צעהיצטער וואַהל־אַטמאָספּערע און עס גלויבט זיך נישט, אַז עמיצער אַפילו פון די בעשולדיגער אַליין, זאָל זיי אָננעהמען ערנסט. קיין פּערשטענדיגער מענש וועט נישט איינזעהן קיין פּערראַט אין אַ פּאָליטישען פעהלער. נישט די מעשה שטאָט־ראַט־וואַהלען, דאַרף מען די ציוניסטען פּאָרוואַרפען. זיי זענען דאָ געווען אַ קרבן פון דער ספּעציפישער יודישער לאַגע אין פּוילען. פיל מעהר האָבען זיי געזינדיגט אין שטאָט־ראַט גופא און בכלל אויפ'ן געביט פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אַרבייט, וואו זיי האָבען נישט צו פּערצייכענען פאַר זיך קיין איין אמת־דרייסטען און נוצליכען אויפטהו, אויב מען זאָל אַלס אַזעלכען נישט רעכענען די קאָמישע אַקציע געגען אילכקי'ן און נאָך ענהליכע זאַכען.

די ציוניסטען אין פּוילען האָבען פּערגעסען דעם אַלטען אמת, וועלכער איז שוין אַזויפיל מאָל אויפגעקלערט געוואָרען אין דער ציוניסטישער וועלט, אַז ס'איז אונמעגליך צו בויען אַ יודיש לאַנד, כּל־זמן די פּאָזיציעס פון'ם יודישען נאַציאָנאַלען לעבען זענען נאָך נישט בעפעסטיגט; אַז דאָס יודישע לאַנד קאָן זיין אַ פּראָדוקט בלויז פון אַ פעסט־אָרגאַניזירטען און שטאָלצען נאַציאָנאַלען ווילען, וועלכער קאָן ווי געהעריג קומען צום וואָרט נאָר ביי מעגליכסט־גינסטיגערע נאַציאָנאַלע לעבענס־פאָרמען, יעדענפאַלס אָבער נישט פון אַן'אַפּאַטישער גלייכגילטיגקייט צו דער געגענוואַרט און אַ הכנעה'דיגער רעזיגנאַציע פאַר די אונגאָרמאַליטעטען פון אונזער לעבען. דער ברייט־פערשטאַנענער ציוניזם, וועלכער דאַרף אַן'איבערקעהרעניש מאַכען אין'ם גאַנצען גאַנג פון דער יודישער געשיכטע דער ערציהערישער ציוניזם וואָס דאַרף רעוואָלוציאָניזירען דעם יודישען גייסט—דער איז סיסטעמאַטיש פערשטויסען געוואָ־

רען און דעם אויבען-אָן האָט מען אָפּגעגעבען בלויז דעם שקל, דער מאַרקע, דעם „הידד״, דעם „חזק־ואמץ״, בעפּוצענדיג דאָס אַלץ מיט אַביסעל בעל־הבית׳ישער „פּאָליטיק״ פון יוצא וועגען. און אַ ס׳מן־דלות וואָלט עס טאַקי געווען פאַר אונז און פאַר׳ן ציוניזם אויך, ווען אַזאַ ציוניזם וואָלט ביכולת געווען מיטצוציהען מיט זיך די יודישע מאַסע. און מיר האָבען עס טאַקי קלאָר געזעהן: דיזעלבע יודישע מאַסע, וועלכע האָט בלויז אין די גובערניעס פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנעמענט געגעבען הונדערטער טויזענדער אונטערשריפטען אונטער דער ארץ־ישראל־דעקלאַראַציע, ווייזט כלל נישט אַרויס קיין איבריגע סימפּאַטיע די ציוניסטען יעדעס מאָל, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ פּאָליטישער אַקציע. דאָס וואָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל בעדאַרפט אָנלערנען די ציוניסטען איינס פון די ביידע: אָדער זיי זאָלען אינגאַנצען צוועקוואַרפען יעדע פּאָליטישע געגענוואַרטס־אַרבייט, זיך אָבגעבענדיג בלויז מיט ציוניסטישער, אָדער זיי זאָלען ראַדיקאַל ענדערן זייער פּשרות׳דיגע בעציהונג צו די יודישע פּאָליטישע אויפגאַבען,

נישט בעסער איז עס אויך מיט דער קולטור־אַרבייט פון די ציוניסטען. דאָס ציוניסטישע קוראַטאָריום האָט זיך אַרומגעמויערט מיט אַ כינעזישער וואַנד פון העברעאיש „פּאַר יעדען פרייז״, נישט וועלענדיג אָנקוקען אַפילו דעם שאָטען פון „זשאַרגאָן״. אַ שטיק יודיש לעבען, דאָס זאַפטיגסטע און לעבעדיגסטע שטיק ווערט מיט איין פעדער־שטריך בטל געמאַכט, פּונקט ווי דאָס וואָלט קיינמאָל במציאות נישט געווען. די עקסטע העברעאיסטען פון ציוניסטישען לאַגער ווילען בשום אופן נישט פערשטעהן, אַז אַ גאַנץ גרויסער טייל פון דער ענטוויקלונגס-ליניע פונ׳ם יודישען נאַציאָנאַלען געדאַנק, בעזונדערס פאַר די לעצטע פאָר צעהנדליג יאָר, געהערט כמעט אויסשליסליך דער יודישער שפּראַך. זיי ווילען בשום אופן נישט פערשטעהן, אַז נאַציאָנאַליזירען די מאַסען, אָבשטויסענדיג מיט פעראַכטונג די שפּראַך פון די דאָזיגע מאַסען, איז אַן אונזין, צו וועלכען נאָר די בלינדע עקשנות קאָן שטויסען. מיט זייער עקשנות׳דיגען איגנאָרירען די יודישע שפּראַך, ווי בכלל די פּאָזיטיווע זייטען פון דער יודישער געגענוואַרט, שפּילען זיי אַ פּאָליטיק פון אַרויסגיסען דאָס וואַסער צוזאַמען מיט׳ן קינד, וואָרן צוזאַמען מיט׳ן גלות וואַרפען זיי אָב די גרויסע נאַציאָנאַלע ערהאַלטונגס־קראַפט, וועלכע דאָס יודישע לעבען האָט אונבעדינגט פערמאָגט. מען האָט זיך געשאַפען אַ פעטיש פון העברעאיש אַלס לעהר־שפּראַך און מען וויל דערפון אויף אַ האָר נישט אָבטרעטען, נישט קוקענדיג אויף דער לאָגיק, אויף די פּעדאַגאָגישע פאָדערונגען, אויף די אינטערעסען פונ׳ם קינד. נאָך מעהר: אפילו אַלס געגענשטאַנד וויל מען נישט אַריינלאָזען די יודישע שפּראַך אין דער שול. עס קומט אויס, אַז דאָס יודישע קינד דאַרף קענען אין אָריגינאַל מיצקעוויטש׳ן, סלאָוואַצקי׳ן, קראַסינסקי׳ן, אָבער באין אופן נישט שלום־עליכם׳ן, מענדעלי׳ן, פּרצ׳ן, וועלכע טראָגען אין זיך דעם

דופק פון יודישען לעבען, די אונמיטעלבאַרע, לעבעדיגע יודישע פאָלקס־נשמה.

דער דאָזיגער מ׳שטיינס געזאָגט „קאָנסעקווענטער״ ציוניזם וועט, סוף־כל־סוף ברענגען דערצו, אַז דער קערן פונ׳ם ציוניסטישען געדאַנק וועט אַרומשוועבען אין דער יודישער וועלט, ווי אַ בלויזע „צוקונפטס־מוזיק״ אָהן אַ שום וואָרצעל און אָנהאַלט אין לעבען. פערלירען דערפון וועט נישט נור דער ציוניזם אַליין, נאָר דער אידישער נאַציאָנאַלער געדאַנק בכלל, אין אויב עס זענען נאָך נויטיג דערצו בעווייזען, איז גענוג אָנצווייזען אויף די ענטוויקלונגס־ליניע פון יודישען פאָליטישען לעבען פאַר די לעצטע צוויי יאָהר, הויפטזעכליך אויף די ענטשטעהונג און טעטיגקייט פון דער פאָלקס־פאַרטיי.

V

ווען מען רעדט וועגען דער פאָלקס־פאַרטיי, דאַרף מען קודם־כל שטרענג אונטערשיידען צווישען דער דאָזיגער פאַרטיי אַלס אַזעלכער און יענער שטרעמונג, וועלכע האָט זיך אַ נאָמען געגעבען „פאָלקיזם״. עס וועט זיך נישט געפינען, גלויב איך, קיין איינער אין דעם יודישען נאַציאָנאַלען לאַגער, וואָס זאָל האָבען אַרויסצושטעלען וועלכע עס איז ערנסטע אַרגומענטען געגען דער עקזיסטענץ פון אַ יודישער פאָלקס־פאַרטיי, וואָס זאָל שטעהן אויף דער וואַך פון די יודישע בירגליכע און נאַציאָנאַלע אינטערעסען און זאָל אַרויסטרעטען יעדעס מאָל אַלס די פאָרשטעהערין פון דעם נאַציאָנאַלען יודענטום. אַזאַ פאַרטיי האָבען מיר נאָך אָבער פאַקטיש נישט. אויף וויפיל די פאָלקס־פאַרטיי עקזיסטירט יאָ, געפינט זי זיך נאָך אַלץ אין דעם סטאַדיום פון „ווערען״. דערפאַר אָבער האָבען מיר פאַר זיך די שיטה, די טעאָרעטישע בעגרינדונג, די וועלט־אָנשויאונג, אַזוי אַז רעדען קאָן מען דערווייל נאָר וועגען איהר.

קיין ניי וואָרט האָט אונז דער פאָלקיזם נישט געבראַכט. דאָסזעלבע, וואָס די פאָלקיסטען זאָגען איצט, האָבען מיר שוין געהערט לאַנג צוריק פונ׳ם „בונד״ אָבער דאָס נייע בעשטעהט דערין, וואָס דיזעלבע אידעאָלאָגיע, וועלכע האָט פריהער אָפּערירט מיט איין קלאַס, וויל איצט אָפּערירען מיט דער גאַנצער נאַציע, די קלאַסען־פראַזע איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ נאַציאָנאַלע פראַזע, און דער פועל־יוצא דערפון איז, אַז ביי׳ם שיין פון פאָלקיסטישען ליכט זעהען מיר אַלץ, וואָס איהר ווילט: אַ קאַמף פאַר בירגערליכע און נאַציאָנאַלע רעכט, פאַר אַ נאַציאָנאַלע שולע, פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך; מיר זעהען אָבער נישט איינס, און דאָס איז דער עיקר: דעם יודישען נאַציאָנאַלען געדאַנק.

דער אָרגאַנישער פעהלער פון פאָלקיזם, זיין בלוט־קראַנקהייט. בעשטעהט

דערין, וואָס ער בעטראַכט דאָס יודישע פאָלק נישט ווי אַ פאָלק, וואָס
לעבט שוין טויזענדער יאָהרען, וואָס האָט הונדערטער און טויזענדער יאָהרען
זיך אַרומגעטראָגען מיט געוויסע אידעאַלען און געליטען פאַר זיי, נאָר בלויז
ווי אַ פאַקט פון דער געגענוואַרט . דאָס יודישע פאָלק לעבט אין גרויסע
קיבוצים מיט זיינע אייגענאַרטיגע לעבענס־פאָרמען, דאַרף מען, הייסט עס, די
דאָזיגע פאָרמען פערפעסטיגען, שאַפען פאַר זיי פרייהייטס־מעגליכקייטען און
פאַרטיג: דער יודישער נאַציאָנאַלער אידעאַל איז דערגרייכט. יודען וועלען
האָבען זייערע אייגענע שולען מיט יודיש אַלס לעהר־שפראַך, יודישע
טעאַטערען, אַ יודישע ליטעראַטור, יודישע שפיטאָלען, יודישע הילפס־
אינכטיטוציעס—און דאָס יודישע נאַציאָנאַלע געוויסען איז אויף אייביג גע־
שטילט און בעפרידיגט. דאָס אַלץ איז אונבעדינגט מחייב צו ווייטערדיגע לאָ־
גישע קאָנסעקוועגצען: יודיש איז אונזער איינציגע נאַציאָנאַלע שפראַך, קיין
גלות איז נישטאָ, דער הויפּט־סימן פון אָנגעהעריגקייט צום יודישען פאָלק איז די
יודישע שפראַך און יענע טיילען פון יודישען פאָלק, וועלכע רעדען ניט קיין יו־
דיש, ווערען אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסען פון דעם יודישען נאַציאָנאַלען קערפּער.

עס איז נישט קיין וויץ, ווען מען זאָגט, אַז פאַר די פאָלקיסטען, ווי
פאַר אַלע עקסטרעמע יודישיסטען בכלל, הייבט זיך אָן די יודישע געשיכטע
מיט צוואַנציג־דרייסיג יאָהר צריק. דאָס איז דער לאָגישער פועל־יוצא פון זיי־
ער גאַנצער שיטה, און יענע פאָלקיסטען, וועלכע לייקענען עס, זענען אָדער
נישט אויפריכטיג, אָדער זיי גיבען זיך נישט אָב גענוג אַ חשבון פון זייער
אייגענער אידעען־וועלט. מען מוז עס איין מאָל פאַר אַלע מאָל זאָגען קלאָר
און אָפען: דער יודישיזם—דער לאָגישער אויסגעהאַלטענער יודישיזם—איז די
רעוואָלוציאָנערסטע אידעע אין דער גאַנצער יודישער געשיכטע, ווייל ער מאַכט
די ראַדיקאַלסטע איבערקעהרעניש אין דער גאַנצער אויפפאַסונג פון יודענטום.
ער פרעדיגט נישט נאָר אַ נייע ווענדונג אין דער יודישער געשיכטע, נאָר
פשוט די שאַפונג פון אַ ניי פאָלק. דאָס איז איינע פון יענע אידעען, צו וועל־
כע עס איז אַבסאָלוט צוועקלאָז צוצוגעהן מיט'ן מאַסשטאַב פון אַ שיקול־הדעת
און אַרגומענטען פאַר אָדער געגען. זי געפינט זיך אינגאַנצען אין דער ספע־
רע פונ'ם געפיהל, פון פערזענליכע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. פאַר יענעם,
וועלכער לעבט נאָר בלויז מיט ערשיינונגען, מעגען זיי זיין ווי מאָמענטאַל,
איז דער יודישיזם ווי אָנגעמאָסטען. יענער אָבער, פאַר וועלכען עס עקזי־
סטירען אין דער וועלט אויסער מאָמענטאַלע ערשיינונגען אויך בעגרי־
פען, וועלכער האָט כאָטש עטוואָס זין פאַר געשיכטע—דער וועט זיך קיינ־
מאָל נישט אונטערשרייבען אונטער דער יודישיסטישער אויפפאַסונג. דער יו־
דישער נאַציאָנאַליזם און דער „ריינער" יודישיזם—דאָס זענען צוויי וועגען,
וועלכע געהען זיך פונאַנדער, אום קיינמאָל זיך שוין מעהר נישט צונויפצו־
קומען . צוויי בעזונדערע וועגען פון צוויי בעזונדערע פיינדליכע פעלקער.

וואָלט דער פאָלקיזם נישט פּרעטענדירט אויף דער ראָליע פון אַ נאַציאָנאַלער בעוועגונג (זאָגאַר פון דער איינציגער יודישער נאַציאָנאַלער בעוועגונג), וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. מיר וואָלטען איהם דאַן בעטראַכט ווי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי מיט געוויסע פּאָליטישע אויפגאַבען פאַר דער געגענוואַרט, און אונזער בעציהונג צו איהם וואָלט געווען אָבהענגיג פון דעם, אויף וויפיל די אויפגאַבען ענטשפּרעכען אונזערע איטערעסען און אויף וויפיל ער קעמפט באמת פאַר די דאָזיגע אויפגאַבען. ער פּרעטענדירט אָבער פאַקטיש יאָ אויף אַזאַ ראָליע. זיין קאַמף געגען ציוניזם איז דער קאָמף פון אַ קאָנקורענט, וועלכער וויל פערנעהמען זיין פּלאַץ און דאָ ווערט ער שעדליך. וואָרן טראָגענדיג שטענדיג אויף די ליפּען די נאַציאָנאַלע פראַזע, האָט דער פאָלקיזם פון דעסטוועגען נישט דעם מינימום, וואָס יעדע נאַציאָנאַלע בעוועגונג מוז האָבען: דעם אידעאַל און דעם פעסטען גלויבען אינ׳ם קיום־האומה. דער פאָלקיזם, פּונקט ווי דער בונדיזם, אינטערעסירט זיך נישט מיט די פּערספּעקטיווען פון דער ווייטער צוקונפט. פאַר איהם איז וויכטיג נאָר דער פאַקט וואָס דאָס יודישע פאָלק לעבט איצט; צי עס וועט ווייטער לעבען—דאָס געהט איהם נישט אָן. ער וויל נאָר שאַפען פאַר יודען די עווענטועלע מעגליכקייט פון אַ נאַציאָנאַל לעבען; צי די דאָזיגע מעגליכקייט וועט אָבער האָבען אַ קראַפט, נישט קוקענדיג אויף אַלע יורידישע פּערפּעסטיגונגען, בייצושטעהן געגען דער געזעלשאַפטליכער און קולטורעלער ווירקונג פון דער אַרומיגער מעהרהייט—דאָס ווייס ער נישט. יאָ איז יאָ, נישט—איז נישט. אַזאַ אויפפאַסונג וועט פאַר׳ן יודישען פאָלק קיין אידעאַל קיינמאָל נישט ווערען. ווען מיר פלעגען עס הערען פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע קומט אין נאָמען פון אָרטאָדאָקסאַלען מאַרקסיזם, איז עס געווען נישט מעהר ווי נאַטירליך. ווען אָבער מען קומט מיט אַזאַ טעאָריע אין נאָמען פון דעם אַקטיווען, קעמפענדען נאַציאָנאַליזם און דערביי פערמאָגט מען נאָך בעשולדיגונגען אין „אַסימילאַציע" פאַר׳ן ציוניזם—דאַן פיהלען מיר אין דעם אַנ׳אונאויפריכטיגקייט, אַ פּאָליטישען שקר, וועלכער ווערט געלאָזט אין גאַנג, כּדי צו מאַכען אַ קאַריערע אויף דער פּאָליטישער אונרייפקייט פון דער ברייטער מאַסע. מיר צווייפלען אָבער, צי וועט דער דאָזיגער שקר ווען עס איז ביכולת זיין צו בעהערשען די יודישע מאַסען.

די פאָלקס־פּאַרטיי האָט אַ צוקונפט אויף דער יודישער גאַס, אָבער נאָר דאַן, ווען זי וועט זיך אָבזאָגען פון דעם „פאָלקיסטישען" ביי־געשמאַק, ד. ה. פון דעם עקסטרעמען יודישיזם און פון דער פערהערליכונג פונ׳ם גלות און ווען זי וועט אויפהערען צו בעקעמפען דעם ציוניזם. דאַן וועט זי ווערען די פּאַרטיי פון אַלע נאַציאָנאַל־פיהלענדע יודען, וואָס ווילען פערטיידיגען זייערע בירגערליכע און נאַציאָנאַלע רעכט. ביז דאַן אָבער וועט זי בלייבען דאָס, וואָס זי איז איצט—אַ קרייזעל פון געצעהלטע פאָלקיסטען.

VI

אונזערע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען איז בעשערט געווען צו ווערען צעוויגעהן נון זיי פּערבּאָרגענע קעלערס אויף דער ווייסער וועלט נישט אַזוי פיל מיט פּאָליטישע מעשים, ווי מיט פּשוט׳ער, וואָכעדיגער הילפס־פעטיגקייט. באַלד ווי דער רוסישער דרוק איז אַוועק, האָבען אונזערע אַרבּייטער פּאַרטייען קודם־כל גענומען גרינדען אַרבּייטער־קיכען, ביליגע קאָאָפּעראַטיווען, קינדער־היימען— אינסטיטוציעס, וועלכע זענען ביי דער איצטיגער שווערער צייט אַ גרויסע שטיצע פאַר׳ן אַרבּייטער. אויסערדעם האָט יעדע פּאַרטיי געגרינדערט אַ רייה קולטורעלע אינסטיטוציעס: שולען, אָווענד־קורסען, ביבּליאָטעקען, וועלכע ווערען געפיהרט, פערשטעהט זיך, אין דעם גייסט פון דער ענטשפּרעכענדער פּאַרטיי.

זייער פּאָליטישע פיזיאָנאָמיע האָט זיך וועניג וואָס געביטען. דער „בונד“ פיהרט ווייטער זיין „שטרענג־אָרטאָדאָקסאַלע“ ליניע, הגם אין דער פּאַרטיי גופא הערען זיך פון צייט צו צייט שטימען—און פון די אָנגעזעהענסטע—פאַר אַ געוויסען קאָנטאַקט מיט דער בירגערליכער דעמאָקראַטיע אויפ׳ן געביט פון קולטורעלער אַרבּייט. די דאָזיגע שטימען זענען אָבער אַ קליינע מינדערהייט, און ווען, למשל, עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען בעטייליגען זיך אין דער קולטור־קאָנפערענץ און שפּעטער אינ׳ם שול־און פאָלקסבּילדונג־פעראיין, האָבען די „ריינע“ גובר געווען און דער „בונד“ האָט זיך געהאַלטען אָן אַ זייט. וועגען דעם פּאָליטישען איינפלוס פון „בונד“ אויף די מאַסען איז אייגענטליך שווער צו זאָגען עפּעס בעשטימטעס. פון איין זייט איז ער ביי אונז די גרעסטע אַרבּייטער־פּאַרטיי; פון דער צווייטער זייט אָבער האָט ער ביי די וואַהלען צו די שטאָט־ראַטען אין די גרעסערע יודישע צענטרען אין פוילען, ווי לאָדז, טשענסטאָכאָוו א. א. פערנומען דעם צווייטען פּלאַץ לגבי אַנדערע יודישע אַרבּייטער־פּאַרטייען. וועגען וואַרשאַ קאָן מען גאָרנישט וויסען, ווייל דאָ איז ער צו די שטאָט־ראַט־וואַהלען געגאַנגען נישט אונטער דער אייגענער פירמע, באָר צוזאַמען מיט די לינקע פּ. ס. און דאָס אויך האָט דער „סאָציאַליסטישער בלאָק“ דורכגעפיהרט בלויז איין קאַנדידאַט—דעם פּ. פּ. ס. ה׳ צישעווסקי. דעם פאַקטישען איינפלוס פון „בונד“ אויף דער יודישער מאַסע אין וואַרשאַ וועלען מיר זעהן ביי די קומענדיגע גמינע־וואַהלען. צו די דאָזיגע וואַהלען געהט דער „בונד“, בעוואָפענט מיט זיין אַלטען פּראָגראַם: בלויז קולטורעלע פונקציעס פאַר דער קהילה. דערין ווייזט זיך אַרויס אַנ׳איבּריג מאָל דער איינגעגעסענער פּאַרטיי־קאָנסערוואַטיזם פון „בונד“, וועלכער וויל זיך נישט רעכענען מיט קיין זאַך, אַבי געטריי צו בלייבען זיינע אַלטע פּרינציפּען, מעגען זיי זיין ווי פערעלטערט. אַזאַ עקשנות פערדינט אפשר די גרעסטע אַכטונג; צי זי וועט אָבער פיהרען דעם „בונד“ צו אַנ׳ערפאָלג איז נאָך אַ גרויסע פראַגע.

די צווייטע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי לויט דער גרייס, די „פּועלי ציון", געפינט זיך נאָך אַלץ אין דער לאַגע פון יענעם, וועלכען די „גיבעלינען" רופען „גוועלף" און די „גוועלפען" — „גיבעלין". פאַר'ן „בונד" זענען די „פּועלי־ציוניסטען דיזעלבע „אימפּעריאַליסטען" און „אַנעקסיאָניסטען", נאָר מיט אַ סאָציאַליסטישער פראַזעאָלאָגיע; פאַר די ציוניסטען ווידער זענען זיי דיזעלבע בונדיסטען, נאָר מיט אַ ציוניסטישער פראַזעאָלאָגיע. ווי עס איז אָבער צו זעהן, רעכענען זיך די „פּועלי־ציון" אַסך מעהר מיט'ן חשד מצד די בונדיסטען, זואָרן דער ציוניזם איז ביי זיי באמת דערפיהרט געוואָרען צו דער מדרגה פון אַ בלויזער פראזע, וועלכע אַנגאַזשירט צו קיין שום טעטיגקייט נישט, אויער צו טעאָרעטישע „בעגרינדונגען" און דיסקוסיעס. פון דעם פּאַלעסטינאַ־אַרבייטער־פאָנד, וועלכער דאַרף זיין, לויט די „פּועלי־ציון" דער ווינקעל־שטיין פון דעם צוקונפטיגען יודישען טעריטאָריאַלען בנין, הערט מען אין וואַרשא, ווי אין פוילען בכלל, זעהר וועניג, ווער שמועסט שוין פון אַ וועלכער עס איז אַנדערער ציוניסטישער אַרבייט. אויב מיט זייער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער פיזיאָגנאָמיע מאַכען די „פּועלי־ציון" דעם איינדרוק שיער נישט פון דער ריהרעוודיגסטער פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשא, קאָן מען אָבער גאָרנישט פערצייכענען וועגען זייער טעטיגקייט אויף יענעם געביט, וועלכער איז אייגענטליך זייער גאַנצע עקזיסטענץ־בערעכטיגונג — אויפ'ן געביט פון ציוניזם.

אַ מערקווירדיגע טראַנספאָרמאַציע האָט דורכגעמאַכט פאַר דער לעצטער צייט די דריטע פּראָלעטאַרישע גרופּע, די ס. ס. מיר געדענקען נאָך אַלע דעם האָפנונגסלאָזען קוק פון דער דאָזיגער פּאַרטיי אויף דער יודישער ווירקליכקייט אין גלות. נישט נאָר אין סאָציאַל־עקאָנאָמישער הינזיכט נאָר אפילו אין קולטורעלער, האָבען די ס. ס. פאָראויסגעזעהן פאַר'ן יודישען אַרבייטער אַ פּערספּעקטיוו פון בלויזען אונטערגאַנג. דערמיט האָט זיך ערקלערט זייער סקעפּטישע בעציהונג צום געדאַנק וועגען אַ קולטורעלער אויטאָנאָמיע, בפרט נאָך וועגען אַ סיים. און גאָר פּלוצלונג איז פאָרגעקומען מיט זיי די ראַדיקאַלסטע איבערקעהרעניש: זיי זענען געוואָרען שיער נישט די גרעסטע אָפּטימיסטען בנוגע צום גלות. וועגען טעריטאָריאַליזם, דעם א' און ת' פון זייער פריהערדיגער טעאָריע, האָבען זיי שוין אַזוי גוט ווי פערגעסען; ער איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ נעבעלדיגע פאָרמולע: „רעגולירונג פון דער עמיגראַציע" און אָנשטאָט איהם איז אויפ'ן ערשטען פּלאַן אַרויסגעשטעלט געוואָרען די דערגרייכונג פון אַ יודישער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע. און מערקווירדיג: די דאָזיגע פּאַרטיי, וועלכע האָט אַמאָל אַזוי פיל כוחות אַוועקגעלעגט אויף טעאָרעטישע בעגרינדונגען, ווייזט איצט נישט אַרויס קיין איבריגען פלייס אין דער בעגרינדונג פון איהר נייער אָריענטאַציע. יעדענפאַלס איז קלאָר, אַז מיט דער דאָזיגער נייער אָריענטאַציע וועט שוין דער ס. ס־ישער פּאַרטיי

נישט בעשערט זיין צו שפּילען אויף דער יודישער אַרבייטער־גאַס דיזעלבע ראָליע, וואָס זי האָט געשפּילט דאַן, ווען אין איהר גאַנצער שטעלונג צום יודישען פּראָבלעם האָט זיך געפיהלט אַנ׳אייגענאַרטיגקייט און אַ גאַנצקייט.

דער קאַמף צווישען אונזערע פּאַרטייען ענטוויקעלט זיך וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער און שאַרפער. די יודישע געזעלשאַפט ווערט מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר צעטיילט לויט די פערשידענע אידעען־שטרעמונגען. אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו זעהן אין דעם דאָזיגען קאַמף אַ רעזולטאַט פון אַ שכרענגער קלאַסען־דיפערענצירונג. דער כאַראַקטעריסטישסטער שטריך פון אונזער פּאַרטייען־קאַמף בעשטעהט דערין, וואָס ער איז הויפּטזעכליך אַ קולטור־קאַמף. כמעט דער איינציגער אָביעקט, פאַר וועלכען אַלע פּאַרטייען בעקעמפּפען זיך אַזוי העפטיג, איז די יודישע שול, און האַנדלען האַנדעלט זיך דאָ הויפּטזעכליך וועגען דער שפּראַכען־פראַגע. אַזאַ קאַמף, וואו עס געהען אַריין אין קאָן פּערזענליכע געפיהלען אפשר פיל מעהר ווי קלאַסען-אינטערעסען, מוז זיין פערביסען און פערביטערט, און דעריבער ווערט דער תהום צווישען די פּאַרטייען, דערהויפּט צווישען די הויפּט־שטרעמונגען, אַלץ טיפער און טיפער.

דער קאַמף הייבט זיך נאָך ערשט אָן אייגענטליך. אָבער עס איז נישט שווער פאָראויסצוזעהן, אַז ענדיגען וועט ער זיך אָהן זיגער און אָהן בעזיגער. די גאַנצע טענדענץ פון דעם קאַמף צווישען די צוויי הויפּט־שטרעבונגען—צווישען דעם נאַציאָנאַליזם פון איין זייט און דער פאָלקסטימליכקייט פון דער צווייטער—איז אַזאַ, אַז וואָס ווייטער זיי בעקעמפּפען זיך, אַלץ מעהר דערווייטערן זיי זיך איינער פונ׳ם צווייטען. עס ווערען ביסלעכווייז אויסגעאַרבייט צוויי ראַדיקאַל־פערשידענע אויפפאַסונגען פון דער יודישער געשיכטע, פון דער יודישער צוקונפט, וואָס יעדערע פון זיי וועט סוף־כל-סוף אַוועקגעהן מיט איהר אייגענעם וועג, נישט האָבענדיג אַפילו קיין געמיינזאַמען קאַמפּפס־פּלאַץ. עס ווילט זיך נישט גלויבען אין דעם; עס ווילט זיך האָפען, אַז עפּעס וועט אין דער צוקונפט קומען אַזוינס, וואָס וועט דעם טיפען תהום פערשיטען, אָבער די אונבּרחמנות׳דיגע ווירקליכקייט ווייזט אונז דערווייל אַ טרויריג בילד—אַ בילד, ווי אַזוי פון איין פאָלק, וואָס האָט טויזענדער יאָהרען געלעבט גייסטיג צוזאַמענגעשלאָסען, נישט קוקענדיג אויף די גרעסטע ליידען און אויף די פיזישע ווייטקייט צווישען זיינע פערשידענע טיילען—ווי פון אַזאַ פאָלק ענטשטעהען צוויי פעלקער.

מאַקס עריק.

מאקס עריק.

דער נעאראמאנטיזם.

(פון א גרעסערן שטודיום).

I

דער נעאראמאנטיזם איז א סינטעזע פון צוויי אידעען. פון דעם ראמאנטיזם און זיין געגענזעצליכע אידעע—דעם רעאליזם. אין דעם שטודיום וועלען מיר פארשען דעם גאנג פון דער ענטוויקלונג פון די אידעען, וועלכער האט געמוזט נויטווענדיג זיך סינטעזירען אין דעם נעאראמאנטיזם.

דער ראמאנטיזם פון סוף 18 און אנהויב 19-טען יאהרהונדערט איז ענטשטאנען אלס א רעוואלוציע געגען דעם פסעוודא-קלאסיציזם, געגען דער רעאקציאנערער אימיטאציע פון דער גריכישער און לאטיינישער ליטעראטור, געגען די קייטען, וועלכע מען האט ארויפגעלעגט אויף דעם דיכטער דורך משונה'דיגע און נישט-נויטיגע כללים. אזוי, צ. ב., איז דער דראמאטורג געווען בעגרענעצט אין זיין שאפען דורך דעם „דריי-איינגקייט-געזעץ": ער האט געמוזט אבהיטען די איינגקייט פון צייט (די גאנצע האנדלונג מוז זיך אבשפילען אין 24 שעה), די איינגקייט פון ארט (אלע סצענעס האבען געמוזט פארקומען אין דעם זעלבען ארט), און די איינגקייט פון האנדלונג (די אקציע האט נישט געטארט בערירען עטליכע טעמעס). די גאנצע דיכטונג האט געמוזט טראגען א שאבלאן-מעסיגען חאראקטער; פון קונסט,—ד. ה. א ווערק פון פרייען אויספלוס פון דער בעגייסטערונג און שאפענסווילען פון דעם שרייבער, די פאעזיע, האט דער פסעוודא-קלאסיציזם פערוואנדעלט אין א מלאכה, א רעזולטאט פון טעכניק. די דיכטונג איז געווען צוגעפאסט צו דעם גייסטיגען צענטרום פון יענער צייט, צו די הויפען פון די אבסאלוטע מלכים מיט דער מחנה הויף-ליבלינגע; זי האט אלזא געטראגען א פאלשען, צערעמאניעלען און קינסטליכען חאראקטער; זי האט נאר אבגעשפיגעלט בלויז דאס לעבען פון די הערשער-קלאסען, אבגעריסען פון דעם רעאלען לעבען פון די ליידענדע פאלקסמאסען.

צוזאמען מיט דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע בעווייזט זיך דער ראמאנטיזם, און דאס איז נישט קיין צופאל: מיט דעם קאפ פון לואי דעם XVI פאלט דאס סיסטעם פון אבסאלוטער מאנארכיע,—אלזא אויך זיין דינערין, די קלאסישע פאעזיע. און אויב די פראנצויזישע רעוואלוציע איז געווען אן עקאנאמישע און פאליטישע איבערקערעניש, א טרובאדור פון נייע, פערשכורענדע לאזונגען פון פרייהייט, ברידערליכקייט און גלייכהייט—איז דער ראמאנטיזם געווען דער טרעגער פון די זעלבע לאזונגען אין דער ליטעראטור. דער ראמאנטיזם טרעט ארויס אלס קעמפער געגען דעם אלטען שימעל פון דעם קלאסיציזם. זיין

גאַנץ פּראָגראַם איז בעשטאַנען אין דער נעגאַציע, אין קאַמף געגען דעם "Micien regine„, אין דער קונסט—דעם קלאַסיציזם. „נידער מיט דעם שאַבלאָן, נידער מיט די כללים, וואָס בעגרענעצען דעם דיכטער.״—אָט דאָס זענען די ערשטע, דורכאויס נעגאַטיווע לאָזונגען פֿון דעם קעמפֿענדען ראָמאַנטיזם.

עס איז אַ דורכאויס פֿערשטענדליכע ערשיינונג, אז יעדע נייע בעוועגונג איז לכתחילה נעגאַטיוו; זי בעווייזט די צופֿוילטקייט פֿון די שוין עקזיסטירענדע פֿאָרמען, כדי צו בערעכטיגען איהר אייגענע, נייע עקזיסטענץ. ערשט ווען די בעוועגונג האט שוין א „סטראַטעגישען פּלאַץ,״ אזוי צו זאָגען, ד. ה. אַ באַזיס פֿאַר אַ טיפֿערע טעטיגקייט, ווערען בעשאַפֿען די פּאָזיטיווע גרונדלאַגען פֿון דער בעוועגונג, עס ווערט פֿאָרמולירט, פֿאַר וואָס קעמפֿט די אידעע? וואָס איז איהר טייער און הייליג?

II

די פּאָזיטיווע לאָזונגען פֿון דעם ראָמאַנטיזם דרינגען-זיך אַרויס נויטוועדיג פֿון זיינע נעגאַציעס. קאַמף מיט שאַבלאָן—אַלזאָ „פֿרייהייט פֿון שאַפֿען״! אַלזאָ: „קונסט איז אַ ציל פֿאַר זיך, אונאָבהענגיג פֿון אַנדערע צילען.״ קאַמף מיט דער נישט-נאַטירליכער, קינסטליכער אַטמאָספֿערע פֿון פּסעוודאָ-קלאַסיציזם—אַלזאָ: „טיפֿער אין לעבען! צוריק צום נאַטירליכען, אָריגינעלען אוצר פֿון פֿאָלקסשאַפֿען״!—און די ראָמאַנטיקער שטודירען די פֿאָלקספּאָעזיע און ווערען ענציקט פֿון איהר רייכקייט און הויפּטזעכליך פֿון איהרע פֿרייע, נישט בעגרענצטע פֿאָרמען; די פֿאָלקספּאָעזיע טראָגט אַריין אַ נייעם עלעמענט אין דעם ראָמאַנטיזם—די פֿאַנטאַסטיק; עס ווערען מאַסענווייז געשריבען באַללאַדען, ראָמאַנסען, מעשיות וועגען שדים, כשפֿות א. א. וו.

דריי לאָזונגען זענען אַלזאָ געווען אין אָנהויב אַרויסגעשטעלט דורך דעם ראָמאַנטיזם: פֿרייהייט פֿון שאַפֿען, קונסט איז אַ ציל פֿאַר זיך, טיפֿער אין די רייכע קוואַלען פֿון פֿאָלקסשאַפֿען! די דאָזיגע לאָזונגען וואַרפֿען זיך באַלד אין די אויגען, און דער שאַבלאָן-קריטיקער בעטראַכט נאַר בלויז דאָס אַלס די איינציגע עלעמענטען פֿון דעם ראָמאַנטיזם. דאַן וואָלט אָבער דער ראָמאַנטיזם געווען נאַר אַ נייע מעטאָדע פֿון שרייבען, אָבער נישט אַ נייע דיכטערישע עוואַנגעליע, אַ רעוואָלוציע, וואָס פֿליסט אַרויס פֿון די אינערליכסטע פּראָצעסען פֿון שאַפֿען; עס וואָלט געווען העכסטענס בלויז אַ זאַמלונג פֿון נייע פֿאָרמען פֿון שאַפֿען. ווייל די אויבענדערמאַנטע דריי לאָזונגען מאַכען נאַר ריין דעם וועג פֿאַר פּאָעזיע, זיי שאַפֿען נאַר געזונטע בעדינגונגען פֿאַר דעם דיכטערישען שאַפֿען—זיי גיבען אָבער נישט אָנ׳ענטפֿער אויף די הויפּט פּראָבלעמען פֿון מענשליכען דיכטערישען גייסט: די בעציהונג פֿון קונסט צום מענשען—פֿון מענשען צו דער אייביגקייט... די דערמאַנטע לאָזונגען ווי „פֿרייהייט פֿון שאַפֿען,״ „קונסט איז אַ ציעל פֿאַר זיך״—זענען אַלזאָ נור שיינבאַר פּאָזיטיוו, אין אמת׳ן אָבער זענען זיי די ענטוויקלונג

פון די ערשטע, נעגאטיווע יסודות פון ראמאנטישער וועלטאנשויאונג. ערשט ווען דער קאמף איז שוין באלד פערענדיגט, ווען אין גאנץ איירא‍פא הויבען אן טריאומפירען די נייע גייסטער, קריסטאליזירט זיך די אייגענטליכע, פאזיטיווע ראמאנטישע וועלט-אנשויאונג; פון קאנקרעטע קאמפ-לאזונגען געהט מען איבער צום בויען און שמידען פון אנ'אבסטראקטער טעאריע פון ווערטען.

III.

קונסט און מענש... א פערשאלטען פראבלעם: איז קונסט ענג צוזאמענגעבונדען מיט דעם מענשליכען לעבען, אדער קונסט איז אנ'אוראציאנעלע גרייס, וועלכע שעפט איהר ווערט פון קוואלען, וועלכע זענען פון יענער זייט פון דעם מענשליכען?

דער ראמאנטיזם ענטפערט דערויף מיט א נייער וועלט-אנשויאונג, וועלכע בילדעט זיין אייגענטליכען פאזיטיווען ווערט לויט דער דאזיגער וועלט-אנשויאונג, פערברייטערען זיך אונגעהויער די גרענעצען פון דעם בעגריף „ראמאנטיזם". ראמאנטיזם הערט אויף צו זיין א ליטעראַרישע בעוועגונג פון סוף XVIII יאהר-הונדערט; ראמאנטיזם ווערט אנ'אייביגע שטרעמונג אויף אלע געביטען פון מענשליכען שאפען און דענקען.

וואס איז לויט דער טעאריע דער ראמאנטיזם? עס איז דאס אייביגע בענקען פון דעם מענשען צו דעם אייביגען, געטליכען, אונענדליכען; עס איז דאס שטרעבען איבערצוגעהן צו דער וועלט פון הויכע, קריסטאל-ריינע אידעען; עס איז דאס אייביג אונצופרידענע, דאס רעוואלוציאנערע, וואס שטופט דעם מענש צו נייע פארמען פון שאפען, צו דעם בונט געגען דעם עקזיסטירענדען...

ווען פיהלט איהר בולט דאס ראמאנטישע? ווען דער פריהלונג קומט און א מעכטיגע קראפט ציהט אייך אין פעלד, אין דאס אונענדליכע אין דער צייט פון אייער יוגענד, ווען איהר ווילט אלץ צושמעטערן און די וועלט אויף נייע יסודות איבערבויען... ווען עס קומען די צייטען פון גרויסע איבערקערענישען, ווען שטעדט ברענען און דאס איינפאכע לעבען ווערט פלוצלינג ארויסגעריסען פון שלאף... ווען עס רוישט און פליסט דאס מאסען-לעבען פון פאלק, וואס איז אויפגעוואכט צו פרייהייט... דאן בליהט די פורפור-בלום פון ראמאנטיק...

ראמאנטיקער ווילען אלזא זיין אלע די, וואס בענקען צו דעם הימלישען פייער פון נייע שעהנע פארמען פון שאפען; עס ווילען דאס אויך זיין די ערפינדער, וואס חלומען פון „פערפעטואום מאבילע", פון א נס אין דער טעכניק... עס איז דער שטרענגער געלערנטער, וואס פערבינדט זיינע מאטעמאטישע אויסרעכנונגען מיט דער גאונישער אינטואיציע, עס זענען עס אלע קעמפער פאר א בעסערע, ליכטיגערע צוקונפט פון דער מענשהייט.

דער ראמאנטיזם האט אלזא געלערנט, אז דאס אוראציאנעלע איז דער טרייב-רומען פון דעם לעבען; קונסט—דאס איז די אבשפיגלונג פון דעם אונענד-

לכען, אייביגען; דאס איז די פערמיטלערין צווישען מענשליכעס און איבערמענשליכעס.

אלזא איז קונסט הערא׳יש-איהר אויפגאבע איז שילדערען מעכטיגע פערזענליכקייטען וועלכע פערקערפערען שטארקע, ריינע אידעאלען, וועלכע זענען דורך זייער וועזען די טרעגער פון דעם אינערלכען, אייביגען דראנג צו א פריי, אריגינעל לעבען. אין דעם זין איז דער ראמאנטיזם א אינדיווידואליסטישע, בעסער געזאגט, אנ׳אריסטאקראטיש-אינדיווידואליסטישע שטרעמונג.

די צווייטע פאזיטיווע אייגענשאפט פון דעם ראמאנטיזם איז אלזא דער אריסטאקראטישער אינדיווידואליזם. עס איז וויכטיג, גענויער ארומרעדען דעם בעגריף.

IV

דער אינדיווידואליזם פראקלאמירט דאס רעכט פון יעדען מענשען אויף פרייע ענטוויקלונג פון זיין „איך"; ער קעמפט אלזא געגען דער אונטערדריקונג פון דעם מענשליכען גייסט, געגען דעם שקלאפענטום, סיי דעם עקאנאמישען, סיי דעם גייסטיגען. ער פאדערט א ראציאנעלע ערציהונג, וועלכע זאל נישט אונטערדרוקען די נייגונגען און נאטירליכע פעהיגקייטען פון קינד, נאר וועלכע זאל זיך צופאסען צו זיין פסיחיק; די אויפגאבע פון ערציהונג דארף אלזא בעשטעהן נאר אין לייכטער מאכען דעם ענטוויקלונגס-גאנג פון דעם קינדערישען גייסט; נישט אנווארפען דעם קינד מיט געוואלד נייע פארמען, נאר פפלעגען די געפיהלען און שטרעמונגען, וועלכע זענען פערהאנען אין דער קינדערישער נשמה.

דער ציל פון אינדיווידואליזם איז אלזא די אריגינעלע, פרייע, טיפע און ברייטע פערזענליכקייט; אריגינעל-ד. ה. א פערזענליכקייט, וואס דענקט אייגענארטיג, וואס זוכט אלע ערשיינונגען פון דער אויסערער וועלט צופערבונדען מיט איהר „איך"; פריי פון עקאנאמישער און מאראלישער אונטערדריקונג; טיף אין זוכען דעם תמצית פון יעדער ערשיינונג, און פערטיפען זיך אין די אינוועניגסטע, פערבארגענע קוואלען פון יעדע שטרעמונג; אונענדליך ברייט—ד. ה. א פערזענליכקייט מיט אנ׳ אינטערעס פאר דער גאנצער רייכער וועלט פון מענשליכען לעבען, שאפען און קאמף.

די ראמאנטיקער זענען געוועזען „אריסטאקראטישע אינדיווידואליסטען"; אריסטאקראטיש זעלבספערשטענדליך אין גייסטיגען זין. זיי האבען געשילדערט מעכטיגע, פאלקאם אינדיווידועלע פערזענליכקייטען, פריי פון שאבלאן, וועלכע קעמפען מיט דער גאנצער וועלט, מיט דער געזעלשאפט, וועלכע איז א שטעהענדיגע, פערגליווערטע מאסע, אהן בעוועגונג, אהן לעבען; דער העלד פון די ראמאנטיקער איז איינזאם; זיין קראפט שעפט ער פון זיך אליין, פון זיין מעכטיגען ווילען, פון זיין שטרעבען צו מאכט. אין דער ריינסטער פארם ערשיינט דער „אריסטאקראטישער אינדיווידואליזם" ביי בייראן, דעם גרעסטען פאעט פון

IXX יאהרהונדערט. זיינע העלדען זענען טיטאַנען; אַיַנזאַם, פערלאָזען, הילען זיי זיך איין אין דעם מאַנטעל פון פעראַכטונג צו דער מאַסע, צום המון, און קעמפען ערביטערט פאַר זייער „איך" — ביז צום ביטערען טויט. די אייגענטליכע פאָזיטיווע ווערטען פון דעם ראמאנטיזם זענען אלזא: דאַס שטרעבען צום אונענדליכען, איביגען. אָט די ווערטען מאַכען פון ראמאנטיזם אַ אייביגע שטרעמינג, ווייל איביג וועט דער מענש שטרעבען איבער די גרענעצען פון זיין לעבען, איביג וועט ער, ווי פראמעטעאוס, זיין דער גנב פון הימלישען פייער.

V

אויב דאַס אוראַציאָנעלע איז די שטאַרקע זייט פון ראמאַנטיזם, איז עס אבער אויך גלייכצייטיג זיין שוואַכער פונקט. ווייל דער ראמאנטיזם איז שטרעבונג צו אידעאלע צילען,—אַזעלכע אבער ליגען אין שטח פון דער קינפטיגער ענטוויקלונג, האבען אלזא ווינציג צו טון מיט דעם רעאלען לעבען פון די פאָלקסמאסען. די לאָזונג פון ראמאנטיזם „קונסט איז אַ ציל פאַר זיך" ברענגט מיט זיך די געפאהר, אז די קונסט וועט זיין פרעמד דעם קאַמף פון די מענשליכע מאַסען; זי וועט דאַן האבען אַ קנאַפּ שייכות צום לעבען און זיינע ברענענדע פראַגען; זי וועט אפשר זיין שעהן, ווי מראמאר, אבער גלייכצייטיג וועט זי אויך ירש'ענען זיין קעלט און זיין טויטע רוהיגקייט. דאָס אבשטעלען אין אַ זייט דאַס רעאלע לעבען פון די ליידענדע האָט געמוזט נויטווענדיג פיהרען צו אַ רעאקציע—צו דעם רעאַליזם, צו דער ליטערארישער לעהרע, וועלכע האָט זיך ענג פערבונדען מיט דעם היינט, מיט די אלטעגליכע אינטערעסען פון דער ליידענדער און קעמפענדער מענשהייט. אויב דער ראמאנטיזם איז דער שיר-השירים פון די יום-טוב מענשען, פון די מוטיגע גבורים, וואָס שפּאַטען אב פון דער גאַנצער וועלט—איז דער רעאליזם דאָס ליד פון דעם איינפאַכען, פשוטען בירגער, דאָס ליד פון דעם „קליין מענשעלע."

די קונסט טאָר נישט בלייבען ווייט פון דעם אלגעמיין-מענשליכען לעבען, אָט דאַס איז די לאָזונג פון דעם רעאליזם. טיפער אין לעבען! פערבינדען זיך מיט דעם רוישענדען לעבען פון די מאַסען. געטריי אָבשפּיגלען די אינטערעסען פון די קליינע מענשעלעך וועלכע בילדען דעם רוב מנין פון דער געזעלשאַפט—אָט דאַס זענען די אויפגאַבען פון קונסט, לויט דער רעאליסטישער אויפפאַסונג; די אויפפאַסונג איז, ווי מיר זעהען, ריין אוטוליטאריסטיש; קונסט מוז דינען און ברענגען נוצען דער מענשהייט. די רעאליסטען האָבען מיט אלערליי פרטים געשילדערט דאָס לעבען פון איינפאַכע, גרויע מענשען; דער ביכערמארק ווערט פערפלייצט פון נאטוראַליסטישע ווערק, וועלכע פאָטאָגראַפירען געטריי דאָס לעבען פון דעם אנעמישען, שוואַכענקען בירגער, אפטמאל הערט זיך אין דער ליטעראַטור דער מארק-טאָן פון דער בירגערליכער מאָראל, אפטמאל קומט דער רעאַליזם צו פיליסטערטום, ווייל דער רעאליזם, אלס אַ פערהערליכונג פון דעם

דעאלען לעבען. און ממילא, פון דעם ארעמען, גר׳יען פיליסטערשען קרייז, איז געוועזען צו שוואך ארויסצוטרעטען מיט דער גאנצער ענערגיע און פערביבענקייט בעגען די שטעהענדע בלאטע פון דער היינטיגער מענשליכער געזעלשאפט. דאצו האבען דעם רעאליזם געפעהלט די נויטיגע פערספעקטיווען פון דער וועלט פון אידעאלע ציילען. שילדערענדיג דעם אלטעגליכען קאמף פון דעם מענשען, האט דער רעאליסט פערגעסען, אז דאס איז נאר א רינג פון דער ענטוויקלונג, אז דאס אלטעגליכע לעבען שאפט שוין פון זיך די יסודות פון קינפטיגען לעבען. צו איינזייטיג איז אבער געוועזען דער רעאליזם, ער זאל דערזעהען אט די נייע צוקונפטס יסודות. סיי דער ראמאנטיזם, סיי דער רעאליזם זענען געוועזען צו שוואך ארומצונעמען דאס גאנצע לעבען, פערבונדען ארגאניש די אידעעלע וועלט מיט דעם פראזאישען לעבען; זייער ענטוויקלונג האט אי׳זא געמוזט פיהרען צו א סינטעזע צו דעם נעאראמאנטיזם.

VI.

די נעגאטיווע לאזונג [illegible]ון דעם נעאראמאנטיזם, וועלכעווארפט זיך באלד אין די אויגען, איז—קאמף אויף טויט און אויף לעבען מיט דעם פיליסטערטום. וואס איז אזוינס פיליסטערטום? עס איז דער געגענזאץ פון אינדיווידואליזם; אויב אינדיווידואליזם בעדייט קאמף פאר א אריגינעלע, ברייטע און טיפע פערזענליכקייט—איז פיליסטערטום—פאביוויטעט, שאבלאן, ענגע און אויבערפלעכליכע וועלטאנשויאונג. ביידע בעגריפען שליסען זיך געגענזייטיג אויס. מיט אן׳אונגעוויינליכער פיינדשאפט צום פיליסטערטום טרעט ארויס אין קאמף דער נעאראמאנטיזם; אויף זיין פאהן שרייבט ער אויף די פאזיטיווע לאזונג פון דעם „דעמאקראטישען אינדיווידואליזם.“ דער בעגריף „אינדיווידואליזם“ בלייבט דא דערזעלבער, וואס פריהער; מעהר נישט די טרעגער פון דעם בעגריף זענען אנדערע; ביי די ראמאנטיקער זענען עס אויסגעוועהלטע יחידים, „העלדען.“ דער נעאראמאנטיקער זעהט דאס אינדיווידועלע ביי יעדען מענשען, מעהר נישט—פערהילט, פערבארגען דורך די פיליסטערשע לעבענסבעדינגונגען. און די נעאראמאנטיקער וויערען די אנאליטיקער פון דער מענשליכער נשמה: זיי דרינגען אריין אין די חדרי־חדרים פון דעם מענשליכען ליידענדען הארץ און עפענען פאר אונז מיט דער הילף פון דער רעאליסטישער מעטאדע די קלענסטע בעוועגונג, די קלענסטע חוואליע אין ים פון די מענשליכע ליידען. אין די איינפאכסטע טיפען געפינט דער נעאראמאנטיקער דאס טיפע שטרעבען צום אונענדליכען, צום אייביגען; אומעטום זעהט ער א ים פון ליידען, סיי ביי דער גרעפין סיי ביי דעם פויער אדער „באסיאק“. די נעאראמאנטיקער ווערען די דיכטער פון הויכען הומאניזם, פון דער שיינקייט און דער מענשליכער נשמה, וועלכע ענטפלעקט זיך צו אונז אין די ליידען פון פאלק, פון יחיד, און דעם פאטאלען קרייז פון מענשליכע עולות און טרערען.

דאס איז נישט די פילאנטראפישע הומאניטעט פון דער בורזשואזיע, עס

איז דאס דורכגעזייקטע מיט טרערען געפיהל פון סאלידאריטעט מיט דעם ליידענדען יחיד און פאלק, עס איז דאס פראטעסט-געשריי געגען די אונטערדריקונג און אויסנוצונג.

דער נעאראמאנטיזם ענטהאלט אלזא אין זיך די הויפטאייגענשאפט פון דעם רעאליזם—די ליבע צום רעאלען לעבען פון די פאלקסמאסען, און דעם יסוד פון ראמאנטיזם—דעם אינדיווידואליזם, די שנאה צום פיליסטערטום, און דאס בענקען צום שענעם, צום אייביגען. זיינע עלעמענטען זענען ארגאניש מיט זיך צוזאמענגעבונדען. מיר האבען אלזא צוטון מיט א הארמאנישער, סינטעטישער, איידעע-פערבינדונג; אין צענטרום פון דער סינטעזע שטעהט דער מענש—דער ליידענדער און קעמפענדער מענש, און זיין נשמה-די אייביג שעהנע, אייביג בענקענדע מענשליכע נשמה.

VII.

דער נעאראמאנטיזם זעהט אויך נישט אין קיין סתירה אין די אנשויאונגען פון די ערשטע צוויי שולען אויף קונסט און איהרע אויפגאבען: „קונסט איז א ציל פאר זיך"—אזוי זאגען די ראמאנטיקער. „קונסט טאר נישט זיין אבגעריסען פון לעבען"—ענטפערען די רעאליסטען. דער נעאראמאנטיקער דענקט אנדערש: אמת, קונסט איז דאס אייביג ברענענדע, פון קיין שום זאך נישט אבהענגיגע פייער אין דער נשמה פון קינסטלער—אבער דער קינסטלער איז דאך א מענש, און דער גרעסטער שבח פון א מענשען איז, ווען ער קען זאגען: „homo sum, et nihil me humanum alienum esse huto" „א מענש בין איך, און אלעם מענשליכעם טאר מיר נישט פרעמד זיין". די פארמולע פון נעאראמאנטיזם לויטעט: קונסט איז א ציל פאר זיך אבער דער שעפפער פון קונסט איז א קינסטלער, א מענש, אלזא דער אויסדרוק פון דער לעבעדיגער סביבה, וועלכע האט דעם קינסטלער ארויסגעגעבען. ממילא מוזען אלע שעפפונגען פון קינסטלער אבשפיגלען דאס בענקען און זוכען פון דעם ליידענדען מענשען. נישטא קיין געגענזאץ צווישען לעבען און אונענדליכקייט, עס פערבינדט זיי איין נשמה איין קראפט וואס דער ציל איהרער איז דאס אייביגע, דאס אונענדליכע.

אויפשרייבענדיג אויף זיין פאהן דעם קאמף פאר דעם פרייען מענשען, האט דער נעאראמאנטיזם בעטאנט, אז דעם קאמף פערשטעהט ער אלזייטיג; אז ער וועט קעמפען געגען יעדער ארט אונטערדריקונג: סיי נאציאנאלע, סיי די סאציאלע, אדער אינדיווידועלע אונטערדריקונג.

לויט די ספעציפישע בעדינגונגען פון יעדען פאלק האבען זיינע נעאראמאנטיקער מעהר בולט אונטערגעשטראכען די, אדער יענע לאזונג, אדער פארשטעלונג, אזוי האבען די פוילישע דיכטער זיך הויפזעכליך בעשעפטיגט מיט דער נאציאנאלער אונטערדריקונג (זשעראמסקי, סטרוג, דאנילאווסקי); די רוסען—דעם סאציאלען און אינדיווידועלען מאמענט (גארקי); און די אינדוסטרי-לענדער ער-

שײנען די ארבײטער-דיכטער מיט דעם פֿלאמענדען פּראָטעסט געגען די אויסזױגער און עקספּלואטאַציע פֿון די פֿאלקס-מאַסען (דעהמעל, װערהארען, מאָריס ראָזענפֿעלד). בײ אלע אבער פֿעלקער דאמינירט די שנאה צום פֿיליסטערטום, דעם קאמף פֿאר דעם אינדיװידועל-פֿרײען מענשען, זשעראמסקי, צ. ב., װאס שאפֿט אַ רײך פּאטריאָטיש װערק, פֿערפֿאסט גלײכצײטיג אזא מײסטערװערק װי „די הײמלאזע מענשען"—דעם שארפֿסטען פּראָטעסט געגען די פּױלישע בורזשואַזיע און סאָצ. אונטערדריקונג; אזא װערק, װי „די געשיכטע פֿון זינד", ריכטיגער, די געשיכטע פֿון די לײדען פֿון אַ מענשליכער נשמה.

מיר זעהען אַלזאָ, אז אין דער לאזונג: „קאמף פֿאר דעם פֿרײען מענשען" װערען פֿערבונדען אַ רײהע מאָמענטען, װי דאס נאציאנאלע, סאציאלע און אינדיװידועלע, װעלכע װירקען אויף זיך געגענזײטיג און פֿלעכטען זיך שטאַרק צונויף. די אויפֿגאבע פֿון דעם קריטיקער איז אָבטײלען די מאמענטען און זײ אנאליזירען. די ארבײט פֿון פֿערגלײכען און אנאליזירען האט אבער נאר דאן א פֿעסטען פֿונדאמענט און א היסטאָרישע פּערספּעקטיװ, װען דער ליטעראטור-קריטיקער האט זיך צוערשט אויסגעבויט די פֿאָרשטעלונג פֿון אַ בעװעגונג אין איהר אידעאלער ענטװיקלונג און אין איהר אבסטראקטעסטער פֿאָרם. דאס פֿארליגענדע שטודיום איז אַ פֿערזוך אויסצובויען אזא אבסטראקטען באזיס, װאס זאל דינען דער קאָנקרעטער אנאליזע פֿון דעם שאפֿען פֿון די נעאראמאנטיקער.

ד״ר י. ב. צפּור.

ד״ר י. ב. צפור

ביי אנדערע און ביי אונז.

בעמערקונגען צו דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע.

I.

פרעגט מען זיך, וואָס-פאַר-אַ סבות עס האָבען די יודישע ליטעראַטור אויף דער וועלט געבראַכט, און פרובט מען די דאָזיגע סבות צו פערגלייכען מיט יענע, וואָס האָבען פראָדוצירט די גלענצענדסטע אייראָפעאישע ליטעראַטורען, בלייבט מען פשוט ערשטוינט בעמערקענדיג, אַז ביי אונז איז אַלץ געגאַנגען, ווי מען זאָגט, מיט'ן קאָפ אַראָב און מיט די פיס אַרויף. אונזער ליטעראַטור ערשיינט אונז דאַן אין דער געשטאַלט פון עפיס אַ „מיסגעבורט", וואָס איז אויף דער וועלט געקומען, ווי אַנ'אומגעבעטענער גאַסט, אָדער ווי אַ „פרוכט פון זינד"...

אַלע, אָדער וועניגסטען יענע, וואָס האָבען זיך פערגינען צו וואַרפען אַ בליק אויסער דעם געטהא, און זיך אָבצוגעבען אַ קלאָרען דין-וחשבון, ווי אַזוי פרעמדע ליטעראַטורען האָבען זיך ענטוויקעלט, ווייסען גאַנץ גוט, אַז געווען איז אַמאָל אַ צייט, ווען די שענסטע און בויגזאַמסטע אייראָפעאישע שפראַכען, וואָס קיצלען אַזוי אַנגענעהם דאָס אויער פון אונזערע דעקאָלטירטע, לאַנגפעדערדיגע „סאַלאָן-דאַמען", זענען געווען נישט-מעהר און נישט-וועניגער, ווי איינפאַכע „זשאַרגאָנען". ד. ה. אונקולטיווירטע שפראַכען אויף וועלכע נור די הונדערט־טויזענד-קעפיגע מאַסע פלעגט רעדען, און וואָס יעדער אינטעלעגענט האָט געהאַלטען פאַר אַ הייליגען חוב צו פעראַכטען מיט'ן גאַנצען פייער פון זיין „אינטעליגענטער-נשמה"... קולטור און לעבען זענען בעווען צוויי זאַכען, וואָס האָבען זיך וועניג-וואָס אָנגעהערט. אין לעבען איז מען זיך טאַקי געווען איטאַליענער, ענגלענדער, פראַנצויזען, דייטשען — אין דער קולטור—גריכען און רוימער. געדאַווענט האָט מען אין דער קאַטאָלישער קירך; געזונגען און פערגעטערט האָט מען אָבער דאַן: אַ יופיטער, אַ מאַרס, אַ ווענוס א. ד. ג.

שפעטער, ווען דאָס נאַציאָנאַלע בעוואוסטזיין איז אַביסעל שטאַרקער געוואָרען איז דערמיט אויך דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ געוואַקסען. די זעלבע אינטעליגענץ, וואָס האָט ערשט ניט-לאַנג אַזוי ליעב געהאַט זיך צו גרימירען אַלס גריכען און אַלס רוימער, אַנגעהויבען איהרע נעמען אויף גריכישע און

רוימישע, און זיך צו בעריהמען, ווי מיט דער גרעסטער העלדענטאַט, דערמיט, וואָס זי פערשמעהט נישט איהר אייגענע מוטער-שפראַך, אָט די זעלבע אינטעליגענץ האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז אום צו זיין אַן׳אמת׳ע זעלבסטשטענדיגע נאַציאָן מוז מען האָבען אַן׳אייגענע שפראַך און אַז אָהן אַן׳אייגענער שפראַך, איז אַ נאַציע, מעג זי זיין פיזיש ווי שטאַרק, דאָך נישט מעהר, ווי אַ גייסטיגער שקלאַף. זי האָט אַלזאָ פערשטאַנען, ווי וויכטיג עס איז געווען אַרונטערצוקריכען פון דעם „פאַרנאַס״, זיך אַרונטערצולאָזען צו דעם „פלעבס״ צו דער טויזענד-קעפיגער מאַסע און ביי איהר זיך אָנצוהויבען לערנען רעדען, ווי לעבעדיגע מענשען רעדען...

מיט דער זאָרגפעלטיגקייט פון אַ מוטער האָט די אינטעליגענץ פון יעדען לאַנד אָנגעהויבען צוזאַמענצוקלייבען, וואו נור אַ גרעזעלע, וואו נור אַ בלימעלע, וואָס האָט אויפ׳ן פערוואָהרלאָזטען פאָלקס-פעלד געוואַקסען, און מיט ציטערדיגע הענד עס איבערגעפלאַנצט און בעאַרבייט — די גריכישע און רוימישע קולטורען אַליין האָט זי אָנגעהויבען איבערצושמעלצען, צוזאַמענצומישען מיט נאַציאָנאַלע עלעמענטען און פון דעם דאָזיגען געמיש צו בילדען אַ גאַנץ אייגענאַרטיגע נאַציאָנאַלע קולטור. אַנשטאָט, וואָס פריהער האָט, אין יעדען לאַנד, די אינטעליגענץ געשטרעבט זיך אַליין, וואָס-גיכער צו פערגריכישען און צו פעררוימישען, האָט זי יעצט געשטרעבט צו ערווערבען אַן׳אייגענעם אַרט דענקען און האַנדלען, די הויפט-לאָזונג איז געווען: „אַלץ, וואָס פרעמד איז צו פערהיימישען...״

וואָס פאַר אַ סבות האָבען געטריבען אונזער יודישע אינטעליגענץ, די משכילים פון די זעכציגער יאָהרען, זיך אומצוקעהרען צו דער פאָלקס-שפראַך, צום „זשאַרגאָן״? — די פייערדיגע שנאה, די געוואַלדיגע פעראַכטונג, וואָס זי האָט צום „זשאַרגאָן״ געפיהלט.

וואָס איז אונזער אינטעליגענץ פון יענער צייט אויסען-געווען מיט דעם אַראָבלאָזען זיך צו דער פאָלקס-שפראַך? ניט ח״ו זיך צו בילדען אַן׳אייגענע ליטעראַטור, אָדער זיך צו שאַפען אַ נאַציאָנאַל-גייסטיגע זעלבסטשטענדיגקייט: ניין, נישט דאָס איז איהר כונה געווען, זי האָט געמאַכט פון דער פאָלקס-שפראַך אַן׳אינסטרומענט, אום די זעלביגע פאָלקס-שפראַך אַליין צו פערטיליגען. זיך לאָזענדיג פעדפיהרען דורך פוסטע האָפנונגען, האָט זי געמיינט, אַז פערקויפענדיג איהר נשמה פאַר אַ טאָפּ לינזען, וועט זיך איהר איינגעבען די פענטעס פון איהרע פיס אַביסעל לויזער צו מאַכען; זי האָט נישט געקעמפט פאַר גייסטיגער פרייהייט, נור פאַר פיזישער בעקוועמליכקייט, דער חלום פון אַן׳אַלטען משכיל איז געווען: זיך אויפצוכאַפען אין אַ שענעם פריהמאָרגען און צו טרעפען די גאַנצע רוסיש-יודישע בעפעלקערונג מיט „פראַוואָזשיטעלסטוואָס״ אין די הענד און נישט פערשטעהענדיג קיין וואָרט יודיש...

די סבות, וואָס האָבען אַלזאָ געפיהרט די משכילים צו דער פאָלקס-שפראַך זענען געווען פונקט דעם היפך פון די, וואָס האָבען געפיהרט די אינטעליגענץ פון די אַנדערע פעלקער זיך אומצוקעהרען צו זייערע פאָלקס

שפראַכען. אַנדערע זענען דערצו געטריבען געוואָרען דורך דעם פערלאַנג צו גייסטיגער זעלבסטשטענדיגקייט; אונזערע — דורך דעם פערלאַנג צו פיזישער בעקוועמליכקייט. אַנדערע האָבען געהאַט די לאָזונג: אַלץ, וואָס פרעמד איז צו פערהיימישען, צו נאַציאָנאַליזירען; אונזערע משכילים ווידער, האָבען געשטרעבט: אַלץ, וואָס אייגען איז צו פערפרעמדען, צו אַסימילירען.

שטעלט זיך די פראַגע: אויף וואָס־פאַר־אַ קונסט־ווערק האָט מען זיך געקאָנט, ביי אַזעלכע בעדינגונגען, אין דער יודישער שפראַך דערוואַרטען? זעהט מען טאַקי, אַז אַלע שריפטען פון יענער צייט האָבען דעם פעסטען ריח פון פראָקלאַמאַציעס און פאַמפלעטען, און האָט זיך שוין יאָ געפונען עמיץ, וואָס האָט געקאָנט אַן ערנסט וואָרט זאָגען, האָט ער עס געשריבען אויף העברעאיש און נישט אויף „זשאַרגאָן“...

און מיינט נישט, אַז אויב די משכילים האָבען געליעבט מעהר די העברעאישע שפראַך, ווי די יודישע, איז עס דערפאַר, וואָס זיי זענען מיט אונזער אַלטער קולטור שטאַרק געווען. אַזאַ בעהויפטונג וואָלט געווען אַ זעהר נאַאיווע. ווייל אין אמת'ן האָט קיינער נישט אַזוי פערביסען געקעמפט געגען עצם יודענטום, ווי דער אַלטער משכיל. אויב די משכילים האָבען כלומר'שט אַזוי הייס געליעבט די העברעאישע שפראַך און די ביבעל איז דאָס געווען צוליעב גאָר זייטיגע טעמים.

די ביבעל איז פאַר פיעל פרעמדע פעלקער הייליג געווען, און אַזוי ווי דער משכיל האָט תמיד געשטרעבט נאָכצואַהמען די אַנדערע, האָט ער כלומר'שט אויך ליעב געהאַט די ביבעל.

די העברעאישע שפראַך, ווידער, האָט ער ליעבער געהאַט, ווי די יודישע, נור דערפאַר, וואָס זי האָט געהאַט דאָס מזל בעטראַכט צו ווערען פון די אַנדערע פעלקער פאַר אַ שפראַך און נישט פאַר אַ „זשאַרגאָן.“ — וואָלטען די פרעמדע געווען, דורך אַ צופאַל, געהאַסט די ביבעל און געשפעט פון דער העברעאישער שפראַך, וואָלטען אונזערע משכילים זיכער נישט געווען אַזוי שטאַרק געקוואָלען פון זייערע מליצה'לעך...

II

די אייראָפּעאישע אינטעליגענץ, נעהמענדיג יעדע איהר פאָלקס־שפראַך, אום אויסצודריקען איהר גייסטיגע טעטיגקייט, האָט זיך פונדעסטוועגען צו דער מאַסע נור אויף אַזוי פיעל צוגעבויגען, אויף וויפיעל די לעצטע האָט פערמאָגט אין זיך אמת שענעס. צום גראָבען און צום פערוואָהרלאָזטען, וואָס האָט זיך אין דער מאַסע געפונען, האָט זי זיך אויף אַ האָר נישט צוגעבויגען. אַן אייזערנע וואַנד איז תמיד געשטאַנען צווישען דער ליטעראַטור און דעם פאָלק. יאָהר־הונדערטע זענען אַריבער איידער די דאָזיגע וואַנד איז צעשמעטערט געוואָרען און געלאָזט אַריינדרינגען צו דער מאַסע איינציגע שטראַהלען פון די גייסטיגע אוצרות, וואָס די אינטעליגענץ האָט מיט אַזוי פיעל זאָרגפעלטיגקייט אָנגעזאַמעלט.

אין זיבעצענטן יאָרהונדערט, ווען פראַנקרייך האָט פערבלענדעט גאַנץ אייראָפּא מיט איהר ליטעראַטור און קונסט, זענען די גרעסטע טייל פראַנצויזען געווען אַנאַלפאַבעטען. און קיינעם איז גאָר דעמאָלט אויפ׳ן זינען נישט געקומען, אַז מען דאַרף עפּיס טהון, אום די געדיכטע מאַסען אַביסעל גייסטיג אויפצוהויבען, אויסצובילדען און צו פעראיידעלען...

צי פאַר דעם פאָלק איז דאָס געווען אַ טובה, צי אַ רעה, האָב איך נישט אַלס צוועק דאָ צו דיסקוטירען; איין זאַך אָבער קאָן איך דרייסט פערזיכערן: פאַר דער ליטעראַטור און פאַר דער קונסט איז דאָס געווען אַ זעהר גרויסע טובה. און די טעמים דערפון זענען גאַנץ איינפאַכע און גאַנץ פערשטענדליכע:

ערשטענס איז דער לעזער-קרייז געווען פערזעהן מיט אַ געוויסען גראַד בילדונג, און דער שריפטשטעלער האָט, אַ דאַנק דעם, געהאַט פרייע פליגעל, און זיך געקאָנט אויפהויבען אויף וויפיעל נור מעגליך.

צווייטענס איז דער לעזער-קרייז געווען אַ בעגרענעצטער און דער שריפטשטעלער האָט זיך פון זיין פעדער קיין פרנסה נישט געקאָנט מאַכען.

ביי אַ זעלכע בעדינגונגען האָט, זעלבסטפערשטענדליך, קיין פראָסטיטוציע זיין דער קונסט נישט געקאָנט מעגליך זיין. איהר נוצען נישט זייענדיג קיין מאַטריעלער, איז זי געוואָרען אַ זאַך לשמה. און דאָס, וואָס האָט בעוואויגען דעם קינסטלער צו שאַפען, איז געווען די ריינע ליעבע צו דער שענקייט און העכסטענס די האָפנונג אויף אַ גייסטיגען לוין.

שפּעטער, ווען פערשידענע סבות האָבען צעבראָכען אַלע מחיצות צווישען דער אינטעליגענץ און דאָס פאָלק, האָט זיך די ליטעראַטור אפשר פערגרעסערט, די צאָהל פון איהרע פאָרשטעהער פערמעהרט; דער עסטעטישער געשמאַק האָט אָבער נויטווענדיג געמוזט פאַלען. די צאָהל פון די פאָלקסלעזער, זייענדיג פערהעלטניסמעסיג פיעל גרעסער, ווי די פון דער אינטעליגענץ, האָט געבראַכט דערצו, אַז די ליטעראַטור זאָל ווערען אַ דאַנקבאַר פרנסה-אַרטיקעל, און באַלד האָבען זיך טאַקי געפינען טיכטיגע געשעפטמאַכער, וועלכע האָבען זיך ווענינ-וואָס מיט דער אמת׳ער שענקייט גערעכענט, און געגרינדעט גאַנץ גרויסע ליטעראַטור-פאַבריקען, וועלכע האָבען פערפלייצט די ערד מיט זייערע טויזענדטייליגע, שפּאַנענדע שונד-ראָמאַנען.

אַ גרויס גליק האָבען אָבער די אייראָפּעאישע ליטעראַטורען דאָך געהאַט, וואָס זיי האָבען זיך הונדערטער יאָהרען לאַנג געוועבט אין אַ בעגרעבעצטען צענטער: זיי האָבען זיך אַזוי אַרום געשאַפען אַנ׳אינטעליגענטען לעזערקרייז, און זיך פאָרגעברייט אַ פעסטען באָדען. ווען די שונד-ליטעראַטור האָט זיך בעוויזען, האָט געקאָנט זיין דאַן נור אַ פראַגע וועגען אַ מלחמה צווישען דער אמת׳ער קונסט און דער פאַלשער, צווישען שעפפונג און „שרייבעכץ“. אָבער, אַז די ערשטע זאָל דורך דער צווייטער דערשטיקט ווערען, איז געווען אונמעגליך, די וואָרצלען פון דער אמת׳ער שענקייט זענען שוין געזעסען צו טיעף אין אַ גרויסען טייל נשמות, אַז מען זאָל זיי קענען אויסוואָרצלען...

בעטראַכט מען יעצט זײַן וואָסער אָרדנונג די יודישע ליטעראַטור האָט זיך ענטוויקעלט, בעמערקט מען באַלד, אַז אויך אין דער הינזיכט, איז מיט איהר פאָרגעקומען פונקט דער היפך, ווי מיט אַלע אַנדערע ליטעראַטורען.

די אייראָפּעאישע ליטעראַטורען האָבען זיך אויסגעאַרבייט אין אַ בעגרענעצטען אינטעליגענטען קרייז און ערשט נאָך הונדערטער יאָהרען, אָנגעהויבען זיך ביסלעכווייז צו פערשפּרייטען צווישען די געדיכטע פאָלקס-מאַססען; די יודישע ליטעראַטור איז באַלד פון׳ם ערשטען מאָמענט אָן געשריבען געוואָרען פאַר דעם פאָלק און אין „דער שפּראַך פון דער דיענסטמויד”. זעלבסטפערשטענדליך, אַז נישט איהר אינהאַלט האָט געקאָנט האָבען אַ ווערטה און נישט איהר פאָרם.

דער פּועל יוצא, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַזאַ מין ליטעראַטורמאַכעריי איז געווען אַ זעהר טרויריגער. און נאָך עד-היום פיהלען מיר אין אונזער פאָלקס-נשמה זיינע מיאוס׳ע ווירקונגען.

אונזער אינטיליגענץ האָט זיך ניט גערעכענט דערמיט, אַז אויפוועקענדיג ביי דעם פאָלק די נייגיריגקייט, אַז אַרויסרופענדיג ביי איהם אַ נויטיגקייט צו לייענען, און לאָזענדיג דידאָזיגע נויטיגקייט אונבעפרידיגט, מאַכט זי פון איהם אַ שפּיעלצייג פאַר געשעפטמאַכער און שאַרלאַטאַנעס. אויך אין יודיש האָבען זיך, אַ דאַנק דעם, געגרינדעט ליטעראַטור-פאַבריקען, וועלכע האָבען מיט זייערע שונד-ראָמאַנען פער׳סמ׳ט דעם געשמאַק פון דעם פאָלק און נאָך עד-היום איז שווער דעם דאָזיגען געשמאַק זיינעם אויסצואיידעלען. אומזיסט האָט אַ שלום-עליכם, אַ פּרץ און אַ פרישמאַן אַזוי פערביסען געקעמפט געגען דער דאָזיגער שלעכטער ווירקונג: דער שונד-ראָמאַן האָט בעזיעגט און זיעגט נאָך עד-היום, בשעת דאָס אמת׳ע קונסט-ווערק ליעגט פערשטויבט אויף די פּאָליצעס פון דעם בוכהענדלער.

III.

די פריהערדיגע צוויי גרונדפעהלערען, וואָס מיר האָבען אָנגעוויזען, האָבען נויטוועגדיג געמוזט פאַר דער ניי-געבוירענער יודישער ליטעראַטור פערצוימען אַלע וועגען פון פּראָגרעס. דאָס אידעאַל פון די משכילים איז ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זיין דאָס אידעאַל פון׳ם גאַנצען יודישען פאָלק. די גלענצענדע צוקונפט, וואָס מ׳האָט איהם צוגעזאָגט, האָט איהם ניט אויסגעזעהען ווערט צו זיין די קרבנות, וואָס מ׳האָט ביי איהם געפאָדערט. אַ קאַמף פון מעהרערע טויזענדער יאָהרען, אַ גרויסע מיט בלוט געשריבענע געשיכטע, געגענווערטיגע פערפאָלגונגען האָבען דעם פאָלק גאַנץ קלאָר געוויזען, ווי אַזוי עס דאַרף זיך בעציהען צו טובות, וואָס דאַרפען איהם קאָסטען זיין לעבען און זיין עקזיסטענץ. זיך אָבזאָגען פון זיינע אַלטע חלומות, וועלכע האָבען איהם אַלע זיינע גלות-ליידען זיס געמאַכט; זיך אָבזאָגען פון דער גליקזעליגער צוקונפט, אויף וועלכער ער האָט איין רגע נישט אויפגעהערט צו האָפען און צו וואַרטען מיט דער גרעסטער בענקשאַפט און ביז

דעם טיפסטען גלויבען, האָט ער נישט געקענט, צוליעב—אַ פראַוואָזשיטעלסטוואָ!... דאָס האָט דעם איינפאַלען אָבער געזונדען פאָלקס-אינסטינקט רעוואָלטירט און מיט פעראַכטונג האָט ער געקוקט אויף אַלע זיינע טובה-טוער...

אין גאַנצען אָהן אַ ווירקונג איז אָבער די השכלה-פראָפּאַגאַנדע נישט פערבליבען, אויב זי האָט דעם פאָלק איהר ביליגען אידעאַל נישט געקאָנט אָנהענגען, האָט זי אָבער ביסלעכווייז, ביסלעכווייז זיינע אַלטע וואונדען צערודערט: איהם מאָלענדיג דעם „יעצט" מיט די מיאוס'טע פאַרבען, האָט די זיינע אַלטע בענקענישען צו אַ נייעם לעבען אָנגעצונדען, און אַזוי-אַרום ניט־ווילענדיג געשניטען אין דער פאָלקס-נשמה אַ וועג צו דעם אַלט-נייעם אידעאַל וואָס וועט אויף אַ קורצער צייט וועניגסטענס ווערען דער פערבינדונגס-פאָדים צווישען דער אינטעליגענץ און דעם פאָלק.

די ערשטע בריק צווישען דער אינטעליגענץ האָט אָהן ווידערשפּרוך די חבת-ציון געוואָרפען. אונטער איהר השפּעה האָט זיך צום ערשטען מאָל אַן־אמת'ער פונקט פון אידעאַל אין דער ליטעראַטור בעוויזען. דערדאָזיגער פונק איז אָבער געבליבען נישט מעהר, ווי אַ פונק.

וואָלט דעמאָלט דאָס יודישע פאָלק נור איין שפּראַך פערמאָגט, וואָלט דידאָזיגע עפּאָכע געקאָנט זיין איינע פון די גלענצענדסטע עפּאָכען, וואָס אַ ליטעראַטור קאָן זיך נאָר ווינשען. מיר האָבען אָבער צוויי שפּראַכען געהאַט: די העבּרעאישע און די יודישע. די ערשטע—זיך געפינענדיג דאָ אויף איהר אמת'ען באָדען, דערפאַר, וואָס דאָס אידעאַל און די שפּראַך זענען געווען אַזוינע פעבונדען,—האָט נאַטירליך געמאַכט ריעזען-פאָרשריט. דאָס פאָלק ווידער, בעגעגענענדיג אינ'ם אידעאַל פון דער אינטעליגענץ אויך זיין אייגענעם אידעאַל, האָט זיך מיט דער שפּראַך-פראַגע וועניג-וואָס אינטערעסירט. די אינטעליגענץ פון איהר זייט האָט, אונטער דעם פייער פון דעם ציוניזם, ניט וועניגער געהאַסט דעם „זשאַרגאָן", ווי די משכילים. און אַט-אַזוי איז די יודישע ליטעראַטור ווידער-אַמאָל געבליבען אָהן ערנסטע פאָרשטעהער, און די יודישע שפּראַך איז געוואָרען נישט מעהר, ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע-מיטעל, אַן'אינסטרומענט פאַר איהר אייגענער צעשטערונג.

כדי די יודישע שפּראַך זאָל זיך ענטוויקלען און זיך אויפהויבען צו דער וויכטיגקייט פון אַ קולטור-שפּראַך זענען נויטיג געווען צוויי הויפּט-בעדינגונגען: ערשטענס, אַז זי זאָל זיך ערווערבען אַ ריין יודישע אינטעליגענץ; צווייטענס, אַז די דאָזיגע אינטעליגענץ, אויסאַרבייטענדיג די יודישע שפּראַך, זאָל קעמפען מיט דער גאַנצער ענערגיע געגען אַלע סבות, וועלכע קאָנען שטערען איהר ענטוויקלונג. די דאָזיגע צוויי בעדינגונגען זענען, ענדליך, דורך אַ צופאַל געקומען,

דער גרויסער שטורם-ווינד, וואָס האָט איבער דער גאַנצער רוסישער בעפעלקערונג געבלאָזען, האָט אויך די יודישע יוגענד דורכגענומען. פון די צאָהלרייכע פאַרטייען, וואָס די רעוואָלוציע האָט אין דעם יודישען לאַגער גאָכאַנאַנד געבילדעט און צעשטערט, זענען אַרויס צוועלפע, וואָס האָבען גע-

טראָגען גאַנץ הויך די פּאָהן פון יוז״ש און גערעדט מיט שטאָלץ אין דער יודישער שפּראַך.

קיינמאָל האָט אין די גאַסען פון די גרויסע אייראָפּעאישע צענטערס דאָס יודיש אַזוי הויך נישט אָבגעקלונגען, ווי-אָט אין יענער צייט, און קיינמאָל האָט די העברעאישע שפּראַך אַזעלכע פּערביסענע געגנער נישט פערמאָגט, ווי-אָט אין דער יודישער יוגענד. אַ גרויסער טייל פון דער שטודירענדער יוגענד, די מאַסאָווע רעדנער פון אַלע צדדים, די דרשות, די עפענטליכע דיסקוסיעס, דאָס פייער, וואָס יעדער בעזונדער האָט אין זיינע ווערטער אַריינגעלעגט, און די מיה, וואָס ער האָט זיך געגעבען זיין געגנער מנצח צו זיין,—דאָס אַלץ האָט דאָס פאָלקס-אויער אויסגעשליפען און ביי איהם בעשאַפען אַ נויטיגקייט צו הערען שעהן רעדען. די טויזענדער בראָשורען, וואָס האָבען צירקולירט פון האַנד-צו-האַנד, אויף ציגאַרעטען-פּאַפּיר, זענען, אַ דאַנק דעם, וואָס זיי זענען שטרענג פערבאָטען געווען, געלייענט געוואָרען מיט אַ בעזונדערע התמדה, און האָבען אַלץ מעהר און מעהר געריצט די נייגיריגקייט פון די גרויסע מאַסען און זי צוגעוועהנט צו לייענען. אָט דאָ האָבען, ענדליך, אויך די יודישע שפּראַך און די יודישע ליטעראַטור געפונען זייער גינסטיגען באָדען, און הייסע שטראָמען בלוט האָבען אָנגעהויבען צו פליסען אין זייערע איינגעצויגענע אָדערען: יודיש איז געוואָרען אַ שפּראַך. דאָס יודישע וואָרט—אַ הייליגקייט. עס האָט זיך געבילדעט אַ קליינע יודישע אינטיליגענץ, און דער פערשטעקטער, פערנאַכלעסיגטער יודישער דיכטער האָט אָנגעהויבען פערנעהמען זיין בכבוד'יגען פּלאַץ.

IV

פרובט מען זיך ווידער אָבצושטעלען אין דער יודישער ליטעראַטור אויף דער פראַגע וועגען אידעען און פאָרמען, ערשיינט פאַר אונזערע אויגען אַ קוריאָז, וועלכער בעגעגענט זיך פיליכט נישט אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער וועלט-ליטעראַטור:

ביי קיין שום קולטור-פאָלק אויף דער וועלט זענען די ליטעראַרישע פאָרמען נישט קיין צופעליגע זאַך. יעדע עפּאָכע אין דער געשיכטע ברענגט זיך איהרע פאָרמען. און די דאָזיגע פאָרמען דיפערענצירען זיך פון די עלטערע, אָפטמאָל אַזוי שטאַרק, אַז עס ענטשטעהט דאָס, וואָס מען רופט: „ליטעראַרישע שולען”. למשל דער קלאַסיציזם, די ראָמאַנטיק, דער רעאַליזם, דער דעקאַדענטיזם, א. אַנד. זענען נישט קיין לעדיגע, אויסגעטראַכטע ווערטער. יעדעס פון די אַלע ווערטער בעצייכענט אַ גאַנץ געזונדערטען בעגריף, אַן אַלגעמיין-ליטעראַרישע פאָרם, וועלכע שיידט זיך אונטער פון אַלע אַנדערע דורך גאַנץ פעסטע ליניעס.

פרובט מען זיך אָבגעבען רעכנונג, ווי אַזוי די אַלע פאָרמען, אָדער שולען זענען ענטשטאַנען אין די אייראָפּעאישע גרויסע ליטעראַטורען, און פערטיעפט מען זיך אַ ביסעל מעהר אין דער אידעע-וועלט פון די פעלקער

צו זעלנע די ליטעראַטורען געהערען זעהט מען, אַז יעדע נייע שול אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט, וואָס הויבט-אָן צו הערשען, איז דער נויטיגער רעזולטאַט פון דעם נצחון פון איין וועלט-אַנשויאונג איבער אַ צווייטער. איידער אין דער ליטעראַטור-געשיכטע פון אַ פאָלק בעוויזט זיך א נייע שול, מוז פריהער פאָרקומען אין דער אידעען-וועלט פון דעם דאָזיגען פאָלק אַ קאַמף צווישען איין וועלט-אַנשויאונג און אַ צווייטער; צווישען דער אַלטער און דער נייער. און פאַלט די אַלטע וועלט-אַנשויאונג, אָדער קומט-פאָר דאָס, וואָס מען רופט, אַ אידעען-רעוואָלוציע, מוזען נויטווענדיג די אַלטע פאָרמען, וואָס האָבען די אַלטע אידעען פערקערפערט, פון דער ביהנע אַרונטער און נייע פאָרמען מוזען ענטשטעהען. כדי די נייע אידעען, די נייע וועלט-אַנשויאונג צו פערקערפערען.

ווען דער קלאַסיציזם איז געפאַלען אין דעם קאַמף מיט דער ראָמאַנטיק, איז דאָס נישט געוועזען דערפאַר, וואָס די ראָמאַנטישע פאָרמען זענען געוועזען שטאַרקער, און שענער ווי די קלאַסישע, נור גאַנץ איינפאַך דערפאַר, וואָס די וועלט-אַנשויאונג, וואָס די ראָמאַנטיק האָט אין זיך פערקערפערט, איז געוועזען שטאַרקער פון דער קלאַסישער: דאָס איז געוועזען דער נצחון פון דעם אונענדליכען איבער דעם בעגרענעצטען, פון דעם אַלוועלטליכען און אַלמענשליכען איבער דעם אָרטיגען און איבער דעם אינדיווידועלען. פון דעם אַלמעכטיגען איינציגען גאָט איבער דעם לאָקאַלען גריכיש-רוימישען געץ, אין איינעם וואָרט: פון דעם אָפּטימיזם איבער דעם פעסימיזם.

דער נצחון פון דעם רעאַליזם איבער דער ראָמאַנטיק, איז ווידער געווען דער נויטיגער רעזולטאַט פון דעם, וואָס די סענסואַליסטישע וועלט-אַנשויאונג האָט מנצח געוועזען די ספּירטואַליסטישע, דאָס שטאָף האָט אָבגעלייקענט דעם גייסט, דער קערפּער—די נשמה, די לאָגיק האָט צעשטערט די פאַנטאַזיע. גאָט איז געוואָרען אַ לעדיג וואָרט, די וועלט—אַ גרויסע מעכאַנישע מאַשין, דער דיכטער—אַ אינזשעניער, אַנ׳אַרכיטעקט. א. ד. ג. ווי האָט געקאָנט אויסזעהען די וואונדערשענע לעגענדע פון דער ביבעל, אַז די שטיינער קריעגען זיך, ווייל יעדער וויל, אַז דער קאָפּ פונ׳ם צדיק זאָל אויף איהם רוהען; אָדער די מעשה מיט דעם לייטער, וואָס יעקב׳ן האָט געחלומ׳ט, אין די אויגען פון אַ הייסען אָנהענגער פון לאָקס טעאָריע—אָדער פון אַ פראַנצויזישען ענציקלאָפּעדיסט?

ווי מיר זעהען, איז, אַלזאָ, יעדע ליטעראַרישע שול אין די איירָאָפּעאישע גרויסע ליטעראַטורען שטענדיג געוועזען דער רעזולטאַט פון אַ מלחמה צווישען אַנ׳אַלטער וועלט-אַנשויאונג און אַ נייער.

פרעגט זיך יעצט, ווי אַזוי זענען אין אונזער יודישער ליטעראַטור די פאָרמען ענטשטאַנען? צי זענען זיי ביי אונז אויך געוועזען דער רעזולטאַט פון דעם נצחון פון איין וועלט-אַנשויאונג איבער אַ צווייטער? אַנ׳איראָנישער שמייכעל בעוויזט זיך אויף די ליפּען, ווען מען פּרובט זיך פערטיעפען אין דער דאָזיגער פראַגע. עפּיס דאַכט זיך אייך אויס, אַז איהר זענט איבערגעטראָגען בעוואָרען אין אַ רעאַליסטישען מוזיי. וואו איהר פיהלט זיך ארומגערינגעלט

פֿון אַ גאַנצער מחנה פֿערשיעדענפֿאַרביגע חיות ; די אויגען בלישצען, די האָר גלאַנצען, אַלץ, דאַכט זיך, לעבט,—און געהט איהר צו אַביסעל נעהנטער און פּרובט אַ ריהר טון מיט דער האַנד, דאַן קנאַקט ; ׳אָס שטרוי אונטער אייערע פֿינגער... קליינבירגערליכע מוסר-זאָגערײַ, פֿאַרשײַליכֿע קליינליכקייט, אָרטיגע שטימונגען, אָדער פּשוט אידעענלאָזע בלאָנדזשעניש, אָט דאָס זענען די נשמות, וואָס טאַנצען אין די שלעכֿט-פֿערדויעטע פֿאָרמען, וואָס מיר האָבען גענומען אין די אייראָפּעאישע ליטעראַטורען. אַ קרעכֿץ, וואָס זאָל מאַכֿען ציטערן די גאַנצע מענשליכֿע נשמה, ווי דער פֿון אַ האַמלעט, אָדער פֿון אַ פֿויסט, אַ געדאַנק, וואָס זאָל פֿלאַנצען פֿערצווייפֿלונג אָדער האָפֿנונג אין אַ מענשען-מוח, אונאָבהענגיג פֿון צייט און פֿון אָרט,—דאָס וועט איהר אומזיסט זוכֿען אין דער יודישער ליטעראַטור.

און מערקווירדיג : די פֿאָרמען, וואָס מיר האָבען גענומען ביי די פֿרעמדע זענען די קורצעסטע, די איינפֿאַכסטע און די אונבעדייטענדסטע : די סקיצע, די נאָוועלע, די קורצע ערצעהלונג, דאָס ליעדעל. מען וואָלט זאָגען, אַז דער יוד, וואָס האָט מיט זיין זיפֿץ דעם אלוועלטליכֿען וועה אַרומגענומען, האָט פֿלוצלונג בעקומען אַ האַרץ-פֿעהלער און קאָן שוין מעהר דעם אָטעם נישט ציהען...

V

צוויי מאָמענטען וואָלט מען, פֿונדעסטוועגען, געקאָנט פֿערצייכֿענען אין דער געשיכֿטע פֿונ׳ם רוסיש- און פּויליש-יודישען געטהאָ-לעבען, און וועלכֿע שפּורען פֿון אַ נייער וועלט-אַנשויאונג האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען : דאָס זענען, ערשטענס, די עפּאָכֿע, ווען דער חסידיזם איז ענטשטאַנען און אַנגעהויבען אַריינצודרינגען—כּמעט אין אַלע יודישע נשמות ; צווייטענס, די עפּאָכֿע פֿון דער פֿריהערדיגער רוסישער רעוואָלוציע.

דער חסידיזם, וועלכֿער וואָלטווירקליך געקאָנט ווערען די נשמה פֿון אַ גרויסער אייגענאַרטיג-יודישער ליטעראַטור, האָט געהאַט דאָס אומגליק צו טרעפֿען דאָס יודישע פֿאָלק גראָד אין אַזאַ צייט, ווען מען האָט וועגען קיין ליטעראַטור אין יודיש אפֿילו נישט געחלומ׳ט. און ווען די משׂכּילים האָבען שוין יאָ אָנגעהויבען צו שאַפֿען די יודישע ליטעראַטור, האָבען זיי פֿונ׳ם ערשטען מאָמענט-אָן אויסגעקליבען דעם חסידיזם אַלס ציעל-פּונקט פֿאַר אַלע זייערע פֿיילען ; און ווי קאָמיש האָט דער דאָזיגער קאַמף בעדאַרפֿט זיין. דער משׂכּיל האָט געגלויבט, אַז ער מאַכֿט דעם חסיד לעכֿערליך און האָט נישט בעמערקט, אַז דער לעכֿערליכֿסטער פֿון ביידע איז גראָד ער אַליין, דאָ האָט דאָך אין אמת׳ען אַריין געקעמפֿט די „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" מיט דער שכֿינה אין גלות ; די בלעכֿענע מליצות פֿונ׳ם משׂכּיל מיט׳ן עקסטאַז פֿון אַ נשמה, וואָס פֿערטרענקט זיך אינ׳ם צער און אין דער ליעבע פֿון דער גאַנצער מענשהייט און פֿון דער גאַנצער וועלט.

ווי גינסטיג ווידער די עפּאָכֿע פֿון דער רעוואָלוציע איז פֿאַר דער

ענטוויקלונג פון דער יודישער ליטעראַטור געווען מיט די שפּורען פון אַ נייער וועלט-אַנשויאונג, וואָס זי האָט אין די מוחות פון דער יודישער יוגענד אַריינגעבראַכט, האָט זי דאָך דער יודישער ליטעראַטור קיין פעסטען כאַראַקטער נישט געקאָנט געבען. אין דער צייט ווען אַלץ האָט געקאָכט און געברויזט אַרום-און-אַרום, האָט מען זיך אויסשליסליך מיט דער ליטעראַטור צו ווייניג בעשעפטיגט. די פאָרם דאָט דאַן געשפּיעלט אַ צו קליינע ראָליע; דער עיקר איז געווען די אידעע. און דידאָזיגע אידעע אויסצודריקען איז גענוג געווען אַ גאַנץ קליינע צאָהל פאָרמען, און, נאַטירליך, אַזעלכע, וואָס זענען נישט צו שטאַרק פערוויקעלט און פאָדערן ווייניג צייט. איבעריגענס, האָבען די פּאָליטישע בעדינגונגען, אין וועלכע די ליטעראַטור איז דאַן געלייענט געוואָרען, געפאָדערט, אַז דאָס ווערק זאָל זיין, וואָס קורצער און וואָס לייכטער...

דאָס אידעאַל האָט זיך פּראָזאַאיש אויסגעדריקט אין אַ בראָשור און אין אַנ׳אַרטיקעל, געזונגען האָט ער זיך אין אַ סקיצע, אין אַ נאָוועלע און אין אַ ליעדעל. אַזעלכע מינים ווערק האָבען אויך נישט געפאָדערט פונ׳ם שריפטשטעלער קיין צו-גרויסע שטודיען, און קיין געוואַלדיגע קענטניסען. ווער ס׳האָט געהאַט אַ האַנד און אַ פּוס האָט געשריבען און קיין ערנסטע קריטיק איז, ביי אַזעלכע בעדינגונגען, נאָך נישט מעגליך געווען.

שפּעטער, ווען דער שטורם האָט זיך בערוהיגט, ווען דאָס פייער פון זי אויגען האָט זיך אַביסעלע אָבגעקיהלט, ווען די הערצער האָבען אויפגעהערט אַזוי האַסטיג צו קלאַפּען, ווען די מוסקלען האָבען זיך נאָכגעלאָזט און די פויסטען צוריק געעפענט, ערשט דעמאָלט איז מעגליך געוואָרען זיך אָבצוגעבען אַ קלאָרען דין-וחשבון פון דעם, וואָס די יודישע ליטעראַטור האָט געוואונען. געוואונען האָט זי, בלי-ספק, זעהר אַ סך: אָבער נישט גענוג פונדעסטוועגען, אַז זי זאָל פעהיג זיין צו שפּייזען אונאָבהענגיג די גשמה פון אַ פאָלק.

אַזוי לאַנג, ווי דער אידעאַל האָט געברענט, איז יעדעס וואָרט פון אַ שריפטשטעלער געווען אַ תורה און געהאַט די ווירקונג, וואָס בוימאייל אויפ׳ן פייער. מיט דער דערשטיקונג פון דער רעוואָלוציע האָט אָבער די יודישע מאַסע דעם צוטרוי צו דעם געשריבענעם וואָרט פערלוירען. די שוידערליכע בלוטבעדער, וואָס האָבען כמעט דעם גאַנצען יודישען תחום פערטונקען און דוקא אין אַ צייט, ווען מ׳האָט אמת געגלויבט, אַז אַלע מענשען זענען ברידער, האָבען יעדען ענטוישט. די געבלימעלטע פראַזען פון די שען-רעדנער אין די הומאַניטאַרע פּראָגראַמען פון די טעאָרעטיקער—די נייע רביים—האָבען ביים פאָלק נישט מעהר, ווי אַ ביטערען אירָאָנישען שמייכעל אַרויסגערופען...

די אידעען, וואָס האָבען בעלעבט די מוחות פון די לעצטע יודישע שריפטשטעלער זענען געווען—פרעמדע, נישט זעהר צוגעפּאַסט צו דער יודישער פאָלקס-פּסיכיק, און ווען דידאָזיגע אידעען זענען געפאַלען, האָבען אונזערע שריפטשטעלער אַליין, דעמאָלט, דעם וועג פערלוירען און געוואָרען אמת׳ע תועים בדרך ההיים. דאָס קאָנוואולסיווע צאַפּלען פון אַ פּרץ-נשמה, די בענקעניש און די זוכעניש פון אַ צייטלין, דער סקעפּטיציזם און די צעבראָכענקייט

פון אַ נאָמבערג, קאָנען דיענען אַלס אילוסטראַציע פאַר דערדאָזיגער בעהויפטונג.

VI

פערלירענדיג דעם צוטרוי צו איהרע לעהרער איז די יודישע מאַסע געבליבען הפקר. און דאַ הויבט זיך אָן די טרויעריגע ראָליע פון אונזער טאָג-פרעסע:

פונקט ווי אין דער השכלה צייט, ווען די משכילים האָבען די פאָלקס-נשמה צעבראָכען, אַרויסרופענדיג אין איהר טויזענדער נויטיגקייטען און בעדערפענישען, וועלכע זיי האָבען געלאָזט אונבעפריעדיגט, האָבען זיך געפונען צווישען די פערלעגער געוויסענלאָזע געשעפט-מאַכער, וועלכע האָבען, צוליעב אייגענע אינטערעסען, געשפייזט דאָס פאָלק מיט שונד, און דעם יודישען עסטעטישען געשמאַק פערפעסטעט; אָט-אַזוי האָבען זיך, באַלד נאָך דער רעוואָלוציע, געפונען נייע העלדען, צווישען די צייטונגס-אַרויסגעבער, וועלכע האָבען מיט זעהר גרויס ערפאָלג די זעלבע ראָל געשפיעלט.

דאָס פאָלק איז געווען טרויעריג, נידערגעשלאָגען, האָט מען עס אָנגעהויבען פרעהליך צו מאַכען, עס צו קיצלען מיט פוילע וויצען מיט וואַסערדיגע פעליעטאָנען, מיט שונד-ראָמאַנען א. ד. גל. כדי ביי איהם אַ געלעכטער אַרויסצורופען און נעבען איהם אַ גוט ביינדעל אָבצולעקען...

דער צייטונגס-אַרויסגעבער, זייענדיג סוף-כל-סוף אַ פשוט'ער שפעקולאַנט, האָט זיך אויסגעאַרבייט זיין אייגענעם קאָמערציאַל-ליטעראַרישען קריטעריום, ד. ה. זיין ליטעראַרישע מאָס: דער ווערט פונ'ם צייטונגס-מאַטעריאַל איז געשאַצט געוואָרען לויט דער צאָהל עקזעמפלאַרען, וואָס די רעדאַקציע האָט דורכ'ן טאָג פערקויפט; זענען פערקויפט געוואָרען מעהר עקזעמפלאַרען איז דער מאַטעריאַל געווען אויסגעצייכענט... זענען אָבער פערקויפט געוואָרען וועניגער עקזעמפלאַרען, האָבען זיך אין דער צייטונג געמעגט געפונען די שעהנסטע ליטעראַרישע זאַכען, האָבען זיי, לויט'ן שטאַנד-פונקט פונ'ם צייטונגס-אַרויסגעבער, געטויגט אויף הונדערט-טויזענד כפרות...

ווי עס פערשטעהט זיך, האָט דער דאָזיגער צושטאַנד זיך אויך געמוזט אָבשפיגלען אויפ'ן שריפטשטעלער, און דער לעצטער האָט געמוזט, פריהער אָדער שפעטער, ווערען אַנ'אינסטרומענט אין די הענד פון דעם צייטונגס אַרויסגעבער.

וואָס פאַר אַ ממשות האָט געקאָנט האָבען דער פראָטעסט פונ'ם אמת'ען קינסטלער, ווען, ערשטענס, האָט ער נישט געהאַט די מעגליכקייט זיך מיט דער עפענטליכקייט צוזאַמענצורעדען, ווייל דער צייטוגגס-אַרויסגעבער האָט אַלץ, וואָס האָט איהם געשיינט צו זיין געגען זיינע אינטערעסען נישט דורכגעלאָזט; צווייטענס, האָט דאָס ערנסטע וואָרט, ווי מיר האָבען שוין פריהער בעזאָגט, ביי דער מאַסע אַ קליינעם ווערט געהאַט. און אַלע ערנסטע וואָכען אָדער מאָנאַט-שריפטען, וואָס זענען דעמאָלט ערשיענען, האָבען געהאַט דאָס

[illegible]ל פון אַ שמעטערלינג, וועלכער לעבט נישט מעהר, ווי אַ טאָג...

נאָך מעהר, כדי זיך גערעכט צו מאַכען פאַר דער עפענטליכקייט אין פאַל פון אַנ׳אונערוואַרטעטען אַרויסטריט פון אַ פערוועהטאָגטען קינסטלער, זענען די אַרויסגעבער געפאַלען אויף אַ גאַנץ געשיקטער המצאה: זיי האָבען פאַר געהעריגע סומען איינגעלאַדען אַלס מיטאַרבייטער איינינגע פון די אָנגעזעהענסטע און פּאָפּולערסטע יודישע שריפטשטעלער, וועלכע האָבען געדאַרפט געבען משבת לשבת (מעהר האָט דאָס געקאָנט שטערען דעם ערפאָלג פון דער צייטונג...) אַנ׳אונבעדייטענד פעליטאָנדל, און אונטער זייערע שירעמס האָבען זיך פראַנק-און-פריי אַ גאַנצע וואָך געקאָנט שפּאַצירען די „פערשלייערטע דאַמען״ און די „בלוטיגע פרויען״... און אַזוי זענען איינינגע פון אונזערע גרעסטע שריפטשטעלער, צום בעדויערען, דורך זייער אונפּאָרזיכטיגקייט, אין דער דאָזיגער נעץ נכשל געוואָרען און האָבען נישט-ווילענדיג, מסתמא, מיט זייער פעדער מיטגעהאָלפען פערפיהרען דעם יודישען עסטעטישען געשמאַק אין אַ זומפּ אַריין, צוזאַמען אויך מיט דער גאַנצער יודישער ליטעראַטור.

דר. י. ב. צפור.

קריטיק און קריטיקער.

אום צו פערשטעהן גענוי, וואס פאר א ראליע קריטיק שפילט אין דער ענטוויקלונג פון א ליטעראטור, איז נישט גענוג צו בעטראכטען די דאזיגע ליטעראטור אין איהר געגענווארט, דאס הייסט אין דעם מאמענט, ווען די קריטיק איז שוין מיט איהר צוזאמען, נור עס איז דורכאויס נויטיג צו מאכען א קלארען בעגריף פון דעם, ווי א ליטעראטור זעהט אויס איידער זי קומט אן צו דער גענוג הויכער מדרגה פון ענטוויקלונג, אין וועלכער קריטיק הייבט-אן פאר איהר צו ווערען א מעגליכקייט און אין דערזועלבער צייט א נויטיגקייט.

נישט תמיד איז קריטיק מעגליך, און נישט תמיד איז קריטיק נויטיג.

קריטיק איז נישט תמיד מעגליך דערפאר, וואס דער קריטיקער איז קודם-כל א טיכטיגער לעזער, און ווען ער זאל נישט האבען וואס צו לייענען, וואלט ער, זעלבסטפערשטענדליך, נישט געהאט וואס צו קריטיזירען.— זי איז ווידער נישט תמיד נויטיג דערפאר, וואס נישט קומענדיג אין דער פאסענדער צייט קאן זי ברענגען פיל מעהר שאדען ווי נוצען.

ביי איהר ענטשטעהונג איז די ליטערארישע קונסט ביי יעטוועדער פאלק דאס רוב נור א קאפריז, א מאדע-זאך. א רעאלע נויטיגקייט הייבט זי ערשט אן צו ווערען שפעטער, ווען דאס פאלק לעבט זיך מיט איהר מעהר אדער ווייניגער איין, און זי הייבט אן צו ווערען דער שפיגעל פון זיינע זעעלישע איבערלעבונגען. כל-זמן אבער די ליטערארישע קונסט איז נאך נישט קיין פאלקס-נויטיגקייט, איז אויך דער קינסטלער פון יענער צייט פאר דעם פאלק פרעמד, און קאן בשום אופן מיט זיך נישט פארשטעלען די אמת'ע פאלקס-נשמה מיט אלע איהרע איינגענארטען. אלערהעכסטענס איז ער דאן דער אויסדרוק פון א בעגרענצטען, פריווילעגירטען קרייז: דער קלערוס, דער הויף, דער אדעל א. ד. ג.

פון אנ'אנדער זייט שטעהען די קינסטלער פון יענער צייט תמיד אונטער דעם איינפלוס פון מעהר אדער ווייניגער פרעמדע קולטורען, און בעמיהען זיך דעם דאזיגען איינפלוס צו פערשפרייטען איבער איער איינענעם פאלק.

וועלענדיג אָבער ביי זיך אַקלימאַטיזירען פרעמדע אידעען, שלעפּען זיי אויך מיט די פרעמדע פאָרמען; און אָט די פרעמדע פאָרמען, מעהר אָדער וועניגער קינסטלעריש נאָכגעאַהמט, בילדען דעם גאַנצען קערן פון יעדער נייגעבוירענער ליטעראַטור.

אין אַזאַ צייט איז נאָך אַ ליטעראַטור אָהן קריטיקער. און וואָלטען אַזעלכע יאָ געווען, וואָלט זייער לאַגע געווען אַ זעהר שווערע; די מדרגה פונ'ם קינסטלער אין אַזאַ צייט איז נאָך אַ זעהר נידריגע, זיינע שאַפונגען, זייענדיג לויט זייער אינהאַלט און זייער פאָרם פרעמדע, און דאָס פרעמדע הערענדיג פאַר איהם אין געוויסערמאַסען אַנ'אידעאַל, דערשטיקט ער אין זיך אונבעוואוסטזיניג אַזוי ווייט דאָס פערזענליכער, דאָס אינדיווידועלע און דאָס אייגענאַרטיגע, אַז עס בלייבט אין איהם כמעט נישט וואָס צו פלעגען און וואָס צו בעקעמפען. זאָל ווידער דער קריטיקער דעם פרעמדען איינפלוס בעקעמפען אין אַ מאָמענט, ווען די אייגענע אוצרות צו עקספּלואַטירען האָט נאָך נישט ווער, ריזיקירט ער פשוט צו דערשטיקען די ליטעראַטור באַלד ביי איהר געבורט.

ערשט שפּעטער. ווען מיט דער ענטוויקלונג פון זיינע קינסטלערישע אייגענשאַפטען ענטוויקעלט אין זיך דער קינסטלער אויך דעם חוש פאַר דער נאַטורליכער שענקייט, ווען אַנשטאַט צו זוכען מענש, אָרט און אומשטאַנד אין די ביכער, זוכט ער זיי אין זיך אַליין, אין דעם אָרט וואו ער וואוינט און צווישען די לעבעדיגע מענשען פון זיין אומגעבונג, ערשט דעמאָלט הייבט זיך אָן צו בעווייזען אין דער יונגער ליטעראַטור דער ערשטער צייכען פון זעלבסטשטענדיגקייט און פון נאַציאָנאַלער אייגענאַרט, און דאָ הייבט זיך אויך אָן די ראָליע פון דער קריטיק און פון דעם קריטיקער.

די ערשיינונג פון אַ קריטיקער אין אַ ליטעראַטור איז תמיד דער סימפּטאָם, דער צייכען פון אַ מין ליטעראַרישען קריזיס, וועלכער דערמאָהנט דעם איבערגאַנגס-פּעריאָד פון דער קינדהייט צו דער יוגענד, פון אונבעוואוסטזיניגער טעטיגקייט צו בעוואוסטזיניגע און פעראַנטוואָרטליכע האַנדלונגען. די ערשיינונג פון דעם קריטיקער איז דער כאַראַקטעריסטישער צייכען, וועלכער ווייזט-אָן, אַז געקומען איז דער מאָמענט, אין וועלכען דער גורל פון אַ ליטעראַטור דאַרף בעשטימט ווערען דורך די נייע ריכטונגען, וואָס זי דאַרף אָננעהמען, און וועלכע דאַרפען איהר געבען מיט דער צייט איהר אינדיווידועלען כאַראַקטער, איהר „ליטעראַרישען איך"—אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען.

ווי מיר זעהען, איז די קריטיק פיל וועניגער די מוטער פון דער ליטעראַטור ווי איהרע אַ טאָכטער: אַ טאָכטער אָבער, וואָס קאָן האָבען אויף איהר מוטער די גליקליכסטע אָדער די אומגליקליכסטע ווירקונגען.

אין וואָס בעשטעהט די ראָליע פון דער קריטיק?

מיר האָבען שוין געזאָגט, אַז דער קריטיקער איז פאַר אַלעמען אַ טיל-

מינער לעזער, און דאָס זעלבסטפערשטענדליך, אונטערשיידט איהם וועניג פון אלע אנדערע לעזער. דערפאר איז אָבער פארהאַן אַנ'אַנדער פונקט, וואו דער לעזער און דער קריטיקער געהען זיך ווייט פונאַנדער. דער איינפאַכער לעזער פיהלט, וואָס ער לייענט; דער קריטיקער האָט די מתנה צו פיהלען און צו פערשטעהן אין דערזעלבער צייט. דער איינפאַכער לעזער לייענט דורך א בוך, דערהאַלט דעם געווינשטען איינדרוק און לעגט עס דערנאָך אוועק; דער קריטיקער לייענט דורך אַ בוך, דערהאַלט אויך דעם געווינשטען איינדרוק, נאָר איידער ער לעגט עס אַוועק, שטעלט ער זיך נאָך אַ פראַגע: „פארוואָס האָט דאָס בוך אויף מיר געמאַכט דעם און דעם איינדרוק?״—

דער קינסטלער אַליין קאָן אָפטמאָל בלייבען אונבעוואוסטזיניג וועגען דער מעטאָדע, מיט וועלכער ער בענוצט זיך, דעם צווייטען זיינע עמפפינדונגען איבערצוגעבען; ער קוקט, פיהלט, שאַפט, און אַלע בעוואונדערען, פאַר וואָס אָבער האָט ער געהאַנדעלט אויף דער אַרט גיכער, ווי אויף יענער? פארוואָס האָט גראָד די געשעהעניש מעהר צוגעצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט, ווי אנ'אַנדערע? פאַרוואָס האָט ער זיך בענוצט גיכער מיט דער פאָרם ווי מיט אנ'אַנדערע; מיט דעם אויסדרוק, דעם קלאַנג און די פאַרבען? ער מעג דאָס אפילו נישט וויסען: דאָס וועט איהם אַלס קינסטלער אויף אַ האָר קלענער נישט מאַכען, דאָס וויל אָבער נישט זאָגען, אַז די אַלע פראַגען האָבען נישט קיין ענטפער; און אויב דער קינסטלער אַליין קען אונז די דאָזיגע סודות נישט איבערגעבען דורך געוועהנליכע, נישט-קינסטלערישע מיטלען, וועט אונז דער קריטיקער אויסטייטשען, געבען אַנ'ענטפער אויף אַ געוועהנליכער נישט-קינסטלערישער שפראַך.

יעדע ליטעראַרישע שאַפונג ענטהאַלט אין זיך אַ גאַנצע קונסט-טעאָריע, און די דאָזיגע קונסט-טעאָריע קאָן אין אַלע צייטען, מיט דער הילף פון אַ געשפאַנטער אויפמערקזאַמקייט און פון אַ שטרענגער צערגלידערונג, פעסטגעשטעלט ווערען. אַדאַנק די אַלע בעדינגונגען זענען מיר אימשטאַנד נישט נאָר צו פערשטעהן דעם סוד פון אַ קינסטלער, נאָר אויך זיך צו מאַכען אַ בעגריף פון דעם, וואָס ס'איז פאַרהאַן אין זיין ווערק ריין סוביעקטיוועס. מיר קאָנען וויסען, מיט וואָס ער איז עהנליך צו יעדען איינעם און מיט וואָס ער אונטערשיידט זיך פון יעדען איינעם; מיט וואָס ער שטעהט העכער פון אַנ'אַנדער קינסטלער, און מיט וואָס אַנ'אַנדער קינסטלער שטעהט העכער פון איהם; וואָס פאַר אַ סיבות עס האָבען אויף איהם געווירקט, און וואָס פאַר אַ ווידקונגען עס האָבען איהם אַ שטויס געגעבען צו דער און דער שאַפונג.

ענטדעקען אין דער שוים פון דער נאַטור נייע קוועלען פון שענקייט; שאַפען נייע פאָרמען, די דאָזיגע שענקייט צו פערקערפערן, צו פעראייביגען און זי איבערצוגעבען צו די אַנדערע מענשען; בערייכערען די מענשליכע

נשמה מיט נײַע בעגריפען און מיט נײַע געפיהלען — אָט דאָס איז די אויפגאַבע פונ׳ם קינסטלער.

פעסטשטעלען דורך טיפע שטודיען און דורך גאַנץ שטרענגע צענליררערונגען די אַלגעמײַנע געזעצען, נאָך וועלכע יעדעס קונסט־ווערק איז געבויט; געבען צו פערשטעהן דעם לעזער דאָס, וואָס ער לייענט; העלפען דעם קינסטלער זיך אַליין פערשטעהן, איהם אָנווײַזען אָפטמאָל דעם אמת׳ען נאַטירליכען וועג, אויף וועלכען ער דאַרף געהן, אום צו דערגרייכען צו זײַן העכסטער מדרגה פאָלקאָמענהײַט — אָט דאָס איז די הויפט־אויפגאַבע פון דעם קריטיקער.

ווי מיר זעהען, איז דער קריטיקער דער פילאָזאָף פון דער קונסט, פונקט ווי דער פילאָזאָף איז דער קריטיקער פון דער שעפפונג.

חען דאָס אַליין וואָלט אפילו געווען זײַן אײַנציגע ראָליע, וואָלטען מיר איהם שוין דערפאַר אַליין גענוג דאַנק שולדיג זײַן; דער קריטיקער האָט אָבער נאָך אַ גאַנצע רײַהע אַנדערע מיסיעס צו דערפילען, וועלכע שײַנען מיר נישט וועניגער וויכטיג, ווי די פריהערדיגע.

אויב פון איין זײַט איז ער דער, וואָס פערשטעהט אַמבעסטען דעם קינסטלער, איז ער פון אַנ׳אַנדער זײַט דער, וואָס האָט אַ דירעקטע ווירקונג אויף דער מאַסע. ער קען אַמבעסטען איהר גײַסטיגען ניוואָ, און פערשטעהט ווי אַזוי צו וואַרפען אַ בריק צווישען איהר און דעם קינסטלער. ער איז דער אמת׳ער פאָלקס־לעהרער, דער מפרש און דער אָנזאָגער פונ׳ם קינסטלער; דער קול־מבשר, און דער אַפּאָסטאָל פון דער קונסט. דער קריטיקער וועקט בײַ דער מאַסע דעם עסטעטישען געשמאַק, מאַכט איהר נשמה איידעלער, פײַנער, עמפפינדליכער. און בעשאַפט בײַ איהר אַ שטימונג פאַר קונסט, אַ דורשט פאַר שענקײַט. דער קינסטלער אַליין איז בטבע אַ צריקגעהאַלטענער און בנוגע דירעקט ווירקען אויף אַ פאָלק — זעהר שווער אויף צוזאַמענצומישען זיך מיט דער פסיכאָלאָגיע פון אַלגעמײַן. ער איז דער שטראָם וואָס געהט זיך זײַן בעזונדערען אײַגענאַרטיגען וועג און וואָלט זיך נישט געפינען דער קריטיקער, אָדער אַנ׳אַנדער גליקליכער צופאַל, וואָס זאָל איהם אַרויספיהרען אויף דער עפענטליכקײַט, וואָלט ער און זײַן שאַפען געבליבען פאַר די גרויסע פאָלקס־טײַלען אַנ׳אײביגער סוד. נישט נאָר איינער פון אָט די טאַלענטפולע האָט אַראָבגענידערט אין קבר אַרײַן מיט דעם פײַנליכען געפיהל פון זײַנע צײַט־גענאָסען נישט פערשטאַנען צו זײַן; נישט נאָר איין גרויסער קינסטלער איז אויפגעשטאַנען תחיית המתים און אָנגעהויבען צו ווירקען ערשט צעהנדליגער און אָפטמאָל הונדערטער יאָהרען נאָך זײַן טויט, אַדאַנק דעם וואָס עס האָט זיך געפונען דער אמת׳ער קריטיקער, חאָס האָט איהם דערקענט און פערשטאַנען איהם אָבצושאַצען.

זײַן מען בעטראַכט אַ קונסט־ווערק בנוגע צו דעם אינהאַלט, צו דער

פאָרם און צו דער בעדייטונג, וואס דאס קאן האבען פאר דער ענטוויקלונג פון ׳עס עסטעטישען געפיהל, קאן מען דערפון אוועקטראגען איינעם פון די ביידע איינדרוקען:—אדער, אז דאס עפענט אונז גאנץ נייע האריזאנטען הן בנוגע דעם אינהאלט, הן בנוגע דער פארם: און לויט דער בעדייטונג, טראגט עס אויף זיך א כאראקטער פון אויסדעהנונג און בעפרייאונג, וועלכער איז בערופען צו געבען דעם עסטעטישען לעבען א נייע ווענדונג:—אדער אז דאס דאזיגע קונסט-ווערק טראגט אויף זיך דעם שטעמפעל פון דעם געוועהנליכען צייט-געשמאק, און אז ביי א לעצטער צעגלידערונג, בלויז א מעהר אדער וועניגער איינגענארטיגען וואריאנט פון אינהאלטען און פארמען, וואס זענען שוין לאנג אין קורס.—אין ערשטען פאל האבען מיר דא צו טהון מיט דעם פראדוקט פון א „געניע", פון א רייכגייסטיגער און ערפינדערישער פערזענליכקייט; אין צווייטען פאל—מיט דעם פראדוקט פון א מעהר אדער וועניגער ווערטפולען „טאלענט"· אויסערדעם, וואס דעם געניע און דער טאלענט אונטערשיידען זיך שוין ממשות'דיג לויט דעם כאראקטער פון זייערע ווערק, אונטערשיידען זיי זיך נאך מעהר לויט זייער איינפלוס און לויט זייער ווירקונג אויף די ארומיגע קרייזען. וועהרענד די ווירקונג פון דעם טאלענט, ווי בעגאבט ער זאל נישט זיין, איז בלויז אנ'ערציהערישע, איז די ווירקונג פון דעם געניע שעפפעריש און ערציהעריש אין דערזעלבער צייט.

שעפפעריש איז זי דערמיט, וואס האפענדיג ענטדעקט נייע קוואלען פון שענקייט און נישט זייענדיג אליין אימשטאנד זיי אינגאנצען אויסצושעפען, בעאיינפלוסט דער געניע אויך אנדערע קינסטלער, וועלכע געהען סיי בעוואוסטזיניג, סיי אונבעוואוסטזיניג אין זיין ריכטונג, און בערייכערען די ליטעראטור מיט קונסט-ווערק פון א נייעם מין. פון אנ'אנדער זייט ווירקט אויך דער געניע ערציהעריש אויף א גאנץ פאלק, אדאנק דעם, וואס ער איז אין געוויסערמאסען די פערקערפערונג, דער לעבעדיגער אויסדרוק פון דער געזעלשאפט, אין וועלכער ער געפינט זיך. דיזעלבע אורזאכען, וואס ווירקען אויף יעדען מיטגליד בעזונדער פון א געזעלשאפט, ווירקען אויך אויף דעם געניע, אין דער צייט אבער וואס ביי אנ'אנדערען ווערען די דאזיגע ווירקונגען באלד אבגעווישט און פערגעסען, זאמלען זיי זיך ביי איהם צונויף, אדאנק דעם הויכען גראד בעוואוסטזיניגקייט און עמפפינדליכקייט, וואס ער פערמאגט, און בילדען אין איהם א מין סינטעז, וועלכער איז דער אויסדרוק נישט נור פון א פרט, נור פון א גאנצען כלל. יעדער איינער דערקענט אין דעם געניע א טייל פון זיך אליין; יעדער איינער איז ערשטוינט צו געפינען אינ'ם ווערק פון דעם געניע דער אויסדרוק פון זיינע אייגענע ליידען און פריידען, דעם אויסדרוק פון זיינע אייגענע שרעקען און האפנונגען, פון זיינע אונדייטליכע פערלאנגען, פון זיינע אונבעשטימטע שטרעבונגען —

מיט איין ווארט: זיין גאנץ לעבען, סיי אין דער פערגאנגענהייט, סיי אין דער געגענוואַרט, סיי אין דער פאנטאַסטישער צוקונפט.

דער המון, וועלכער איז תמיד געוועהנט צו נעמען א שאטען פאר א ווירקליכקייט, מאַכט זעלבסטפערשטענדליך צווישען דעם גענייע און דעם טאַלענט קיין שום אונטערשייד נישט. בעמערקענדיג אין דעם ערשטען און אין דעם צווייטען ענהליכע שטריכען, פרעגט ער זיך נישט, ווער ביי וועמען עס האט גענומען: ער מישט זיי ביידע אויס, פארבייט איינם מיט דעם אַנדערען און האט צו ביידע דעמזעלבען צוטרוי.

דער קריטיקער העלפט מעהר אדער וועניגער דעם דאָזיגען אונטערשייד פעסטצושטעלען און וויזט אָן ביי וועמען עס איז ווילטיגער צו לערנען.

ווען א ניי-געבוירענע ליטעראטור ערווערבט איהרע ערשטע צייכענס פון זעלבשטענדיגקייט און הייבט-אָן צו האבען איהר ערציהערישע ווירקונג צווישען דער מאסע, בילדעט זיך אינ׳ם מוח פונ׳ם קינסטלער א גאנצער כאָאס. די ערציהונגס-בעדערפעניסען זענען זעהר גרויס, און דער קינסטלער מיינט, אז ער איז זיי אימשטאַנד אַלע צו בעפרידיגען. עס ענטשטעהט אַלזאָ דאָן א זעהר קאָמישע לאגע פון ראָליען-פערוועקסלונג: דער דראַמאַטיקער שרייבט געשיכטע, דער היסטאָריקער שרייבט לירישע געדיכטען; דער ליריקער בעשעפטינט זיך מיט פובליציסטישע אָבהאַנדלונגען, אָדער גאָר מיט פאָפולערע וויסענשאַפטליכע לעקציעס איבער אַסטראָנאָמיע... די מאסע הערט אַלין אויס, א מאָדנער פלאָנטער שאַפט זיך ביי איהר אין קאָפּ, און זי מיינט, אַז אַלץ איז קונסט. דער קריטיקער פירט אַריין אין דער ליטעראַטור א געוויסע אָרדנונג. ער שטעלט אַריין דעם קינסטלער אין זיין נאַטירליכען רעהמעל און ראַט איהם פריהער מיט גוטען און דערנאָך מיט בייזען, זיך דערביי צו האַלטען...

די סימפאַטיע און די אַכטונג, וואס דאָס פאָלק ווייזט דעם קינסטלער אַדאַנק דעם, וואס דער קריטיקער וועקט פאר איהם שטענדיג די אויפמערקזאַמקייט, רופען אַרויס אין דער יוגענד דעם איידעלען פערלאַנג צו שאַפען אויף דעם קינסטלערישען געביט. די אמת פון גאָט-בעגאַבטע יונגע נאָך נישט ענטוויקעלטע טאַלענטען געפינען אינ׳ם קריטיקער אַן איבערגעגעבענעם וועגווייזער און א גליקליכען אונטערשפּאַר. ער פלעגט זיי ווי א געניטער גערטנער פלעגט די שענסטע בלומען אין זיין גאָרטען.—עס געפינען זיך אָבער יונגעלייט, וועלכע זיך מתקנא זייענדיג אינ׳ם קינסטלערס ערפאָלג לייגען איבער א פאר ביכלעך, לאַפען פאַפיר מיט טינט און—שרייבען... מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען, וואס פאר א קינסט-ווערק עס קענען פון אַזאַ שרייבען אַרויסקומען. וואָלטען זיי דאס כאָטש קיינעם נישט געוויזען, וואָלט די צרה א האַלבע געוועזן. פיל פון אָט די אונטאַלענטפולע טאַלענטען בעקומען אָבער אמאָל די מעגליכקייט זייער שרייבעכץ אָבצודרוקען

און דאָס צו פֿערשפּרייטען צווישען דער מאַסע, די לעצטע, וואָס האָט נאָך אַביסעל שוועריגקייט גענוי אונטערצושיידען פון קונסט ביז „קונץ" לייענט אויך דאָס ווערק מיט דעמזעלבען ערנסט, וואָס זי לייענט אַנ׳אַנדערס, און פֿערדאַרבט זיך אַזויערנאָך דעם געשמאַק און מאַכט זיך אונפֿעהיג שפּעטער צו פֿיהלען די אמת׳ע קונסט.

גאָט צו דאַנקען, וואָס עס איז פֿאַרהאַן אַ קריטיקער, וועלכער גיט זיך אַלע מיהען אויסצוהיילען די דאָזיגע „גראַפאָמאַנען" פון זייער משוגעת און אויב עס געלינגט איהם נישט, שטעלט ער זיי כאָטש אין דער אונמעג־ליכקייט צו שאַדען אי דער ליטעראַטור, אי דעם לעזער, אי דעם אמת׳ן טאַלענט.

ביבליאגראפישע נאטיצען.

ב. צ.

קינדער-לידער און קינדער-געדיכטען.

(פון ש. י. לאנדינסקי. פערלאג „קינדערהיים“ ווארשא, 1918)

איבער דער וועג צום מענשען-הארץ איז נישט קיין לייכטער, איז דער וועג צים קינדער-הארץ דער משופע'דיגסטער און דער גליטשיגסטער אויף וועלכען א דיכטער איז ווען אמאל געטראטען. און נישט נור איינער האט זיך שוין אויף איהם אויסגעגליטשט און זעהר מיאוס געפאלען... דאס איז דערפאר, ווייל אום צו רעדען צום קינדער-הארץ זענען נישט גענוג די געוועהנליכע דיכטערישע אייגענשאפטען, א דאנק וועלכע, עס ווערען געשאפען די בעריהמטעסטע קונסט-ווערק פאר דערוואקסענע; צו דעם אלעם איז נויטיג נאך עפיס: די אייגענשאפט צו ווערען א קינד, א קינד מיט קינדישע אויגען און מיט א קינדיש הארץ.

דער, וואס איז נישט אימשטאנד צו זעהען די וועלט אזוי ווי דאס קינד זעהט זי; דער, וואס איז אונפעהיג צו פיהלען די גאנצע טראגעדיע פון א קינ-דערישער נשמה ביי דעם חורבן פון א זאמד-שטיבעלע אדער ביים צעבראכען ווערען פון א ליאלקע, מעג ער זיין דער גרעסטער דיכטער אין דער וועלט, וועט פאר איהם דאס קינדער-הארץ בלייבען א סוד, א סוד מיט טויזענד שלעסער.

דאס ערשטע און דאס לייכטעסטע מיטעל צו רעדען צו דעם קינדער-הארץ איז דאס קינדער-ליד, און נאך אלע אונגליקליכע פראבעס, וואס זענען אין אונזער יונגער יודישער ליטעראטור, אויף דעמדאזיגען געביט געמאכט גע-ווארען, האט אויך ה' ש. י. לאנדינסקי געהאט דעם מוט זיך אויף דעמדאזיגען שווערען וועג איינצושטעלען. און מודה זיין מוז מען, אז ארוים איז ער פון דעם נסיון—דער בשלום'דיגסטער...

דאס בוך קינדער-לידער און קינדער-געדיכטען, וואס דער ה' ש. י. לאנ-דינסקי גיט אונז, זאגט עדות, אז דער יונגער דיכטער פערמאגט א זעהר צארט-פיהלענדע נשמה; א הארץ, וואס איז פעהיג בעאיינדרוקט צו ווערען פון אלץ, וואס האט נור א שייכות צו קינד און קינדערישקייט. עס ווייזט אונז אויך, אז דער מחבר האט א געוואלטיגע ליבע און א אונגעהויערען אינטערעס פאר דעם

אונשולדיגען קליינעם מין. די לידער: „חוה'לע", מיידעלע און קעצעלע", „דאס יונגעלע און דאס פייגעלע", „א שנייעלע", „די גרויסע וועש" און איבערהויפט דאס „זאמד-שטיבעלע" זענען אזוי הארציג און אזוי קינדיש תמימות'דיג אנגע-טריבען, אז עס רייסט זיך נישטווילענדיג ארויס א שמייכעל אויף די ליפען, ווען מען דערמאהנט זיך, אז זיי שטאמען אויס דער פעדער פון א דערוואקסענער פערזאן.

מיך אינטערעסירט גאנץ ווייניג צי די סיושעטען פון ה' ש. י. לאנדינסקיס לידער זענען אלע אייגענע אדער געבארגטע ביי אנדערע שפראכען. אין א קינדער-ליד שפילט דער סיושעט נישט אזא געוואלטיגע ראליע, און פערלאנגט אויך נישט קיין בעזונדערע פאנטאזיע-רייכקייט. דער לייכטעסטער און איינפאכ-סטער געגענשטאנד קאן דינען אלס מאטיוו פאר א קינדער-ליד. דאס וואס מיך אינטערעסירט אין דעמדאזיגען בוך איז די פעהיגקייט, וואס דער מחבר פער-מאגט, סיי אין זיינע אייגענע לידער, סיי אין די פעריודישטע, זיך צו צופאסען צו דער פסיכיק פונ'ם יודישען קינד. און דאס גראד פערמאגט ער אויף א גאנץ גענינגענדען גראד. בעטראכט מען דאס ליד: „בעלי-מלאכות", למשל, וואס מען בעגעגענט כמעט אין אלע ליטעראטורען, האט עס דער מחבר אזוי מגיר געווען, אז עס ווילט זיך קוים גלויבען, אז דאס איז נישט אריגינאל-יודיש. און דאס זעלבע איז אויך צו בעמערקען אין א גרויסער צאהל פון זיינע אנדערע געבארג-טע מאטיווען.

פון דעסטוועגען צייכענט ער זיך דאך פיל מעהר אויס אין די ריין נאציא-נאל-יודישע מאטיווען; ווי, למשל, „ערב שבת", „ערב פסח", „חנוכה" א. אנד. די לעצטע צוויי זענען זעהר, זעהר געלונגען, איבערהויפט דאס צווייטע, דער „ערב פסח" קאן בעטראכט ווערען אלס א קליין מייסטער-ווערק אין דעם זשאנר.

א גרויסער שאד איז נור, וואס צו אלע גוטע אייגענשאפט, וואס ה' ש. י. לאנדינסקי פערמאגט, פעהלט איהם איין זאך: אביסעל מעהר פעדאגאגישע ערפאהרונג. און דערדאזיגער מאנגעל לאזט זיך לייזער פיהלען אין א גרויסער צאהל פון זיינע לידער. אויב נישט אין דער אינערליכקייט איז עס אין דער פארם.

נישט פעדאגאגיש אויסגעהאלטען איז, למשל, דער מיש-מאש פון דעם ליטווישען און פוילישען דיאלעקט אן וועלכען מען שלאגט זיך אן אין איינציגע פון זיינע קינדער-לידער. נישט פעדאגאגיש אויסגעהאלטען איז אויך דאס בענו-צען זיך מיט די אזוי-גערופענע „פאעטישע פרייהייטען" און שפראכליכע אונ-פינקטליכקייטען, ווי למשל, „שטונד" אנשטאט—שטונדע; „וועהען" אנשטאט—וועה-טון א. אנ. א געוואלדיגע דיסאנאנס, אין פעדאגאגישען זין, ברענגט אריין אין דעם ביכעל אריין דער „פאהנען-מארש", סיי דורך זיין צו שרייענדע טענדענץ:

„קינדער! הויבט צו זינגען אן
„אונד'רע שעהנע לידער!

— — — — — — — — — — — — — —

„אונטער אונזער רויטער פאהן
„זענען אלע ברידער—א. צ. וו.

סיי דורך דעם, וואָס עס געפינט זיך גראָד איבער אַ „שמחת־תורה־מאַרש", וועלכער איז פיל נאַאיווער און פיל קינסטלערישער אָנגעשריבען אַלס דער ערשטער.

דאָס זענען אָבער אַלץ אַזעלכע פעהלערען, וואָס קאָנען ביי אַ צווייטער אויסגאַבע גאַנץ לייכט פאַרבעסערט ווערען, און ריהרען אויף אַ האָר נישט אָן דעם טאַלענט פון דעם דיכטער און, וואָס דאַרפען אונז נישט שטערען צו בעגריסען גאַנץ וואַרים דעם ה' ש. י. לאָנדינסקי'ס קינדער־לידער אַלס די בעסטע, וואָס מיר פערמאָגען אין אונזער ליטעראַטור.

ביבליאָגראַפישע נאָטיצען.

מאַקס עריק.

הוגאָ צוקערמאַן.

(געבוירען אין עגער, בעהמען, 1881. געפאַלען אין שלאַכטפעלד
דעם 23 דעצעמבער 1914 יאָהר).

די וועלט-מלחמה האָט געבראַכט מיט זיך אַ גרויסע דערנענטערונג צווישען דעם מערב און מזרח-יודענטום. די צוויי, פאַר דער מלחמה כמעט פרעמדע וועלטען, האָבען אָנגעהויבען זיך געגענזייטיג בעאיינפלוסען! אין דייטשלאַנד איז ענטשטאַנען אַ גרויס אינטערעס צו דעם לעבען און שאַפען פון מזרח-יודענטום, גלייכצייטיג זענען ביי אונז פאָפולער געוואָרען די לאָזונגען פון בובערס שולע. „דער יודע" און „די נייע יודישע מאָנאַטסקריפטע" זענען געוואָרען היימישע, אייגענע צייטשריפטען. די בעציהונגען זענען געוואָרען וואַרעמער און נאַטירליכער, אַן'אינטערעסאַנטער פראָצעס איז דאָ פאָרגעקומען:ביידע צדדים האָבען זיך „ענטדעקט": דער מערב-יוד האָט פלוצלונג געפונען ביי דעם „אָסט-יודען," וואָס איז ביז יעצט ביי איהם געוועזען אַן'אָביעקט פון פערטראַכטונג, העכסטענס פון מיטלייד און פילאַנטראָפיע, אַ רייכען קוואַל פון אָריגינעלע בעגריפען, אַ נייע וועלט פון נאַציאָנאַלער דיכטונג און שאַפען! דער מזרח-יוד ווידער, האָט ביי דעם „אייראָפאער," וואָס האָט שוין געזאָלט זיין איגגאַנצען אסימילירט, געפונען אַ טיף בענקען צו אַן'אייגענאַרטיג נאַציאָנאַל לעבען, אַ הייסען אינטערעס פאַר די פראָבלעמען פון דעם יודישער ווירקליכקייט און יודישען גייסט.

פאַר מיר ליגט אַ בוך—אַ דאָקומענט פון דער פאָלקסזוכעריי פון דעם האַלב-אַכימילירטען מערב-יוד. דאָס איז אַ בוך פון ריינסטער ליבע צום פאָלק; אַ שפיגעל פון אייגער פון די שענסטע לירישע נשמות, וואָס מיר פערמאָגען; ווייל אָבוואָהל הוגאָ צוקערמאַן איז געפאַלען אין וויסטען פעלד—זיין נשמה, די קינדיש-ריינע, צערטליכע נשמה איז ביי אונז געבליבען. מיר לעזען צוקערמאַנס לידער, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס וויינט שטיל אַ קינד, וואָס האָט זיך פערבלאָנדזשעט טיף אין דער פרעמד. און פאַמעליך בעגרייפט מען די שטילע טראַגיק פון אַ מענש מיט אַן'איידעל, פיהלענד האַרץ, וואָס איז אומגליקליך געוועזען, ווייל אויך זיין פאָלק איז נישט גליקליך;

ן דעם מענש, וועלכער איז, ווי פיל אַנדערע איידעלע גייסטער, מיט בע-
יסטערונג אין קריג געגאַנגען, ווייל, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „ער
אָט געוואָלט פאַר קישיניעוו נקמה נעמען,“ און נאָך אַ פּאָר חדשים זיין
נג לעבען געמוזט אָבגעבען...

הוגאָ צוקערמאַן איז געוועזען אַ ציוניסט, מיט דער לאָגיק פון מערב-
דען, ביי וועלכען דאָס נאַציאָנאַלע איז אידענטיש מיט דעם ציוניזם. צו-
ערמאַנס דיכטונג איז רייך אין נאַציאָנאַלע מאָטיוועז. הויפּטזעכליך דרוקט
ך דאָס נאַציאָנאַלע ביי איהם אויס אין אַ לייכטען, דעליקאַטען טרויער-טאָן,
אָס בעהערשט אַלע זיינע לידער, אַפילו די ערָאָטישע, אַפילו די קאַמפּלי-
ער. געהמט, צום ביישפּיל, זיין „רייטערליד,“ וואָס האָט איהם פערשאַפט
גרעסטע פּאָפּולאַריטעט אין עסטרייך: וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט צו די טוי-
ענדטער הורא-פּאַטריאָטישע שאַבלאָן-לידער, וואָס האָבען פערפלייצט איירא-
אַ אין די ערשטע טעג פון קריג; איהר פיהלט דאָ דעם אונענדליכען
ויער פון סאָלדאַט, וואָס געהט אין די וויסטע פעלדער פון קריג, אָבגע-
כען פון דער היים, פער׳משפט צום טויט...

זיינע מלחמה-לידער ווערען געזונגען אין גאַנץ עסטרייך, פאַר אונז
בער האָבען אַ גרעסערע בעדייטונג זיינע יודישע מאָטיוועז, וועלכע בעוויי-
ען, ווי נאָהנט צוקערמאַן איז געשטאַנען צום קוואַל פון נאַציאָנאַלען שאַ-
ען. זיין פּסאַלם מיט דעם מאָטיוו, „זיי אויף ציון! זעה אונזער נויט! זיי
יף ציון“ דערמאָנט אונז די נביאים-שפּראַך, זיין „געטאָ-לידעל“ מיט זיין
נדיש-נאַאיווער שפּראַך און ריטמוס ריהרט אונז ביז טרעהרען. אין צוקער-
אַנס נאַציאָנאַלע לידער שטעהט אויף פאַר אונז אין זיין גאַנצער גרויס
ער ליידענדער מערב-יוד, וואָס בויגט זיך אונטער דעם יאָך פון די געטאָ-
יטען. אין די לידער הערט זיך אָפט פערצווייפלונג,—בעוונדערס, ווען דער
כטער פערגלייכט דעם היינטיגען יוד מיט דעם פון די נביאים-צייטען.
צפה,“ „עשתרות פון דן,“ „סדר אין געטאָ.“ דאָס זענען לידער פול בי-
ערן, יאָמער, קלאָג און יאוש איבער דעם שיקואַל פון פאָלק. ווי טיף
קערמאַן איז געווען צוזאַמענגעבונדען מיט דער יודישער דיכטונג, בעוויי-
ען זיינע איבערזעצונגען. אין דעם אַרויסגעגעבענעם באַנד געפינען מיר אַ
אַכטפולע איבערזעצונג פון „חד-גדיא,“ אַ פרייע איבעראַרבייטונג פון
שיר-השירים.“ ליידער ווערט ביי צוקערמאַן פערלאָרען דער אייגענאַרטיגער
טמוס פון שיר-השירים; פּרץ אין זיין איבערזעצונג האָט דעם ריטמוס
טאַרק אָבגעהיטען, דערפאַר איז צוקערמאַנס „שיר-השירים“ שוואַכער, דאָך,
המענדיג אין בעטראַכט, ווי שווער עס איז בכלל „שיר-השירים“ איבער-
זעצען,—איז עס אַ גלענצענד ווערק. אויסגעצייכענט איבערגעזעצט איז
ניאורס לידעל—„קאַר שען.

די ערָאָטישע לידער זענען געהאַלטען אין אַ הויכען טאָן, אין זיי ענט-

פלעקט זיך די קרישטאַל-ריינע נשמה פון הוגאָ צוקערמאַן.

וואָס מעהר מען לעזט דאָס בוך, אַלץ טרויריגער ווערט אויפ׳ן האַרץ, אַז דער דאָזיגער שענער, פרייער גייסט איז געשטאָרבען... אַז די אַכזריות׳דיגע קריג, וואָס איז אויסגעבראָכען כלל נישט, כדי צו נעהמען נקמה פאַר קישיניעוו, האָט פון אונז צוקערמאַנ׳ן אַוועקגערויבט... עס וואָלט געווען געווינשען: צוקערמאַנס ווערק זאָלען, ווי אַמשנעלסטען אין יודיש איבערגעזעצט ווערען; זאָלען זיי ווערען דאָס האַנדבוך פון דער בענקענדער; יודישער יוגעגד...

אינהאלט:

ערציילונגען.

1. י. מ. ווייסענבערג . . . א הייסער שבת־טאג . . . 5—20
2. יהודה דן . . . . די איבערקערונג . . . 23—47
3. ה. ל. זשיטניצקי . . . דער נצחון . . . 49—67
4. י. פ. גרינבערג . . . צווישן שוועסטער . . 69—84
5. „ . . . קינדער־ליבע . . . 85—96
6. י. פערלע . . . א לעגענדע . . . 97—109
7. פ. בימקא . . . די באגעגענונג . . 111—117
8. ש. גילבערט . . . ליבעלע . . . 118—123

לידער אין פראזע.

ח. פלאקס . . . א קוש . . . 128—130
„ . . . ווי בלומען . . . 131—132
„ . . . זיי בעליבט . . . 133—134
„ . . . מיין גליק . . . 135—136
„ . . . צו דער וואס איז אוועק . . 137—138
„ . . . „זשעמבעס" . . . 139—140
„ . . . א חתן . . . 141—143
י. פ. גרינבערג . . דיינע טרוימען . . 144—148

9. ה. . . . . אונ דו ביסט געקומען . . 149—150

געזאנגע.

1. ש. לאַנדינסקי . . . שמיאל הנביאס געזאנגען . 151—158

לידער און געדיכטן.

1. ש. שיינבערג . . . נאכט. . . . 159—164
2. „ . . פליט א טשאטע פייגעלעך . 165—166
3. ש. האַראַנטשיק . . פרילינג . . . 167
4. „ . . *** . . . 168
5. „ . . הערבסט-נאכט . . 169
6. „ . . פארנאכט . . . 170
7. „ . . *** . . . 171
8. „ . . *** . . . 172—173
9. מירעל ערדבערג . . צו דער זון . . . 174—175
10. „ . . אין דיין שטוב, געליבטע . 1
11. ראָזאַ יאַקובאָוויטש . . דאָס געזעגענען . . 177
12. מרים אולאַנאָווער . . א פרילינגס-טאנץ . . 178
13. ש. טשענסטאָכאָווסקא . די הבדלה . . . 181
14. „ . ביים פערהער . . . 182
15. „ . געה איך מיר אין גערטענדיל . 183
16. „ . די קליינע . . . 184
17. „ . דאָס בילעל . . . 185
18. ב. פרידמאַן . . . ביינאכט . . . 187—189
16. „ . . . ווען מיר האבען זיך געזעגענט . 190—191
20. י. גאָלדבערג . . . *** . . . 192
21. דוד גרינפארב . . . לידער I . . . 193
„ . . . „ II . . . 194
„ . . . „ III . . . 195

איבער קונסט, בוך, קריטיק און ליטער. פערזאנען.

1. י. מ. ווייסענבערג . . קונסט און סוביעקטיוויטעט . 197—214
2. דר״ י. ב. צפּור . . א סוֹרט געשוויגען בוך . 215—226
3. ש. לאָנדינסקי . . די קונסט צו זיין א קונסט קריטיקער 227—232
4. י. מ. ווייסענבערג . . צו וואס? . . . 233—247

בילדער און פּאעמען.

1. י. מ. ווייסענבערג . . אין טאג פון געריכט . 249—280
2. א. צייטלין . . . אחשורש . . . 281—290
3. ש. ראָזענבערג . . עלי הכהן׳ס טויט . . 291—300
4. פּאפּיערניקאָוו . . דאס בילד . . 301—310
5. מ. י. לערמאָנטאָוו . . תאדזשי אברעק . . 311—325

פּאליטישער איבערבליק, נעאראמאנטיזם א. אנ.

1. אהרן אייגנהאָרן . . אונזער פּאליטיש לעבן . 327—344
2. מאַקס עריק . . . דער נעאָראָמאַנטיזם . 345—354
3. ד״ר י. ב. צפּור . . ביי אנדערע און ביי אונז . 355—368
4. „ . . קריטיק און קריטיקער . 369—375

ביבליאגראפיע.

1. . . . . . ביבליאָגראפישע נאָטיצען . 376—378
2. מ. עריק . . . . הוגאָ צוקערמאן . . 379—381